STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07938

DOS LEBN DERTSEYLT

Velvl Tshernovetski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט גרויס פארגעניגן און מיט
הארציקער פריינטשאפט האָב
איך דעם כבוד צו ווידמענען
דעם דאָזיקן עקזעמפּליאר, דעם
חשובן כלל-טוער און ליבהאָבער
פון אידישן בוך

יצחק שאפּיראָ

און פאַמיליע

דער מחבר

דאָס לעבן דערציילט...

מיינע טייערע און ליבע צוויי שניר עוויטאַ טשיטשאָטקי דע טשערנאָוועצקי און לואיסאַ אריאן דע טשערנאָוועצקי און מיין איינציקן ליבן איידעם סאול (שואל) דאָרין, אַלס אויסדרוק פון צופרידנהייט פון זייער גליקלעכן און האַרמאָנישן פאַמיליען לעבן

גערווידמעט.

ו. טשערנאָוועצקי

דאָס לעבן דערציילט...

אמתע פּאַסירונגען און פּראָבלעמען פון לעבן

ערשטער באַנד

•

אַרויסגעגעבן פון :

„דער אַרגענטינער מאַגאַזין"

בוענאָס איירעס

1951

Impreso en la República Argentina
PRINTED IN ARGENTINE
Copyringht by Valentin Chernovetzky

V. CHERNOVETZKY

DOS LEBN DERTZEILT

(LA VIDA RELATA)

Editado por :

"EL MAGAZINE ARGENTINO"

BUENOS AIRES

1951

אינהאַלט

זייט

ארײנפיר װאָרט — — — — — — — — — — — — — — 7

ער — איז שוין אַ זיידע און זי, די באָבע, קאָקעטירט נאָך מיט פרעמדע מענער... — — — — — — — — — — — — — — — 13

צי מעג מען חתונה האָבן, װען מען קאָן זיך בלויז געציילטע װאָכן? — 29

צי איז זיין אַ ליגנער — אַ חסרון צו אַ שידוך? — — — — — — — — 45

זייער איידעם איז געוואָרן פרום. װילן זיי, אַז זייער טאָכטער זאָל זיך גט'ן מיט אים... — — — — — — — — — — — — — — 63

בעסער צו פאַרבלייבן אַ „אַלט-געזעסענע מויד" איידער צו האָבן אַ װיסט לעבן ביי אַ שלעכטן מאַן... — — — — — — — — — — — 80

זי װיל חתונה האָבן מיט אַ מת!... — — — — — — — — — — 111

נישט אומזיסט בעט מען גאָט אַז ער זאָל אונז נישט „פאַרלאָזן אויף דער עלטער" — — — — — — — — — — — — — — — 127

אַ מאַמע, װאָס האָט הנאה, װאָס איר זון האָט צרות! — — — — — — — 145

װען אַ טאַטע גיט אָפּ די ירושה זיינע קינדער ביים לעבן... — — — — — 155

איר מאַן, אַ רב'ס אַ זון, אָבער אַ גרויסער אויסוואורף, װיל, אַז זי זאָל אים צוהעלפן „פאַרדינען"... — — — — — — — — — — — — 173

זי גלויבט אַז איר שטיפמאַמעס קללה װעט קיינמאָל נים מקוים װערן... — 194

גיי דערצייל אַ גויע װאָס אידישקייט הייסט!... — — — — — — — — 231

פאַרװאָס ער קאָן מיט זיין פרוי נישט קומען צווישן מענטשן?... — — 243

טאַטע-מאַמע זינדיקן און קינדער קומען אָפּ. — — — — — — — — — 253

צי איז האָבן אַ טאָכטער אַ „אַלטע מויד" — אַ שאַנדע אין דער משפחה?... — — — — — — — — — — — — — — — — 263

זי האָט שוין חתונה געמאַכט אַלע קינדער און איצט װאָלט זי אַ בעלן געװען אָנהויבן נאָכאַמאָל פון אָנהויב... — — — — — — — 271

זי האָט זיך גע'גט מיט איר מאַן, װייל ער האָט זיך צופיל גע'קהל'ט, איצט האָט זי חרטה — — — — — — — — — — — — — 279

זיינע צוויי זין, אַנטיסעמיטן, האָבן אים צוריק אומגעקערט צו זיין אידישקייט — — — — — — — — — — — — — — — 291

אַריינפיר וואָרט

עס איז נישטאָ קיין שום געזעץ און אויך אין דער הייליקער תורה שטייט אין ערגעץ נישט געשריבן, אַז צו יעדן בוך — מוז מען שרייבן אַ „פאָרעדע". דאָך, ווען דער מחבר פון דאָזיקן בוך, וועלכער ליגט איצט פאַר אייך האָט, געענדיקט איבערקוקן דאָס לעצטע זייטעלע, די לעצטע שורה וואָס דער בוך פאַרמאָגט, האָט ער זיך אומגעקוקט, — און מן הסתם טרעפט דאָס זעלבע ביי אַלע שרייבער און ביי אַלע מחברים פון ביכער — אַז... עפּעס פעלט נאָך! דער „עפּעס" איז די פאָרעדע, דאָס אַריינפיר־וואָרט, צו אָט דעם בוך, וועלכער איז זיכער אויך אַ נייעס אין אונזער ביכער־וועלט.

וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך וואָס דער מחבר האָט דעם כבוד פאָרצולייגן זיינע לייענער?

וואָס איז אויסן דער מחבר פון בוך מיט אַרויסברענגען אין דער עפנטלעכקייט אָט די דערציילונגען?

דער מחבר האָט אַ נאָמען געגעבן זיין בוך „דאָס לעבן דערציילט"... יאָ! טאַקע, מיט דריי פינטעלעך לסוף! דאָס איז אַ בוך דערציילונגען פון **אמתע** פאַסירונגען פון לעבן — פון אַ מאָל טראַגישע און אַ מאָל קאָמישע —ביידע זאַכן צוזאַמען — וואָס האָבן פאַסירט און פאַסירן אַלע טאָג און וואָס שאַפן, אָפט, פּראָבלעמען און סיטואַציעס אין פאַמיליען לעבן.

דאָס דאָזיקע בוך דערציילונגען, איז אַרויסגענומען געוואָרן פון **לעבן**! אַלע **אַכצן** דערציילונגען וואָס זיינען אַריין אין **ערשטן** באַנד (און עס וועט נאָך זיין אַ צווייטער און אַ דריטער באַנד) זיינען אַ פּראָדוקט פון **אמתע** געשיכטעס וואָס דער מחבר האָט אין משך פון יאָרן — אייניקע פון זיי — מיט **צען** און **פופצן** יאָר צוריק אויסגעהערט און אויפגעכאַפּט און אפילו גענומען אָנטייל — דירעקט אָדער אומדירעקט — אין זייער ליי‍זונג.

דער מחבר פון בוך, האָט דעם כבוד צו זיין אַ אידישער רעדאַקטאָר פון אַ אידישן פאַמיליען־זשורנאַל און עס איז שוין אַ געוואויב־

הייט ביי אַ סך אידן, אַז מען ווענדעט זיך אין אַ אידישער רעדאַקציע פון אַ אידישער אויסגאַבע און מען בעט — שריפטלעך אָדער פּערזענלעך — אַן עצה און אָפּט, אָפּט — אַ פּערזענלעכע אינטערווענץ.

דער מחבר פון אָט דעם בוך, האָט נאָך אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע, וואָס ער קאָן טויזנטער אידן, אַ סך טויזנטער אידן אין אַרגענטינע און אין די זייטיקע רעפּובליקן וואו עס וואוינען קאָמפּאַקטע אידישע מאַסן. אין משך פון די דרייסיק יאָר פון זיין וואוינען אין אַרגענטינע, האָט ער באַרייזט דאָס לאַנד און אַ טייל שכנותדיקע רעפּובליקן, פון עק צו עק, און האָבנדיק זיך געשאַפן פּריינט און פּריינטשאַפט ביי טויזנטער אידן מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג, איז אים — נישט איינמאָל — אויך אויסגעקומען אויסצוהערן אַ ז ע ל כ ע פאַלן פון וועלכע ער האָט איצט צוזאַמענגעשטעלט אַ ג ר ו י ס ע אַרבעט, וואָס, אונטערן טיטול „ד אָ ס ל ע ב ן ד ע ר צ יי ל ט"... האָט ער זיי באַאַרבעט און צוגעפּאַסט פאַרן לייענער און ספּעציעל — פאַר דער א י ד י ש ע ר ל יי ע נ ע ר ן, פאַר דער אידישער פרוי, ווען ער ווידמעט טאַקע אָט דעם בוך.

ווי שוין געזאָגט, איז דער דאָזיקער בוך, אַ פּראָדוקט פון אַ סך יאָרן פאַרצייכנטע געשיכטעס, דערציילונגען און פאַסירונגען פון א מ ת ן לעבן! דער מחבר האָט אַזעלכע פאַרצייכענונגען — עטלעכע הונדערט! אַ סך פון זיי האָט זיך געטראָפן מיט מענטשן וואָס וואוינען טויזנטער קילאָמעטער פון אונז. אַ סך פון זיי זיינען שוין גאָר — אונז צו לענגערע יאָר — אויפן עולם האמת! דאָס אַרויסברענגען פון דער דערציילונג, לויט דער מחבר האָט זיי פאַרצייכנט און איצט באַאַרבעט, איז באַלערנד און קאָן דינען פאַר אַ גוטן ביישפּיל אין לעבן! אַ סך דערציילונגען, דאָ געדרוקטע, האָבן טאַקע אַלס ציל — מען זאָל זיך פאַרטראַכטן וואָס מיט י ע נ ע ם האָט געטראָפן, ווי אַזוי י ע נ ע ר אָדער י ע נ ע האָט געהאַנדלט און, די האַנדלונג ווי די פאַסירונג בכלל, זאָל קאָנען דינען אַ ביישפּיל פאַרן לייענער און לייענערן!...

וואָס דער מחבר וויל יאָ פאַרהיטן און וויל דאָ פעסטשטעלן איז אָט וואָס:

ווען דער חשובער לייענער וועט איבערלייענען אַ דערציילונג, זאָל זיך אים נישט אויסווייזן אַז ער ו ו יי ס ט פון וועמען מען האָט געשריבן און 'וועמען מען מיינט"... עס איז כמעט זיכער אַז דער לייענער וועט שטענדיק אַ טעות האָבן! פונקט, ווען ער וועט „מיינען" אַז די באַטרעפנדע פּערזאָן פון דער דערציילונג איז זיינער גאָר

גאָר אַ נאָענטער באַקאַנטער, וועט גאָר אינדערזאַמתן זיין, אַז יענער וואוינט אַ פּאָר... טויזנט קילאָמעטער פון אים און ער האָט אים אין זיין לעבן נישט געזען! דאָס בעסטע איז, אַז דער לייענער זאָל אויפנעמען די דערציילונג וואָס ער לייענט ווי אַ פּאָזיטיווע זאַך און די פּערזאָנען וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָרט — אַלס אַ ב ס ט ר אַ ק־ ט ע, א ו י ס ג ע ט ר אַ כ ט ע נעמען, וואָס זיינען אַבסאָלוט נישט ענלעך צו יענעם, וועלכע ער קאָן אָדער וועלכע ער שטעלט זיך פאָר, אַז ער קאָן!...

— — — — — — — — — — — — — —

ווי שוין געזאָגט, איז דער דאָזיקער בוך געווידמעט דער אידישער פרוי! דער געטרייער אידישער פרוי און מאַמע וועלכע איז דער יסוד, דער געזונטער פונדאַמענט פון פאַמיליען־לעבן, און די דערציערן פון אַ געזונטן אידישן דור. פון די אַכצן קאַפּיטלען וואָס דער מחבר באַרירט אין דעם דאָזיקן ערשטן טייל פון זיין בוך, זיינען פ ע ר צ ן געווידמעט דאָס איבערלעבעניש — בעסער אָדער ערגער — פון דער פרוי, אַלס לעבנסבאַגלייטערן פון איר מאַן, אָדער אַלס מאַמע, — געטרייע אידישע מאַמע — פון אירע קינדער.

פאַראַן, אין דאָזיקן בוך, צ וו יי דערציילונגען וועלכע האָבן נ י ש ט צו טון מיט פּראָבלעמען און זאָרגן פון די עלטערן, נאָר מיט טענות און איבערלעבענישן פון ק י נ ד ע ר! און נישט אומ־ זיסט ענדיקט זיך איין דערציילונג מיט דער באַמערקונג אַז... נישט שטענדיק זינדיקן קינדער קעגן עלטערן! פאַראַן עלטערן, וואָס דאַרפן זיך אומקוקן צי זיי האַנדלען יושרדיק קעגן זייערע קינדער... אַ צווייט קאַפּיטל, באַרירט די אַנגעווייטיקטע פראַגע פון „געמישטע חתונות" און דער מחבר האָט די דערציילונג געדרוקט... קעגן זיין ווילן! טאַקע דערפאַר, וואָס א יי נ ע פון דעם „צד" פון דער געמישטער חתונה — וועלכע האָט זיך געקריוודעט הלמאי אידן, הלמאי אידישע טאַטע־מאַמע קעמפן אַזוי, נישט צו דערלאָזן צו גע־ מישטע חתונות — אָט דער „צד" זאָל זעען, און זיך איבערצייגן, אַז מיר, אידן, האָבן אַ מאָטיוו פאַרוואָס עס צו טון און אַז מיר טוען עס נ י ש ט, מחמת ש נ א ה צו דער אָדער יענער רעליגיע!...

ביים ענדיקן אָט די פאָר ווערטער, וויל דער מחבר זיך דערלויבן צוגעבן נאָך אָט וואָס:

יעדער שרייבער און ספּעציעל — יעדער מחבר פון אַ בוך, וויל

אַז מען זאָל לייענען זיין ווערק. דער גרעסטער קאָמפּלימענט און דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פון אַ שרייבער איז, ווען מען זאָגט אים אַז מען האָט געלייענט וואָס ער האָט געשריבן.ביים מחבר פון אָט דעם בוך וואָס ליגט איצט פאַר אייך, איז דאָ אַ פאַרלאַנג, ממש אַ ביטע! ער וויל, נישט בלויז, אַז מען זאָל דעם בוך „דאָס לעבן דער־ציילט"... לייענען! זיין ביטע און האָפענונג איז, אַז אין דער שטוב וואו מען וועט טאַקע לייענען דעם בוך, זאָל אים לייענען דאָס גאַנצע הויזגעזונט און, זאָל יעדער דערציילונג באַזונדער דיסקוטירט ווערן! זיין ציל און זיין האָפענונג איז, אַז ווען דער פאָטער אָדער מוטער, אָדער ביידע צוזאַמען וועלן ענדיקן לייענען דעם בוך, זאָלן זיי רעקאָמענדירן זייערע קינדער, זייערע פריינט, אים אויך לייענען און דערצו נאָך, זאָל מען דיסקוטירן „ווער איז גערעכט?"

ווען דער מחבר האָט גענומען צוזאַמענשטעלן דעם מאַטעריאַל פאַר אָט דעם בוך, ווען ער האָט אָנגעהויבן „אויססאָרטירן" די דער־ציילונגען און פאַרצייכענונגען, האָט ער זיך — אַלס ערשטן ציל געשטעלט די אויפגאַבע, אַז יעדע דערציילונג, יעדע געשיכטע באַזונ־דער זאָל זיין אַן אָביעקט פון דיסקוסיעס, הן אין שטוב, און הן צווישן היימישע ביי אַ פאַמיליע־צוזאַמענקום.

איצט, ביים פאַרענדיקן זיין אַרבעט און ביים פרעזענטירן דעם חשובן לייענער זיין בוך, האָפט ער, אַז דער בוך וועט אויפגענומען ווערן מיט דעם אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט וואָס אַזאַ בוך פאַרדינט! און, זיין ציל — אַז דער בוך, די דערציילונגען — יעדע איינע באַזונדער און אַלע אינאיינעם — וועלן נישט בלויז געלייענט ווערן מיט דעם אינטערעס — נאָר אויך דיסקוטירט ווערן, און אַ סך געשיכטעס — אמת'ע געשיכטעס פון לעבן — וועלן גענומען ווערן אַלס ביישפּיל און וועגווייזער... — זאָל טאַקע מקוים ווערן! הלוואַי!

לסוף וויל דער מחבר אויסדרוקן זיין האַרציקן דאַנק די אַנאָנימע „העלדן" פון אָט די דערציילונגען, וועלכע האָבן דערלויבט אַז זייערע „פּאַסירונגען פון לעבן", זאָלן באַאַרבעט ווערן און אויסגענוצט ווערן פאַרן מאַטעריאַל פון אָט דעם בוך.

אַ האַרציקן דאַנק די טעכנישע מיטאַרבעטער: דער באַרימטער לינאָטיפּיע און דרוקעריי „לאַבאָר" פון פריינט סימאָן איידעלמאַן, וואו דער בוך איז געזעצט, קאָרעגירט און געשלאָסן געוואָרן. פריינט איידעלמאַן, איז נישט בלויז אַן ערנהאַפטער אידישער זעצער, קאָ־

רעקטאָר און אייגנטימער פון אַ אידישער לינאָטיפּיע — נאָר אויך א... מבין אויף אָריגינאַלן, אַ מבין אויף דעם וואָס ער האָלט אין דער האַנט ביים מאַכן אַ בוך און... צו זיין עצה — מעג מען זיך צוהערן!...

אַ האַרציקן דאַנק די אידישע זעצער יום־טוב און באַס, וועלכע האָבן דעם בוך אויסגעזעצט. לאָגיש איז, אַז דער בעסטער וואונטש פאַר אַן אַרבעטער וואָלט געווען, אַז אין צען יאָר אַרום, זאָלן זיי לעבן און האָבן פּרנסה פון... דירה־געלט אָדער כובילאַציע. דער מחבר פון אָט דעם בוך, ווינטשעוועט זיי אָבער נ י ט דאָס. ער וואָלט געוואָלט אַז אין צען יאָר אַרום זאָלן זיי נאָך זיין אידישע זעצער, זעצן אויפן לינאָטיפּ אידישע ביכער און זעצן אַ ז ו י גוט און „ריין" ווי איצט. אָן זיי — וועט אין צען יאָר אַרום — ווער ווייסט צי עס וועט זיין ווער עס זאָל זעצן אַ אידישן בוך!

אַ האַרציקן דאַנק דער דרוקעריי „ק ו ל ט ו ר" פון מושקאַט און זאַסלאַווסקי, וואו דער בוך ווערט אָפּגעדרוקט. גאָר אַ ספּעציעלן דאַנק שיקט דער מחבר זיין פריינט י ע ק ב מ ו ש ק אַ ט, וועלכער האָט טעכניש אַכטונג געגעבן אַז דער בוך זאָל שיין און נעט געדרוקט ווערן. דעם זעלבן דאַנק קומט אויך דעם מאַשיניסט ב ר ו ס ק י און דעם שעף פון איינבינדעריי — פריינט י ו ס ף מ ו ש ק אַ ט.

ד ע ר מ ח ב ר

ער איז שוין זיידע און זיין פרוי, די באָבע, קאָקעטירט נאָך מיט פרעמדע מענער...

אין דרייען זיינען מיר געזעסן:

איך — דער שופט, דער ריכטער, פאַר וועמען מען איז זיך געקומען פאַרקלאָגן. ער, דער מאַן — „דער אַנקלאָגער" און זי, די פרוי — די „אָנגעקלאָגטע".

געמעלדעט האָט ער מיר טעלעפאָניש, מיט אַ טאָג פריער, אַז ער וויל פאַרקלאָגן זיין פרוי פאַר מיר און וואָס איך וועל משפּט'ן וועט ער פאָלגן. באַלד אָבער ווי מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט, האָט מיר די „אָנגעקלאָגטע" געמעלדעט, אַז זי איז געקומען אַהער כדי צו פאַרקלאָגן איר מאַן, דעם אַלטן טפש! אַלזאָ, ניט זי ווערט און דאַרף געמשפּט ווערן, נאָר, ע ר, איר מאַן...

אויף אַזאַ מיש־מאַש האָב איך זיך נישט געריכט.

ער, אַ מיטליעריקער, פעסט־געבויטער מענטש, מיט אַן אויסזען פון אַ פאַר־און־פופציק יאָר. די האָר זיינע זיינען שיטערלעך, שטאַרק שי־טערלעך און האַלב־גרויע.

זי, מיט אַ פינף־זעקס יאָר יונגער פון אים, פיין פאַרקעמט, צוגעפּוצט די ליפּן און געפאַרבט די נעגל פון די פינגער, שיין און נעט געקליידעט.

כאָטש דער „קלעגער" איז דאָס געווען דער יעניקער, וועלכער האָט געבעטן מיין חברלעכע פאַרמיטלונג, דאָך, האָבן איך אָפּגעגעבן דאָס ער־שטע וואָרט דער פרוי, אַלס העפלעכקייט און כדי מקיים זיין די „מצווה „פרויען־כבוד".

— מיר האָבן שוין חתונה זעקס־און צוואַנציק יאָר — הויבט אָן די פרוי איר דערציילונג, און איר פּנים ווערט ערנסט און פאַרזאָרגט — אָבער קענען, קען איך אים שוין 48 יאָר. דאָס הייסט, אַלע יאָרן וואָס איך בין אַלט! מיר זיינען פון איין שטעטל פון גאַליציע, פון איין גאַס,

און אויב דאָס איז נאָך קאַרג — זיינען מיר געבוירן געוואָרן אונטער איין דאַך. אונדזערע עלטערן זיינען געווען שכנים, האָבן געהאַט אַ „בשותפות־דיקע״ דירה, דאָס הייסט: שותפות בלויז מיטן דאַך און מיט דער וואַנט וואָס האָט אָפּגעטיילט אונדזער שטוב פון זייערער!

זינט איך געדענק זיך אויף די פיס, געדענק איך, אַז מיר האָבן זיך שטענדיק געשפּילט און שטענדיק... געשלאָגן. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ דריי־פיר יאָר. איך בין געווען אַ „דאַמע״ און ער, אַ „קאַוואַליער״ און דאָך פלעגט ער מיר שטענדיק געבן קלעפּ ביים שפּילן זיך. איך פלעג אַריינלויפן אין שטוב מיט אַ געוואַלד, אַז שורקאַ — אַזוי האָט מען אים גערופן אין דער היים קינדווייז — האָט מיך געשלאָגן. פלעג די מאַמע מיינע אַרויסלויפן, אים כאַפּן, אים אָנפּאַטשן און... אין אַ שעה אַרום האָבן מיר זיך ווידער געשפּילט און ער האָט מיך ווידער געשלאָגן.

און תירוצים אויף צו שלאָגן מיך האָט ער געהאַט אַ סך. ספּעציעל, אָבער, האָט ער מיך געממית׳ט, אויב ער האָט מיך געטראָפן שפּילן זיך... מיט אַנדערע יינגלעך.

שוין פון קינדווייז אָן איז ער געווען אייפערזיכטיק און נישט געוואָלט ליידן אויב איך האָב זיך געשפּילט מיט אַן אַנדער קינד אַ חוץ מיט אים...

שפּעטער, ווען מיר זיינען עלטער געוואָרן, און איך בין שוין געווען אַ „מויד״ פון אַ יאָר צוועלף און ער — אַ „בחור״ פון אַ יאָר פופצן, איז ער מיר נאָך מער דערגאַנגען די יאָרן, — כאָטש שלאָגן, פלעגט ער מיך שוין נישט. אפשר דערפאַר וואָס איך בין געווען געזונטער פון אים און האָב דערלאַנגט צוריק...

אין דער היים האָט מען אונדז גערופן דאָס „פּאַרעלע״, ווייל דאָרט וואו איך בין געווען — איז ער אָנגעקומען און... אויך פאַרקערט...

מיינע עלטערן האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום אויף אונדזער חברשאַפט! מיין מאַמע ע״ה, איז אַרויסגעקומען פון רבנים! און אַ סברא, אַז זי האָט געצויגן איר יחוס ביזן ווילנער גאון, און איר שכנה איז געווען אַ פּשוטע אידענע, וועמענס עלטערן זיינען געווען... בעלי מלאכות און אונדזער שכן אַליין — שורקאַס פאָטער — איז אויך געווען אַ פּשוטער שניידער. אי דאָס, נישט פון די גאָר גאָר אויסגעשפּילטע שניידערס, נאָר טאַקע פּשוט אַ לאַטוטניק... נו, איז כל זמן מיר זיינען געווען פּיצלעך קינדער — האָט מיין טאַטע־מאַמע נישט אָנגעהויבן טראַכטן אַז פון אונדזערע שפּילן, קאָן עפּעס אַרויסקומען. ווען מיר זיינען אָבער אַריין אין די

„יאָרן" און די גאַס, און סתם באַקאַנטע האָבן אונדז אַ נאָמען געגעבן „דאָס פּאַרעלע", אָדער „חתן־כלה" — האָט שוין די מאַמע זיך געכאַפּט, אַז עס קאָן, חלילה, טאַקע נאָך געשען דאָס „אומגליק" — און האָט געטאָן אַלץ אונדז צו צושיידן.

אָבער, גיי צושייד אַזאַ פּאַרעלע, וואָס איז אויפגעוואַקסן צוזאַמען. האָבן מיר זיך טאַקע עפּנטלעך נישט געשפּילט און נישט געטראָפן, אַזוי ווי פריער, אָבער אונטער־אַרום האָבן מיר זיך געזען אַלע שעה, אַלע מינוט, ווען נאָר מיר האָבן געוואָלט און מיר פלעגן אומשולדיק פאַרברענגען — טאַקע נאָר ווי קינדער קאָנען זיך שפּילן און פאַרברענגען זייער פרייע צייט.

איך זאָג „פרייע צייט", ווייל שורקאַ האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט. דער פאָטער האָט אים נישט געוואָלט מאַכן פאַר אַ שניידער ווי ער — האָט ער אים אַוועקגעגעבן אַלס פּריקאַזטשיק אין אַ זשעליאַזנע קלייט (אייזן־געשעפט). און שורקאַ איז שוין געווען פאַרנומען אַ צען־צוועלף שעה אין טאָג, אַזוי ווי איך בין אָבער געווען אַ פרייע פייגעלע. האָב איך געהאַט נאָך חברטעס און חברים — אַ פּאָר גבירישע יינגלעך. פּוסטע־פּאַסניקעס. וואָס האָבן נישט געאַרבעט ביי יענעם און האָבן צייט געהאַט זיך צו שפּילן. — האָב איך מיט זיי פאַרבראַכט מיין צייט, אָט יענע יאָרן וואָלטן זיכער געווען די גליקלעכסטע אין מיין לעבן ווען נישט... שורקאַ! ער פלעגט געוואָר ווערן אַז איך שפּיל זיך מיט אַנדערע יינגלעך. אָדער ווען מען האָט אים פון דער קלייט „געשיקט אַ גאַנג", איז כאָטש מען האָט אים געשיקט אין אַן אַנדער עק שטאָט, פלעגט ער גיין מיך אויפזוכן און זען מיט וועמען איך שפּיל זיך, טאָמער האָט ער געטראָפן אַ פּאָר אינגלעך מיט מיר — האָט ער מיר גאָרנישט געזאָגט, נאָר זיך גענומען טשעפּען צו די אינגלעך און ער איז נישט אַוועק ביז ער האָט איינעם פון זיי גוט אָנגעפּאַטשט — אָן אַ שום פאַרוואָס... ביז ער האָט זיך איינמאָל אָנגעטראָפן אויף זיינס־גלייכן: אַ אינגעלע. וועמען ער האָט מיט אַ טאָג פריער שטאַרק צושלאָגן, האָט אין דער היים דערציילט ווער עס האָט אים געשלאָגן, האָט אַן עלטער ברודערל דעם אינגלס. אַ בחורל פון אַ יאָר ניינצן, געפּאַקט שורקאַ און אים אַזוי צובײַלט, אַז ער האָט זיך שוין געהיט צו שלאָגן מיינע חברים. אָבער, ער האָט זיך גענומען צו מיר. ער איז מיר דערגאַנגען די יאָרן, מיך פאַרשעמט פאַר מיינע חברטעס און חברים און זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו אויסוואַרפן — אין דער אָנוועזנהייט פון חברים — אַז... איך מאַך נאָך „נאַס" דאָס געלע־

גער!... איך האָב געוויינט און זיך געשוואוירן, אַז ס'„איז אַ ליגן! אָבער, גיי פֿאַרענטפֿער זיך קעגן אַ בלבול!...

די יאָרן שטייען נישט, איך בין שוין געוואָרן אַ פֿריילן פֿון אַ יאָר אַכצן, מען האָט געזאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַ שיינע און אַ געראָטענע, מיינע עלטערן האָבן געהאַט אָנגעגרייט פֿאַר מיר אַ שיינעם נדן און האָבן זיך געקליבן צו קריגן פֿאַר מיר עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכעס, ארום מיר האָבן זיך געדרייט בחורים ווי די פֿליגן. צווישן זיי — סטודענטן, צוקונפֿטיקע דאָקטוירים, דענטיסטן, אַפילו אַ בחורל, וואָס האָט געלערנט אויף אינזשעניער און ס'האָט אים שוין געפֿעלט אַ קלייניקייט. אויף אָט דעם קאַנדידאַט, אויפֿן אינזשעניער, האָבן מיינע עלטערן געוואָרפֿן אַן אויג. ער איז געווען אי פֿון אַ באַלעבאַטישער משפּחה, אי קלוג און געראָטן, איין „קליינעם” חסרון האָט ער געהאַט: ער איז געווען נישט קיין שיינער, טאַקע ממש אַ מיאוסער, מיט גרויסע קרומע אויגן, וועלכע ער האָט פֿאַרשטעלט מיט אַ פּאָר בלויע אויגנגלעזער. אָבער, נישקשה, פֿלעגט טענה'ן מיין מאַמע, וואָס דאַרף מען אַז ער זאָל זיין שיין? אַבי זיין מזל זאָל שיינען — וועט זי, די טאָכטער, מירצעשעם האָבן אַ שיין לעבן...

אַזוי האָט געזאָגט מיין מאַמע. איך האָב אָבער אַנדערש געטראַכט און געזאָגט. איך האָב געחלומט פֿון אַ שיינעם בחור, מיט וועלכן איך זאָל קענען אַרויסגיין אין גאַס שפּאַצירן און זיך נישט דאַרפֿן שעמען פֿאַר מיינע חבֿרטעס... און אַזעלכער איז געווען — שורקאַ! איך האָב אָבער געוואוסט, אַז מיינע עלטערן וועלן צו אָט דעם שידוך קיינמאָל נישט מסכּים זיין! חוץ לזה, בין איך אויך איצט מודה, אַז זיינע אייפֿערזוכטסצענעס זיינען מיר גאָרנישט געפֿעלן געוואָרן! כאָטש איך האָב אים גאָרנישט צוגעזאָגט, כאָטש איך האָב זיך מיט אים גאָרנישט אָנגעקערט, דאָך האָט ער מיר אַלע אויפֿדערנאַכט, ווען מיר האָבן זיך געטראָפֿן „צופֿעליק” — געמאַכט אויפֿמערקזאַם און פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז נעכטן האָב איך געשפּאַצירט מיט דעם בחור און היינט האָב איך גערעדט מיט יענעם סטודענט, א. א. וו.

אין איינעם אַ טאָג האָט מיין פֿאָטער געמאַכט עפּעס אַ גרויס געשעפֿט מיט אַ פּריץ און — לויט מען האָט געזאָגט — האָט ער פֿאַרדינט אַ גרויסע אַפּותיקע. די שטאָט איז מיט דעם געגאַנגען כאַדאַראָם; דער אמת איז געווען אַז דער טאַטע האָט טאַקע געמאַכט אַ געשעפֿט, נאָר פֿאַרדינט האָט ער... אפשר אַ צענטל דערפֿון וויפֿל די שטאָט האָט געגלויבט און גערעדט. דאָס, האָט געוואַלדיק אויפֿגעבראַכט שורקאַ'ן און ער האָט

געהאַלטן אין איין אויסוואָרפן מיר, אַז מיט אַט דעם געלט, וועט מיין טאַטע קויפן פאַר מיר אָדער אַ דאָקטער, אָדער... צוויי פעלדשערס...

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אים ניט געבליבן שולדיק. טאַקע, ווייל איך האָב געזען, אַז אים טוט ווי מיין פאָטערס „גרוים פאַרדינסט", האָב איך נאָך פאַרגרעסערט די סומע און זיך באַרימט, אַז אין שטאָט, דאָ, איז פאַר מיר קיין חתן נישטאָ און מען וועט פאַר מיר אימפּאָרטירן אַ פּראָפעסאָר פון וואַרשע, אָדער פּאַריז...

נאָך אַזאַ געשפּרעך האָבן מיר דריי טעג נישט גערעדט און בכלל זיך אויסגעמיטן...

ווען איך בין אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָב איך געפילט, אַז איך וועל שוין לאַנג נישט קענען קעמפן קעגן מיינע עלטערן, וועלכע האָבן „אונטערגעהאַנדלט" מיט אַ האַלב טוץ שדכנים און געגעבן יעדן שדכן האַנט־געלט אויפן חשבון פונעם שידוך וואָס ער וועט אויספירן. אַלע טאָג, ממש אַלע טאָג, איז געקומען אַ שדכן מיט אַן אַנדער גליק פאַר מיר. מען האָט געבראַכט סחורה פון אַלע שטעטלעך ארום אונדז, און אַפילו פון קראָקע, לעמבערג און וואַרשע. אַ חוץ די שדכנים האָבן זיך צו מיר גע'שדכנט אַ סך „דעלעגאַטן", רעדנער וואָס זיינען אַראָפּגעקומען צו אונדז פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און סתם איי־דישע ענינים.

איך בין געווען אַן אומפּאַרטייאישע און פלעג גיין צו אַלע פאַרזאַמלונגען: היינט אַ בונדישע, מאָרגן אַ ציוניסטישע און איבערמאָרגן — פון אגודת ישראל. בפרט נאָך ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע, — בין איך געווען פון די ערשטע!

איך זאָל זאָגן, אַז איך פלעג דאָרטן זיצן ווי אַ בהמה און נישט פאַרברענגען אָדער שטיפן מיט עמיצן — וואָלט איך געווען נישט אויפריכטיק פון מיין זייט. און אָט, דאָס צייט־פאַרברענגען אין שטיפן, איז מיר אויסגעפאַלן באָקאָם! אויב שורקא איז דערביי נישט געווען, האָט אים שוין עמיצער איבערגעגעבן, אַז איך האָב זיך גע'חנדלט און אַפילו גע־האַלטן געאָרעמט דעם און דעם בחור, וועלכער האָט מיך דערנאָך אָפּגע־פירט אַהיים... אויב שורקא איז געווען אויף אַזאַ אָוונט, האָט ער פּשוט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו מיר. און אויב איך האָב זיך דאָך באַפרייט פון אים און געשטאַנען אָדער פאַרבראַכט מיט אַנדערע, האָט ער מיך, פון דער ווייטנס דורכגעשטאָכן מיט די אויגן און האָט זיך נישט אָפּגע־שטעלט אַפילו אַריין אין מיטן און מיך אַרויסשלעפּן פון דער קאָמפּאַניע, מיט וועלכער איך בין געשטאַנען און גערעדט...

ווי שוין געזאָגט, איז נאָך צווישן אונדז גאָרנישט געווען. נישט ער

האָט נאָך געבעטן מיין האַנט, נישט איך האָב זי אים שוין געגעבן. דאָך, האָט מען שוין גערעדט אונטער אונדזערע פלייצעס, אַז ווען מיר וועלן חתונה האָבן און ער וועט דאַרפן אַוועקגיין צו דער אַרבעט, וועט ער, מיט אַ קייט, מיך צובינדן צום בעט, איך זאָל אַן אים נישט אַרויסגיין אין דרויסן. און ווען ער וועט קומען מיט מיר צווישן מענטשן — וועט ער מיר אָנטאָן אַ... שוואַרצן טוך אויפן פּנים, כדי איך זאָל קיינעם נישט זען און יענער זאָל מיך נישט זען...

דאָס אַלעס האָט מיר אַ חברטע אָפּגעטראָגן, אַז מען רעדט וועגן מיר און... ביי זיך האָב איך באַשטימט, אַז די וואָס ריידן — זענען נעבעך גערעכט. אָבער... עס איז שוין געווען שפּעט פאַר מיר. איך בין שוין געווען שטאַרק איינגעליבט אין אים און האָב שוין געפילט, אַז איך וועל אַן אים נישט קענען לעבן. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז זיין אייפער־זוכט איז אַ גרויסע, גרויזאַמע שלאַפקייט. געהאָפט, אָבער, האָב איך, אַז נאָך אונדזער חתונה וועט אים איבערגיין. ווען ער וועט זען, אַז איך בין שוין זיינע, אַ קיינער וועט מיך שוין ביי אים נישט צונעמען, וועט ער זיך באַרואיקן..

אָבער, איך האָב אַ טעות געהאַט. מיר האָבן חתונה געהאַט און עס איז פּשוט אוממעגלעך איך זאָל אייך אויסדערציילן וויפיל איך האָב זיך אָנגעליטן די עטלעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס מיר זיינען פאַרהייראַט, איר וועט עס נישט וועלן גלויבן. איך האָב געהאַט טעג און נעכט, וואָס מיינע אויגן זיינען געווען געשוואָלן פון וויינען! שטעלט אייך פאָר, אַז כדי צו קויפן פלייש פאַר אָנבייסן, האָב איך געדאַרפט גיין אויף דער זעקסטער גאַס, כאָטש אויף דער זעלבער גאַס וואו איך האָב געוואוינט, איז געווען אַ יאַטקע! דער אומגליק פון דער יאַטקע איז אָבער געווען, וואָס דער קצב איז געווען אַ... יונגער מענטש און האָט, אפשר, מיך אָטענדירט שנעלער פון אַנדערע יאַכנעס, וועלכע זיינען אים דערגאַנגען די יאָר מיטן דינגען זיך אָדער אויסטאַפּן יעדעס שטיקל פלייש... דער צווייטער קצב, וואָס האָט געוואוינט זעקס הונדערט מעטער פון אונדז איז געווען אַן אַלטער, שמוציקער איטאַליענער... ז י י ן פלייש איז פאַר מיין מאַן געווען געשמאַק...

דאָס זעלבע איז געווען מיטן ברויטפירער און מיטן מילך־מאַן און מיטן צעפירער פון פרוכט און גרינצייג. האָב איך געקויפט ביי אַן אַלטן געשטופלטן גוי — איז געווען גוט! אויב, אָבער, דער פאַרקויפער איז געווען אַ יונגער מענטש — האָט ער אים פאַרטריבן פון שטוב...

דער סוף איז געווען, אַז... איך בין געוואָרן א ו י ס קויפערן און

אַלע יאָרן האָט ער, מיין מאַן, איינגעקויפט פאַר דער שטוב, פון אַ ציי־בעלע ביז אַן עוף, ברויט, פלייש און אַפילו סחורה אויף קליידער,

אַזוי זיינען אַוועק אַלע אונדזערע יאָרן! מיר האָבן שוין געפּראַוועט אונדזער „זילבערנע חתונה"; מיר האָבן שוין אַן אייניקל און וועלן אינגיכן האָבן נאָך אַן אייניקל; ער איז שוין אַ זיידע און איך — אַ באָבע, און זיין אייפערזוכט איז איצט, דאָס זעלבע וואָס צוריק מיט דרייסיק יאָר צוריק. דער חילוק איז נאָר, וואָס דעמאָלט, מיט פערציק יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך געשפּילט מיט אינגלעך. האָט ער זיי אָנגעפּאַטשט און צעבלוטיקט און היינט, ווען איך רייד מיט אַ קונה אין געשעפט. — מיר האָבן אַ געשעפט פון ראַדיאָ־אַרטיקלען — און איך גיב נאָר צום קונה אַ שמייכל, איז ער גרייט זיך נעמען צום קונה און אים באַלד אַרויס־וואַרפן פון קלייט... נישט איין מאָל וועלן מיר טאַקן אַן אַ גרויסן פּדיון, וויל... איך האָב צופיל גערעדט מיטן קונה. צופיל צו אים געשמייכלט, און ער האָט זיך אַריינגעמישט, געגעבן אַ זאָג עפּעס אַזוינס, וואָס דער קונה איז ברוגז געוואָרן און איז אַוועק...

וואָלט איך אויפגעהערט צו גיין אין געשעפט אַריין. איז ערשטנס, פאַרוואָס זאָל איך עס טאָן? צווייטנס, וואָס וועל איך טאָן מיט זיך אַ גאַנצן טאָג? און דריטנס, — דאָס געשעפט האָב איך אויפגעשטעלט. ער, זאָל ער מיר מוחל זיין. איז אַ קליינער סוחר. חוץ דעם, איז ער אַ נערוועאישער. ער וועט מיט די קונים נישט קענען האַנדלען, וועט זיי פאַרטרייבן, און מיר וועלן געניזוקט ווערן. פאַרגעסט נישט, אַז אונדזער געשעפט איז פון לוכאַ אַרטיקלען, נישט פון זאַכן וואָס מען מוז האָבן צום טאָג־טעגלעכן לעבן, און כאָטש דער ברויט־פאַרקויפער, אָדער דער פלייש־פאַרקויפער אָדער פון צוקער און אַנדערע פּראָדוקטן־פאַרקויפער, כאָטש זיי זיינען נערוועאיש און אַטענדירן שלעכט זייערע קליענטן — מוז מען צו זיי אָנקומען אַלע טאָג און מען מוז אויסהאַלטן פון זייערע משוגעתן... דאָ, אין אונזער געשעפט, אַז מען אַטענדירט נישט פריינט־לעך — מעגן מיר אַראָפּלאָזן די שטאָרן...

און, פאַראַן נאָך אַן אורזאַך פאַרוואָס איך מוז גיין אין קלייט אַריין, ווען איך זאָל זיך צוריקציען פון דער קלייט און ווערן אַ היימישע שטוב־באַלעבאָסטע. וועל איך דאָך נישט קענען איינזיצן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב. און וועל מן הסתם זוכן עפּעס צו טאָן געזעלשאַפטלעך — וועט זיך ערשט דאַן אָנהויבן אַ נייע סדרה צרות פון אייפערזוכט, איך וועל דאַרפן פירן אַ בוך פון קאָנטאָבילידאַד. וואו עס וועט דאַרפן זיין פאַרצייכנט... יעדע מינוט וואו איך בין געווען, מיט וועמען איך בין געווען, און וואָס איך האָב געטאָן, איך וועל אַפילו באַדאַרפן

מיטפירן מיט זיך אַ... פאָטאָגראַף, ער זאָל אָראָפּנעמען אַ בילד פון מיר, צי איך האָב נישט אַ שמייכל געגעבן צו י ע נע ם. ביי וועמען איך, מיט נאָך אַ דאַמע, זיינען געקומען בעטן אַ באַשטייערונג פאַר אַ צוועק... ניין! אַוועקגיין פון זיינע אויגן איז ערגער!...

איך גלויב, אַז דאָס איינציקע וואָס וואָלט געווען גוט פאַר אונדז, איז... מיר זאָלן זיך גט'ן. אָט, דאָס וואָס איר הערט! גט'ן! איך פיל, אַז ווייטער אַזוי לעבן וועל איך נישט קענען! איך האָב צוויי וועגן:

— אָדער אַ פאַרציע „סיאַנוראַ", אָדער אַ גט!

אָדער — אַ דריטער וועג: ער זאָל ווערן אוים אייפערזיכטיק! ער זאָל זיך אויסהיילן פון אָט דער שלאַפקייט...

אָט דאָס האָב איך צו זאָגן...

———::———

די גאַנצע צייט, וואָס די פרוי האָט דערציילט איר געשיכטע, איז דער מאַן געזעסן טיף פאַרטראַכט און האָט נישט איבערגעשלאָגן אירע רייד. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין „האַ" פון מויל. אַזאַ כוח, אַזאַ גבורה, צו קענען זיך באַהערשען און נישט מאַכן קיין שום צווישנרוף, איז זעלטן אַפילו... צווישן מענער.

איידער איך האָב אים איבערגעגעבן דאָס וואָרט, האָב איך טאַקע געפונען פאַר נויטיק אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, וואָס ער איז געזעסן אַזוי שטיל, אים באַגריסן, און בעטן זיין פרוי אויך ווייזן אַזאַ ביישפּיל און אים נישט איבערשלאָגן זיינע רייד...

— אַלצדינג, וואָס מיין פרוי האָט דאָ דערציילט, איז אמת — הויבט ער אָן זיינע טענות. נישט פאַראַן קיין איין וואָרט ליגן. איין קליניקייט אָבער איז יאָ פאַראַן. זי האָט דעם ג אַ נ צ ן אמת נישט דערציילט! אַ טייל פונעם אמת — די וויכטיקסטע טייל — האָט זי „פאַרגעסן" צו דערציילן און „צופעליק" דורכגעלאָזט...

עס איז אמת, אַז איך בין אייפערזיכטיק אויף איר נאָך פון יענע יאָרן, ווען מיר זיינען געווען קינדער. דאָס איז אַ סימן, אַז איך האָב זי ליב געהאַט זינט מיר האָבן זיך אָנגעהויבן קענען. און אַז מען האָט ליב איז מען אייפערזיכטיק, ווער מער — ווער ווייניקער.

עס איז אמת, אַז איך האָב געשלאָגן די אינגלעך, וואָס האָבן זיך מיט איר געשפּילט. זי האָט אָבער נישט דערציילט, אַז ווען איך האָב זיך מיט איר געשפּילט, האָב איך איר קיין שמערצן נישט פאַרשאַפט. קיין שווערע שטיינדלעך האָב איך זי נישט געלאָזט אויפהויבן און

טראָגן, אָדער לויפן הונדערטער מעטער זוכן איר ליאַלקע, וועלכע זיי, אירע „חברים", האָבן פאַרוואָרפן, האָב איך זי אויך נישט געלאָזט. זיי, אָבער, אירע אַנדערע חברים, האָבן זי געריסן פאַר די צעפּלעך, זי באַהאַנדלט שלעכט — און דערפאַר האָב איך זיי געשלאָגן. אויב דאָס איז אַ חטא? — פאַרפאַלן! האָב איך געזינדיקט!

דאָס זעלבע איז געווען, ווען מיר זיינען „עלטער" געוואָרן. ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד פון צען אָדער עלף יאָר, האָט זי זיך שוין אויסגעלערנט די קונסט פון „קאָקעטירן". איך געדענק אַ פאַל, אַז זי האָט אַמאָל אָפּגעשטעלט אַ קאַצאַפּ, וואָס האָט געטראָגן אויפן קאָפּ „סאַכאַרנאַיאַ מאָראָזשענאַ" (העלאַדאָס. אייז-קרעם) און האָט אַזוי קאָקעטירט מיט אים, ביז ער האָט איר געגעבן פאַר אַ גראָשן „מאָראָזשענאַ", וואָס האָט באַטראָפן אפשר צען גראָשן...

אַזוי ווי איר קוקט זי אָן איצט, איז זי נאָך אַ שיינע פרוי! שטעלט אייך פאָר, ווי אַזוי זי איז געווען מיידלווייז! דאָך, האָט זי אויפן פנים זיך אָנגעשמירט אַזוי פיל פּודער, אַז עס האָט אַזש געעקלט! זי האָט ממש אויסגעזען ווי אַ מאַרינירטע ליאַלקע! דאָס, אַלץ, איז אַריין אין איר „פּראָגראַם" פון קאָקעטירן...

דאָס וואָס זי האָט אייך דערציילט וועגן אירע עלטערן און וועגן איר רבנישער מוטער — איז טאַקע אמת. זי האָט אייך בלויז נישט דערציילט דעם סוף פון אָט דעם „יחוס", זי האָט אייך נישט דערציילט, אַז אירע עלטערן האָבן אומזיסט און אומנישט געטראָגן אַ זאָאָלאָגישע שנאה צו מיינע טאַטע-מאַמע, און בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן געמוזט האָבן אַלס זייער שכן אַ... שניידערוק. זי האָט אייך אויך נישט דערציילט דעם טראַגישן סוף פון אָט דעם בלאָזן זיך...

איר האָט דאָך געהערט, אַז אין אַ שיינעם טאָג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז איר פאָטער האָט געמאַכט אַ גרויס געשעפט מיט אַ פּריץ און האָט פאַרדינט אַ מאַיאָנטעק מיט געלד, און אַז מען ווערט אַזאַ גביר, — און פריער איז ער אויך נישט געווען קיין אָרימאַן — האָט ער אָנגעהויבן מאַכן גרויסע געשעפטן, גרויסע שפּעקולאַציעס מיטן פּריץ, אַריינגעלייגט אַהין זיין גאַנץ געלט און אַ סך טויזנטער פרעמד געלט, וואָס ער האָט אָנגעליען אָדער מען האָט ביי אים „איינגעלייגט", ווען צוויי האָבן זיך געלאָדן.

אין אַ שיינעם אָדער מיאוסן טאָג, האָט די גאַנצע שפּעקולאַציע געפּלאַצט און ער איז געבליבן אָן אַ גראָשן אייגן געלט און אַ בעל-חוב אויף 25 טויזנט זלאָטעס פרעמד געלט. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז

ער זאָל אָוועקגיין זיצן אַלס שווינדלער אויף זיינע עטלעכע יאָר! און ווער, מיינט איר, האָט אים גערעטעוועט פונעם אומגליק? ווער האָט אים געגעבן דאָס גאַנצע געלט, ער זאָל אויסצאָלן זיינע בעלי־חובות און זאָל נישט דאַרפן גיין אין קרימינאַל? — נישט קיין אַנדערער, ווי זיין שכן, דער שניידערוק, וועלכער האָט אים אָוועקגעגעבן זיין גאַנץ פאַר־מעגן און דאָס פאַרמעגן פון זיין זון — מיינס, הייסט עס! ער אַליין, מיין טאַטע ע״ה, האָט זיך ספּאָנטאַן אַנגעבאָטן אים צו העלפן און אים אי־בערגעגעבן די טויזנטער, אָן צו נעמען ביי אים אַפילו אַ שטיקל כתב אין אידיש... און מיין מאַמע? זי איז נישט אַרויסגעקומען פון ווילנער גאָון, איר פאָטער איז אויך געווען אַ פשוטער חייט, אַ שניידערוק. זי האָט גע׳עצהט מיין טאַטן, אַז ער זאָל ראַטעווען דעם שכן פון גויאישע הענט. דאָס — דאָס, האָט זי אייך נישט דערציילט..

זי האָט אייך דערציילט, אַז עס זיינען נאָך איר נאָכגעלאָפן סטו־דענטן, אינזשעניערן, דאָקטוירים, דענטיסטן און פעלדשערס. זי האָט אייך, פאַרשטייט זיך, נישט דערציילט, אַז אָט די אַלע, האָבן געזוכט ביי איר אַ לייכטן פלירט, אַ לייכטן קוש און שפּיל, און דער עיקר, אפשר, איר פאָטערס פאַרמעגן, וועלכן זיי האָבן געשאַצט אין שווערע טויזנטער!

אין יענער צייט, ווען זי איז געווען אויפן העכסטן שטאַפּל פון גליק, און זי האָט שוין ביינאַכט אויפן געלעגער געזען אין פאַנטאַזיע די רייכע קאָנסולטאַריע פון איר מאַן, דעם דאָקטער, און ווי אַזוי זי גייט אין גאַס און מען ווייזט־אָן אויף איר, אַז „אָט גייט די דאָקטערשע״! אין יענער צייט, האָב איך געהאַט גענוג מוט און כוח זיך צונויפצורעדן מיט איר, זאָגן איר, אַז איך באַפריי זי פון וועלכן עס איז מאָראַלישן בונד אָדער קאָמפּראָמיס, וואָס זי האָט אפשר געהאַט לגבי מיר. איך האָב איר דער־קלערט, אַז איך זע, אַז איך בין נישט „איר גלייכן״ און זי קען, געוויס, דערגרייכן אַ בעסערן מאַן ווי איך. און כדי זי זאָל זיך פילן פריי, האָב איך איר געוויזן, אַז איך מאַך זיך פאַפירן צו פאָרן קיין אַרגענטינע, וואו איך האָב אַ פעטער. חוץ דעם, וועל איך קומען קיין אַרגענטינע מיט עטלעכע שיינע טויזנטער אָפּגעשפּאָרטע פון מיינע יאָרן אַרבעט, און איך האָף דאָרט דערגרייכן איינצושטעלן אַ שיינע היים, פּונקט אַזאַ ווי איך האָבן געחלומט צו האָבן ווען איך וועל מיט איר חתונה האָבן...

ווען זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי גראַדע געפּרואווט אַ שפּיל טאָן אַביסל טעאַטער, געפּרואווט אָנהויבן וויינען, אַז... זי האָט מיך ליב און וויל קיינעם נישט. אָבער, ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז איך מיין ערנסט מיטן איבעררייסן מיט איר די באַציאונגען, און אַז גאָט ווייסט

מיר באַשערן „מיינס גלייכן" — האָט זי זיך באַרואיקט און מיר האָבן זיך צעשיידט ווי גוטע פריינט.

איך בין שוין געווען גרייט אָפּצופאָרן. איך האָב שוין געהאַט די וויזע פון אַרגענטינער קאָנסול! האָט געטראָפן דאָס אומגליק מיט איר פאָטער, און... מיין טאַטע האָט, נישט פרעגנדיק מיך אַפילו, אים אָפּגעגעבן מיין גאַנץ געלט...

דאָס — האָט זי אייך נישט דערציילט. זי האָט אויך נישט דערציילט, אַז פּלוצים זיינען אַלע אינזשעניערן און סטודענטן, דאָקטוירים און דענטיסטן, וואָס זיינען איר נאָכגעלאָפן, — אויסגערונגען געוואָרן. ווען נישט ווען, האָט זיך מיט איר געטראָפן אַ אינגל, געכאַפּט אַ שפּיל, אַ קוש און — זיך מער נישט געוויזן...

מיין לאַגע איז דעמאָלט געווען אַן אומאַנגענעמע. זיך נאָכאַמאָל דערנענטערן צו איר, האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב מורא געהאַט אפשר וועט זי גלויבן, אַז איך האָב דערלעבט נקמה; אַז איך פריי זיך מיט איר אומגליק. און נאָך אַן אמת: מיין ליבע צו איר איז טאַקע געווען גרויס! איך האָב אָבער געוואוסט, אַז אויב זי וועט ווערן מיינע, וועל איך ליידן מיין גאַנץ לעבן, איר אייגנשאַפט צו קאָקעטירן מיט יעדן בעסטן מאַן, וואָס זי וועט אָנטרעפן, וועט מיר פאַרביטערן מיין לעבן! איך האָב עס געפילט. און דאַך, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט און זי האָט זיך צעוויינט — האָב איך איר מוחל געווען. יאָ, איך שטרייך אונטער, אַז **איך** האָב איר מוחל געווען איר נישט לאָיאַלע און נישט קאָרעקטע האַנדלונג בנוגע מיר,

אירע עלטערן האָבן שוין מסכים געווען אויפן שידוך. זיי זיינען שוין אַפילו געווען גרייט צו פאַרגעסן, אַז... מיין טאַטע איז אַ שניידער און אַז מיין מאַמע קומט נישט אַרוים פון ווילנער גאון. איך האָב אָבער זיי נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש פון מוזן, נעבעך, שטיין אונטער איין חופּה מיט אַ שניידערוק... איך האָב געקענט אָט די אַלטע פאַרשימלטע פּסיכאָלאָגיע פון אָט די אידן און ווייבער, וואָס גווידערן זיך מיט אַ יחוס. און איך האָב זיי געמאָלדן, אַז...

ערשטנס — וויל איך גאָר נישט זייער טאָכטער; און:

צווייטנס — פאָר איך אָפּ קיין אַרגענטינע...

ס'מעג אייך גראַדע באַנג טאָן וואָס איר האָט נישט געזען די סצענע ווי אַזוי אָט די גדלות'דיקע יידן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר מיט אַ געוויין, אַז איך זאָל זיי נישט פאַרשעמען און... זאָל זיי נישט אָפּשטויסן... אויך מיין קאָקעטקע האָט גערעדט גאָר אַנדערע דיבו־

רים. זי האָט מיר געשוואוירן, נישט בלויז אייביקע ליבע, נאָר אַז זי וועט קיין מאָל אין איר לעבן מער נישט פלירטעווען מיט פרעמדע מע־נער... איך האָב איר געגלויבט. מיר האָבן געשטעלט אַ חופה און אין צוויי וואָכן נאָך אונדזער חתונה זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין ארגענטינע.

זי האָט „געהאַלטן וואָרט". ביז מיר האָבן זיך געזעצט אויף דער שיף — האָט זי זיך איינגעהאַלטן און נישט געקאָקעטעוועט. דעם אמת געזאָגט. — האָט זי — ביז דער שיף, נישט געהאַט מיט וועמען צו פלירטעווען! אויף דער שיף האָט זי זיך גענומען צו איר „פּאַך". געהייסן האָט עס, אַז זי שענקט אַ מאַטראָס אַ... שמייכל, — ברענגט זי אַ פּאָר גוטע סאַנדוויטשעס פאַר אונדז, אַ קאַלטן טרונק, אָדער אַנדערע ליי־לעכער. איך האָב באַלד געמאַכט אַ סוף צו דעם. ווען איך האָב אַ מעג־גלעכקייט — טאַנץ איך אַראָפּ פון דער שיף און אַנטלויף — אַזוי אָבער, האָב איך זיך באַגנוגנט מיט... אריינוואַרפן אין ים אריין די סאַנדווי־טשעס מיט די פלעשלעך קאַלטן געטראַנק און ס'איז געוואָרן אַ סוף צו איר קאָקעטירן.

מיר זיינען געקומען קיין בוענאָס-איירעס און אַ נאָנטער קרוב האָט אונדז אָפּגעוואַרט אויף דער שיף און אונדז געבראַכט צו זיך אַהיים. מיר זיינען געווען באַם קרוב אַ חודש צייט. ווען איך כאַפּ נישט און אַנטלויף נישט פון דאָרט, כדי זיך צו באַזעצן אין אַן אויבערשט צימערל וואָס מיר האָבן דערפאַר געצאָלט פופצן פעזעס אַ מאָנאַט, ווען איך אַנטלויף נישט פון דאָרט — מאַכט זי אַן אַ פאַמיליען-טראַגעדיע. זי האָט אָנגעהויבן קאָקעטירן מיט מיין פריינטל, אים געוואָרפן אייגעלעך און אַרומגענומען אין דער אַנוועזנהייט פון זיין פרוי. דאָס פריינטל ווי זיין פרוי, זיינען אַליין נאָך אויך געווען יונגע מענטשן, און אים — מיין קרוב — האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרדרייען דער קאָפּ... ערשט, ווען ער האָט איר „אָפיציעל" פאָרגעלייגט אַ „פּראָגראַם", זיי וועלן גיין אין סינע און פון דאָרט „ערגעץ" שפּאַצירן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי איז צו ווייט אַוועק מיט איר פלירט און מיך אַליין געבעטן מיר זאָלן, נאָך היינט, — דעם זעלבן טאָג — זיך אַרויסציען.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך די גאַנצע צייט באַמערקט מיין פרוי'ס פלירט מיט מיין קרוב. איך האָב, אָבער, געמיינט אַז עס וועט זיך ענ־דיקן אַנדערש. איך האָב דערוואַרט, אַז מיין קרובה וועט זיך כאַפּן אַז מיין פרוי פאַרדרייט איר מאַן דעם קאָפּ און וועט זי... פשוט אויספּאַ־טשן. אָט, ווען זי כאַפּט. פ ו ן ע מ ע צ ן, עטלעכע פּעטש פאַר קאָ־קעטעווען, וואָלט, אפשר, גענומען אַן עק דערצו.

איז מיין קרובה געווען בלינד, אָדער אפשר האָט זי זיך געמאַכט בלינד, און דער ענין האָט זיך פאַרענדיקט, אָט, אַזוי, פשוט אַן... פּעטש! ביז היינט טוט עס מיר נאָך באַנג...

און אַזוי, פריינט מיינער, איז געגאַנגען אונדזער לעבן. איך וויל אייך דערקלערן קאַטעגאָריש, — איך בין זי נישט חושד אַז פאַר דער גאַנצער צייט האָט זי מיך פאַראַטן מיט עמעצן. איך וואָלט געגאַנגען שווערן אַז זי איז אַ ריינע, כשרע, יידישע נשמה! אַז דער פלירט אירער גייט נישט ווייטער פון אַ גנבה׳ש פינטל מיט אַן אייגעלע, אַ קוועטש מיט דער האַנט און אפשר אַ קוש און אַ שפּיל. איך בין זיכער אין איר ער־לעכקייט!

אָט, למשל, האָט זי אייך נישט דערציילט אַ שיינע געשיכטע מיט אַ וואָיאַזשאָר (וויאַכאַנטע), זי ווייסט נישט אַז איך ווייס עס. אָבער, איך וועל אייך עס יאָ דערציילן:

דאָס איז געווען צוריק מיט אַ יאָר צוועלף. מיין פרוי איז שוין דע־מאָלט אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר, און האָט שוין געהאַט צו אָטענ־דירן אַ היפּשע טאָכטער.

אין איינעם אַ טאָג קומט צו פאָרן אַ „וואָיאַזשאָר”, אַ פאָרשטייער פון אַ פּראָווינציעלער פאַבריק וואו מען אַרבעט אוים זאַכן, וועלכֿע מיר פאַרקויפן דאָ. ער איז געקומען צו אונדז אין געשעפט און האָט מיך נישט געטראָפן. מיין פרוי, וועלכע איז די גאַנצע קרעמערקע, ווי זי זאָגט, האָט אים אָטענדירט... אויף איר שטייגער. אַ שמייכעלע, אַ פינטעלע מיטן אויג, אַ מאַך מיטן אַקסל און ווען דער פאַרקויפער מאַכט איר אַ קאָמפּלי־מענט — נעמט זי אים צו מיט ביידע הענט. ער רעכנט איר אוים וואָס פאַר אַ סחורה ער האָט. אַזוי ווי אָבער ער קען דעם „מוסטער” נישט שלעפּן מיט זיך — האָט ער אַלעס אין האָטעל. ער לייגט איר פאָר צו קומען אין האָטעל, און דאָרט, וועט ער איר, נישט בלויז מאַכן אַ גרויסע הנחה אויף די פרייזן — לויט דעם ווי זי פאָרדינט זיך — נאָר... וועט איר נאָך געבן אַ ספּעציעלע מתנה פאַר איר שטוב.

דאָס איז געווען אַזייגער עלף. לאַגיש איז געווען, אַז ביים אָנבייסן זאָל זי מיר דערציילן, אַז ס׳איז פאָראַן אַזאַ און אַזאַ פאָרשטייער פון אַ פאַבריק. זי האָט מיר אָבער קיין וואָרט וועגן דעם נישט געזאָגט. אַזייגער פינף פאַרנאַכט האָט זי זיך פאַרפּוצט און באַשפּריצט מיט פּאַר־מען און זיך צוגעפאַרבט די ליפּן און נעגל און... אַוועק צו יענעם אין זיין האָטעל־צימער אָנקוקן די סחורה.

לאַנג האָט דאָס קוקן נישט געדויערט, ווייל עטלעכע מינוט נאָך

דעם ווי זי איז אַריין צו אים, האָט זיך פון צימער דערהערט... צוויי פליאַסקעדיקע פּעטש מיט אַן אויסגעשריי: „סינווערגוענזאַ!״ (אומפאַר־טער), אַז מען האָט דאָס געשריי געקענט הערן אויף דער צווייטער גאַס. באַלד האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און זי איז אַרויס פון דאָרט ווי אַ דורכגעשאָסענע און איז אַוועק אַהיים...

זי האָט באַם וויכאַנטע גאָר נישט געקענט קויפן, ווייל... ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן. דאָס איז געווען מיינער אַ גוטער ברודער, אַן אמת׳ער גוטער פריינט, וועלכער האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין קאָפּע רעדט מען אויף מיר, אַז „איך טראָג הערנער״. אַז מיין פרוי פאַראַט מיך. איך בין נישט ברוגז געוואָרן אויף אים פאַר זיינע רייד, נאָר איך האָב אים דערציילט מיין פרוי׳ס שלאַפקייט — אַז זי קאָקעטעוועט בלויז. אַ וואָרט אַהער אַ וואָרט אַהין, און מיר האָבן זיך געוועט צו אַ טויזנטער. מיין פריינט האָט מיר פאַרזיכערט אַז ער וועט זי געוואונען. און ווען זי גיט זיך אים איבער — וואָלט זי, פון אים, געווען געכאַפּט פּעטש... איז ער געקומען אין געשעפט, זיך פאַרגע־שטעלט פאַר אַ רייזנדן פאַרשטייער, און ווען זי איז צו אים געקומען אין האָטעל — זי האָט נישט געוואוסט, אַז איך בין אויך דאָ אין האָטעל אין אַ זייטיקן צימער — און ער האָט זי געפּרואווט אַרומנעמען און געבן אַ קוש — האָט זי אים אַראָפּגעלאָזט די צוויי פּעטש...

איך האָב דאַן, נישט בלויז געוואונען אַ וועט אין אַ טויזנטער — נאָר טויזנט מאָל מער צוטרוי צו מיין פרוי. אָבער — וואָס קומט אַרויס דערפון. איר קאָקעטעווען הערט נישט אויף, אַפילו איצט, ווען זי איז שוין אַ באָבע און טראָגט שוין אויף די הענט אַ שיין אייניקל...

און אָט, באַם פאַרענדיקן צו דערציילן מיין ביטער און פאַרביטערט לעבן, ווייל איך אייך אַרויסברענגען נאָך אַן עפּיזאָד, ווי זי, די באָבע, האָט אָפּגעשפּילט צוריק מיט אַ יאָר. אַן עפּיזאָד וואָס איז נאָך ביז היינט צו טאָג נישט דערליידיקט.

ווי איך האָבן אייך שוין דערציילט, זיינען מיר שוין זיידע־באָבע. אונדזער אייניקל, זאָל לעבן, איז איצט אַלט דריטהאַלבן יאָר. צוריק מיט אַ יאָר איז דאָס געווען, איז די טאָכטער מיט איר מאַן מיטן קינד, באַ אונדז צו גאַסט. אונדזער וואוינונג איז צוזאַמען מיט דער קלייט. זיצן מיר באַם טיש און טרינקען טיי. עס זיצן אַלע — אַ חוץ מיין פרוי, וועלכע איז אין קלייט און אַטענדירט עפּעס אַ „פראַנט״, אַ קליענט וועל־כער שטייט שוין אַ שעה, האַלט אין איין ריידן מיט מיין פרוי און קויפן — קויפט ער גאָרנישט...

איך זיץ אין שטוב און דאָס בלוט טריפט אין מיר! איך פאַרשטיי שוין אַז דאָס האָט זי געפּאַקט עפּעס אַ קרבן מיט וועמען זי פלירטעוועט. ווען זי וויל — קען זי אים לייכט איבערגעבן צו אַן אַנגעשטעלטן — פאַראַן קיין עין־הרע, גאַנצע זעקס אין געשעפט. — זי טוט אָבער אירס. די טאָכטער איז זי שוין געגאַנגען רופן — אָבער זי לאָזט נישט איבער איר „קליענט".

פּלוצים פאַרגלוסט זיך מיין איידעם זי גיין רופן. גייט ער אַריין אין קלייט אַריין און רופט זיך אָן צו איר, אַזוי היימישלעך, ליבלעך, ווי קינדער קאָנען אַמאָל ריידן:

—„טשע, וויעכאַ, אַנדאַ, טע זשאַמאַ טו ניעטאַ" (דו, אַלטע, גיי, דיין אייניקל רופט דיך).

עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט און... זי איז אַריין אין שטוב מיט אַ געוויין, מיט אַ היסטעריש כליפּען. וואָס איז? דער איידעם האָט זי באַליידיקט פאַר פרעמדע מענטשן...

—וואָס באַליידיקט? ווער באַליידיקט? וואָס האָט ער דען געזאָגט?

—ער האָט זי גערופן... אַלטע!

שוין אַ יאָר זינט יענעם טאָג און... זי איז נאָך ברוגז אויף אונ־דזער איידעם, מיט וועמען זי רעדט נישט און וועלכער גייט נישט אין שטוב אַריין. זי האָט אים דעמאָלט, פּשוט פון דער שטוב אַרויסגעטריבן.

אין עטלעכע חדשים אַרום, נאָך יענעם פאַל, איז געווען פּסח. און בּאַ מיר איז איינגעפירט אַז מען פּראַוועט אַ סדר אין שטוב און עס איז דאָ די גאַנצע פאַמיליע. האָב איך געהאַט אַ פאַרשטערטן פּסח, ווייל מיין איידעם האָט נישט געוואָלט קומען צום סדר, סאַידן זי, די שוויגער, וועט אים צ ו פ ו ס — פאַראַן צו גיין אַזעלכע 20 קוואַרטאַלן — נישט קומען בעטן און איבערבעטן פאַר דעם אומזיסטן אים באַליידיקן...

איצט האַלט מיין טאָכטער באַם געלעגן־ווערן. מיין איידעם זאָגט, אַז אויב די שוויגער וועט קומען צו אים אין שטוב אַריין — גייט ער אַוועק פון דער שטוב. און דאָס אַלעס ווייל ער האָט זי גע'מסר'ט פאַר יענעם נאַרישן פראַנט, מיט וועלכן זי האָט געפלירטעוועט, אַז... זי איז אַן אַלטע און זי האָט שוין אַן אייניקל!...

ניין, ליבער פריינט!

צו לעבן רואיק און צו האָבן אַ רואיקע היים, דאַרף מען נישט אָנ־קומען צו... סיאַנוראַ אָדער צו אַ גט! מען דאַרף בלויז זיך נישט נאַריש מאַכן און אויפהערן פלירטעווען מיט פרעמדע מענער, דערהויפּט, איצט.

ווען מען איז שוין אַ באָבע...

צי מעג מען חתונה האָבן, ווען מען קען זיך בלויז געציילטע וואָכן?

וויפל צייט דאַרף אַוועקגיין, פון דעם טאָג אָן, ווען אַ פּאָרל — אַ יינגל מיט אַ מיידל — באַקענען זיך, ביז יענעם טאָג, ווען זיי באַשליסן ווערן חתן־כלה?

און נאָכדעם, ווען דאָס פּאָרל איז שוין, אָפיציעל חתן־כלה, וויפל צייט דאַרף ד ע ר נ א ך אַוועקגיין, אַז דאָס פּאָרל זאָל זיך גוט, גוט, באַקענען און באַשטימען גיין צו דער חופה?

צי האָט איר זיך אַמאָל פאַרטראַכט דערפון?

זיכער איז, אַז קיינער פון אונדז האָט זיך די דאָזיקע פראַגע קיינמאָל נישט געשטעלט!

צוריק מיט יאָרן, מיט אַ סך יאָרן, אין אונדזער אַלטער היים, האָט בכלל אָט דער „פּראָבלעם" נישט עקזיסטירט. „חתן־כלה" זיינען פאַרקנסט געוואָרן, נישט קענענדיק זיך אַפילו און ביזן טאָג פון שטיין אונטער דער חופה האָבן זיי זיך, דאָך, אַפילו נישט געקענט!

שפּעטער מיט יאָרן, דאָס הייסט, מיט אַ דרייסיק־פערציק יאָר צוריק, ווען דאָס לעבן איז שוין געווען, אַזוי צו זאָגן „מאָדערן", איז געקומען אַ שדכן און „גערעדט אַ שידוך"; חתן־כלה האָבן זיך „אָנגעקוקט" און מען האָט אָפּגעשטעלט דעם טאָג פון „שרייבן תנאים". אויב חתן־כלה זיינען נישט געווען קיין גאָר, גאָר, „מאָדערנע" — האָבן זיי זיך נישט געטראָפן אָפט! אָבער דער גרעסטער טייל יוגנט פון יענע יאָרן, זיינען שוין געווען „היינטוועלטיקע", האָבן שוין גענומען אָנטייל אין „קרוזשאָקס", האָבן זיך שוין געטראָפן אין „טאַנץ־זאַל" און מען האָט זיך דערנענטערט איינס צום אַנדערן.

פלעגן טאַקע טרעפן פאַלן, אַ סך פאַלן, וואָס עס איז געוואָרן „אויס שידוך". מען האָט „אָפּגעשיקט די תנאים" ווייל חתן־כלה האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי האָבן פאַרשיידענע כאַראַקטערן און קאָנען נישט „הויזן".

אָבער, אַז, אין היינטיקע יאָרן, אין דער נייער וועלט וואָס הייסט,

אַמעריקע, זאָל זיך טרעפֿן, אַז אַ פּאָרל זאָל זיך באַקענען אויף אַ באַל אָדער אויף אַ חתונה און ביז צום חודש זאָלן זיי שוין זיין... מאַן און ווייב — דאָס איז אַ זעלטנהייט, וואָס נישט שטענדיק לאָזט זיך עס אויס צו גוטן...

און אָט האָבן מיר אַ ביישפּיל פֿון אַזאַ „איילעניש".

———::———

אַ מאַן אין די בליענדיקסטע יאָרן, הויך, ברייטפּלייציק, מיט אַ שיינעם קאָפּ געקרייזלטע האָר, וועלכע זיינען שוין באַ די זייטן אַ היפּשע מאָס גראָע... זיצט אויף אַ שטול אַ קעגן אונדז און דערציילט אונדז זיין געשיכטע — ספּעציעל, ווי אַזוי ער האָט חתונה געהאַט — און עס איז נישט צו גלויבן, אַז דאָס קען געשען אין אונדזערע צייטן, אין אונדזערע יאָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין אַלט 32 יאָר — הויבט ער אָן דערציילן — און מיר דוכט זיך, אַז שוין דרייסיק יאָר ווי איך לייד אויף גאַנס וועלט אַלע שטראָפֿן וואָס מען דערציילט וועגן גיהנום.

איך בין נאָך, אַזוי צו זאָגן, אַ „גרינער". אין לאַנד בין איך געקומען אַ שעה, ממש אַ שעה, איידער עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט מלחמה, דעם 30-טן אויגוסט 1939. געקומען בין איך אין דער באַגלייטונג פֿון מיין מוטער ע"ה, וועלכע איז דאָ צוריק מיט עטלעכע יאָר געשטאָרבן, און מיט צוויי שוועסטער —ביידע עלטערע פֿון מיר, וועלכע האָבן דאָ געפֿינען זייערע באַשערטע, חתונה געהאַט און פֿירן אַ גליקלעך לעבן.

באַלד פֿון ערשטן טאָג אָן פֿון אונדזער קומען אין לאַנד אַריין, האָבן מיר זיך גוט איינגעאָרדנט, זיך באַזעצט אין אַ פיינער באַקוועמער דירה און אַלע דריי האָבן מיר פֿאַרדינט זייער גוט. איך בין פֿון דער היים אַ פֿאַכמאַן. אַלס דרייצניערִיק בחורל האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן באַ פֿרעמדע פּרויען-מאַנטלען און ווען איך בין געקומען אַהער, האָב איך געקראָגן אַרבעט אין אַ גרויס געשעפֿט און גוט פֿאַרדינט.

איך האָב אָבער לאַנג באַ יענעם נישט געאַרבעט. אין יאָר 1942 האָב איך שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע טויזנטער און זיך געשטעלט אַרבעטן פֿאַר מיר — און צו וואָס לייקענען — קיין מיליאָנער בין איך נישט געוואָרן, אָבער אַ שטיק עושר — יאָ.

אין יענער צייט, האָבן מיינע צוויי שוועסטער חתונה געהאַט און

איך בין געבליבן אַליין מיט מיין מאַמען ע״ה. די מוטער מיינע — ווי אַלע אידישע מאַמעס, האָט געוואָלט דערלעבן „נחת״ אין מיר און האָט טאָג און נאַכט גערעדט איבער מיר, אַז איך זאָל חתונה האָבן. עס האָט זי נישט געאַרט וואָס זי וועט בלייבן אַליין. — זי פלעגט שטענדיק ריידן אַז זי וועט נישט וואוינען מיט קיין קינד, נאָר גיין צו־גאַסט צו די קינ־דער — זי פלעגט מיר פאָרשלאָגן, אַז איך זאָל בלייבן מיט דער גרויסער, באַקוועמער, שטוב, וואָס מיר פאַרמאָגן — אַ שטוב פון 4 גרויסע צימערן מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען — און זי וועט גיין וואוינען באַזונדער אין אַ צימער באַ יענעם אין שכנות.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געוואָלט הערן פון ביידע זאַכן: נישט פון... חתונה האָבן און נישט פון לאָזן דער מאַמען וואוינען אַליין צווישן פרעמדע מענטשן. חתונה האָבן האָב איך נישט געוואָלט — אָן אַ פאַרוואָס. איך האָב געוואָלט זיין פריי, פירן אַ פריי לעבן, גיין וואו־הין איך וויל און קומען — ווען איך וויל. מיט איין וואָרט, — נישט זיין פאַרבונדן מיט אַן עול, מיט אַ „מוז״. איך האָב געהאַט אַ ביישפיל פון אייניקע חברים מיינע, וועלכע האָבן געלעבט, ווי איך, אַ פריי לעבן און פלוצים — זיינען זיי „אַריין אין אַ שטייג״ — אַזוי פלעג איך זיך אויס־דריקן. איך פלעג זאָגן מיין מאַמען אַז איך וועל גאָרנישט אָנווערן ווען איך וועל חתונה האָבן צו 35 יאָר, וואָס איז שייך לאָזן די מאַמע אַליין — האָב איך אַפילו אַ מינוט נישט געטראַכט. — איך פלעג זיך וויצלען, אַז אויב מיין צוקונפטיקע פרוי וועט מיר זאָגן: אָדער זי, אָדער די מאַ־מע, — וועל איך בעסער בלייבן מיט דער מאַמען.

דער מענטש אָבער איז אַ נאַר. ווי זאָגט מען ביי אונדז: „ער טראַכט און גאָט לאַכט״. אין אַ טאָג, איז די מאַמע קראַנק געוואָרן און איידער מיר האָבן צייט געהאַט וויסן וואָס עס איז איר — איז זי געשטאָרבן.

אויב איך האָב נישט געפילט דעם טעם וואָס עס הייסט זיין אַ יתום ווען מיין פאָטער ע״ה איז געשטאָרבן, — איך בין אַלט געווען קאַרגע דריי יאָר — האָב איך איצט, באַ אַלט זיין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, איך יאָ דערפילט עלנט און אומבאַהאָלפן ווי אַ יתום׳ל וואָס בלייבט איי־נער אַליין אויף דער וועלט. איך, דער שטענדיק פריילעכער, דער זינגג־דיקער און טאַנצנדיקער. בין אַרומגעגאַנגען מרה־שחורהדיק און זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען. איינער אַליין אין אַ גרויסער שטוב, האָב איך זיך קיין שעה צייט נישט איינגעהאַלטן, און ווייל די מאַמע האָט שטאַרק ליב געהאַט איר גראַס, רחבותדיק וואוינונג, האָב איך די שטוב יישט געוואָלט אָפּלאָזן און גיין וואוינען ערגעץ באַ יענעם אין אַ צימער

אגב, שפּעטער איז שוין געוואָרן אַ מאַנגל אין וואוינונגען און איך האָב נישט געוואָלט אָנווערן אַזאַ באַקוועמע דירה.

אָבער, אַז די וועלט זאָגט אַ ווערטל — איז עפּעס דאָ אין דעם. די וועלט זאָגט אַז „וואָס די ערד דעקט צו, מוז מען פאַרגעסן" — אַזוי איז בײַ מיר אויך געווען. די ערשטע וואָכן, די ערשטע חדשים, דאָס ערשטע יאָר, האָב איך געטרויערט און זיך קיין אָרט נישט געפונען. דאָס צווייטע יאָר האָב איך שוין אָנגעהויבן גיין אין טעאַטער, אין סינע און אויף באַלעס. ספּעציעל האָב איך נישט דורכגעלאָזט קיין איין גרויסע באַלע פון די אידישע אינסטיטוציעס, וואו עס קומען אידישע מיידלעך. איך האָב טאַקע נישט געטראַכט וועגן זיך פאַרבינדן מיט אַ מיידל, וועגן חתונה האָבן, אָבער אויב שוין יאָ „אַריינפאַלן", האָב איך געוואָלט אַריינפאַלן צו אַ אידיש מיידל... און אָט דאָ, קום איך צו, צום עיקר פון מיין געשיכטע און פון מיין טראַגעדיע.

אין איינעם אַ שבת בײַנאַכט האָב איך געהאַט אַ בילעט צו אַ באַלע אין אַ גרויסן סאַלאָן, און איך בין געגאַנגען אַהין אָן אַ מינדעסטן חשד, אַז פון דאָרט וועל איך אַרויס גאָר אַן אַנדערער.

ווי עמיצער זאָל מיך פירן בײַ דער האַנט, בין איך, באַלד, ווי די באַלע האָט זיך אָנגעהויבן, צוגעגאַנגען צו אַ יונג, שיין מיידעלע און זי איינגעלאַדן צו טאַנצן. דאָס מיידל — יינגער פון מיר מיט אַ פּאָר יאָר, מיט אַ פּאָר שיינע גרויסע אויגן און שיינע בלאָנדע האָר, האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען מיין איינלאַדונג. אָפּגעטאַנצט איין טאַנץ, האָב איך זי איינגעלאַדן צו אַ צווייטן, אַ דריטן, און אַזוי האָבן מיר געטאַנצט די גאַנצע נאַכט. נישט איך האָב געטאַנצט אפילו איין טאַנץ מיט אַן אַנדערער, נישט זי האָט געטאַנצט מיט אַ צווייטן. טאָמער האָט איינער „פאַרבלאָנדזשעט" און זי איינגעלאַדן צו אַ טאַנץ — האָט זי העפלעך אָפּגעזאָגט.

אין משך פון דער נאַכט האָבן מיר גערעדט אַ סך. דאָס מויל האָט זיך אונדז ביידע נישט צוגעמאַכט. און אַזוי טאַנצנדיק און לאַכנדיק, האָט זי מיר געזאָגט אַז היינט, ווען אַ שיינער בחור לאַדט איין צו אַ טאַנץ, דאַרף מען אים פרעגן צי... ער איז אַ פאַרמעגלעכער, צי ער פאַרדינט גוט און דער עיקר, צי ער קען קריגן אַ „דעפּאַרטאַמענט" אויף גיין חתונה האָבן... איך ווידער, האָב אַזוי טאַנצנדיק און לאַכנדיק איר דערציילט מיין לאַגע, אַז נישט נאָר איך האָב אַ פּאַרטיק גרויס וואוינונג, נאָר אויך אַן אייגענעם אויטאָ מיט אַ ראַדיאָ אינעווייניק און אַז שדכנים שלאָגן אָפּ מיין שוועל...

פון דער באַילע האָב איך דאָס מיידל צוזאַמען מיט אירס אַ חברטע, מיט וועלכער זי איז געקומען, אָפּגעפירט אַהיים, פריער האָבן מיר אָפּ־געפירט די חברטע מיט איר בחור און דערנאָך ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָב איך זי אָפּגעפירט צו איר הויז, און בײַ דער טיר זיינען מיר נאָך געשטאַנען, גערעדט און... זיך געקושט — אַ שעה צייט.

איך וועל נישט לייקענען. בײַ מיר איז דאָס אַלעס קיין נייעס נישט געווען. מיט הונדערטער מיידלעך האָב איך געטאַנצט, הונדערטער מייד־לעך האָב איך אָפּגעפירט אַהיים און מיט הונדערטער מיידלעך האָב איך זיך... געקושט. דאָס מאָל האָב איך דערפילט, אַז... עס איז עפּעס אַנ־דערש. עס האָט מיר געדאַכט אַז די „פייל" — די „פייל פון ליבע" האָט מיך געטראָפן. איך האָב זיך באַשטעלט מיטן מיידל — אסתר, וועלן מיר זי רופן — זיך צו טרעפן אויפן צווייטן טאָג אין אַ „קאָנפיטעריע".

איך בין געקומען אַהיים פאַרטאָג און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך בין נישט אַנטשלאָפן געוואָרן... דאָס גע־שטאַלט, די גראַציעזע פיגור פון אסתרן, איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן, איך — וואָס האָב שטענדיק געלאַכט און געשפּאָט פון די „פאַר־ליבטע" — איך, האָב געפילט, אַז דאָס מיידל איז מיר אַריין אין האַרץ. איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און געזען אסתרן, האָב איך פאַרמאַכט די אויגן, האָב איך ווידער געזען אסתרן. איך האָב זיך צוריק אָנגעטאָן און בין אַרוים אויפן באַלקאָן פון מיין הויז.

די שעה'ן ביז דער באַשטימטער „טרעפעניש" האָבן זיך שרעקלעך געצויגן. עס האָט מיר שוין באַנג געטאָן פאַרוואָס איך האָב זי באַשטעלט אויף זיבן אַ זייגער. געווען געדאַרפט באַשטעלן אויף פינף, אָדער גאָר אויף דריי, באַלד נאָכן עסן, צו מאַכן אַ שפּאַציר אויסער דער שטאָט אָדער אין פּאַרק.

איך בין דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג, וואָס איך האָב געוואַרט אויף דער „סיטאַ" פון שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען. איך בין אַפילו נישט גע־גאַנגען עסן אין מיין פּענסיאָן און זיך נישט איבערגעטאָן. — איך בין געזעסן אין שטוב אָדער געלעגן אויף דער סאָפע און... געטראַכט: איך האָב זיך פאַרגעשטעלט דעם נעכטיקן אָוונט, איך האָב זיך דער־מאָנט יעדעס וואָרט וואָס מיר האָבן גערעדט. מערקווירדיק, ערשט איצט האָבן איך זיך געגעבן רעכענונג, אַז איך האָב איר אַלעס דערציילט וועגן זיך. זי אָבער, האָט וועגן זיך מיר גאָרנישט דערציילט. איך ווייס אַפילו נישט ווער זי איז? ווער אירע עלטערן זיינען? צי זי האָט ברידער, שוועס־טער, צי זי לערנט אָדער אַרבעט? אַ וואָרט וועגן דעם האָבן מיר נישט

גערעדט. אָבער — איך פאַרענטפער זי באַלד אין מיינע געדאַנקען — וואָס האָבן איך געוואָלט, אַז אין ערשטן אָוונט, אין דער ערשטער שעה, זאָל זי מיר אַלעס אויסדערציילן? אפשר געפעל איך איר גאָרנישט? אפשר...

ניין, פון נישט געפעלן, קען קיין רייד נישט זיין. אַט האָט זי מיך דאָך געקושט מיט אַזאַ ליידנשאַפט! אַ בחור וואָס געפעלט נישט — קושט מען נישט אַזוי.

און טראַכטנדיק וועגן קושן:

דוכט מיר אויך, אַז ווערליק מען קען זיך ערשט אַ פּאָר שעה — דאַרף אַ מיידל זיך נישט לאָזן קושן און צוריק קושן נאָך שטאַרקער...

אָבער — איך „פאַרענטפער" זי ווידער.

אפשר בין איך איר נאָך מערער געפעלן, ווי זי מיר!...

אומדרייענדיק זיך אין שטוב האָב איך ערשט איצט באַמערקט אַז דאָס מעבל מיינס איז „אַלטמאָדיש" און מען דאַרף עס בייטן. קיין פראַגע וועגן געלט עקזיסטירט איצט באַ מיר נישט. אַ חוץ מיין געשעפט בין איך אַן אייגנטימער פון העכער הונדערט טויזנטערס אָפּגעשפּאָרטע אין באַנק. איך בין שוין גרייט, מאָרגן צו גיין קויפן אַנדער מעבל. אמת, „פראַנצויזש" מעבל. איך באַשטים אָבער אַז... זאָל בעסער אסתרקע גיין אויסקלייבן דאָס מעבל. איך פאַרגעס, אַז אסתרקע איז נאָך נישט מיינע. אַז אסתרקע איז דערוויל אַ פרעמד מיידל וואָס האָט גאָר אפשר שוין אַ „פרעטענדענט". אָבער, אין מיין פאַנטאַזיע, איז שוין אסתרקע מיינע און זי דאַרף שוין גיין אויסקלייבן דאָס מעבל.

ביז איך האָב דערלעבט די ווייזערס פון זייגער זיך צורוקן צו זעקס — ביז איך שיעור פון זינען אַראָפּ. עפּעס האָבן זיך די שעה'ן און מינוטן אַזוי געצויגן. יעדע שעה אַ יאָר! יעדער מינוט — אַ חודש! ענדלעך האָב איך זיך גענומען איבערטאָן און זיך — צום צווייטן מאָל אין זעלבן טאָג — אָפּגאָלן. אין 15 מינוטן פאַר דער באַשטימטער שעה בין איך שוין געשטאַנען באַ דער טיר פון דער קאָנפיטעריע און געוואַרט אויף „מיין" אסתרקען.

אויב איר זיינט אַמאָל געווען אַ בחור און אויב איר האָט אַמאָל געוואַרט אויף אַ מיידל, דאַרפט איר פילן מיין האַרץ. איך האָב געקוקט אויף מיין זייגער און געכאַפּט אַ קוק אינעווייניק אויפן זייגער פון קאָנפיטעריע און איך האָב אויסגעפונען אַז מיין זייגער לויפט אויף גאַנצע... אָנדערהאַלבן מינוט צייט! — דאָס, האָט נאָך שווערער געמאַכט מיין געמיט! הייסט עס. אַז איך וועל דאַרפן וואַרטן איבעריקע... אנדער-

האַלבן מינוט! און כאַטש מיין קאָפּ און מיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט אסתרקען און מיט דער „גרויסער פראַגע", צי זי וועט קומען אין צייט —און דער עיקר אַליין, אָן איר חברטע— דאָך, האָב איך געהאַט צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן... מיין מאַמען, וואָס האָט נישט דערלעבט צו אָט דעם נחת, ווי איר זון וואַרט אויף אַ מיידל און וויל פאַר איר חתונה האָבן. מיין מאַמע איז געשטאָרבן מיטן גלויבן אַז איך וועל פאַרזיצן אַ בחור. און דאָ, שטיי איך נעבן אַ קאָנפיטעריע און וואַרט אויף אַ מיידל „אין ערנסט".

ווער ווייסט וואָס איך וואָלט נאָך געטראַכט ווען איך דערפיל נישט פלוצלינג אַ צאַרטן קוועטש אין דער האַנט וואָס איז געקומען הינטער־אַרום. איך גיב זיך אַ דריי אויס — אסתרקע שטייט פאַר מיר...

איך בין געבליבן אַ ביסל איבעראַשט. לויט מיין חשבון האָט נאָך געפעלט אַכט מיט אַ האַלבע מינוט!... אסתרקע האָט באַמערקט מיין צעטומלטקייט, מיר געשאָנקען אַ וואַרעמען שמייכל און זיך פאַרענט־פערט, אַז איר זייגערל... לויפט אַ ביסעלע...

מיר זיינען אַריינגעקומען אין קאָנפיטעריע. מיר האָבן זיך סערווירט טיי מיט מילך. פאַר מיר איז דאָס געווען מיין... איבערבייסן און מיין אָנבייסן. איך האָב נאָך פאַר פרייד אין מויל נישט געהאַט. ערשט איצט האָב איך זיך בעסער צוגעקוקט צו אסתרקען. זי איז געווען שיין און גראַציעז, אַ סך שענער ווי איך האָב זי נעכטן געזען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך צי אין דער גרויסער קאָנפיטעריע געפינט זיך נאָך אַזאַ שיין מיידל ווי אסתרקע איז. עס האָט זיך מיר — דעם פאַר־ליבטן בחור — אויסגעוויזן, אַז פון אַ סך טישלעך קוקט מען צו מיר, מען איז מיך מקנא וואָס איך זיץ מיט אַזאַ שיינהייט אַזוי נאָענט...

איך ווייס, אַז עס וועט אייך זיין שווער צו גלויבן. 15 מינוט נאָכ־דעם, ווי מיר זיינען אַריינגעקומען אין קאָנפיטעריע האָב איך... איר זיך דערקלערט אין ליבע. איך האָב עס געמאַכט פשוט אָן קונצן, אָן איבעריקע רייד. מיר האָבן גערעדט פון דעם נעכטיקן באַל, פון איר חברטע וועלכע ווערט די טעג אַ כלה פאַר אָט דעם בחור וואָס זי האָט מיך נעכטן מיט אים באַקאַנט, און אַזוי, אינמיטן, נישט מיר, נישט דיר, בין איך אַריינגעפאַרן מיט אַ פראַגע:

— פריילן אסתר, ווילט איר מיט מיר חתונה האָבן?

זי איז געבליבן זיצן אַזוי פאַרוואונדערט, מיט אַן אָפן מויל און מיט גרויסע אויסגעשטעלטע אויגן און...

האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

פון אַלע טישלעך האָט מען גענומען קוקן צו אונדז. אַ סך פון די נאָנטע טישלעך האָבן אויך אָנגעהויבן לאַכן. אַזוי ווי איך בין געווען ערנסט און דערשראָקן, האָט מען פון דער זייט געקענט מיינען, ווער ווייסט פון וואָס דאָס שיינע מיידל לאַכט. און אפשר? אפשר האָט מען זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך האָב זיך געפילט אומ־באַקוועם, און געבעטן אסתרקען אַז זי זאָל מיר דאָ נישט ענטפערן. מיר׳ן אַרויסגיין פון דער קאָנפיטעריע, מיר׳ן זיך אַריינזעצן אין מיין אויטאָ און דאָרט וועלן מיר ריידן...

איך האָב אויף שנעל צוגערופן דעם קעלנער, באַצאָלט... דריי מאָל אַזוי פיל וויפל דער באַטרעף איז געווען, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום אויטאָ, וועלכער איז געשטאַנען אַ פּאָר הונדערט מעטער פון קאָנ־פיטעריע. אויפן וועג האָבן מיר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. איך האָב זי געפירט געאָרעמט און געהאַלטן איר האַנט אין מיינער. לויטן דרוק פון איר האַנט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב האָפענונג.

ווען מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ, און איך האָב געוואָלט אָנהויבן ריידן — האָט זי מיר צאַרט צוגעהאַלטן מיט איר האַנט דאָס מויל. זי האָט געוואָלט זיצן אַ ביסל שטיל.

וויפל אָט די שטילקייט האָט געדויערט קאָן איך גענוי נישט אויס־רעכענען. לויטן זייגער — אַ פּאָר מינוט! לויט מיין האַרץ — אַן אייבי־קייט! ענדלעך האָט זי געבראָכן די שטילקייט, און מיט אַן ערנסט פּנים זיך אָפּגערופן:

— ווי אַזוי האַנדלט איר אַזוי איבערגעאיילט? נישט קאָנענדיק מיך, נישט וויסנדיק ווער איך בין, וואָס איך בין, און ווער עס זיינען מיינע עלטערן — לייגט איר מיר שוין פאָר ווערן אייערע! זעט איר, איך וועל זיין פאָרזיכטיקער און אייך פרעגן בלויז איין זאַך:

בין איך באַ אייך די ערשטע? האָט איר שוין געהאַט פריער אַ פרוי, אַ כלה? אָדער אַ געליבטע?

איך האָב אַזש אויפגעטאַנצט פאַר פרייד. אויב בלויז דאָס קען זיין דער אָפּשטעל — איז קיין מניעה נישט פאַראַן. איך האָב איר באַלד דערציילט וועגן מיין מאַמען וואָס פלעגט וויינען און קלאָגן פאַרוואָס איך קוק נישט אויף קיין מיידלעך; פאַרוואָס איך יאָג זיך נישט נאָך זיי און האָט מיר פאַרויסגעזאָגט, אַז איך וועל שטאַרבן אַ בחור, און אַזוי שיטנדיק מיט פייער וועגן מיין „אומשולד״ האָב איך געהאַלטן אין איין קושן איר האַנט.

— נו, און וועגן מיר אינטערעסירט אייך נישט צו וויסן?

— זיכער נישט! וואָס איז מיר פאַר אַ נפקא מינה, צי איר האָט געהאַט אינגלעך וואָס זיינען אייך נאָכגעלאָפן און אייך געוואָלט? איך שטעל זיך פאָר אַז אַזעלכע זיינען געווען אין די צענדליקער, אין די הונדערטער אפשר. זיי, אָבער, האָבן קיין מזל נישט געהאַט! און אפשר איז די מאַמע געווען גערעכט — עס איז נישט געווען זיי באַשערט אָט דאָס גליק! וואָס זשע דאַרף איך נאָך וויסן, ווער און וויפל זיי זיינען געווען!...

אַך! ווי נאַריש איך בין דאַן געווען אַזוי צו ענטפערן. איך, דער דרייסיק-יאָריקער בחור; איך, דער פּראַקטישער מענטש און סוחר, וואָס האָט געקענט אין געציילטע עטלעכע יאָר מאַכן אַ פאַרמעגן; איך — אָט דער סוחר — האָב זיך אַנגעכאַפּט אין אַ שיין שטיקעלע סחורה, און אַפילו נישט געפּרואווט אַ טראַכט טאָן, וואָס פאַר אַ סחורה איז דאָס? פון וואַנען קומט די סחורה? און וואָס האָט ווערט די סחורה? ווען איך האָב זיך געכאַפּט — איז שוין געווען שפּעט, די ליבע מיינע צו אסתרקען האָט אַזוי זיך צעפלאַמט, אַז פּונקט צו די דרייסיק טעג נאָך אונדזער באַקענען זיך — זיינען מיר שוין געווען מאַן און ווייב און שוין געפלויגן קיין בראַזיל אויפן „האָניק-חודש"...

איך האַלט פאַר איבעריק צו דערציילן אַלע איינצלהייטן פון די דרייסיק טעג ביז אונדזער חתונה. יענעם זונטיק אויפדערנאַכט האָט מיך אסתרקע געבראַכט צו אירע עלטערן, נישט קיין פאַרמעגלעכע אָבער זייער פיינע מענטשן. דער פאָטער איז אַ אידישער לערער. אויך די מוטער איז אַ וואוילע, אינטעליגענטע פרוי. באַם אַריינקומען האָט זי מיך פאָרגעשטעלט אַלס... איר חתן. הן דער פאָטער, הן די מוטער האָבן זיך מיט מיר צוקושט און מיר געוואונטשן מזל טוב. מען האָט באַלד געשטעלט „כיבוד" און מען האָט געשיקט רופן אסתרקעס על־טערע שוועסטער — שוין חתונה געהאַטע, זייערע מענער זיינען שותפות אין אַ מעבל געשעפט און האָבן געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק אויף מיר. פאַרשטייט זיך, אַז דעם גאַנצן אויפדערנאַכט האָט מען געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר און די מוטער האָט געהאַט איין אַרבעט — זיך ווישן די אויגן. איך האָב זיי באַלד געזאָגט, אַז איך וויל נישט פאַרלירן קיין צייט אין „נאָוויאַזגעווען" (זיך אַרומפירן אַלס חתן-כלה) און איידער עס קומען אָן די „דריי וואָכן" און דערנאָך די ימים טובים אין וועלכע מען קען נישט פּראַווען קיין חתונות — וויל איך אין אַ חודש אַרום שטעלן אַ חופּה, מאַכן אַ יום טוב און אַוועקפליען מיט אסתרקען אויף אונדזער האָניק-חודש.

די עלטערן האָבן גראָדע געפּרואווט מיך איבעררײדן זיך נישט צו אײַלן אָבער, איך האָב זיך בײַ זײ געבעטן ווי אַ קינד — און זײ האָבן אײַנגעוויליקט.

דעם צווייטן אויפדערנאָכט האָב איך געבראַכט מײַן כלה אַ טײַער בריליאַנטן זייגערל, אַ שיינעם גאָלדענעם האַלדזבאַנד פאַר מײַן צו־קונפטיקער שוויגער; אַ מתנה דעם שווער און אַ חוץ דעם — אַ שיי־נעם טשעק אויף אײַנצואָרדענען די חתונה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די חופּה־צערעמאָניע האָבן מיר געפּראַוועט בײַ אַ היגן באַוואוסטן חזן און טאַקע דאָרט געפּראַוועט אַ שיינעם לונטש פאַר די בײַוועזנדע געסט.

עס איז איבעריק צו זאָגן אַז איך האָב געביטן דאָס מעבל פון שטוב און דער וואָס איז אַרײַנגעקומען צו מיר — האָט די שטוב נישט דער־קענט.

איך בין געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. בלויז אַ ביסעלע צרות האָב איך געהאַט פון מײַנע שוועסטער, וועמען דער שידוך איז נישט אָנגעשטאַנען. זײ זײַנען נישט געווען צופרידן מיט דער אײַלעניש אין וועלכן איך האָב חתונה געהאַט און מער ווי אײַנמאָל זײַ־נען זײ מיר געקומען „עפּעס" דערציילן וועגן אסתרקען און וועגן אירע עלטערן. נאָר איך האָב זײ נישט געלאָזט אויסריידן אַ וואָרט. און אײַנ־מאָל, עטלעכע טעג פאַר דער חתונה האָב איך אַ שוועסטער מײַנע, פּשוט אַרויסגעטריבן פון שטוב און דערנאָך געהאַט אַן אַרבעט צו גיין איבערבעטן זי, אַז זי זאָל קומען אויף דער חתונה.

אַזוי האָט זיך מײַן גליק געצויגן ביז אונדזער קומען צוריק פון אונ־דזער „האָניק־רייזע".

עטלעכע טעג נאָך אונדזער קומען צוריק, זײַנען מיר אין אַן אויפ־דערנאָכט געגאַנגען אין אַ שפּאַנישן טעאַטער. ווי נאָר מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט און נאָך איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, און אסתרקע האָט דורך אַ בינאָקל באַטראַכט דעם עולם (מיר זײַנען געזעסן אין אַ לאָזשע מיט אירע עלטערן) האָט זי עפּעס באַמערקט צווי־שן פּובליקום, איז געוואָרן בלאַס, זיך אָנגעהויבן שושקען מיט דער מו־טער און מיך געבעטן זי אַ היים פירן. וויפל איך האָב זי געוואָלט באַ־רואיקן האָט נישט געהאָלפן. איך האָב געפּועלט בײַ די עלטערן, אַז זײ

זאָלן בלייבן אין לאָזשע — מיר וועלן זיכער באַלד קומען צוריק, ווי נאָר עס וועט איר איבערגיין. אָבער — מיר זיינען צוריק נישט געקומען.

אין דער היים האָט אסתרקע קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נישט געלאָזט, אַז איך זאָל זיין נעבן איר, נישט געלאָזט זיך צערטלען, אַפילו אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ. זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן אָנטאָן.

וואָס מיר האָט שטאַרק געוואונדערט, איז, וואָס אירע עלטערן זיינען נישט געקומען און אַפילו טעלעפאָניש נישט געפרעגט וואָס אסתרקע טוט.

אינדערפרי איז אסתרקע אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ ווייטיק און איך — מיט אַ רעטעניש אין האַרצן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס איז מיט איר געשען אין טעאַטער. ווען מען האָט זי דאָרט דערזען, וואָס זי איז אַנטלאָפן פון דער לאָזשע אַהיים? פרעגן זי — האָב איך נישט געוואָלט! איך האָב געוואָלט פאַרגעסן יענעם אויפדערנאַכט.

אַ צווייט רעטעניש איז פאַר מיר געווען: — אסתרקע האָט מער נישט געוואָלט אַרויסגיין. מיר פלעגן די אויפדערנאַכטן פאַרברענגען אין דער היים שפּילנדיק אין „רעמי". וויפל איך האָב זי נישט געבעטן, אַז מיר זאָלן ערגעץ גיין אָדער פאָרן שפּאַצירן — האָב איך נישט געפועלט.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך ווידער באַמערקט אַ נייעס בא איר. זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ טרויער־שטימונג. האָט זייער ווייניק גערעדט און נאָך ווייניקער געלאַכט און געשטיפט. פּונקט האָט זיך געדאַרפט טרעפן אַז איך האָב געמוזט אָפּפאָרן פון דער היים אויף עטלעכע טעג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וויכטיק געשעפט וואָס איך האָב נישט געקענט אָפּלייגן, אסתרקע האָט מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל נישט אָפּלייגן און זאָל פאָרן. פאַר היימלעכקייט וועגן — איז איר מוטער איבערגעגאַנגען וואוינען צו אונדז די עטלעכע טעג. ווען איך בין אין צוויי וואָכן אַרום געקומען אַ היים — האָב איך אסתרקען אין שטוב נישט געטראָפן. זי איז געווען אין ... אַ סאַנאַטאָריע. איך בין ווי אַ וואַנזיניקער געלאָפן אַהין זען וואָס איר איז, און וואָס איך בין געוואויר געוואָרן האָט זיך מיר געשטעלט די האָר קאַפּויר. נעמלעך:

זי האָט זיך ערגעץ באַ אַ „מאַכערקע" געמאַכט אַן „אַבאָרט" און מען האָט זי קוים אַ לעבעדיקע געבראַכט אין אַ סאַנאַטאָריע וואו מען האָט זי אָפּגעראַטעוועט.

איך האָב זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און האָב געוויינט ווי אַ קינד. פאַרוואָס האָט זי דאָס געטאָן? מען האָט מיר אָבער געהייסן — אין

איר אָנוועזנהייט — זיין רואיק און... שמייכלען. דער קלענסטער אויפ־ברויז קען זיין פאַטאַל פאַר איר לעבן.

אין סאַנאַטאָריע איז זי געלעגן 6 וואָכן און ווען זי איז אַרויס פון דאָרטן איז זי נישט געווען צו דערקענען. מיטן מויל האָב איך זי טאַקע נישט געפרעגט פאַרוואָס? אָבער מיינע אויגן האָבן דאָס שוין געזאָגט.

איין טרייסט האָב איך יאָ געהאַט. איידער מיר זיינען אַרויס פון סאַנאַטאָריע, איז געקומען דער הויפּט־דאָקטער זי געזעגענען. נאָכן צו־ווינטשען איר. אַז זי זאָל שנעל געזונט ווערן, האָט ער איר געזאָגט:

— נו, ד אָ ס מ אָ ל האָט מען דיך נאָך געקאָנט ראַטעווען. נאָך א יי ן מ אָ ל אַזאַ גליק — וועט נישט זיין. געדענק עס גוט...

איך האָב זי געבראַכט אַ היים. זי אַוועקגעלייגט אין בעט און... האָב זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. די טרערן האָבן נאָס געמאַכט מיין העמד. זי, אסתרקע האָט נישט געפּרואווט מיר זאָגן אַ וואָרט, אַ טרייסט־וואָרט. עפּעס איז מיט איר געשען...

אונדזער לעבן האָט ווייטער אָנגעהויבן גיין נאָרמאַל. פון יענעם טאָג אָן וואָס איך האָב זי געבראַכט פון סאַנאַטאָריע זיינען אַריבער עטלעכע מאָנאַטן. אסתרקע אז ווידער געוואָרן די זעלבע וואָס פריער. מיר האָבן אָנגעהויבן ווידער אַרויסגיין ביז... ביז זי האָט זיך געפילט אין יענע אומשטענדן ווען אַ פרוי קאָן זיך שוין נישט ווייזן צווישן מענטשן און —

איך בין געוואָרן אַ פאָטער פון אַ שיין, גאָלדן טעכטערל.

מיין ,גליק איז נישט געווען צו באַשרייבן. איך האָב ממש נישט גע־וואוסט וואָס צו טאָן מיט דער מוטער און מיטן טעכטערל.

ווי נאָר איך האָב זיי געבראַכט פון סאַנאַטאָריע, וואו זי איז געלעגן געוואָרן האָב איך איר און דעם קינד געבראַכט מתנות וואָס האָבן געקאָסט קרוב צו פופצן טויזנט פעזעס. איך האָב ממש נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטביידע. דאָס געשעפט האָב איך געלאָזט גיין אַליין. די אָנגע־שטעלטע האָבן מיך נישט געזען גאַנצע טעג און וואָכן און איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט דער מוטער און טאָכטער. ביז —

אין אַ שיינעם טאָג...

אַ „שיינעם טאָג"! דער טאָג איז פאַר דער גאַנצער וועלט געווען שיין און זוניק, בלויז פאַר מיר איז ער געווען מיאוס און פאַרוואָלקנט. אָט דעם טאָג וועל איך נישט פאַרגעסן מיין גאַנץ לעבן.

אין יענעם „שיינעם" טאָג בין איך אַוועקגעגאַנגען אין קלייט אַריין נאָכן אָפּעסן אַ זאַטן אָנבייסן צוזאַמען מיט אסתרקען און נאָכן זיך אָנ־

שפּילן מיטן קינד, וועלכעס איז שוין אַלט געווען צען חדשים און שוין געזעסן אין בענקעלע און געשריען: „פּאַ־פּאַ־פּאַ״...

אַרום זעקס פּאַרנאַכט האָב איך געקלונגען אַהיים געוואויר צו ווערן וואָס טוען „מיינע ווייבער״. די דינסט האָט אַטענדירט דעם טעלעפאָן און מיר געענטפערט, אַז די סעניאָראַ איז אַוועקגעגאַנגען, אָנגעזאָגט איר, אַז זי זאָל געבן דעם קינד דאָס פלעשל, ווייל זי וועט קומען שפּעט.

ביי מיר איז דאָס געווען אַ נייעס. ביז היינט, האָט נאָך אסתר׳קע אַליין אויף דער דינסט דאָס קינד נישט געלאָזט. אויב זי האָט ערגעץ געדאַרפט אַרויסגיין אויף אַ פּאָר שעה — און לעצטנס פלעגט זי אָפט, זייער אָפט, אַרויסגיין — עפּעס איינקויפן, פלעגט זי דאָס קינד לאָזן אויף דער מוטערס הענט.

איך האָב קוים דערוואַרט זיך, עס זאָל ווערן זיבן אַזייגער. ווען איך פלעג שליסן דאָס געשעפט. ווי אויף צו להכעיס זיינען געווען עטלעכע וויכטיקע קונים אויף מאַנטלען און איך האָב זיי אַ ל י י ן געמוזט אַטענ־דירן. קוים דערלעבט די מינוט, און איך בין אַוועקגעפלויגן, ממש, מיטן אויטאָ אַהיים. באַשטימט האָב איך, מאַכן אַ שטאַרקן אויסרייד אסתר־קען, פאַרוואָס זי האָט געלאָזט דאָס קינד אויף דער דינסט.

איך קום אַריין אין שטוב, טרעף איך אָן איבערקערעניש. דאָס קינד וויינט און שרייט „מאַ־מאַ!״ די שיקסע קען עס נישט איינשטילן און... וויינט אויך.

איך קוק זיך ארום — אין שטוב איז עפּעס געשען. די שאַפעס — אָפן. די שופלאָדן פון „קאָמאָד״, אָפן און אַ סך זאַכן אַרויסגעוואָרפן אויפן פאָל. איך פרעג די דינסט, וואָס דאָ איז געשען? — ווייסט זי נישט וואָס צו ענטפערן, אַ חוץ, אַז... די באַלעבאָסטע האָט איינגעפּאַקט אין צוויי באַולן אייניקע זאַכן אירע, האָט געגעבן עטלעכע קושן דאָס קינד און איז אַוועק, זאָגנדיק אַז זי וועט קומען שפּעט.

איך גיי צו, צו דער שאַפע, טרעף איך, אַז עס פעלן כמעט אַלע קליידלעך אסתר׳קעס און... עס פעלט אויך דאָס ג אָ ל ד וו אַ ר ג פון שטוב. דאָס גאָלדוואַרג, נישט בלויז אירס, נאָר אויך דעם קינדס און אויך מיינע גאָלדענע שפּילקעס און זייגערל...

איך בין געבליבן אָן לשון! איך האָב נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס דאָ איז געשען! איך לויף אַרום איבער די צימערן און אויפן בעט געפין איך אַ בריוו — אַ פאַרמאַכטער בריוו צו מיר. איך רייס אים שנעל אויף און אָט וואָס דאָרט האָט זיך געשריבן:

„איך וויים! איך שטעל זיך פאָר דיין לאַגע, ווען דו וועסט דער־זען דעם חורבן אין שטוב און וועסט געוואוירע ווערן, אַז איך האָב איבערגעלאָזט אי דיך, אי מיין קינד, און בין אַוועק פון דיר! יאָ! איך בין אַוועק פון דיר און מעגלעך — אַז דו אַליין ביסט שולדיק! דו, מיט דיין גוטסקייט, מיט דיין פאַרבלענדטער ליבע צו מיר, האָסטו זיך נישט געוואָלט פאַראינטערעסירן יענעם זונטיק, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין קאָנפּיטעריע און דו האָסט זיך מיר דעקלארירט — דו האָסט נישט געוואָלט פרעגן און וויסן מיין פאַרגאַנגענהייט! ווען דו פרעגסט מ י ך — פונקט ווי א י ך האָב דיך געפרעגט — ווען דו פרעגסט מיך אויך, צי איך האָב שוין אַ מאָל חתונה געהאַט, אָדער געהאַט אַ חתן אָדער אַ געליבטן, וואָלט איך דיר — אַזוי האָב איך געהאַט ביי זיך באַשטימט — געוווען געזאָגט דעם א מ ת. אַז איך האָב געהאַט אַ חתן. אַ געליבטן. וועלכער איז אַפילו שוין געווען מיין מאַן. דער דאָזיקער געליבטער איז געווען אַ ק ר י ס ט. אַן אָפיציר פון ים־פלאָט, מיט וועמען איך האָב געפירט אַ ליבע צוויי יאָר, און וועלכער האָט מיך פלוצים איבערגעלאָזט און איז אַוועק ווי אין וואַ־סער אַריין! מיין ליבע צו אים איז געווען אומגעהויער גרויס און איך האָב געדענקט, אַז איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט חתונה האָבן, ביז... ביז איך האָב דיך געטראָפן און דו ביסט מיר געפעלן געוואָרן... אָבער, דאָך, מוז איך דיר מודה זיין. אַז ווען דו ביסט געווען מיט מיר, ווען מיר זיינען געווען געאָרעמט אָדער איך האָב דיך געקושט, האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס האָט מיך מיין אַלפרעדאָ (דער אָפיציר) געאָרעמט. אַז דאָס קושט ע ר מיך... און, ווער ווייסט? מעגלעך, אַז איך וואָלט אים אפשר געווען פאַרגעסן! ווען נישט יענער אָוונט, ווען איך האָב אים פלוצים דערזען אין טעאַטער!...

„ווען איך בין אַנטלאָפן פון טעאַטער. האָב איך ערנסט געמיינט צו אַנטלויפן פון אים, אים מער נישט זען. אָבער — איך האָב נישט אויסגעהאַלטן. איך בין דערנאָך אַוועק צו אים. (איך האָב געוואוסט וואו ער וואוינט), ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר מיר און איך בין צוריק געוואָרן זיינע...

„פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן זינקען. און ווען איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף ווערן אַ מוטער פון אים — עס איז געווען זיין קינד — האָב איך זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיך געלאָזט מאַכן אַן אַבאָרט און שיעור פון דער וועלט נישט געגאַנגען! פון

דעמאָלט אָן — איך שוועג עס דיר ביי אונדזער קינד, וואָס בלייבט ביי דיר — פון דעמאָלט אָן, בין איך מיט אים נישט געווען אינטים, ביז אונדזער טשאַטשאַ איז געבוירן געוואָרן! איך האָב געוואָלט זיין דיינע! איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל דיך מוזן פאַרלאָזן, פריער אָדער שפּעטער, האָב איך געוואָלט אַז עס זאָל דיר בלייבן אַ ריין, אומשולדיק, א ייג ן קינד. מער האָב איך שוין ניט געקענט אויסהאַלטן און מער האָב איך דיך נישט געוואָלט אָפּנאַרן! כ׳האָב אויך נישט געוואָלט, אַז די מאַמע מיינע, וועלכע האָט געקענט מיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, זאָל זיך אויסוויינען אירע אויגן, ווען זי בלייבט מיטן קינד אין שטוב און איך בין אַוועק צו אַלפּרעדאָן. זי האָט געוואוסט וואוהין איך גיי. אָבער זי האָט מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן! און דערפאַר האָב איך באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו דעם!

„וואָס דו וועסט טאָן? ווי אַזוי דו וועסט האַנדלען? דאָס איז דיין זאַך! איין זאַך בעט איך דיך נאָר, אויב פאַר דער גאַנצער צייט פון אונדזער צוזאַמענלעבן האָב איך דיר עפּעס פאַרגעניגן פאַרשאַפט, אויב דו וועסט געפינען עפּעס אַ שטיקל זכות אבות פאַר מיר, זאָלסטו אונדזער קינד (ווען עס וועט עלטער ווערן). נישט דערציילן ווע ר איר מוטער איז געווען! זאָל זי נישט טראָגן אויף מיר קיין האַס און כעס, פאַרוואָס איך נים זי ניט מיט, מיט מיר, אויף אָט דעם קרומען וועג, אויף וועלכן איך לאָז זיך איצט אַוועק... זאָג איר. דערצייל איר, אַז איר מוטער איז געשטאָרבן. פאַר איר און פאַר דיר — בין איך שוין זיכער טויט. אויב מיין טאַט וועט נישט זיין קיין געראָטענער, אויב אַלפרעד וועט מיך ווידער פאַרלאָזן, וועל איך זיכער קיין לעבעדיקע צו אייך נישט קומען...

„ דיין שולדיקע א ס ת ר״,

„פּ. ס. — איך נעם מיט, מיט מיר, דאָס שטוב-צירונג. גלויב מיר אַז איך טו עס ... געגען מיין ווילן. אָבער, אַז מען הויבט אָן זינקען, זינקט מען...״

„נאָך אַ פּ, ס, — איך בעט דיך, באַשולדיק נישט מיינע עלטערן. זיי ליידן גלייך מיט דיר!...״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז געשען! נאָכן איבערלייענען דעם בריוו האָב איך זיך... באַרואיקט. איך האָב גענומען דאָס קינד אויף די הענט, עס אָנגעהויבן קושן אָן אויפהער און אַרומטאַנצן מיט דעם אין

צימער. אין אַ שעה אַרום איז געקומען מײַן שװיגער, האָב איך גראָדע נישט מקיים געװען װאָס אסתר׳קע האָט מיך געבעטן, איך האָב זי אַרײַנ־געלאָזט אין שטוב, איר געװיזן דעם חורבן, װאָס אסתר האָט אָנגעמאַכט, איר פֿאַרגעװאָרפֿן, אַז דאָס צירונג האָט זי מן הסתם איבערגעגעבן איר מוטער, און לסוף איר, דער שװיגער מײַנער, אַראָפּגעלאָזט פֿײַערדיקע פּעטש אין די באַקן און זי אַרויסגעטריבן פֿון שטוב...

די נאַכט בין איך נישט אַנטשלאָפֿן געװאָרן אַפֿילו אויף אַ מינוט. אין דער פֿרי האָב איך דאָס קינד אַװעקגעפֿירט צו מײַן שװעסטער און עס דאָרטן געלאָזט, צוזאַמען מיט אַן אַם, װעלכע איך האָב געדונגען. מײַן שװעסטער האָט מיר נישט פֿאַרגעװאָרפֿן פֿאַרװאָס איך האָב זי נישט גע־לאָזט אויסריידן אַ װאָרט, װען זי האָט מיר געװאָלט דערציילן עפּעס װעגן אסתר׳קען. זי האָט גראָדע יאָ געװאוסט, אַז אָט די מויד האָט זיך אַרומ־געשלעפּט מיט אַן אָפֿיציר און אַפֿילו געװאוינט מיט אים, אָבער איך האָב זי נישט געלאָזט ריידן.

איין זאַך האָט זי מיר בלויז פֿאַרגעװאָרפֿן:

— װי טרעפֿט זיך עס, װי אַזוי קען עס מעגלעך זײַן, אַז פֿונעם טאָג פֿון באַקענען זיך ביזן טאָג פֿון זאָגן דעם „הרי את”, זאָל אַװעקגיין נישט מער װי פֿיר װאָכן!

װי מעג מען חתונה האָבן, װען מען קען זיך בלויז געציילטע טעג אָדער װאָכן?...

װי מעג מען?...

צי איז זיין אַ ליגנער אַ חסרון צו אַ שדוך?

עס זיצט פאַר אונז אַ יונג, שיין מיידל. אַ פּאָר שיינע, שוואַרצע אויגן קוקן אַרויס פון איר שיין פּנימל, און צוויי, שיינע, שוואַרצע לאָקן הענגען אַראָפּ איבער אירע אַקסלען. איר קוקט אויף איר און ווילט טרעפן וויפל זי איז אַלט? איר ווילט טרעפן פון וועלכער פאַמיליע זי קומט אַרויס, וואָס פאַר אַ דערציאונג זי האָט באַקומען? — און איר קאָנט נישט טרעפן. זי זיצט אַ מינוט שטיל. אַרום און אַרום אייך, הערשט עפּעס אַ מיסטעריעזע שטימונג. און איידער איר ווילט טרעפן וואָס דאָס דאָזיקע שיינע מיידל וויל אייך זאָגן — רייסט זי איבער די שטילקייט און פרעגט אונז:

— צי גלויבט איר, אַז מיט אַ אינגל וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיינע... ליגנס און שקרים, איז געפערלעך חתונה האָבן?...

מיר זיינען געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. אויף אַזאַ מאָדנע פראַגע, האָבן מיר זיך נישט געריכט. וועגן דעם צי אַ ליגנער איז פּסול צו אַ שידוך, — האָבן מיר קיין מאָל נישט געטראַכט. און נאָך איידער מיר האָבן צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט אונז דאָס שיין בלימעלע וואָס איז געזעסן קעגן אונדז, געשטעלט אַ צווייטע פראַגע:

— צי גלויבט איר, אַז די וועלט וואָלט געקענט עקזיסטירן איין טאָג בלויז, ווען מען זאָל קיין ליגן נישט זאָגן, און אויף יעדן טריט און שריט זאָל מען זאָגן אמת. און בלויז אמת?...

נישט ווייסנדיק ווידער, וואָס צו ענטפערן אונזער מיטשמועסערן, האָבן מיר זי געבעטן אַז זי זאָל זיין קאָנקרעטער, צוטרעטן צום ענין, און אונז אויפקלערן איר לאַגע.

און דאָס שיינע יונגע פריילן הייבט אָן דערציילן:

———:::———

— איך בין געבוירן צוריק מיט 24 יאָר. איך שטאַם פון זייער אַ חשובער פאַמיליע אין אונזער געזעלשאַפט. מיין פאָטער איז געקו־מען אין לאַנד אַריין צוריק מיט דרייסיק יאָר. געקומען איז ער אַלס בחור און דאָ געפונען זיין באַשערטע מיט וועמען ער לעבט גליקלעך די 28 יאָר פון זייער חתונה. אַ חוץ מיר, האָט ער נאָך צוויי קינדער, בחורים, וואוילע חברה, אָבער, קיין נחת — האָט מיין פאָטער נישט פון זיי, ווייל... זיי האָבן נאָך נישט חתונה געהאַט און זיי טראַכטן נישט חתונה צו האָבן. זיי געפעלט אַ „פריי" לעבן.

אין שטוב האָבן מיר באַקומען זייער אַ גוטע אידישע און וועלט־לעכע דערציאונג. מיין פאָטער און מוטער זיינען אינטעליגענטע מענ־טשן, געענדיקט די גימנאַזיע אין דער היים און וויסן ווי אַזוי מען דאַרף דערציען קינדער. זיי האָבן געהאַט אַ סיסטעם: מיט די קינדער דאַרף מען ריידן ווי מיט יונגערע חברים, און מ׳דאַרף זיי דערציען, ניט ווי אַ שטרענגער פאָטער, נאָר ווי אַן עלטערער ברודער אָדער חבר. אַלס אַזעלכע, האָט ער אונז געלערנט וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט נישט. צווישן אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט אונז געלערנט און שטענדיק עס באַטאָנט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר קיין קינד און אויך נישט פאַר אַ גרויסן:

— זאָגן אַ ליגן!

איך האָט נישט קיין אַנונג ווי אַזוי מיין פאָטער האָט פיינט אַ ליג־נער. אַ ליגנער איז בא אים ערגער ווי אַ גנב, ווי אַ רוצח און ווי אַ משו־מד. ער פלעגט מיט אונז איינטענה׳ן, אַז איבער די ליגנערס גייט די וועלט אַזוי שלעכט. ווען נישט די ליגנערס — וואָלט געהערשט שלום ושלוה אויף דער גאָרער וועלט און מענטשן וואָלטן געווען גליקלעך.

מילא, אַז מיר זיינען געווען קליינע און האָבן די וועלט נישט פאַר־שטאַנען איז בא אונז דער טאַטע געווען געַרעכט, וואָס ער זאָל נישט געווען זאָגן — האָבן מיר עס געהאַלטן פאַר גאָטס תורה. ווען מיר זיינען אָבער עלטער געוואָרן, זיך נענטער באַקענט מיט דער וועלט, האָבן מיר אָנגעהויבן צווייפלען אין אַ סך זאַכן וואָס דער טאַטע האָט אונז געלערנט. ספּעציעל אין זיין טעאָריע וועגן ליגן און ליגנער. פּונקט פאַרקערט, אין אונזערע דיסקוסיעס באַם טיש, — ספּעציעל אין אַ יום־טוב-טאָג, ווען דער טאַטע איז נישט געגאַנגען אין פאַבריק און מיר, די קינדער, אין שולע, און דער מיטיק האָט אַמאָל געדויערט אַ שעה און צוויי און דריי, האָבן מיר, די קינדער אָנגעוויזן אַז... אַן אַ ליגן

וואָלט די וועלט קיין טאָג נישט געקאָנט עקזיסטירן. מיר האָבן אים אַנגעוויזן פאָלגנדע ביישפּילן:

אין גאַס באַגעגענען זיך צוויי פריינדינס. געוויינטלעך וויל מען זיך מאַכן אַ „קאָמפּלימענט". זאָגט איינע צו דער צווייטער:

— אוי, ווי צעקנייטשט און מיאוס איר זעט היינט אויס! צו וואָס זענט איר מיט אַזאַ פּנים אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין?

און די צווייטע זאָגט איר:

— זעט איר מיין פּנים, פונדעסטוועגן טשעפּעט זיך צו מיר אייער מאַן און איך טרייב אים פון זיך ווי אַ שווין. ווייזט אויס, אַז מיט אָט דעם פּנים, זע איך נאָך אַלץ אויס שענער פון אייך...

איר שטעלט אייך פאָר וויפל שלום בית'ן, וויפל פּאַמאַלאַיען־טראַגעדיעס וואָלטן זיך געשאַפן פון זאָגן אַזעלכע אמתן! מענער מיט מענער און פרויען מיט פרויען וואָלטן געוואָרן שונאים ווען מען זאָל זיך איינער דעם אַנדערן, דערציילן דעם אמת!... צי וואָלט די וועלט געקאָנט עקזיסטירן אפילו איין מינוט ווען מען זאָגט זיך אַזעלכע אמת'ן?...

אָדער, נאָט אייך אַ צווייטן ביישפּיל:

אַ קונה קומט אין פאַבריק און וויל איינקויפן סחורה, זאָגט אים דער פאַבריקאַנט:

— קויפט נישט אָט די „פּאַרטידאַ", ווייל זי איז אַרויס שלעכט און דער קאָליר וועט אַראָפּ, נישט נאָר ווען ער וועט דערזען די זון — נאָר אַפילו די לבנה. בכלל, האָב איך פאַר אייך היינט נישט קיין גוטע סחורה. גייט אַריבער אַנטקעגן, צו מיין קאָנקורענט, ער האָט פאַר אייך סחורה, ערשטע קלאַס!...

אין דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע, וואָלט מיטן אמת געווען טויזנטער מאָל ערגער. ווען דאָרט, אין דער „און" זאָל מען זאָגן אמת, און בלויז אמת, וואָלט שוין לאַנג אויסגעבראָכן די דריטע וועלט־מלחמה. איר שטעלט אייך פאָר, אַז עס הויבט זיך אויף דער רוסישער דעלעגאַט צו דער „און" און רופט אויס:

— מיינע הערן! מיר זיינען געקומען אַהער ציען און אָפּציען די צייט, ווייל ביז איצט האָבן מיר בלויז 37 אַטאָמישע באָמבעס, וועלכע ליגן באַהאַלטן אין די און די פאַרבאָרגענע ערטער. מיר האָפן אָבער, אין פינף יאָר אַרום, דערגרייכן אויסאַרבעטן 200 באָמבעס, דאָן וועט אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין! דאָן וועלן מיר ריידן מיט אייך אַן אַנדער שפּראַך, און אויב איר וועט דאָן פּראָווען פוילע שטיק, וועלן מיר

אין איינער אַ נאַכט אַרויסלאָזן אונזערע עראָפּלאַנען מיט די באָמבעס אויף אייערע שטעט און... אומגעריכט, נישט דערקלערנדיק מלחמה וועלן מיר פּרוּווסטן אייערע שטעט! נישקשה. אונזער גרויסער רבי האָט אונז געלערנט אַז דער „ציל הייליקט די מיטלען", אין נאָמען פון דער וועלט-רעוואָלוציע וועט דאָס זיין דערלויבט...

נאָך אָט דער רעדע שטעלט זיך אַן אַנדער דעלעגאַט, אַן אַליאיר-טער און רופט אויס:

— וואָס זיצן מיר דאָ און פּלאַפּלען אומזיסט! היינט — היינט זידלט מען זיך און מאָרגן גייט מען צוזאַמען אויף באַנקעטן! קומט, לאָמיר שוין באַפאַלן דעם וויסן בער און מאַכן אַ סוף צו זיינע 37 אַטאָמישע באָמבעס. און —

די מלחמה ברעכט אויס!...

אָט אַזוי האָבן מיר אויפגעוויזן אונזער פּאָטער, אַז אויך דער אמת איז שעדלעך! אָבער די אַלע אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן. מיין פּאָ-טער האַלט, אַז מען מוז נישט זאָגן דעם אמת. עס איז נישט קיין „חיוב" אַז די פרוי זאָל זאָגן דער צווייטער אַז זי איז מיאוס, און עס איז אַוודאי נישט קיין „מוז" אַז די צווייטע זאָל איר דערציילן, אַז איר מאַן טשעפּעט זיך צו איר... עס איז אויך קיין געזעץ נישט אַז דער סוחר זאָל דערציילן, אַז זיין סחורה טויג נישט. עס איז אָבער אַ סך שעדלעכער ווען ער זאָגט אים אַ ליגן, לויבט אים אויס די סחורה אַז זי איז „פּערווי סאָרט" און לסוף לאָזט זיך אויס אַז זי איז צעפּוילט, צעבערענט, בליאַקעוועט, און דער סוחר וואָס קויפט זי — מוז ברעכן דעם קאָפּ באַ איר און אפשר רואינירט ווערן.

דערמיט האָט מיין פּאָטער געוואָלט דערווייזן, אַז עס איז נישט קיין „מוז" צו זאָגן דעם אמת. עס איז אָבער יאָ אַ מוז נישט צו זאָגן קיין ליגן. און, ווי געזאָגט, אַ ליגנער — איז באַ אים דאָס ערגסטע וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט.

ביז אַהער, האָב איך אייך דערציילט די ערשטע טייל פון דער אור-זאַך פון מיין קומען צו אייך. איצט גייט די צווייטע טייל. פאַראַן אויך אַ „דריטע טייל".

———:::———

ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, האָב איך צוויי ברידערלעך וואָס קלייבן זיך נישט חתונה האָבן. זייער „טעאָריע" איז: — חתונה האָבן צו... 40 יאָר, אויף דער עלטער, הייסט עס. דעמאָלט ווען מען קען

שוין נישט אַרומלויפן פון איין „דאַנסינג" צום צווייטן, און מען איז שוין איבערגעגעסן און זאַט פון בחורשן לעבן.

מיין מוטער, וועלכע באַהאַנדלט מיך ווי אַ שוועסטער, האָט מיך איין מאָל געפרעגט, צי איך קלייב זיך אויך גיין אין מיינע ברידערס וועגן... און ווי גליקלעך איז זי געווען ווען איך האָב איר געזאָגט אַז ניין. אַז ווען עס וועט זיך מאַכן אַ וואוילער בחור אין וועלכן איך וועל זיך פאַרליבן און ער — אין מיר אויך — וועל איך חתונה האָבן.

נאָך מער: איך האָב איר אַפילו געזאָגט, אַז מיין צוקונפטיקן חתן וועל איך שטעלן אַ „באַדינג": איך וויל האָבן נישט ווייניקער ווי זעקס קינדער. איך האָב שטאַרק ליב קינדער, איך האָב ליב אַ גרויסע פאַמיליע, און וואָס עס וועט זיין געווענדעט אין מיר, וועל איך טאָן צו האָבן ביים טיש אַ גאַנצן רעגימענט מיט קינדער און קינדערלעך...

און — אָט איז געקומען מיין שעה אויך!

צוריק מיט עטלעכע חדשים האָבן מיך מיינע ברידערלעך באַקאַנט מיט זייערן אַ חבר, אַ געוועזענער שול קאָלעגע. זייער אַ וואוילער בחור, אַ סימפּאַטישער, אַ שיינער און אינטעליגענטער. ער לערנט אין אוניווערזיטעט צו דערגרייכן דעם טיטל פון „קאָנטאַדאָר". אָבער, דערוויל אַרבעט ער אין אַ גרויס הויז און פאַרדינט זייער אַ סך. אַלנפאַלס, גענוג צו געבן אַ ווייב ברויט.

איין חסרון האָט ער אָט דער בחור: ער איז... אַ ליגנער! אין שולע פלעגן אים די קינדער רופן „על באַלעטעראָ" (אַ צונאָמען פאַר אַ ליגנער) און פלעגן דערציילן, אַז זיינע ליגנס האָבן געהאַט אַ שם איבער אַלע קלאַסן און אַז מ'האָט געוואָלט איינעם זאָגן אַז ער זאָגט נישט דעם אמת, פלעגט מען זאָגן: „ראַול האָט דיר געלאָזט גריסן", — האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס מיינט אַז ער זאָגט אַ ליגן...

מען האָט אים, ראַולן, צוויי מאָל אָפּגעשטעלט פון שולע פאַר זיינע ליגנס. דאָס צווייטע מאָל — האָט מען אים שיעור אויסגעשלאָסן פון שולע. ער האָט געוואוינט די צווייטע טיר פון דירעקטאָר פון דער שולע, און אַלס שכן, איז ער געווען אַ בן בית ביים דירעקטאָר. איין מאָל איז דער דירעקטאָר געוואָרן שלאַף, ערנסט שלאַף, אויף אַ לונגען-אָנצינדונג. זיין לעבן האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. האָט ראַול געדעדט טעלעפאָניש אין שולע אַריין, אַז... דער דירעקטאָר איז געשטאָרבן!... דער סוב-דירעקטאָר האָט באַלד צונויפגערופן אַלע שילער, אין האָל פון שולע, געהאַלטן פאַר זיי אַ גרויסע טרויער-רעדע און גע-

לויבט דעם דירעקטאָרס מעלות און זיי איינגעלאַדן בייזיין די לויה — צעלאַזנדיק די קינדער אַהיים.

אָבער דערמיט האָט זיך נישט געענדיקט. ער, דער סוב-דירעקטאָר האָט געהייסן אַראָפּציען די פאָן פון דער שולע אויף „האַלב אַסט", זי אַרומגעוויקלט מיט שוואַרצן און... אַוועקגעשיקט אַ גרויסן קראַנץ בלומען. אַ חוץ בלומען פונעם סוב-דירעקטאָר, אין נאָמען פון דער שולע, — זיינען אָנגעקומען קרענץ בלומען פון פּראָפעסיאָנאַלן, פון אָנגעשטעלטע און פון צענדליקער שילער.

דערמיט האָט זיך ראַול נאָך נישט באַגנוגנט. ער האָט אויך גערעדט צו די אָונט-ציַיטונגען וועלכע האָבן געשיקט פאָטאָגראַפיסטן צום הויז וואו דער „טויטער קערפּער" פון דירעקטאָר איז געליגן...

וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן — איז איבעריק איך זאָל אייך דערציילן. כאָטש, אָפיציעל האָט מען נישט געקענט אָנווייזן אויף ראַולן אַלס שולדיקן אין אַט דעם סקאַנדאַל — אָבער „אַלע וועגן האָבן געפירט צו אים". און מען האָט אים סוספּענדירט פון דער שולע. בלויז אַ סך זכות אָבות האָט געפועלט מען זאָל אים צוריק אַריינלאָזן אין שולע. דער דירעקטאָר אַליין האָט אים מוחל געווען, ווייל עס איז אים געפעלן געוואָרן ווי אַזוי מען האָט „פריינטלעך" אויפגענומען זיין טויט און ווי אַזוי עס זיינען אָנגעקומען אַזוי פיל קרענץ בלומען פון... שילער.

שפּעטער האָט דער דירעקטאָר געהאַלטן אַ לעקציע פאַר די שילער פון שולע און זיי געזאָגט, אַז יעדער מענטש וואָלט גערדאַרפט... זען זיין לויה, וואָלט ער געוואוסט צי ער איז באַליבט ביי מענטשן צי קיינעם קימערט ניט וואָס ער איז געשטאָרבן. ראַולס שפּיצל האָט אים דערוויזן ווי באַליבט ער איז. דערפאַר איז ער אים מוחל...

און אָט אין אַזאַ בחור, אין אַזאַ גאָט-געבענטשטן ליגנער... פאַרליב איך זיך!...

דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב האָט ער — פאַר מיין פאָטער — אָפּגעזאָגט צוויי ליגנס: ערשטנס — אַז עס פעלן אים בלויז צוויי מאַטעריעס צו ווערן „קאָנטאַדאָר" און צווייטנס, — אַז ער פאַרדינט אויף זיין פּאָסטן טויזנט פעזעס אַ מאָנאַט.

דעם צווייטן טאָג איז דער פאָטער פאַטער געוואוירע געוואָרן אַז... עס פעלן אים... זעקס מאַטעריעס און אַז ער פאַרדינט בלויז אַ העלפט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט...

ווען ער איז דעם צווייטן טאָג געקומען אין שטוב אריין האָט אים

מיין פאָטער... גוט אויסגעזידלט פאַר די ליגנס און אים אויסגערעכנט וויפל און וועלכע מאַטעריעס עס פעלן אים און וויפל ער פאַרדינט.

איך בין געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. איך האָב געגלויבט, אַז ראָול וועט זיך פאַרשעמען וואָס מען האָט אים געפּאַקט ביי אַזאַ ליגן און וועט אַוועק פון שטוב און זיך שוין מער ניט ווייזן פאַר אונז. און דאָ, האָב איך אים וואָס אַ טאָג אַלץ מערער ליב באַקומען...

ראָול איז אָבער געבליבן זיצן אַזוי רואיק, גלייך ווי אים מיינט מען ניט. ער האָט זיך אַפילו ניט געפּרואווט פאַרענטפערן, ער האָט אַפילו ניט געפּרואווט אַ וואָרט צו ריידן וועגן דעם און גלייכגילטיק האָט ער זיך געוויצלט וועגן אַנדערע זאַכן און אַנדערציילט אַזוינע געשעענישן, ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע אַז מיין פאָטער האָט ניט אויסגעהאַלטן, געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און איז אַוועק.

ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָב איך געפּרואווט פאַרפירן אַ גע־שפּרעך מיט אים און אים פרעגן, וואָס פאַר אַ נוצן ער האָט פון זאָגן ליגן? צו וואָס דאַרף ער זאָגן ליגן, אָבער, ער האָט מיט פּשוטע ווערטער מיר דערציילט דעם אמת, — און דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס ער האָט טאַקע געזאָגט אַן אמת, — אַז...

ער זאָגט ליגנס נישט ווילנדיק. די גאַנצע וועלט זאָגט ליגנס באַ־וואוסטזיניק, כדי צו האָבן דערפון אַ נוץ. ער, אָבער, זאָגט אַ ליגן, ניט טראַכטנדיק אַפילו, אַז עס איז אַ ליגן, און נישט מאַכנדיק קיין ווען פון דעם וואָס ער זאָגט...

פּרוּאוו איך אים זאָגן, האַלב וויצנדיק, האַלב אין ערנסט:

— הייסט עס, ווען איר וועט זיך דערקלערן צו אַ מיידל, וועט זי אייך ניט דאַרפן גלויבן ווייל, מעגלעך, ווען איר וועט זאָגן: „איך ליב דיך, איך קען אָן דיר ניט לעבן", וועט עס אויך זיין אַ ליגן...

ראָול הויבט זיך דאַן אויף פון דער סאָפאַ אויף וועלכער מיר זיינען געזעסן און רופט זיך אָפּ:

— אַזוי ווי איך קען מיין „שלאַפקייט", וועל איך דעם מיידל אין וועלכער איך וועל מיך פאַרליבן, ניט זאָגן מיטן מויל, וואָס מיין האַרץ פילט, נאָר מיט אַ הייסן קוש אויף אירע ליפּן!!! און... ער בויגט זיך אָן איבער מיר און... גיט מיר אַזאַ קוש, אַז איך פיל אים נאָך!...

און ער איז אַרויס פון שטוב.

:: :: ::

איצט האָבן זיך אָנגעהויבן מיינעליידן. מיינע עלטערן, ספּעציעל מיין פאָטער, איז קעגן דעם שידוך. ער וויל ניט אַז ער זאָל איבערטרעטן

אונזער שוועל. ער מאָלט מיר מיט די שוואַרצסטע פאַרבן מיין לעבן מיט אַזאַ מענטשן ביי וועמען ליגן זאָגן איז אַזאַ געוויינלעכע זאַך ווי... ריידן! אַ חוץ דעם מאָראַלישן בזיון פון האָבן אַ מאַן אַ ליגנער, אַ חוץ ווערן דער ציל-פונקט פון יעדן איינעם וואָס וועט אָנווייזן אויף מיר אַלס.. דעם ליגנערס פרוי, וועט מיר גלאַט זיין שווער צו לעבן מיט אַ מענטשן וועמען מען טאָר ניט גלויבן קיין וואָרט.

אין אַ געוויסער מאָס גיב איך זיי צו רעכט. ווען ער זאָגט אַפילו אמת — גלויבט מען אים שוין ניט.

איך טרעף זיך מיט אים אַלע טאָג! מיינע עלטערן ווייסן דערפון, ווייל זיי האָבן מיך געלערנט אַז מען טאָר פאַר די עלטערן גאָר ניט פאַרלייקענען און פאַרבאָרגן. אין איינעם אַ טאָג האָט ער מיר דערציילט אַז ער האָט געגעבן די שווערסטע מאַטעריע פון דער גאַנצער קאַריערע פון „קאָנטאַדאָר”. פאַרשטייט זיך, אַז... איך האָב ניט געגלויבט קיין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט מיר געזאָגט.

שפּעטער, אין אָוונט, האָב איך דערציילט מיין פאָטער אַז ער האָט זיך היינט באַרימט פאַר מיר מיטן געבן עקזאַמען. ווען מיין פאָטער האָט מיך געפרעגט צי איך גלויב עס, — האָב איך אים געענטפערט, אַז... איך ליב אים! און ליבע, ג ל ו י ב ט בלינדערהייט... מיין פאָטער האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

דעם צווייטן אויפדערנאַכט, מיר זיצן ביים אָוונטברויט, פרעגט מיך מיין פאָטער צי ראַול איז געווען ביים דאָקטאָר?

דערשרעק איך זיך. איך האָב גראַדע היינט מיין געליבטן ניט געזען! פרעג איך: — וואָס איז אים? וואָס ווייסט מיין פאָטער וואָס האָט אים אפשר געטראָפן?

מיין פאָטער צעלאַכט זיך. באַרואיקט מיך, און זאָגט מיר:

— איך גלויב, אַז דיין ראַול דאַרף זיין... שלאָף, ווייל נעכטן, ווען ער האָט דיר געזאָגט, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם וויכטיקסטן עקזאַמען, האָט ער... געזאָגט אמת! און אַז ראַול זאָל זאָגן אַן אמת — איז עפּעס נישט גלאַט מיט אים!...

מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט. אָבער איך האָב געלאַכט מיט יאַשטשערקעס. איך האָב אַרויסגעזען דעם קאָמיזם פון מיין לאַגע. מיין מאַן וועט מיר קומען און זאָגן אָדער דערציילן עפּעס וועל איך אים ניט דאַרפן גלויבן, ווייל עס איז זיכער אַ ליגן! און אויב ער וועט מיר שוין דערציילן אַן אמת — וועל איך ניט גלויבן, אָדער... איך וועל חושד זיין אַז ער איז קראַנק.

איך האָב אָט די גאַנצע סצענע ביי מיר אין דער היים דערציילט דערנאָך ראָולן. איך האָב פּשוט געוויינט פאַר אים און זיך פאַרשאָלטן די יאָר וואָס... איך האָב זיך פאַרליבט אין אים. ער איז אָבער געווען רואיק, און אין אַן ערנסטן טאָן מיר געזאָגט:

— ווען איך וויים אַז כדי זיך אויסהיילן פון מיין שלאַפקייט, דאַרף איך זיך גיין אָפּערירן אויף אַ וועלכן ס'איז אבר — וואָלט איך עס מיט פאַרגעניגן געטאָן, אַבי דו זאָלסט לעבן רואיק. עס איז אָבער ניט פאַראַן קיין שום אבר — סיידן די צונג אויסצושניידן. און ווען איך שנייד שוין אוים די צונג — וועל איך מיינע ליגנס דערציילן מיט די הענט, מיט די פינגער, אָדער אָנשרייבנדיק אויף פּאַפּיר. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען דיין פאָטער הערט אויף מיר נאָכצושפּיאָנירן, נאָכצוזוכן און אויסצופאָרשן מיינע רייד. ווען ער און דו, ווען איר אַלע, מאַכן זיך ניט וויסנדיק פון מיינע רייד, וואָלט צו דעם אַלעמען ניט געקומען...

די אַלע ענטפערס האָבן מיך אָבער ניט איבערצייגט, און טראַכטנדיק און נאָכטראַכטנדיק בין איך געקומען צום שלום, אַז... מיין פאָטער איז גערעכט און איידער אַ לעבן מיט אַ מענטשן וועמען איך וועל קיינמאָל ניט קענען גלויבן אַ וואָרט וואָס ער וועט מיר דערציילן, האָב איך בעסער באַשלאָסן איבעררייסן מיט אים מיינע באַציאונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז לייכט איז מיר אָט דער באַשלוס ניט אָנגעקומען. איך בין געלעגן שעה'נווייז און ניט איינגעשלאָפן און געטראַכט און געטראַכט ביז איך האָב אָנגענומען אָט דעם טראַגישן באַשלוס פאַר מיר. און, אין איינעם אַ טאָג, האָב איך אים געמעלדעט מיין באַשלוס, מאַכן אַ סוף צו אונזערע באַגעגענישן, צו אונזער האָפענונג און צו אונזער... ליבע. איך האָב נישט געהאַט קיין כוח און מוט אים צו זאָגן עס פערזענלעך האָב איך אים אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, וועמענס אינהאַלט איז געווען פאָלגנדיקער:

„ליבער מיינער,

דעם דאָזיקן בריוו שרייב איך דיר, ניט מיט קיין טינט, נאָר מיטן בלוט פון מיין האַרצן. איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו אונזער ליבע און צו אונזערע אילוזיעס. איך האָב געטראַכט לאַנג, לאַנג געטראַכט, איידער איך האָב אָנגענומען אָט דעם באַשלוס. איך גלויב, אַז דו ווייסט ווי ליב איך האָב דיך. איך גלויב דיר אויך — טאַקע דאָס איינציקע וואָס איך גלויב דיר, ווייל... דו זאָגסט עס מיר, ניט מיט דער צונג און ניט מיט די פינגער... — איך גלויב דיר אַז דו האָסט מיך אויך שטאַרק ליב. אָבער, פון אונזער ליבע קען

גאָר ניט זיין. עס אַרט מיך ניט אַזוי מיין צוקונפט און מיין לעבן מיט אַ מאַן, וואָס ווען ער וועט קומען שפּעט פון דער אַרבעט וועל איך אים ניט גלויבן אַז ער האָט טאַקע אַזוי שפּעט געאַרבעט, און וועל פאָדערן פון אים אַ סימן, אַז ער איז טאַקע געווען באַשעפטיקט... עס ציטערט אָבער מיין נשמה און מיינע גלידער, ווען איך דערמאָן זיך וואָס פאַר אַ דערציאונג דו וועסט געבן אונזערע צוקונפטיקע קינדער. איך ווייס ניט, וואָס עס איז ערגער פאַר קינדער, צי האָבן אַ פאָטער הינטער די גראַטעס אַלס... גנב, אָדער אים האָבן אויף דער פריי אַלס... פּראָפעסיאָנעלער ליגנער...

ניין, איך וועל ניט קענען האָבן קיין רואיק לעבן און, כאָטש מיין ליבע צו דיר איז גרויס, — וועל איך זי מוזן אַרויסרייסן פון מיין האַרצן...

זע, אין וועלכער לאַגע איך געפין זיך! ווען אַ געליבטע שרייבט איר געליבטן אַ בריוו און רייסט מיט אים איבער, האָט זי אילוזיעס אַז דער געליבטער וועט קומען צולויפן וועט פאַלן צו אירע פיס און זי וועט אים מוחל זיין דעם פאַרברעכן אָדער פעלער וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איר...

איך, איך אָבער, האָב די אילוזיע אויך ניט. איך ווייס פּאָזיטיוו, און ווען דו וואָלסט אַפילו געקומען צולויפן און מיר צוזאָגן אַז דו וועסט שוין מער קיין ליגנס ניט זאָגן, וועט דאָס זיין... דער גרעסטער ליגן דיינער, נאָך גרעסער ווי די ידיעה וועגן דעם טויט פון דירעקטאָר פון דער שולע, און... איך וועל דיר ניט גלויבן.

איך וויל אויך, איידער מיר פאַרענדיקן צווישן זיך, איך וויל אַז דו זאָלסט וויסן נאָך אַ זאַך: צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן בין איך געגאַנגען „מיט דיר" צו אַ גרויסן דאָקטאָר, צו אַ פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע. איך בין געקומען צו אים מיט אַ וויזיט און אים דערציילט אַ סך איינצלהייטן דיינע און אַפילו אַז... איך האָב דיך שטאַרק ליב. איך האָב באַ אים געוואָלט וויסן צי דיין שלאַפקייט איז קורירבאַר. און אויב יאָ — ווי אַזוי היילט מען זיך אויס?... איך בין געווען ביים פּראָפעסאָר אָנדערהאַלבן שעה. ער האָט מיך גוט גוט אויסגעהערט. לויט זיין מיינונג קען דיך אויסהיילן בלויז... אַ גרויס אומגליק וואָס דיינער אַ ליגן זאָל דיר ברענגען. לויט זיין מיינונג, וואָלט דיך די געשיכטע מיטן דירעקטאָרס טויט געווען אויסגעהיילט ווען... ווען מען זאָל דיך ניט געווען צוריק אַריינגעלאָזן אין שולע און זאָלסט געווען פאַרלירן דיין קאַריערע. ער גלויבט

אַז דיינע ליגנס וועלן אַמאָל ברענגען אַ גרויס אומגליק אָדער אויף דיר אָדער אויף עמיצן פון דיינע נאָענטע — דאַן, וועסטו זיך אויפ־כאַפּן פון אַט דער מאָדנער שלאָפקייט און וועסט זיך אָנהויבן קאָנ־טראָלירן... איך וויים אַז דו וועסט ליידן. אָבער דער פּראָפעסאָר זאָגט אַז ווען דו ליגסט קראַנק און דו שטאַרבסט, וואָלט ער אַרויס־גענומען דעם מוח און אים שטודירט. ער גלויבט אַז דיין מוח... ליגט ניט אויף זיין פּלאַץ אָדער ער האָט דאָרט אַן אַנדער חסרון. דאַך, איז ער איבערצייגט, אַז דו ביזט קורירבאַר. עס דאַרף בלויז טרעפן... אַן אומגליק, אַ דאַנק דיינס אַ ליגן.

און, ניין, טייערער! איך קאָן אויף אַט דעם אומגליק נישט וואַרטן. מיך וואָלט נישט געאַרט, אַז צוליב דיינס אַ ליגן זאָל דער אומגליק טרעפן מיך, אין מיין קערפּער. איך האָב אָבער מורא, אַז דער אומגליק זאָל טרעפן אַ צווייטן, ספּעציעל אונזערס אַ קינד! פונקט ווי דו קאָנסט מעלדן אין שולע אַז דער דירעקטאָר איז גע־שטאָרבן, אַזוי קאָנסטו מעלדן מיין מאַמען, — ווען איך בין געגאַנ־גען צו קינד און שוין געהאַט דאָס קינד און איך גיב עס שוין זויגן — קאָן זיך דיר פאַרגלוסטן איר מעלדן, אַז מען האָט מיר געמוזט אויפשניידן דעם בויך און מיר זיינען שוין ביידע טויט... דו וועסט עס טאָן ניט פאַר שלעכטיקייט, נאָר אויס געוואוינהייט, אומבאַ־וואוסטזיניק, און —

צוליב דיינס אַ ליגן וויל איך מיין מאַמען ניט פאַרלירן...

בלייב מיר געזונט. גאָט זאָל אונדז צושיקן אַ רפואה צו אונדזע־רע צעבראָכענע הערצער,

דיין אומגליקלעכע רוזשע".

———:::———

איך האָב עס דערוואַרטעט. איך האָב פון אים קיין ענטפער נישט באַקומען. ער איז אויך ניט געקומען צולויפן פאַלן צו מיינע פיס. איך האָב פריער עס געוואוסט ווייל איך האָב אים שוין אויסגעשטודירט אַלס אַן ערנסטן און שטאָלצן מענטשן. איך האָב אויך געמיינט ערנסט מיט מיין בריוו און כאָטש איך האָב מיינע עלטערן וועגן מיין באַשלוס ניט דערציילט — האָבן זיי מיך גאָרניט געפרעגט. זיי זיינען געווען אינטעלי־גענט צו פאַרשטיין, אַז עפּעס איז געשען און מען דאַרף מיר נישט אַריינ־קריכן אין האַרצן...

כדי צו פאַרטרייבן מיין מרה־שחורה און שטילן מיין אומעט און

מיינע ליידן, בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיינער אַ מומע וואָס וואוינט אין אַ ווייטער שטאָט אין דער פּראָווינץ. איך בין געווען ביי איר אַן אַנגע־לייגטער גאַסט און זי האָט מיך נישט געוואָלט אַפּלאָזן צוריק. זי האָט געוואוסט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. — מיינע עלטערן האָבן זיך מיט איר דורכגעשריבן און ניט געהאַט פאַר איר קיין סודות — און דאָך, האָט זי מיך גאָר נישט געפרעגט און ווען איך האָב געוואָלט אָנהויבן ריידן — האָט זי מיך נישט געלאָזט. „בעסער פאַרגעס אים — איז געווען איר ענט־פער. — ער איז ניט פאַר דיר, ווייל דו ביזט געוואַקסן און דערצויגן גע־וואָרן אין אַזאַ איידעלער און דערצויגענער שטוב" — פלעג זי מיר ענט־פערן, ווען איך האָב אינסיסטירט צו ריידן וועגן דעם.

זי האָט מיר געהייסן פאַרגעסן. אָבער, גיי פאַרגעס אַז ס'פאַרגעסט זיך נישט. גיי רייס אַרויס פון דיין האַרצן אַזאַ ליבע וואָס האָט זיך אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין דיין נשמה, אין דיין גוף און אין דיינע געדאַנ־קען. איך האָב אַבזיכטלעך אָנגעהויבן פאַרברענגען און זוכן די געזעל־שאַפט פון יונגעלייט. איך האָב געגלויבט, אפשר וועל איך פאַרכאַפּט ווערן פון אַ צווייטן — אָבער עס איז ניט געגאַנגען. מיט יעדן יונגנמאַן וואָס איך האָב זיך געטראָפן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז מיאוסער און נאַרישער פון מיין געליבטן. ביז, איינמאָל האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם פראָפעסאָרס עצה, אַז אים קאָן אפשר העלפן... אַן אומגליק און -- איך האָב פאַרטראַכט אַ מיטל, אַ שווידערלעך מיטל! אָבער, איך האָב געגלויבט, אַז דאָס מיטל וועט העלפן.

איך בין געקומען אַהיים צוריק. פון די אינפאָרמעס וואָס איך האָב באַקומען — דורך מיינע ברידער וועלכע האָבן שטאַרק געהאַלטן מיט מיר און ליב געהאַט ראָולן ווי אַן אייגענעם ברודער — בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער איז געוואָרן האַלב-מענטש; אַז ביז אַהער האָט ער ניט געגעבן קיין עקזאַמען; אַז ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס לערנען, ווייל עס קריכט אים נישט אין קאָפּ אַריין! אַז אויף זיין שטעלע איז ער שוין אויך ניט זיכער, ווייל ער האָט שוין געמאַכט דאָרט אַזוינע טעותים אין דער קאָנטאָבילידאַד, אַז, ווען מען כאַפּט זיך ניט, וואָלט עס געווען פאַטאַל פאַרן געשעפט...

זיי האָבן מיר אויך דערציילט, אַז ער גייט כמעט ניט אַרויס פון דער שטוב. נאָך דער אַרבעט גייט ער גלייך צו זיך אַהיים און ליגט אין זיין צימער. מיינע ברידער טרעפן זיך מיט אים, אָבער, ניט ער פרעגט אויף מיר, ניט זיי זאָגן אים עפּעס וועגן מיר. ער ווייסט בלויז אַז איך בין אויף דער פּראָווינץ און וועל ניט קומען צוריק... אַן אַ מאַן מיט אַ קינד אויף

די הענט. ווען זיי האָבן עס אים איין מאָל אַזוי געזאָגט, האָט ער געענט־פערט קורץ:

— דאָס וואָלט געפּאַסט, אַז איך...זאָל אַזוי זאָגן... (ס׳הייסט: אַזאַ מין ליגן).

איך האָב זיך פאַרנומען דורכפירן מיין „פּלאַן". איך האָב געמוזט האָבן „שותפים" צו אים, און אַלס שותפים האָב איך אַריינגענומען מיינע צוויי ברידער און... מיין מוטער.

מיין מאַמע — לעבן זאָל זי מיר — האָט געליטן גלייך מיט מיר. זי, אַלס פרוי האָט געפילט מיין ליבע און מיין האַרץ און איז געווען גרייט אָוועקצוגעבן איר לעבן פאַר מיר. אָבער, וואָס האָט זי געקענט טאָן? איצט, אַז איך האָב זיך געווענדעט צו איר נאָך הילף — האָט זי מיר אויסגעשטרעקט די האַנט.

זעט איר, מיין ליבן, ערנסטן, געטרייען טאַטן, אים — האָב איך גאָרניט געוואָלט דערציילן... פאַר אים האָב איך מורא געהאַט אַז ער זאָל זיין קעגן גאַנצן פּלאַן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען מיין טאַטער איז געווען אָוועקגעפאָרן פון שטאָט אויף אַ פּאָר טעג, בלויז מיין מוטער און די דינסט זיינען גע־ווען אין שטוב, איז געוואָרן אַ רעש ביי אונדז. מען איז געוואָר געוואָרן, אַז איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז מיט „סיאַנוראַ" און זיך „גענומען דאָס לעבן". אויפן טיש האָב איך געלאָזט 3 בריוו: איינע צום „ריכטער", אַז ער זאָל קיינעם ניט באַשולדיקן אין מיין טויט; איינעם צו מיינע על־טערן, בעטנדיק זיי מחילה פאַר די ליידן וואָס איך פאַרשאַף זיי. אָבער אין דעם זעלבן בריוו בעט איך זיי, אַז זיי זאָלן ניט דערלויבן אַז ראַול זאָל נאָכגיין נאָך מיין לויה... איך בעט אויך מיינע ברידער, אַז זיי זאָלן אים ניט טשעפּען כאָטש ער איז דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער שול־דיקער אין מיין פאַרצוקט יונג לעבן!... אַ דריטן בריוו, זייער אַ קורצן, האָב איך געלאָזט צו ראַולן אין וועלכן איך באַשולדיק אים יאָ אין אונזער צעשטערטן גליק און ווינטש אים צו געפינען זיין באַשערטע — אַ גרע־סערע ליגנערן פון אים — אפשר וועט ער מיט איר קענען מאַכן אַ לעבן. מיט מיר — איז געווען אוממעגלעך...

צען מינוט נאָך דעם, ווי איך האָב „איינגענומען די פּאָרציע סיאַ־נוראַ", — פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלעס איז געווען טעאַטער און פון דעם סיאַנוראַ האָט זיך בלויז געוואַלגערט אויף ערד דאָס פּאַפּירענע קאָנ־ווערטל, וואו עס שטייט דער באַרימטער צייכן פון אַ סקעלעט מיט ביי־נער, ד. ה. אַז עס איז געפערלעך! איינגענומען האָב איך אַ גוטע פּאָרציע פון אַ באַוואוסטע אָפּפיר־מיטל... — אַלזאָ, צען מינוט נאָך דעם ווי די מאַמע

האָט מיך געהאַלטן אין איין „ראַטעווען” און די דינסט האָט געבראַכן די הענט — זי האָט נעבעך גאָרנישט געוואוסט — איז מיין יונגערער ברודער אַריינגעלאָפן „צעווילדעוועט” צו ראָולן אין צימער — ער איז נאָך געלעגן אין בעט! צו דער אַרבעט פלעגט ער גיין בייטאָג — און אים ביי די האָר אַראָפגעשלעפט פון בעט מיט אַן אויסגעשריי — און... ווייזנדיק אים אַ ווייסן בלישטשענדיקן רעוואָלווער, האָט ער אויסגעשריען:

— דו האָסט מזל וואָס מען האָט רוזשען אָפגעראַטעוועט! ווען ניט, ווען זי שטאַרבט טאַקע — וואָלט איצט געווען דיין טויט! און... אַ וואָרף טוענדיק אים זיין בריוו אין פּנים אַריין, און „פאַרגעסנדיק” — האָט ער אים אויך איבערגעלאָזט דעם בריוו צו מיינע עלטערן — און ער איז אַרויס פון דער שטוב אים זידלענדיק מיט די ערגסטע ווערטער...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין ראָול געווען ביי אונדז אין אונדזער הויז. ער האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. אָבער מען האָט אים אין מיין צימער ניט אַריינגעלאָזט. ער האָט בלויז גערעדט מיט דער דינסט, וועלכע האָט אים דערציילט, ווי אַזוי נאָך דעם, ווי איך האָב אויסגעטרונקען דעם „סיאַנוראָ”, האָב איך געגעבן אַ גרויסן געשריי; ווי אַזוי די ברידער און די מאַמע האָבן מיך געראַטעוועט. זי האָט אים געוויזן דאָס קאָנווערטל פון דעם סיאַנוראָ און די צעבראָכענע גלאָז, וואָס מען האָט געפונען אויף דער ערד און פון וועלכער עס האָט זיך געפילט דער „סיאַנוראָ”... מיינע ברידער האָבן אים אויך געוויזן דעם „בריוו צום ריכטער” און אים ממש, אַרויסגעטריבן פון שטוב.

ער האָט זיך געבעטן אַז מען זאָל אים דערלויבן בלויז אַ קוק טאָן דורך דער שפּאַרונקע. ער וויל בלויז אַ קוק טאָן אויף מיר — אָבער, ער האָט ניט געפועלט. מען האָט אים געהייסן קומען מאָרגן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב, אָבער ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען. אין אַ שעה אַרום, און אין צוויי שעה אַרום, און אַזוי ביז אויף דער נאַכט, האָט ער געהאַלטן אין איין קלינגען ביי דער טיר, וואו די דינסט האָט אים, דורך אַ שפּאַרונקע פון דער טיר געמאָלדן אַז מיר גייט בעסער און בעסער.

אויפן צווייטן טאָג איז ער געקומען פאַרטאָג. מיר זיינען נאָך געשלאָפן און געווען מיד פון דער נעכטיקער „אַרבעט” און סצענע. האָט ער אַ קליינעם קלונג געטאָן און געבעטן אַז מיין ברודער זאָל אַרויסקומען. מיין ברודער האָט אָבער ניט געוואָלט גיין. ער האָט מורא געהאַט אַז אויף זיין פּנים זאָל ער ניט דערקענען די גאַנצע געשיכטע, האָט ער אַלץ געשיקט די דינסט וועלכע איז נאָך געווען איבערגעשראָקן, האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און האָט אויך געגלויבט אַז מען האָט מיך

פון טויט לעבעדיק געמאַכט. ביי איר, ביי דער דינסט, האָט ער אָפּגע־נומען אַ גרוס ווי אַזוי די נאַכט איז מיר געגאַנגען און... ער האָט איבער־געגעבן אַ בריוו פאַר מיר.

ווען די מאַמע האָט מיר אַריינגעבראַכט דעם בריוו — איך האָב ניט געוואָלט, אַז די דינסט זאָל מיך זען מיט אָט דעם לעבעדיקן פּנים וואָס איך האָב געהאַט — ווען איך האָב גענומען אים לייענען בין איך שיעור פאַרדושעט געוואָרן לאַכנדיק. איך האָב געמוזט לאַכן אין זיך, כדי די דינסט זאָל זיך ניט אָנשטויסן אַז עס איז מיר גאָרנישט...

אָט לייענט זיין בריוו:

„דאָס וואָס דו האָסט געטאָן נעכטן האָב איך שוין אַ סך מאָל געוואָלט טאָן. איך האָב בלויז ניט געהאַט אַזוי פיל מוט ווי דו. חוץ דעם האָב איך מורא געהאַט אַז אַזאַ טאַט פון מיין זייט, וועט דיר נאָך מער פאַרביטערן דיין לעבן ווי איך האָב עס דיר פאַרבי־טערט ביז איצט. דו, מיין לעבן, האָסט ניט פאַר וואָס צו גיין יונג פון דער וועלט. אויב שטאַרבן — דאַרף איך. ווייל אַזאַ קראַנקער און קרענקלעכער מענטש ווי איך, האָט נישט קיין רעכט צו לעבן.

אַזוי האָב איך געטראַכט אַ שטיק צייט. לעצטנס, זינט דו האָסט מיך פאַרלאָזט, האָט זיך אָבער געביטן די לאַגע. מיר דוכט, אַז דיין פּראָפעסאָר איז געווען גערעכט. איך האָב געמוזט דורכ־לעבן אַן אומגליק כדי צו קומען צו זיך, כדי אויסבעסערן מיין חסרון. און — עס וועט דיר זיין שווער צו גלויבן, לעצטנס האָב איך כמעט קיין ליגן נישט געזאָגט אין די לעצטע צוויי מאָנאַטן, — איך שווער ביי דיין לעבן און געזונט — האָב איך קיין איין ליגן נישט געזאָגט.

„פרעג זיך אָן אין מיין ביוראָ וועלן זיי דיר זאָגן, אַז זיי האָבן דאָרט אויך באַמערקט אַ בייט אין מיר. פריער, ווען איך בין נישט געקומען צו דער אַרבעט, פלעג איך שטענדיק האָבן אַ תירוץ, אַז... איך האָב געהאַט אַ לויה. ביים אַריינקומען דעם צווייטן טאָג האָט מען מיך גלייך געפרעגט: — ווער איז געשטאָרבן?... לעצטנס, לעצטנס, האָב איך געזאָגט דעם אמת. איך פלעג דערציילן, אַז איך בין געלעגן אויפן געלעגער און... געחלומט געטראַכט, און נישט אָנגעטאָן זיך אַפילו.

„נאָך אַ סימן אַז עפּעס האָט זיך געענדערט אין מיר זינט דו האָסט מיך פאַרלאָזן, איז: — איך האָב ווידער זיך גענומען צום לערנען און צוריק מיט דריי טעג האָב איך געגעבן אַן עקזאַמען און אַרויסגענומען די העכסטע נאָטע...

איצט, לעבן מיינס, שטעל זיך פאָר, וואָס עס וואָלט פון מיר

געוואָרן, ווען איך הייל זיך אוים פון מיין שלאָפקייט און דו... עס שוידערט מיך צו דערמאָנען זיך — דו ביזט שוין נישט צווישן די לעבעדיקע — און צוליב מיר! צוליב נאָר ניט ווייסן, אַז איך האָב זיך שוין אויסגעהיילט...

אָבער, דאַנקען גאָט! דיין שוידערלעכער טאָט איז דיר נישט געלונגען. איך זע אין דעם גאָטס האַנט. איך בעט דיך גלויב מיר, גלויב מיר, אַז איך בין שוין ניט דער, וועמען דו האָסט פריער געקאַנט. איצט, נאָך דעם צווייטן אומגליק, וועלכן איך האָב שיעור געבראַכט אויף מיר, אויף דיר, אויף דיינע עלטערן, אויף אונז אַלעמען איצט — בין איך אודאי שוין אויסקורירט. איך בעט דיך, נשמה מיינע, לאָז מיך צו צו דיר. לאָז מיך כאָטש בלויז אַ קוק טאָן אויף דיר. איך וועל אַ קוק טאָן דורך דער שפּאַרונקע פון דער טיר און — איך וועל רואיק אַוועקגיין"...

———:::———

איך קום צו צו דער ענדע פון מיין דערציילונג. איך וויל דאָ נישט אַרויסברענגען צי האָבן אַ מאַן אַ ליגנער איז גוט אָדער שלעכט. איך האָב געוואָלט, אין אַלגעמיין, דערציילן מיינע חברטעס, — די טויזנטער אומבאַקאַנטע מיידלעך וואָס האָבן חתנים אָדער קאַנדידאַטן אויף חתנים, — איך האָב זיי געוואָלט דערציילן מיינע איבערלעבענישן, ווען איך בין געוואָר געוואָרן אַז מיין חתן איז אַ ליגנער, אפשר וועט עס זיי צונוץ קומען!...

אגב, איך וועל דערציילן די ענדע פון מיינע איבערלעבענישן:

צען טעג האָב איך ניט צוגעלאָזט ראָולן צו מיין בעט. איך פלעג אים בלויז אַרויסשיקן אַ צעטעלע מיט עטלעכע ליבעס-ווערטער און — אַז מיר גייט בעסער.

איך האָב געפּועלט ביי דעם פּראָפעסאָר וואָס האָט מיך אַטענדירט ווען איך בין געקומען פרעגן אַן עצה וועגן ראָולן, איך האָב געפּועלט ביי אים ער זאָל מיר מאַכן אַ וויזיט ווייל איך דאַרף אים געבן אַן אינפאָרמע וואָס וועט אים צונוץ קומען אין פּראַקטיק. איך האָב אים דערציילט וואָס איך האָב געטאָן. איך האָב אים אַלעס אויסדערציילט און געוויזן ראָולס בריוו. אַז... מיין „סמען זיך" איז געווען אומזיסט, ווייל דער ערשטער אומגליק — דאָס פאַרלאָזן אים — האָט אים שוין במילא אויסגעהיילט. דער פּראָפעסאָר איז געווען זייער צופרידן מיט זיין באַזוך ביי מיר. ער האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען האָנאָראַר פאַר

זיין וויזיט. ער האָט געהאַלטן אַז... ער דאַרף מיר באַצאָלן. וואָס ער האָט מיר יאָ געעצהט איז, אַז ראַול טאָר ניט געוואָר ווערן, אַז מיין סמען זיך איז געווען אַ פּיקטיוו שטיקל אַרבעט. עס קאָן ווירקן אויף אים שלעכט. האָט ער מיר געעצהט צו ליגן צען טעג אין בעט. ער האָט מיר געגעבן פּראָשקעס צו... באַקומען היץ און אָפּגעשוואַכט ווערן. ווען איך וועל אַרויס פון בעט, וועל איך טאַקע אויסזען ווי אַן אמתע קראַנקע און ראַולן וועט ניט איינפאַלן אַז איך האָב זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַ געזונטע און שטאַרקע. איך האָב דעם פּראָפעסאָר געפאָלגט אוו ווען איך בין אַרוים פון בעט, האָב איך זיך ניט געקענט שטעלן אויף די פיס.

פאַרשטעלן אייך ראַולס פרייד ווען ער האָט מיך דערזען — איז איבעריק. ער האָט אָנגעהויבן... וויינען און ער האָט געוויינט ביז ער איז אוועקגעגאַנגען... ער האָט געוויינט און מיך געגלעט און איך, אויף אים קוקנדיק, האָב אויך געוויינט...

———:::———

זינט יענעם טאָג פון מיין „סמען זיך", איז שוין אַריבערגעגאַנגען קרוב צו אַ יאָר. מיר זיינען שוין אָפיציעל חתן־כלה. מיין פאָטער, וועלכער ווייסט פון גאָרנישט, האָט געגעבן זיין שטילע הסכמה ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ראַול „האָט זיך געבעסערט" און ער האָט אים פאַר דער גאַנצער צייט קיין איין מאָל נישט געפּאַקט ביי קיין ליגן... מיר וואַרטן נאָך אַ פּאָר חדשים, וועט זיך ראַול גראַדואירן אַלס דאָקטאָר אין „עקאָנאָמישער רעכט" און מיר וועלן חתונה האָבן.

פונעם טריק מיטן סמען זיך האָט ראַול נישט געוואוסט, ביז... יענער וואָך. און ווער, מיינט איר, האָט עס אים דערציילט — מיין פּראָפעסאָר! דערציילט — אומדירעקטערהייט.

יענע וואָך האָט דער פּראָפעסאָר געגעבן אַן עפנטלעכע לעקציע פאַר תלמידים און סתם סטודענטן וועגן דער „ווירקונג פון ליגנס אינעם מענטשלעכן לעבן". ראַול איז געוואוירע געוואָרן פון אָט דער לעקציע, און, צוליב קוריאָז, איז ער אַוועק זי אויסהערן...

דער פּראָפעסאָר האָט זייער לאָגיש און בילדעריש אַרומגערעדט ווי אַזוי דעם מענטשנס מוח קען פאַרקריפּלט ווערן דורך זיך צוגעוואוינען צו זאָגן שטענדיק ליגנס... ער האָט דערציילט פון אַ... שילער וואָס האָט, דורך אַ ליגן, געמאַכט אַז מען זאָל שיקן בלומען צו זיין דירעקטאָרס בעט און די בלומען זיינען אָנגעקומען ווען דער דירעקטאָר האָט זיך שוין געפילט בעסער און... געגעסן עפּל־קאָמפּאָט! דערנאָך האָט ער געבראַכט אַ ביישפּיל פון אַ פאַרליבט פּאָרל און אויסדערציילט אַלעם וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר, אַריינגערעכנט דעם טריק פון סמען זיך...

װען דער פּראָפעסאָר האָט געענדיקט זײַן לעקציע פאַר װעלכער ער איז שטאַרק אַפּלאָדירט געװאָרן, האָט זיך ראָול אױפגעהױבן, אַ בלאַסער אָבער רואיקער און געבעטן דאָס װאָרט. ער איז אַרױפגעגאַנגען אױף דער קאַטעדרע און דערציילט, אַז... ער איז עס דער שילער און ער איז עס דער חתן װעמענס כלה האָט זיך געװאָלט סמען... און — ער מעלדעט, ראָול, אַז נישט נאָר איז ער נישט ברוגז אױף מיר אָדער אױפן פּראָפעסאָר, נאָר אַדרבא, ער װיל דאָ, פאַר די הונדערטער צוהערער, באַשטעטיקן דעם פּראָפעסאָרס טעאָריע װעלכע האָט אים ראָולן — געראַטעװעט פון אַפּגרונט.

נאָכן אָפּריידן, איז ראָול צוגעקומען צום פּראָפעסאָר זיך מיט אים אַרומגענומען און זיך צעקושט...

װען ראָול איז געקומען אַהיים און דאָס מיר דערציילט, האָט ער פאַרענדיקט:

— זאָג מיר װאָס דו װילסט, דײַן פאָטער איז פאָרט גערעכט. זײַן אַ ליגנער איז אַ גרױסער חסרון צו אַ שידוך!...

זייער אײדעם איז געוואָרן פרום, ווילן זיי אַז זייער טאָכטער זאָל זיך מיט אים גטן...

צי איז צו גלויבן אַזאַ זאַך?

צי וואָלט אין דער אַלטער היים מעגלעך געווען אַזאַ זאַך?

צי שטעלט איר זיך פֿאָר, אַ שטאָט אָדער אַ שטעטעלע אין אונזער אַלטער היים, אַז אַן עלטערער איד זאָל אַריינקומען צום רב, באַגלייט פון זיין אידענע און זאָגן צום רב:

— רבי, איך וויל, איר זאָלט פועלן ביי מיין טאָכטער, אַז זי זאָל זיך גטן מיט איר מאַן! און דער רב גיט אַ פרעג דעם טאַטן פון דער טאָכטער:

— וואָס-זשע? זי איז חלילה, אַן עקרת און עס זיינען שוין איבער־געגאַנגען די צען יאָר, וואָס אַ כשרע אידישע טאָכטער דאַרף אָפּלעבן מיטן מאַן און אויב זיי האָבן קיין קינדער ניט, דאַרפן זיי זיך גטן?

— חלילה, — ענטפערט דער טאַטע — ס'הייסט זי האָט קיין קינ־דער נישט? מיינע און אייערע שונאים זאָלן קיין קינדער ניט האָבן... זי האָט צוויי שיינע בריליאַנטענע קינדערלעך. אַ אינגעלע און אַ מיידעלע. דאָס אינגעלע איז געוואָרן זעקס יאָר און גייט שוין אין חדר אַריין און דאָס מיידעלע דאַרף ווערן פיר יאָר דעם דריטן טאָג פסח.

— פאַר וואָס זשע דאַרף אייער טאָכטער זיך גטן מיטן מאַן? — וואָלט דער רב געפרעגט — אפשר איז ער, רחמנא לצלן, אַרויס לתרבות רעה, געוואָרן אַ גנב, אַ גזלן אָדער גאָר... אַ משומד?

— חלילה — ענטפערט ווייטער דער איד — ער איז ניט קיין גנב און קיין גזלן אַוודאי ניט, ער טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט...

— וואָס זשע דען?

— ער איז געוואָרן... אַ פרומער. ער איז געוואָרן אַזוי פרום, אַז מען קען שוין פון אים ניט איבערטראָגן...

לאָמיר זיך שוין אויך פאָרשטעלן, אַז דעמאָלט וואָלט דער רב געענט־פערט:

— וואָס זשע? פרומקייט און פרום זיין איז דען אַ חסרון? אַט בין איך אויך פרום און מיין רביצין וויל זיך מיט מיר ניט גטן...

און דער „קלוגער" טאַטע ענטפערט ווי דאָס פאָלקס-ווערטל איז:

— רבי, איר זייט פרום ווייל איר דאַרפט עס צו פרנסה, אָבער מיין איידעם מיינט עס ערנסט...

דאָס אַלעס וואָלט אין דער אַלטער היים זיכער ניט פּאַסירט. דאָרט וואָלט קיין קלאָרן אידישן מענטשן ניט איינגעפאַלן צו פאָדערן פון זיין טאָכטער, אַז זי זאָל זיך גטן פון איר מאַן, ווייל ער איז געוואָרן פרום.

דאָ, אין אונזער נייער היים, אין היינטיקע יאָרן, ווען עס פליען עראָפּלאַנען פון איין עק וועלט צום צווייטן אין געציילטע שעה'ן; דאָ קען אויך טרעפן אַזאַ פענאָמען. אָבער...

לאָמיר לאָזן ריידן דעם שווער, דעם טאַטן פון דער „אומגליקלעכער" טאָכטער, וועמענס מאַן איז „אַראָפּ פון זינען" און געוואָרן פרום.

———:::———

אַ מענטש אין די זעכציקער, מיט אַ גרויען קאָפּ האָר אויף די פּלייצעס, מיט אַ פּאָר גרויסע שווערעברילן, וואָס האַלטן זיך קוים אויף זיין גרויסער גראָבער נאָז, אויסערגעוויינלעך נערוועאיש און קען ניט איינזיצן אויף דער שטול אויף וועלכער ער זיצט. ווען ער רעדט, גייט ער אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז די פרוי זיינע, וועלכע זיצט נעבן אים, גיט אים אַלעמאָל אַ ציי ביים אַרבל און אַ זאָג, אַ שטרענגן זאָג, וואָס טראָגט דעם טאָן פון אַ באַפעל:

— שאַ! שטיל! באַרואיק זיך! רייד שטילער! ביסט ניט ביי זיך אין דער היים!

עס גייט אַוועק אַ מינוט, ער באַרואיקט זיך ער רעדט שטילער. אָבער אין עטלעכע מינוטן אַרום רעדט ער שוין ווידער הויך, רעשיק, שרייענדיק און זיין פלוניתטע מוז אים ווידער אַ ציי טאָן ביים אַרבל און אים באַרואיקן. און אַזוי איז דאָס די גאַנצע דריי שעה וואָס ער רעדט, דערציילט, שרייט, בייזערט זיך און בעט רחמים.

— אַלזאָ, וואָס זשע פאַר אַן אומגליק האָט אייך געטראָפן?

———:::———

— איר קוקט אָן מיין טאָכטער (וועלכע איז אויך בייוועזנד ביים געשפרעך), ווען איר זעט זי צוריק מיט צען יאָר, וואָלט איר ניט געגלויבט אַז פון אַזאַ שיינער מויד, אַ סאָסנע, אַ דעמב, זאָל ווערן אַזאַ אויסגע-

טריקנטער לולב! אָבער צו וואָס דאַרפֿן מיר ריידן פֿון צוריק מיט צען יאָר ווען איר קוקט זי אָן צוריק מיט דריי יאָר איידער איר מאַן איז משוגע געוואָרן, איידער עס איז אַריין אין זיין קאָפּ, ווערן גאָטס שליח אויף דער וועלט, ווערן פֿרום און אַ ירא־שמים! ווען איר קוקט זי ד אַ ן אָן און זעט זי א י צ ט, וואָלט איר זי אויך ניט דערקאָנט...

ווייזט אויס, אַז גליק געדויערט ניט אייביק. איך בין געווען גליקלעך און צופֿרידן און געמיינט אַז איך וועל זיך שוין אויסלעבן די יאָרן אין נחת און אין פֿריידן, און טאַקע: וואָס האָט מיר געפֿעלט? איך האָב גע־האַט נחת פֿון מיין איינציקער טאָכטער, מיין אויג אין קאָפּ. האָב מיט איר געטאָן זייער אַ געראָטענעם שידוך, גענומען זייער אַ גוטן און געראָ־טענעם מאַן. דערלעבט נחת אין זיי און זיי האָבן מיך שוין צוויי מאָל געמאַכט פֿאַר אַ זיידן און מיך באַשאָנקען מיט צוויי גאָלדענע אייניקלעך. פּרנסה, איז ברוך השם, געווען אי ביי מיר, איז ביי זיי. מיר האָבן ניט געדאַרפֿט אָנקומען חלילה, איינס צום אַנדערן און זיך בלויז געגעבן מתּנות איינס דעם אַנדערן.

פּלוצלינג, איך וויים ניט ווי אַזוי דאָס איז געשען. מיר האָבן באַ־מערקט אַן ענדערונג אין אים. עפּעס גייט ער אַרום פֿאַרטראַכט, קוקט צום הימל, אָדער... האָט גאָר אין גאַנצן פֿאַרמאַכט די אויגן, הערט ניט וואָס מען רעדט צו אים, און אַז ער ענטפֿערט אויף אַ פֿראַגע — איז אָפּ־געהאַקטע רייד.

ווען מיר האָבן עס באַמערקט, — מיר, ס׳הייסט איך און מיין אַל־טיטשקע, — איז שוין געווען אַ יאָר צייט נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען אָט דאָס חולאת. מיין טאָכטער האָט די גאַנצע צייט געליטן און האָט אונז ניט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין עגמת נפֿש, האָט זי אונז ניט דער־ציילט. ערשט ווען מיר זיינען צוגעשטאַנען צו איר, האָט זי זיך צעוויינט און אונז דערציילט אַ סך זאַכן. מיר האָבן פּשוט אונזערע אויערן ניט געוואָלט גלויבן.

ער איז געוואָרן מיסטיש פֿרום. וואָס זאָג איך מיסטיש, ער איז גע־וואָרן משוגענערהייט פֿרום.

ווען ער האָט צוריק מיט דריי יאָר אָפּגעשטעלט זיין פֿאַבריק שבת און האָט געצאָלט די אַרבעטער פֿאַר דעם טאָג וועלכן זיי האָבן ניט גע־אַרבעט — האָב איך אים גאָרניט געוואָלט זאָגן. בכלל האָב איך אָפּגע־מאַכט מיט מיין אַלטיטשקער אַז מיר זאָלן זיך קיינמאָל ניט מישן אין זייער לעבן און אין זייערע געשעפֿטן. דערהויפּט נאָך, ווען די געשעפֿטן זיינען אים געגאַנגען זייער גוט און ער איז ב״ה אַ איד אַן עושר. ווען ער האָט שבת פֿאַרמאַכט די פֿאַבריק, האָב איך עס גאָר באַטראַכט פֿאַר

אַ קלונגן אויפטו. טאַקע, צו וואָס אַזוי פיל אַרבעטן? גיי, ווייס אַז דאָס פאַרמאַכט ער ווייל... ער איז פרום געוואָרן און וויל מקיים זיין דעם „זכור את יום השבת לקדשו!"

ווען האָבן מיר זיך געכאַפּט אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט?

— היינטיקן ערב פסח!

אַלע יאָר קומט מען צו מיר צום סדר. איך רוף עטלעכע פריינט און עס האָט שוין געטראָפן, אַז ביי מיין סדר זיינען געווען... 35 נפשות. איך באַוואוין, קיין עין הרע, אַ גרויסע שטוב און עס איז אויך פאַראַן פּלאַץ אין סאַלע פאַר טישן, אַרום וועלכע עס זאָלן זיצן 50 פּערזאָן. מיר פלעגן פּראַווען אַ סדר, אַזוי צו זאָגן, אַ וועלטלעכן. מען האָט קיין הגדה ניט געזאָגט, אָבער דאָס איינעקל האָט געפרעגט קשיות „צוגעגנבעט" דעם אַפּיקומן און באַקומען אַ הונדערטער פאַר אָפּגעבן אים, און מען האָט דערציילט — ספּעציעל פאַר די קינדער — דעם תוך פון פסח, פונעם מרור, און... מען האָט געזונגען לידער און געשפּילט חזנישע דיסקעס.

יענעם ערב פסח האָט מיר מיין איידעם געמאָלדן אַז היינטיקס יאָר, פּראַוועט ער דעם סדר ביי זיך און ער וויל, אַז היינטיקס יאָר, זאָלן מיר זיין ז יי נ ע געסט ביים סדר.

איך האָב געזען די זאַך אַ ביסעלע קרום. איך האָב אים געפּרואווט אָנווייזן, אַז ביי מיר איז אַזאַ טראַדיציע, אַזאַ מנהג, פון אַזוי פיל יאָרן, ניט זיין ביים סדר ביי אַ פרעמדן טיש — כאָטש זיין טיש איז מיר ניט פרעמד, — אָבער ,איך האָב געזען אַז עס וועט מיר ניט העלפן, און אַ ביסל האָט מיר די אַלטע צוגערעדט אַז מען דאַרף די קינדער אָפּגעבן כבוד און גיין איין מאָל צו זייער טיש — און אַן אַרגומענט האָט געהאַט מיין אידענע:

— וואָס זשע וועט זיין, אַז מיר וועלן לעבן נאָך דרייסיק יאָר, קומט אויס, אַז אונזער איידעם וועט קיין מאָל ניט קענען פּראַווען זיין סדר ביי זיין טיש...

איך בין אַפילו מיט אָט דעם אַרגומענט ניט צופרידן געווען אָבער, דאָך בין איך געגאַנגען צו זיין סדר!

דאָרט האָט זיך מיר דאָס ערשטע געעפנט די אויגן.

ערשטנס: איז דער סדר געווען צוגעגרייט אַ ז ו י פרום, אַז איך ווייס ניט צי ביים רב איז געפּראַוועט געוואָרן אַזאַ כשרער פסח. דאָס גאַנצע געפעס, אַלע לעפל־גאָפּל, מעסערם איז דאָ געווען ניי און... געכשרט... אויפן טיש איז געשטאַנען אַ לייכטער מיט 4 גרויסע ליכט און ווי מיר זיינען דערנאָך געוואוירע געוואָרן, האָט מיין טאָכטער געבענטשט ליכט. די מצה אויפן טיש איז געווען מיר עפּעס אומבאַקאַנט. אונזערע מצה־בעקערייען באַקן, דוכט זיך, ניט אַזעלכע מצות. ערשט, איך ווער

געוואוירע אַז די מצה האָט געבאַקן... מיין איידעם מיט נאָך עטלעכע פרומאַקעס ווי ער — שמירה-מצה...

אַרום דעם גרויסן טיש, מיט די נייע, ווייסע טישטעכער, זיינען געזעסן עטלעכע אידן מיט בערד און פאות, מיט... הענט וואָס זיינען געווען געל פון טאַבאַק און אונטער די נעגל האָבן זיי געטראָגן אַ פּוד בלאָטע. איך קוק אויף מיין טאַכטער. איך קוק אויף מיין איידעם. איך וויל עפּעס פרעגן, אָבער מיין טאָכטער גיט מיר שטיל אַ זאָג:

— טאַטע, שאַ, פאַרשטער מיר ניט דעם יום-טוב. פרעג גאָרניט און זאָג גאָרניט. קוק, זע, און שווייג!...

מיין אידענע האָט, ווייזט אויס, יאָ עפּעס געוואוסט. זי האָט מיך געהאַלטן נעבן זיך, ווי אַ הונט אויף אַ שטריק, און געהיט מיך אַז דער „כוהן" זאָל ניט אַרויסשפּרינגען פון מיר. אָבער, איך האָב ניט געטראַכט אַפילו אין כעס צו ווערן. פונקט פאַרקערט, איך האָב געוואָלט אויסשיסן מיט אַ געלעכטער. איך האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן.

מיר האָבן זיך געזעצט צום סדר. מיר האָבן אָנגעטאָן די אָנגעגרייטע ווייסע יאַרמלקעס. מיין איידעם האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל; די טאָכטער האָט אים צוגעגרייט אַ „הסב בעט" און מיין איידעם האָט פאַרגלאָצט די אויגן און געמאַכט קידוש — ווער ווייסט, צי דער גרעסטער רב אָדער „גוטער איד" מאַכט אַזוי קידוש... נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבן שאָקלען און זאָגן דעם „כהא לחמא עניא", און נאָך אים האָבן נאָכגעזאָגט די בטלנים וואָס זיינען געזעסן ביים טיש און איך? — איך פלאָץ שיר פאַר געלעכטער...

מיין אייניקל פרעגט די קשיות. אָבער — איך דערקען ניט מיין אייניקל און דערקען ניט די קשיות... נאָך מיין אייניקלס קשיות-פרעגן, שטעלט זיך אויף איינער פון די באָבערדעטע — און דוכט זיך, אַז דער מגשום-דיקסטער פון די איבעריקע — און פרעגט ערשט באַניים „מה נשתנה?" מיין איידעם הערט זיך צו צו אים, גלייך ווי ער פרעגט עפּעס אַזאַ פראַגע וואָס ער הערט צום ערשטן מאָל אין לעבן. און ווי נאָר יענע בריאה ענדיקט דאָס פרעגן די קשיות, — אַזוי גיט זיך באַלד מיין איידעם ווי די איבעריקע מיט אים, אַ שאָקל און אַ ברום אַרויס אַן — עבדים היינו לפרעה במצרים... אַז מען האָט געקענט טויב ווערן פון זייער „זינגען" און פילדערן.

אינמיטן „זאָגן" שטעלט מען זיך אָפּ, און מען באַלעקט זיך מיט די גרויסע נסים ונפלאות, וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געטאָן צום פאָלק ישראל. מען דערציילט די נסים ביים ים און דער עיקר, ווי אַזוי דער מלאך המות האָט געהאַלטן אין איין שפּרינגען פון איין שטוב צו דער

צווייטער און ווי אַזוי ער האָט, חלילה, קיין טעות ניט געהאַט אין פאַר־טשעפּען אַ אידישן בכור...

איך בין געזעסן און געמיינט, אַז איך געפין זיך אין... אַ משוגעים־הויז. לסוף האָב איך ניט אויסגעהאַלטן. ביי דער צערעמאָניע ווען מען איז געגאַנגען עפענען די טיר ביי „שפוך חמתך" פאַר אליהו הנביא, האָב איך נאָכגעשריען דעם אידן וואָס איז געגאַנגען אַריינלאָזן דעם גאַסט:

— פּעטער, היט זיך אַז אַ שכנס ציג זאָל ניט אַריין...

מיין וויץ האָט זיי אַ ביסל פריטשמעליעט. עס האָט מיר דערנאָך באַנק געטאָן, אָבער כאַפּן צוריק איז שוין געווען צו שפּעט...

קוים דערלעבט אָפּצופּטרן דעם סדר, אַרויסגעפּטרט די אידן און ווען זיי זיינען אַרוים האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אַז... ביי די טירן הענגען מזוזות. איך האָב שוין געוואָלט אָנהויבן פרעגן וואָס דאָ קומט פאָר. מיין טאַכטער האָט מיך פאַרכאַפּט:

— פרעג איצט גאָרניט. נאָך יום־טוב, מאָרגן, וועל איך דיר דער־ציילן. איצט גייט געזונטערהייט אַהיים. זי האָט אונדז פּשוט... ביי די פּלייצעס משלח געווען...

דעם גאַנצן וועג ביזן שטוב אַריין און דערנאָך אין שטוב, בין איך געווען אויסער זיך. איך האָב געוואָלט וויסן וואָס עס איז געשען. מיין אַלטיטשקע האָט אויך ניט געוואָלט פאַרשטערן דעם יום־טוב און מיר צו־געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי מיר דערציילן. און — צו מאָרגנס ווער איך געוואוירע:

— מיין טייערער, זיסער, איידעם, איז געוואָרן פרום. אָבער, וואָס הייסט פרום? ווילד־פרום! זי, די טאָכטער מיינע, ליידט שוין אַזוי חדשים פון אים, אָבער זי האָט ניט אויסגעזאָגט. זי האָט ניט געוואָלט אַז מיר זאָלן האָבן יסורים: זיין פאַנאַטישע פרומקייט האָט קיין גרענעץ ניט! שטעלט אייך פאָר: אין זיין פּראָגראַם פון פרומקייט גייט אויך אַריין, געוויסע ווייבערשע דינים וועלכע זי מוז אָפּהיטן... און ווען די איינציקע אידישע מקוה איז ווינטער ניט געהייצט געוואָרן, ווייל דער קעסל איז געווען צעבראָכן — האָט ער זי אויסגעמיטן, ווייל זי איז ניט געווען גע־נוג כשר... איר פראַכטפול און מאָדערנער באַד־צימער איז פאַר אים ניט געווען גענוג כשר... איך בין געוואוירע געוואָרן פון זאַכן, וואָס קיין קלאָ־רער מענטש, דערהויפּט אין זיינע יאָרן, טוט עס ניט! מילא, דאָס וואָס ער לויפט ערגעץ אין אַ שילכל דאַווענען — דאָס בין איך אים מוחל! אויב ער האָט חשק אויפצושטיין פאַרטאָג און לויפן דאַוונען, אָדער זיך טובלען אין דער שמוציקער מקוה, פאַרגין איך אים דאָס גליק. איך ווער אָבער געוואוירע ווי אַזוי ער וויל מאַכן פון מיין טאָכטער אַ רביצין. ווי אַזוי

זי דאַרף לויפן גאַנצע קוואַרטאַלן צו קריגן כשר פלייש, אָדער אַ כשר עוף! ווי אַזוי ער היט זי, אַז זי זאָל, חלילה ניט „אָראָפּגנבענען" קיין מינוט ביים זאַלצן און ווייקן דאָס פלייש; ווי אַזוי ער צווינגט זי צו פאַסטן אַלע גרויסע, קלענערע, און גאָר קליינע תעניתים. און ווי זאָגט מען — „ווי אַזוי די מתים עסן — אַזאַ פּנים האָבן זיי". אַט גיט אַ קוק אויף דעם סקעלעט, וועט איר שוין פאַרשטיין, פאַרוואָס זי זעט אויס אַזוי און אַט, האָט איר אַ בילד פון איר פון צוריק מיט דריי יאָר — זעט, ווי אַזוי זי זעט דאָרט אויס!... ווען מיר קוקן זיך ניט אום אויף איר, וואָלט ער זי געצוואונגען צו פאַסטן אויך מאָנטיק און דאָנערשטיק.

וואָס איז געוואָרן מיט אים? מיר האָבן געפּרואווט ריידן מיט אים. איך האָב גערעדט צו אים, ווי צו אַ מאָדערנעם מענטשן, ווי צו אַ חבר און טאַקע ווי צו מיין טאָכטערס מאַן און צום פאָטער פון מיינע אייניקלעך. — פריער האָט ער מיר גאָרניט געוואָלט ענטפערן. דערנאָך, ווען איך האָב אויפגעהויבן העכער מיין קול און אים געסטראַשעט צונעמען ביי אים מיין טאָכטער מיט די קינדער, — איז ער ווייכער געוואָרן און מיר אָנגעהויבן ריידן אַזעלכע רייד וואָס קיין קלאָרער מענטש זאָגט עס ניט. עפּעס אַ מעשה מיט אַ געשיכטע, אַז „די וועלט איז פול מיט זינד", אַז „די וועלט איז אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג"; אַז „מען דאַרף תפילה טאָן"; „די סכנה איז גרויס".

טענה איך צו אים:

— וואָס וועט העלפן, אַז ד ו וועסט תפילה טאָן, ווען די איבעריקע מיליאָנען, מיליאַרדן מענטשן ווילן ניט תפילה טאָן און וואָס זיי טוען יאָ — איז אַלע טאָג זינדיקן זיי מער!

דערציילט ער מיר אַ געשיכטע, מיט סדום ועמורה, אַז מען האָט געדאַרפט בלויז פינף צדיקים וואָלט מען זיי ניט געוועזן חרוב געמאַכט. נו, וויל ער זיין איינער פון די פינף צדיקים פון דער היינטיקער וועלט, אפשר וועט ער עפּעס... אָפּבעטן ביים אויבערשטן...

אָבער, ווי קומען צו אים אָט די נאַרישעוואַטע געדאַנקען? אַז געבוירן און דערצויגן איז ער געוואָרן ביי עלטערן וואָס זיינען נאָך געווען גרעסערע גויים ווי מיר, האָבן ניט געוואוסט פון קיין יום־טוב, פון קיין שבת; האָבן ניט געפּראַוועט קיין סדרים און האָבן ניט געשלאָגן קיין כפּרות. זיינע עלטערן זיינען געווען פּשוטע שלוש סעודותן... ווי־זשע קומט פלוצים צו אים אַזאַ פרומקייט?

אַזוי צי אַזוי, איך האַלט, אַז מיין טאָכטער טאָר מיט אים מער ניט וואוינען קיין שעה! זי וועט באַקומען פון אים טובערקולאָז און אַ ראַק און וועט שטאַרבן פון הונגער. איך מוז זי און קינדער אַרויסראַטעווען

פון אים וואָס שנעלער! וועט ער וועלן מיט גוטן — וועט ער איר געבן אַ גט, זיי וועלן זיך צעטיילן מיטן פאַרמעגן, און זיין חלק מעג ער אַריינ־וואַרפן אין דער פושקע פון מאיר בעל הנס, און אַליין נעמען אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און ווי אַ לינדזשעראַ, אַ וואַגאַבונד, זאָל ער גיין צו־פוס פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף און אָפּריכטן גלות און אויספּועלן ביי גאָט, אַז ער זאָל ניט חרוב מאַכן די וועלט.

וועט ער מיט גוטן ניט וועלן, וועלן מיר דעם ענין איבערגעבן אַן אַדוואָקאַט און אים, וועלן מיר... אַרויסטרייבן פון דער שטוב.

אַן עק און אַ סוף זאָל עס נעמען!...

——::——

ווען דער פאָטער האָט גערעדט, איז די טאָכטער געזעסן די גאַנצע צייט אַריינגעלייגט דעם קאָפּ צווישן די הענט און אַראָפּגעקוקט אויפן פּאָל. געוויען מאָמענטן ווען זי האָט זיך עפּעס אַ טרייסל געטאָן, אַ ציטער געטאָן און ווידער געבליבן זיצן שטיל. אָבער ווען דער פאָטער האָט געגעבן אַ רייד אַרויס: „מירן אים אַרויסטרייבן פון שטוב!" האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף. אירע אויגן זיינען געוואָרן ערנסט, אָנגע־שטרענגט, און זי האָט געגעבן אַ רוף אויס:

— ניין, טאַטע; אַלץ! אַלץ! אָבער פון דער שטוב דאַרפן מיר אים ניט אַרויסטרייבן! עס איז ז יי ן שטוב, ז יי ן הארעוואַניע! מיר האָבן קיין רעכט ניט, אים צו זאָגן: גיי! עס איז זיינס! אויב א ו נ ז געפעלט ניט, — דאַרפן מ י ר גיין; מיר דאַרפן פאַרלאָזן די שטוב. ז יי ן שטוב!

— נו, גוט, — שלאָגט איר איבער דער פאָטער — וועלן מיר אים לאָזן די שטוב, זאָל ער מיט איר זיך וואַרגן און — — —

— טאַטע, שעלט ניט, שעלט ניט דעם פאָטער פון מיינע קינדער און פון דיינע אייניקלעך! קיין פאַרברעכן איז ער ניט באַגאַנגען. ער האַלט מיך מיט גרויס כבוד. ער קוקט אויף מיר ווי אויף אַ הייליקע... ווען איך טו עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האַלט עס פאַר אַ מצווה, ווייסט ער מיר ניט ווי אַזוי אָפּצודאַנקען... אמת ער האָט מיך אויפגעהערט צו קושן און צערטלען, ווי אַמאָל — אָבער זיינע אויגן, זיינע הייליקע, פרומע אויגן, זאָגן שוין אַלץ. איך האָב צו אים קיין טענות ניט, הלמאַי ער איז פרום. איך האָב אַפילו צו אים קיין טענות ניט וואָס ער מאַכט מיך אויך פרום געצוואונגענערהייט. מילא. ער — ער פילט עס אין דער נשמה. אָבער, איך, איך בין פרעמד צו פרומקייט. איך גלויב ניט אין דעם און אַרויפצווינגען אויף מיר אַזאַ פרומקייט, באַגייט ער אַ גרויסע זינד...

איך האָב אַ סך מאָל אים עס געוואָלט אויפקלערן. איך האָב אים געוואָלט זאָגן אַז איך געפין זיך אין דער זעלבער לאַגע וואָס די געצוואונ־גענע אידן אין שפּאַניע, וועלכע האָב זיך געמוזט שמדן, אָדער פאַרטריבן ווערן פון זייער היים. איך האָב אים עס געוואָלט זאָגן. אָבער... איך האָב קיין מוט ניט צו צעברעכן זיין גלויבן אין מיר. איך האָב פּשוט מורא אַז ווען ער וועט געוואוירע ווערן אַז מיין פרומקייט איז פאַלש, וועט ער... אַנטלויפן פון שטוב אָדער וועט מיר וועלן אָפּגטן... און דאָס וויל איך ניט, איר הערט? דו הערסט, טאַטע? איך וויל אים ניט גטן און וויל אים ניט פאַרלירן. מיר האָבן געלעבט אַ גליקלעך לעבן, אַ לעבן פון ליבע און געטריישאַפט און איך וויל אַט דאָס לעבן ניט צעברעכן. וועלן מיר גע־פינען אַ מיטל אים צ ו ר י ק אַרויפירן אויפן נאַטירלעכן וועג — איז גוט; אויב ניט, בין איך גרייט ווייטער צו ליידן...

דאָס איינציקע וואָס איך האָב נאָר מורא איז פאַר די קינדער. ער וויל די קינדער פירן אויף זיין וועג. ער האָט זיך שוין גענומען צו מיין אינגעלע און אים אָנגעקלאַפּט אַ קאָפּ מיט שדים און רוחות און מיט אַ גיהנום און אַ קאַלך־אויוון וואָס כאַפּן אַריין אַהין יעדעס קינד וואָס זאָגט ניט אינדערפרי קיין „מודה אני" און וואָס ליגט זיך, אָן צו זאָגן קריאת שמע, כאָטש דעם איינציקן פּסוק „שמע ישראל". ער האָט מיט די מעשיות שוין דערגרייכט, אַז דאָס קינד כאַפּט זיך אויף ביינאַכט מיט אַ געשריי, עפּעס האָט זיך אים געחלומט, ווי אַ שד, ווי אַ רוח, אַ צרה, אַ שלאַק, איז אים געקומען שלעפּן גלייך אין גהינום אַריין... אָט פאַר דעם האָב איך מורא. פאַר די קינדער. און וואָלט מען געפועלט ביי אים, מיט גוטן אָדער מיט שלעכטן, — אָבער ניט ריידן וועגן אַרויסטרייבן פון שטוב אָדער זיך גטן. — אויב מען וועט פועלן ביי אים, אַז ער זאָל לאָזן די קינדער צורו — וואָלט מיך ניט געאַרט, ער זאָל פראַווען פרומע שטיק וויפל ער וויל, אַפילו אַריינשלעפּנדיק מיך אין זיינע שטיק און אַפילו מיך צווינגען צו טראָגן אַ... שלייער.

וואָס איך וויל, איז — מען זאָל פועלן ביי אים, ער זאָל לאָזן די קינדער צורו. און ניט מער...

———::———

צוויי טעג שפּעטער.

כמעט אין דער זעלבער שעה זיצן מיר פּנים אל פּנים מיט אָט דעם נייעם „צדיק" אָדער אפשר גאָר ל"ו־ניק. ער זיצט אויף דער זעלבער שטול וואָס זיין פרוי איז צוריק מיט 48 שעה געזעסן און געבעטן רחמים אַז מען זאָל ריידן מיט אים מיט גוטן, מיר פאַרשפּאָרן צו ריידן. ווי נאָר ער איז געקומען, ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער אָנגעהויבן

ריידן און ניט אויפגעהערט. ער האָט זיך ניט געלאָזט איבערשלאָגן מיט אַ וואָרט. און עס האָט אים דענערווירט ווען אין מיטן פון זיין ריידן האָבן מיר געוואָלט... פּאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס.

ער רעדט שטיל, קוים, קוים, וואָס מען הערט אים.

— איך ווייס, אַז „מיינע" זיינען נעכטן געווען ביי אייך. מעגלעך, אַז מען האָט אייך אַנדערציילט וועגן מיר משונהדיקע זאַכן. מיך אינטע־רעסירט ניט וואָס זיי האָבן דערציילט, ווי בכלל וואָס פאַר אַ מיינונג זיי האָבן וועגן מיר און וועגן מיין נייַ לעבן וואָס איך האָב אָנגעהויבן. וואָס איך וויל, איז — אפשר קענט איר פאַרמיטלען, אַז זיי — אירע עלטערן — זאָלן מיך און מיין פאַמיליע לאָזן צורו! לאָזן לעבן ווי מיר ווילן. און אויב מיין אשה צנועה, אָט די טייערע נשמה וועלכע וויל מיר העלפן אָבער קען נאָך ניט — אויב זי וויל ניט מיטגיין מיין וועג — וועל איך זי אַ י צ ט דערצו ניט צווינגען, חס וחלילה. איך גיב איר אַוועק מיין גאַנץ פאַרמעגן, זי זאָל מיר נאָר איבערלאָזן מיין דוד'קען — מיין בחורל, מיין קינד, און אַ ביסעלע געלט ביז איך וועל זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַז איך זאָל קענען אונדז ביידן מפרנס זיין...

איך ווייס, מעגלעך, אַז איר טראַכט אַז אַנטקעגן אייך זיצט אַ משו־גענער, אַ חסר־דעה אָדער אפשר גאָר אַ צבועק — און טאַקע: וואָס פאַר אַ וועג איז, אין מיטן דערינען, אין אַזאַ פאַלשער וועלט, אין אַזאַ זינדי־קער וועלט, זיך פּלוצים אַרייַנוואַרפן אין פרומקייט, און אומברענגען מיין שלום־בית, מיין פאַמיליען־לעבן, וואָס איך האָב אַזוי ביטער און מיט שוויים אויפגעבויט. אָבער פאַרפאַלן. דער רוח הקודש האָט מיך אַרומ־געכאַפּט און איך זע גאָרניט און וויל גאָרניט זען, אַ חוץ קדושה וטהרה, אַ חוץ הייליקייט. איך וועל גיין מיין וועג און וועל יעדן איינעם, אַריינ־גערעכנט מיין פרוי און טעכטערל, לאָזן גיין זייער וועג...

וואָס איך וויל נאָר, וואָס איך בעט אייך זייער און זייער — האַלט מיך ניט פאַר קיין משוגענעם. איך האָב אַ סך טעג און נעכט געטראַכט איידער איך האָב אָנגענומען דעם באַשלוס — צו ווערן פרום. איך האָב געקעמפּט מיט זיך. איך האָב אויסגערעכנט אַז איך וועל ווערן צו שאַנד און שפּאָט ביי מיינע קרובים, ביי מיין שווער און שוויגער און אפשר אויך — ביי מיין פרוי און קינדער. איך האָב וועגן אַלץ געטראַכט. אָבער אַן אומבאַוואוסטזיניקע שטימע האָט צו מיר געזאָגט, עפּעס אַ בת־קול האָט צו מיר גערופן און אַזוי געזאָגט:

— שמואל בן מנחם, דאָרט. אין דער ווייטער איטאַליע האָט אַ רב, אַ פירער פון רעליגיעזן אידנטום, זיך, רחמנא לצלן, געשמדט. עס איז אַוועק אַ נפש מישראל. די סטרי אחרא האָט געכאַפּט אַ נשמה פון אַ רב

בישראל, און זי אַריינגעוואָרפן צו די עכו"ם. לכן, מוזטו אויספילן זיין פלאַץ. דו, ישראל בן מנחם, אַ פשוטער איד וואָס האָט ניט פּרעטענדירט אויף כסא הרבנות דו מוזט פאַרנעמען זיין פלאַץ, דאָרט אויבן, וואָס ער האָט געלאָזט ליידיק...

יאָ, מעגלעך, איר הערט מיך אוים און איר זייט זיכער אַז... איך בין אַראָפּ פון זינען. אָבער גלויבט מיר, אַז איך בין ביי אַלע מיינע חושים, איך ווייס וואָס איך רייד און איך ווייס אַפילו, אַז אין האַרצן, לאַכט איר פון מיר. איך האָב צו אייך גאָרניט. אָבער איך וועל בלייבן ביי מיינעם, ביי מיין גלויבן. יאָ. ביז איצט האָב איך גאָר קיין גלויבן ניט געהאָט. איך האָב נאָר געוואוסט, אַז מען דאַרף אָפּלאַכן פון אַלעם און פון אַלץ וואָס גלויבן עטוואָס אין עפּעס. איך בין געגאַנגען ראש-השנה און יום-כפור אין שול אַריין ניט מתפלל זיין, נאָר... ווייל אַ איד דאַרף גיין און ווייל דער שמש פון מיין געגנט איז געקומען און האָט מיר פאַרקויפט אַ „שטאָט" אין שול.

איך פלעג זיצן אין שול און זען ווי אַ פּאָר אַלטע האָבן געדאַווענט, ווי אַ פּאָר אידן האָבן ביי דער תפילה „על חטא" זיך געשלאָגן מיטן פויסט אין האַרצן, איך האָב געלאַכט פון זיי פונקט ווי איר לאַכט איצט פון מיר. איך בין געווען זיכער אַז מיט זייער שלאָגן זיך אין האַרצן זיינען זיי ניט ערנסט און אַז אין אַ שעה אַרום וועלן זיי טאָן נייע צען עבירות. זיי וועלן קומען אַהיים און עסן דעם יום-טובדיקן אָנבייסן וועלכער באַשטייט פון עופות, ניט כשר געשאָכטענע, און פון פלייש, געקויפט ביי אַ גויאישן קצב. איך האָב געלאַכט פון זייער דאַווענען און זייער זיך נאַריש מאַכן. זעט איר, אָט דאָס פאַרגעניגן האָט איר שוין ניט ביי מיר. איך וועל היינט קומען אַהיים, וועל איך טרעפן אַ כשרן מיטיק וואָס מיין פרוי האָט... ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, מיר צוגעגרייט.

יאָ, איך ווייס, אַז מיין פרוי איז ניט פרום פון גאַנצן האַרצן, און דאָס מאַכט זי נאָך גרעסער ביי מיר און איר מצווה און שכר איז נאָך גרעסער. אַנשטאָט צו רעבעלירן און ניט טאָן מיין ווילן — האַנדלט זי ווי אַ כשרע אידישע טאָכטער דאַרף האַנדלען. נשקשה, מיט דער צייט, אויב מיר וועלן זיך ניט צעשיידן — וועט אָט דער „מוז" ווערן אַ רצון ביי איר און זי וועט באהבה, מיט ליבע און פאַרשטענדעניש טאָן אַלץ לשמה — צוליב פרומקייט און אידישקייט... אלא, וואָס דען, זי וועט ניט אויסהאַלטן דעם דרוק פון דרויסן, דעם דרוק פון אירע עלטערן, דעם דרוק פון דעם פרייען, באַקוועמען לעבן און וועט מיך פאַרלאָזן — וועל איך זי לאָזן טאָן וואָס זי וויל. אַלעם וועט זי ביי מיר פועלן, אַ חוץ אַ גט! אַ גט וועל איך איר

ערשט געבן אין פינף יאָר אַרום. איך האָף, אַז ביז דאַן וועט זי קומען צו זיך, קומען צום זעלבן גלויבן וואָס איך, צום זעלבן ריינעם קוואַל פון קדושה און בטחון אין וועלכן איך געפין זיך איצט...

——::——

אַכט און פערציק שעה שפּעטער.

מיר זיצן אין דרייען: איך, ער און זי.

מאַן און ווייב זיצן איינער אַקעגן אַנדערן. מען איז געקומען באַזונדער. ער — מיט אַ האַלבער שעה פריער; זי — שפּעטער. זיך פאַרענטפערט, דאָס מיידעלע איז שוין עטלעכע טעג ניט מיט אַלעמען. געהאַט היץ, ווי געטאַן אין העלזעלע. איצט איז איר שוין אַ סך בעסער. דער פאָטער איז צו דעם אַפילו ניט צוגעקומען אַ קוק טאָן וואָס עס טוט, גלייך ווי עס איז ניט זיין בלוט און פלייש. פריער, ווען דאָס מיידעלע איז געבוירן געוואָרן, ווען ער איז נאָך געווען... אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, און דאָס קינד האָט אַ פּיפּס געטאָן, איז ער באַלד געווען ביי איר וויגעלע, און ניט אָפּגעטראָטן ביז עס איז אַנטשלאָפן געוואָרן! שפּעטער — אַלץ ביז דעמאָלט ווען ער האָט נאָך געהאַט מענטשלעכע און נאָרמאַלע געדאַנקען, האָט ער זיך מיט דער מעזינקע געצאַצקעט מער ווי מיטן בחורל. ער פלעגט האַלטנדיק עס אויף די הענט און שפּילנדיק זיך מיט דעם — זאָגן:

— אים געפעלט בעסער אַ מיידעלע! ווייל: אַ טאָכטער פירט דער טאַטע צו דער חופה און אַ בחור, ווען ער האָט חתונה, פירט אים די מאַמע; און ער פלעגט זיך משוגע מאַכן מיטן קינד, ווי אַזוי גייענדיק צו דער חופה וועט זי האַלטן איר האַנט אויף זיינער און וועט... ציטערן!

און ער וועט גיין טריט אין טריט און שטיל איר שעפּטשען:

ששש... זיי ניט נערוועאיש אַזוי. גיב אַ שמייכעלע. גיי גלייך. גיי שנעלער אַ ביסעלע... און אַזוי וועט ער מיט איר ריידן דעם גאַנצן וועג פון דער טיר פון טעמפּל ביזן „בעלעמער" וואו די חופה וועט שטיין און דער חתן מיט די מחותנים וועלן וואַרטן ביז זי וועט אָנקומען...

אָבער דאָס איז געווען דעמאָלט! דאַן, ווען אַ פרוי איז געווען אַ... פרוי. ניט קיין „אשה", איצט בין איך און זיין טאָכטער. אַן „אשה"! גאָטס באַשעפעניש וואָס איז באַשאַפן געוואָרן „אומזיסט און אומנישט". באַשעפענישן וואָס לערנען ניט גאָטס תורה, וואָס לייגן ניט קיין טלית און תפילין, וואָס זאָגן ניט אָפּ קיין פינף קאַפּיטלען תהילים אַ טאָג, וואָס לערנען נישט קיין פּרק משניות, און דער עיקר — וואָס מען קען ניט נוצן צו... אַ מזומן און צו אַ מנין, און גלאַט צו אַ מלאכת קודש. נו, וואָס

זשע אינטערעסירט אים וואָס אַן „אשה" — מעג עס זיין זיין קינד, זיין בלוט און פלייש, מעג עס אַלט זיין אינגאַנצן פיר יאָר און נאָך זיין אומ־שולדיק ווי אַ מלאכל — וואָס אינטערעסירט אים, ווען אָט דער „אשה" טוט ווי אין העלזל „האָט היץ, און עס איז דאָ אַ געפּאַר פון דיפטעריע... נו, וועט זיין מיט אַ „זינדיקע אשה" וויניקער אויף גאָטס וועלט...

די פרוי נעמט אַריין איר קאָפּ צווישן די הענט, וויינט שטיל און זעצט פאָר צו דערציילן איר ביטערע לאַגע:

— נאָך עטלעכע חדשים וואָס ער האָט צו מיר ניט גערעדט, — כמעט ניט געקוקט אין מיין זייַט אַריין, — האָבן מיר זיך נעכטן דורכגע־רעדט. און הערט וואָס ער זאָגט: ער איז גרייט צו... געבן מיר אַ גט. ער איז גרייט מיר איבערלאָזן דאָס גאַנצע פאַרמעגן. ער אַליין זאָגט, אַז אויב אי ך וועל ניט צונעמען ביי אים דאָס פאַרמעגן, וועט ער עס צעטיילן אויף צדקה. ער האַלט, אַז אַן עשיר (אַ גביר, אַ רייכער מענטש) קען ניט דינען גאָט, ווי עס דאַרף צו זיין. ער האָט, ווילנדיק ניט ווילנ־דיק, אין זינען זיינע געשעפטן און מוז מפסיק זיין. נו, וויל ער בעסער, אַז אי ך זאָל הנאה האָבן דערפון. ער וויל אָבער אַ גרויסן, צו גרויסן פּרייז, פאַר זיין פאַרמעגן. ער וויל אַז מיר זאָלן זיך צעטיילן מיטן צווייטן פאַרמעגן — מיט אונזערע קינדער. ער וויל דאָס אינגעלע צו זיך. ער וועט אים מאַכן פאַר אַ גאון בישראל. עס וועט קלינגען די וועלט מיט זיין תורה און חכמה.

אָבער, איידער אָפּגעבן אים דאָס קינד, ער זאָל אים דערציען אויף זיין שטייגער, און אויף זיין וועג, — איז בעסער אַז עס זאָל בלייבן ווי עס איז, און דאָס קינד זאָל בלייבן מיט מיר, אונטער מיין אויפזיכט.

——::——

די פרוי האָט געענדיקט ריידן און גענומען אין דער שטיל וויינען. זי האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פנים, אָבער אירע טרערן האָבן נאָס גע־מאַכט איר קלייד...

ער, דער בעל דבר, איז געזעסן פאַרטראַכט. די גאַנצע צייט וואָס ער איז געקומען, די גאַנצע צייט וואָס די פרוי האָט גערעדט, האָט ער געקוקט אין איין ווינקל, אין איין פונקט, — צום פענצטער וואָס גייט אַרויס צום באַלקאָן און דורך וועלכן מען זעט דעם בלויען הימל. ער האָט, דוכט זיך, די גאַנצע צייט מיט קיין אויג קיין פינטל ניט געגעבן. מיט אַ האַנט אָדער אַ פוס „האָט ער זיכער קיין ריר ניט געגעבן. ער איז געווען מיט זיינע געדאַנקען אין די הויכע הימלען ערגעץ צווישן מלאכים, אָדער ער איז גאָר געזעסן ערגעץ אין גן עדן אויף אַ פוס־בענקעלע נעבן

בעל-שם-טוב, אָדער גאָר נעבן די אבות אונזערע און געהערט ווי זיי האָבן גערעדט פון דברי תורה...

ווען די פרוי האָט געענדיקט ריידן, און עס זיינען אַוועק עטלעכע מינוט און ער האָט זיך ניט אָנגערופן גאָרניט — בין איך שוין אַ ביסעלע אַרויס פון געדולד און... אים „אויפגעוועקט״.

איצט, — האָב איך פאַרשטאַנען, — איצט איז מיין רייע עפּעס צו זאָגן און עפּעס צו טאָן...

——::——

ווי נאָר איך האָב אַרויסגערעדט די ווערטער „מיין ליבער פריינט״, — ווענדנדיק זיך צו אים, — האָט ער איבערגעריסן זיינע מחשבות, אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע גרויסע טרויעריקע און פאַרטראַכטע אויגן און זיך אָנגערופן:

— רעדט, רעדט, טוט מיר אַ טובה רעדט, איך וועל אייך אויסהערן — און אויב מעגלעך, וועל איך פאָלגן אייער עצה טובה. רעדט, איך בעט אייך.

איך בין געבליבן עפּעס אומבאַהאָלפן. איך האָב זיך געקליבן ריידן מיט אים שאַרף, אים אַריינזאָגן אין די ביינער, אים... סטראַשען אַפילו מיט צונעמען דורכן געריכט דאָס אינגעלע פון אים, און דאָ, דאָ רעדט ער מיט אַזאַ ווייכער און וויינענדיקער שפּראַך, ער בעט זיך, ממש אַז מען זאָל אים העלפן... און ווי נאָר איך וויל שוין אָנהויבן ריידן — בעט ער טויזנט מאָל מחילה (אַנטשולדיקונג) ער וויל מיר איבערגעבן עפּעס אין דער האַנט אַריין. ער וויל אַז וואָס עס זאָל ניט טרעפן מיט אים, ווי אַזוי ער וועט ניט אַרויסגיין פון אָט דעם פּלאַץ אין וועלכן מיר זיינען פאַרזאַמלט — וויל ער מיר איבערגעבן אַ דאָקומענט וועלכער זאָל בלייבן אין מיין רשות און דערלויבט מיר צו טאָן מיטן דאָקומענט וואָס איך וויל...

ער נעמט אַרויס פון בוזעם-קעשענע אַ גרויסן קאָנווערט און גיט אים מיר איבער. איך נעם פון דאָרט אַרויס דאָס פּאַפּיר, אַ געזעצלעך פּאַפּיר מיט שטעמפּלען, רעגירונגס-עמבלעמען. איך כאַפּ אַ בליק אין פּאַפּיר און ווער דערשטוינט:

עס איז אַ דאָקומענט אין וועלכן עס ווערט באַשטעטיקט, אַז ער האָט איבערגעגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אַ געזעלשאַפט פון „שותפים״. די שותפים זיינען:

— זיין פרוי, וועלכע האָט 60 פּראָצענט חלק, זיינע צוויי קינדער — צו צען פּראָצענט יעדן איינעם, זיין... שווער — צען פּראָצענט און פּאָר

זיך אויך צען פּראָצענט. דעם שוער באַשטימט ער פאַרן פאַרוואַלטער פון פאַבריק און זיינע הייזער, וועלכע באַטרעפן... העכער אַ מיליאָן פּעזעס.

איז קאָנטראַקט איז דאָ אַ פּונקט אַז אויב עס געשעט עפּעס מיט אים, אָדער אויב ער ווערט פאַרפאַלן אויף אַ צייט פון מער פון צוויי יאָר און מען הערט פון אים ניט און מען זעט אים ניט, פאַרלירט ער דאָס רעכט אויף זיינע 10 פּראָצענט און זיי גייען איבער צו זיינע קינדער...

איך קום צו זיך פון דער איבעראַשונג און איך פאַרליר שוין דעם חשק פון אָפּזידלען אים און איך ווענדע זיך צו אים בזה לשון:

— ליבער פריינט...

אויב עס איז פאַראַן אויף גאָטס ערד איינער וואָס פאַרשטייט אייך, איינער וואָס טאַדלט אייך ניט, איינער וואָס האַלט אייך נישט פאַר קיין משוגענעם, נאָר פאַר אַ קלאָרן און באַטראַכטן מענטש, אויב עס איז פאַראַן אַזאַ איינער, — דאָס בין איך.

איך פאַרשטיי וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אייער האַרץ פאַר די לעצטע יאָרן פון בראָך פון אידישן פאָלק. איר האָט געזען איין אומגליק נאָכן צווייטן. איר האָט געזען ווי רוצחים און רשעים האָבן גענומען אַ גאַנץ פאָלק, אנשים, נשים וטף און זיי געפירט צו דער שחיטה און קיינער פון די וואָס האָבן געקאָנט עפּעס טאָן — האָבן גאָרנישט, ממש גאָרנישט, גיטאָן צו ראַטעווען, אָדער לכל הפחות, ווען ראַטעווען עפּעס פון דער שחיטה, חניקה וסקילה...

נאָך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט זיינט איר געקומען צום געדאַנק, אַז די וועלט איז זינדיק, ספּעציעל זיינען זינדיק די אידן וואָס זיינען אַוועק פון די אידישע מצוות, פון דער אידישער תורה, און גאָטס שטראָף אויף זיי — איז אַ ווידערהאָלונג פון מבול. דער חלוק איז נאָר, אַז דעם מבול האָט גאָט אויסגעגאָסן, כמעט בלויז אויף זיין אויסדערוויילט פאָלק.

נו, גוט, איך וויל מיט אייך נישט דיסקוטירן צי עס איז אַזוי! צי האָבן די אידן געדאַרפט זיין דער שעיר לעזאזל וואָס די וועלט איז זינדיק. איך וויל מיט אייך נישט דיסקוטירן, צי דער פאַקט וואָס אַ רב איז איבערגעגאַנגען צו אַ צווייטער רעליגיע איז אַזוי טראַגיש, אַזוי שאָדנבאַר פאַרן אידישן פאָלק, אַז מען מוז שוין כאַפּן און שאַפן אַ צווייטן רב, כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל, חלילה נישט בלייבן... פאַריתומט נאָך אַ רב...

דאָס איינציקע וואָס איך וויל באַ אייך פּועלן איז אָט וואָס:

אויף דער וועלט זיינען נאָך פאַראַן גרויסע אידישע רבנים און גאונים; אויף דער וועלט און ספּעציעל אין ירושלים, זיינען נאָך פאַראַן אַ סך-

אידן גאָטספּאָרכטיקע, אידן וואָס דינען דעם בורא עולם־בכל נפשם ובכל מאודם. לאָמיר מאַכן אַן אָפּמאַך. מירןביידע אָנשרייבן צו זיי אַ בריוו. א י ר וועט שרייבן און באַשרייבן ווי אַזוי איר האַנדלט קעגן אייערע מיטמענטשן און דער עיקר — קעגן אייער פרוי און קינדער. איר וועט זיי אַרויסשרייבן ווי אַזוי איר האָט שוין אַוועקגעגעבן אייער פאַרמעגן און ווילט אַראָפּברענגען די גאולה דורך דעם וואָס איר פּייניקט זיך און איר פּייניקט אייער פרוי און קינדער. איר וועט זיך אָנפרעגן צי אַזוי דאַרפט איר האַנדלען. און איך? — איך וועל אויך זיי שרייבן. איך וועל זיי דערציילן, אַז איר ווייזט אייער זעקס־יאָריק בחורל בלויז דאָס שוואַכ־סטע, בלויז דאָס נעגאַטיווע וואָס איז דאָ אין אידישן גלויבן. איר ווייזט אים בלויז דעם גיהנום, מיט די שדים מיט די רוחות, מיטן קאַלכאויוון, מיט אַלע קללות און רחמות אויף ד ע ר וועלט און יענע וועלט. און איר דערציילט אים נישט אַז עס איז פאַראַן אַ... גן עדן, אַז עס איז פאַראַן אַ... שור הבר און אַ לויתן, מיט וועלכן עס קוויקן זיך אונזערע אבות. איר דערציילט אים נישט, איר לערנט אים נישט, אַז ווען מען טוט גוטס — האָט מען אַלע גוטע זאַכן אויף ביידע וועלטן. איר קלאַפּט אים אַלץ אַריין אין קאָפּ דאָס שרעקלעכע, וואָס עס איז דאָ אין אידישן גלויבן. דער סוף וועט זיין, אַז ווען דאָס קינד וועט עלטערן ווערן און וועט זיך באַ־פרייען פון אייער איינפלוס, וועט קומען צווישן מענטשן און וועט גע־וואוירע ווערן אַז איר האָט אים נישט געזאָגט דעם גאַנצן אמת! ער וועט געוואוירע ווערן אַז עס זיינען פאַראַן אַ נ ד ע ר ע רעליגיעס, וואָס מען ברענט נישט און מען בראָט נישט פאַר... עסן אָן נעגלוואַסער אָדער אָן דעם היטל; ער וועט געוואוירע ווערן פון אַ רעליגיע וועלכע באַשטראָפט נישט מיט אַ קאַלכאויוון און מיט 40 יאָר ליגן באַ שדים אין די הענט — ווי איר האָט אייער קינד געלערנט — אויב מען פאַרפעלט צו לייענען קריאת שמע באַנאַכט: — ווען ער וועט דאָס געוואוירע ווערן — וועט ער א י ב ע ר ל אָ ז ן זיין טאַטנס רעליגיע, די שרעקלעכע, די גיהנומדיקע, און וועט אַוועק צו יענער, צו דער פרייערער און „ליבערא־לערער” רעליגיע! אַזוינע פאַלן זיינען געווען אַ סך צוריק מיט הונדער־טער יאָרן און פון אַזעלכע אַנטלאָפענע און איבערגעשראָקענע זיינען אַרויס... די גרעסטע אינקוויזיטאָרן — טאָרקוועמאַדאַ אַריינגערעכנט!...

איר גרייט זיך, צו קריגן אַ בכבודיקן פלאַץ — איבער 120 יאָר — אין גן־עדן, זייט אָבער, אויך גרייט, אַז אייערע מעשים רעים קעגן אייער פאַמיליע און ספּעציעל קעגן אייערע קינדער זאָלן אייך נישט פאַרשלעפּן אין גהינום אַריין!...

און נאָך אַ זאַך האָט אינזינען. אַזוי ווי אייער טעכטערל וועט וואַקסן אָן אַ טאַטן... וועט שוין דער שטן טאָן אַלעם מעגלעכעס אַז זי זאָל נכשל ווערן און... חתונה האָבן פאַר אַ שגץ...

און דאַן דאַן שטעל איך זיך פאָר, ווי אַזוי די מלאכי הבלה אויף יענער וועלט וועלן אייך שלעפּן צום בית דין אַז איר זאָלט באַצאָלן דערפאַר וואָס איר האָט גורם געווען דערצו אַז אייער טעכטערל — די לעבעדיקע יתומה — זאָל נכשל ווערן! .. און ווער ווייסט? אפשר וועט אַ קינד אירס — אַ שגצ׳ל, אויסוואַקסן אַ באַרימטער גלח און נאָך אַ באַרימטער שונא ישראל דערצו!...

צי וועלן אייערע פרומע „מעשים טובים” פון איצט מכפר זיין און שטיין אייך אין די נויטן דעמאָלט? איך גלויב נישט!...

——::——

אַ יאָר נאָך אָט דער געשעעניש:

דאָס פאָרל לעבט אַ צופרידן, אידיש פרום, פאַמיליען-לעבן. דאָס גע־שעפט אַרבעט טאָקע נישט שבת, אין שטוב, היט מען אָפּ כשרות. אין אידישן טעאַטער גייט ער אָנגעטאָן אַ יאַרמלקע, און זיין אינגעלע וועט קיין רב נישט ווערן, אָבער אַ נאַציאָנאַלער איד וועט ער געווים אויס־וואַקסן.

בעסער צו פֿאַרבלײַבן אַן „אַלט-געזעסענע" מויד, אײדער צו האָבן אַ ווּיסט לעבן בײַ אַ שלעכטן מאַן !...

דאָס וואָס מיר גײען אײַך דערצײלן, וועט אײן אײַערע אויערן קלינגען ווי „טויזנט און אײן נאַכט !"

איר וועט לײענען און שטוינען !

איר וועט לײענען און נישט גלויבן, אַז דאָס האָט אַפילו א מ א ל — צוריק מיט פֿערציק יאָר געקאָנט פּאַסירן, און נאָך ווײניקער — וועט איר גלויבן — קאָן אַזעלכעס פּאַסירן הײַנטיקע צײַטן.

— דאָך !

דאָך, פֿאַרזיכערן מיר אײַך אַז אַלעס איז אמת, אמת פֿון אָנהויב ביזן סוף ! עס איז נישט איבערגעטריבן אַפילו קײן האָר, און פּונקט פֿאַרקערט ! אַ סך זאַכן ברענגען מיר נישט אַרויס פֿאַר דער עפֿנטלעכקײט ווײַל מען... קאָן עס פּשוט נישט שרײַבן ! עס איז צופֿיל ברוטאַל און צופֿיל... עקלהאַפֿט !

מיר ווּעלן — פֿאַר אַלעם — אײַך באַקענען מיט די „העלדן" פֿון אָט דער טראַגישער פּאַסירונג : דאָס ערשטע מיט דער יונגער 20-יאָריקער אומגליקלעכער פֿרוי.

געבוירן איז זי אין יאָר 1921 בײַ זײַער רײַכע עלטערן. איר פֿאָטער, אַן אָנגעזעענער סוחר דאָ הי האָט זי דערצויגן, ווי זאָגט מען, אין האָניק און אין מילך. אָבער — שוין פֿון איר פֿריסטער יוגנט האָט דער אומגליק איר אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן און צו אַכט יאָר ווערט זי אַ יתומה ! — איר פֿאָטער שטאַרבט.

זי, מיט נאָך אַ שוועסטערל פֿון 6 יאָר, בלײַבן איבער אויף דער מוטערס און אויף אַ באָבעס הענט. דאָס געשעפֿט גײט צו גרונט. איר מוטער ווערט פֿאַראָרימט דאָך גיט זי די קינדער אַ גוטע דערציאונג. זײ לערנען אין די מיטל-שולעס, זײ לערנען פּיאַנאָ, און נישט אײנמאָל, בשעת זי שפּילט אויף פּיאַנאָ, שפּילן איר די... געדערים אין בויך פֿאַר הונגער.

זי — מירן זי אָנרופן מיט אַ נאָמען סאַריטאַ — ווערט אַלט 20 יאָר און מען הויבט אָן טראַכטן געפינען פאַר איר אַ אינגל, איר חתונה מאַכן און זאָל זי שוין אויך וויסן פון אַ לעבן.

ווי געזאָגט, איז זי שיין, קלוג און אינטעליגענט און קיין אינגלעך ווען זי זאָל געפעלן — פעלן נישט!

אַז עס איז אָבער באַשערט אָן אומגליק, קומט עס גלייך אין שטוב אַריין! ברענגט אַ שדכנטע צו פירן אַ בחור, אויפן פנים — ניט קיין מיאום אינגל, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפן, און דאָס אינגל ווערט פון דער ערשטער מינוט אָן „צוגעזאָגטן" צום מיידל...

אויך ער — דאָס אינגל — לאָמיר אים אַ נאָמען געבן — סאַמועל — געפעלט איטלעכן! ער געפעלט... דער באָבען! ער געפעלט דער מאַמען, ער געפעלט דער מומען! דער איינציקער, וועמען ער געפעלט נישט איז...

— דער כלה-„מויד"!

אָבער — דאָ „אַרבעט" שוין צו די מאַמע! זי הויבט איר אָן איינרעדן אַז עס איז פאַר איר אַ גליק! דאָס אינגל איז רייך! האָט אַן אייגן געשעפט. האָט אַן אייגענע שטוב און עס וועט איר גאָרנישט אויספעלן!

די שדכנטע זיצט אויך נישט מיט „פאַרלייגטע הענט"! זי זעט ווירקן אויף דעם מיידל! זי מאָלט איר אוים דאָס גרויסע גליק, וואָס עס שטייט איר פאַר אַריינצופאַלן אין אַזאַ „שמאַלץ גרוב". אַ זאַ שטוב, אַ זאַ דירה מלוכה! זי וועט האָבן פון „פויגלמילך"!

און דאָס מיידל?

כאָטש זי האָט ניט געפילט קיין איבעריקע סימפאַטיע צו אָט דעם בחור, כאָטש זי האָט עפּעס אַ פאַרגעפיל, אַז זי גייט צו איר אייגענעם אומגליק, דאָך, איינזעענדיק, אַז זי האָט קיין אַנדער ברירה ניט, איינזעענדיק, אַז פון דער באָבעס און מאַמעס „פאַרדינסטן" וועט זי ווייטער נישט קאָנען לעבן — באַשטימט זי פאַרבויגן אירע אייגענע געפילן און דער שידוך איז מיט „מזל" צושטאַנד געקומען!

און אַ שבת אויף דער נאַכט, האָט דאָס פאָרל סאַמועל און סאַראַ אָנגעטון פינגערלעך און אויף זעקס וואָכן שפּעטער איז באַשטימט געוואָרן די חתונה.

פאַרשטייט זיך, אַז פון קיין גן עדן איז קיין רייד ניט געווען! דער חתן-בחור האָט געוואוסט די סיטואַציע פון דער כלהס מוטער! און עס האָט אים גאָרניט געקימערט, אַז די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן איינטים, ביי לעקעך און בראָנפן און ניט מער!

דאָך, האָט די מוטער געמאַכט די לעצטע איבערמענטשלעכע אָנ-

שטרענגונג און געקויפט דעם רייכן אײדעם שיין מעבל, און אים אויך מיטגעגעבן אַ ווערטפולע פּיאַנאָ, וואָס איז פאַרבליבן בירושה פון איר מאַן און אַ גוטע ניי־מאַשין, דאָס איינציקע פאַרמעגן פון דער מוטער, חוץ — פאַרשטייט זיך — וועש, קליידער, און שטוב־זאַכן.

דער חתן — כאָטש ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין גרויס געשעפט, פלעגט קומען דריי מאָל אין דער וואָך צו באַזוכן זיין כלה און מערקווירדיק! ער איז קיין איין מאָל ניט געקומען ווי אַ חתן צו אַ כלה!

ער האָט איר קיין שום מתנה ניט געבראַכט. מיטן אויסנאַם פון — איינמאָל בלויז — האָט ער געבראַכט פאַר... 10 סענט „מאַנים" (פיסטאַשקעס).

ס'האָט אַפילו געהרופן די אויפמערקזאַמקייט פון אַזאַ האַנדלונג פון אַ חתן־בחור, אָבער... מען האָט עס צוגעשריבן דוקא צו... גוטן! אַ סימן, אַז ער איז ניט קיין „אויסברענגער".

וואָס יאָ, אַ פּאָר מאָל האָט ער זי איינגעלאַדן אין קינאָ, אָבער — די בילעטן האָט ער געקראָגן אומזיסט דורך זיינעם אַ קליענט, וואָס אַרבעט אין אַ שפּאַנישער צייטונג.

ווי מיר האָבן אייך שוין דערציילט, איז שבת ביינאַכט געפּראַוועט געוואָרן די חתונה פון אָט דעם יונגן „גליקלעכן" פּאָרל און נאָך די זעלבע נאַכט, נאָך דער חופּה־וועטשערע זיינען זיי אָפּגעפאָרן — ניט חלילה אויף אַ „לוסט־רייזע", נאָר — צו זיך אין וואוינונג.

און — כאָטש די שטוב איז אַן אייגענע, און כאָטש ביי דער שטוב איז דאָ אַ רייך געשעפט, דאָך, האָט דאָס נייע „בעל הביתל" אָנגעגרייט פאַר זיך אַ „וואוינונג", אויבן אויף דער „אַסאָטעאַ", אַ צימערל פון 4 אויף 4 אַן באַקוועמלעכקייטן, אָן אַ באָד־צימער, אָן אַ קיך און אָן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצודרייען.

אָבער, די יונגע פרוי האָט אַלעם אָנגענומען פאַר ליב! אַבי אַן אייגן ווינקעלע, אַבי אַן אייגן שטיקל ברויט!

— —

ס'איז זונטיק אינדערפרי, דער ערשטער טאָג נאָך זייער חתונה. דער מאַן שטייט אויף פרי. ער איז אַזוי געוואוינט, זאָגט ער. זיי טרינקען אָפּ די ערשטע „מאַטע", און דער נייער בעל־הבית, צעשפּיליעט דעם בייטל, נעמט אַרויס אַ גאַנצע... פּ ע ז ע, און גיט זיין יונג ווייבעלע, אַז זי זאָל גיין אין מערקאַדע אַריין און איינקויפן אויף אָנבייסן!...

אַ גאַנצע פּעזע פאַרן ערשטן אָנבייסן!

איין זאַך זאָגט ער אָן זיין, ערשט חתונה געהאַט, ווייבעלע:

— ביי מיר אין שטוב, ווייל איך עסן אַלע טאָג פון דער וואָך און אַלע וואָכן פון יאָר:

— „פוטשעראַ"!

זאָל זי ווייסן, אַז קיין אַנדער עסן טאָר זי קיינמאָל ניט קאָכן!...

דאָס ווייבעלע איז אַוועק אין מערקאַדאָ האָט איינגעקויפט פלייש, גרינוואַרג, ברויט און פרוכט און געפּראַוועט איר ערשטן אָנבייסן.

דער אָנבייסן איז שוין פאַרטיק. דער טיש איז שוין געגרייט. עס שטייט שוין דאָס עסן אויפן טיש, אָבער דער מאַן, דרייט זיך אַרום ברוגז, „אָנגעבלאָזן", רעדט ניט, ענטפערט ניט.

סאַריטאַ באַמערקט עס און זי ווערט צעטומלט.

— וואָס איז טייערער? וואָס פעלט דיר?

דער מאַן ענטפערט ניט, ער איז ברוגז!

נאָך לאַנגע פראַגעס זעצט ער זיך צום טיש, רופט צו זיין איבערגע־שראָקן ווייבל און שטעלט איר אַ שטרענגע פראַגע:

— וויפל האָט זי היינט... אויסגעגעבן אין מאַרק?

סאַריטאַ ווייזט אים דעם חשבון, אַז זי האָט אויסגעגעבן... 85 סענט.

— וואו זשע זיינען די איבעריקע 15 סענט?...

און... צוליב די ערשטע 15 סענט פון ערשטן אָנבייסן איז ער מיט איר געוואָרן ברוגז אויף... צען שעה!

——::——

ס'איז מאָנטיק אינדערפרי. זיבן אַזייגער דאַרף מען עפענען די קלייט, ווייל אין זייער געגנט שטייט מען אויף פרי און מען לייזט שוין געלט.

באַלד ביים אויפשטיין אין ערשטן „אַרבעטס־טאָג", גיט איר דער מאַן פאָלגנדע לעקציע:

אין קלייט דאַרף מען זיין פון 7 אינדערפרי ביז 9 אין אָוונט. דאָס בעט דאַרף מען ניט פאַרבעטן די גאַנצע וואָך. קאָכן — קאָכט מען אין קלייט און עסן — עסט מען אויף דעם „מאָסטראַדאָר" (סטויקע). פאַר־ברענגען וועט מען בלויז זונטיק בייטאָג (שבת בייטאָג און זונטיק אינ־דערפרי גייט ער באַזוכן קליענטעלע...) אי דאָס ניט אַלע זונטיק, נאָר דעם לעצטן זונטיק פון מאָנאַט.

די יונגע, 20־יאָריקע פרוי, הערט אוים ווי אַזוי זי דאַרף לעבן, בעסער געזאָגט, לעבעדיקערהייט באַגראָבן ווערן אין אַ מאָדערנעם קבר, אָבער — זי נעמט אַלעם אָן פאַר ליב. זי גלויבט אַז מיט דער צייט וועט ער זיך אפשר איבעראַנדערשן.

די ערשטע אַרבעט וואָס דער מאַן גיט איר — דעם צווייטן טאָג פון זייער „האָניק-חודש" איז

— זי דאַרף אויסוואַשן די קלייט!

עס ווערט איר פינצטער אין די אויגן! זי האָט אויף איר לעבן קיין פאַלן ניט געוואַשן! זי ווייסט גאָרניט ווי אַזוי זיך צו נעמען צום פאַל — אָבער, באַפעל איז באַפעל! נעמט זי זיך וואַשן די מאָסאַיקעס, גיסט אַן וואַסער אויף זיי, און אַלס אומדערפאַרענע אין „פאַך" פון „פאַלן-וואַשע-ריי" — גיסט זי אויס דאָס וואַסער, און — אוי, אַ צרה!

זי גיסט אויס צופיל וואַסער און קאָן עס דערנאָך ניט צונויפ-נעמען!...

דער טייערער מאַן, פון 2 טעג נאָך דער חתונה, דערזעט עס, פאַלט אַריין אין גרימצאָרן אויף זיין אומדערפאַרענער ווייב-דינסט, לויפט צו צו איר און גיט אַ כאַפּ אַרויס פון איר האַנט די שמאַטע מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי פאַלט אַזש אום. ער גיט זי דערנאָך אַ שטופּ אַוועק פון זיך — און זי כאַפּט אַ צווייטן זעץ אין דער זייט...

איצט, וועלן מיר אויף איין מאָמענט, אַוועקשטעלן אין דער זייט די „בת-מלכה", די יונגע אומגליקלעכע פרוי, און מיר וועלן אייך באַקענען מיטן „מאַן", מיטן ערשט חתונה געהאַטן בעל-הביתל, מיט סאַ-מועלן און מיט זיין „דערציאונג".

— —

קיין געגויע דאַטעס וועגן אים ווייסן מיר ניט. וואָס מיר ווייסן יאָ איז, אַז צו זעקס יאָר איז אים זיין פאָטער געשטאָרבן און ער — צוזאַמען מיט בירדערלעך און שוועסטערלעך זיינען געבליבן יתומים און זייער מוטער איז איינע פון יענע יאַכנעס פון וועלכע די אַדעסער מאָל-דאַוואַנקע און די וואַרשעווער סמאָטשע, האָבן אונז געשיקט, איינע אויף אַ „מאָדעל"!

די דאָזיקע פרוי האָט דערצויגן אירע קינדער בכלל און שמואליקלען בפרט, אַן שום מענטשלעכן און אידישן געפיל.

אַ ווייב אַ „קאַזאַק", האָט זי געוואוסט, אַז איר קינד דאַרף עסן, טרינ-קען, אַרבעטן אין קלייט און כאַפּן פעטש!

פעטש! פעטש איז געווען דער הויפּט-מיטל פון דערציאונג! פעטש ווען עס קומט, פעטש ווען עס קומט ניט, אָבער עס וועט שפּעטער קומען! און פעטש גלאַט אַזוי!

און אַזוי איז ער געוואַקסן, דער בחור, אַן אַ סביבה, אַן חברים, אַן חברטעס, און דאָס מערקווירדיקסטע פון אַלעם איז: — אָן אַ ציימונג,

אָן אַ זשורנאַל!... איצט — ביי זיינע עטלעכע און צוואַנציק יאָר עלטער, באַרימט ער זיך, אַז ער האָט אויף זיין לעבן ניט איבערגעלייענט קיין צען זשורנאַלן (שפּאַנישע פאַרשטייט זיך, ווייל קיין אידיש קאָן ער קיין אות ניט).

און — אויף צו אילוסטרירן דעם פאַקט, ווי אַזוי מענטש, ה י י נ־ ט י ק ע צ י י ט ן, קאָן זיין ווייט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, איז גענוג צו דערציילן פאָלגנדן קוריאָז:

זיצנדיק אויבן־אָן ביי זיין חופּה־וועטשערע, ערב ניי־יאָר פון 1942, האָט ער פאַר אַלעמען דערציילט דאָס „נייעס”, אַז...

דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד!...

אַלע אַרומיקע זיינען געבליבן דערשטוינט פון אָט דער „נייעס”, וועל־כע האָט פּאַסירט מיט... זעקס חדשים צוריק.

לאָזט זיך אויס, אַז אָט די „נייעס” האָט ער געשעפּט פון... די ציי־טונגען וועלכע ער האָט געקויפט אויף איינצופּאַקעווען די סחורה...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביזן טאָג פון דער חתונה האָט ער געלעבט מיט זיין מאַמען. אַ טאָג פאַר זיין חתונה האָט זיך די מאַמע איבערגעקליבן אין אַ צ ו ו י י ט ע ר א י י ג ע נ ע ר דירה. אָבער, שוין מאָנטיק, איז זי געקומען צו איר זון און אים געגעבן לעקציעס ווי אַזוי צו באַהאַנדלען זיין ווייב.

אים אין די אויגן, האָט זי געזידלט דאָס יונגע ווייבל און זי באַ־האַנדלט ווי אַ דינסט.

איר אין די אויגן, האָט זי אים געהעצט, אַז ער זאָל זי „קאָמאַנדעווען מיט אַ קאַטשעלקע”.

אים אין די אויגן, האָט זי געגעבן דער שניר אינסטרוקציעס, ער־שטנס: — זיך ניט פאַרבן דאָס פּנים, צווייטנס — הערט און שטוינט!

ניט עסן גלייכע „פּאַרציעס” מיטן מאַן! דעם מאַן קומט מ ע ר עסן, מער „מאַטעס” אַפילו, ווייל ע ר איז דער ברויט־געבער! און אַזוי ווי די קלייט פאַרשליסט מען ניט מיטיק־צייט, האָט די שוויגער זיך גע־זעצט עסן מיטן זון אָנבייסן און די 20־יאָריקע איידעלע שניר האָט גע־דאַרפט שטיין און אָפּהיטן די קלייט, וואַרטן אויף אַ קונה.

דער קולמינאַציע־פונקט איז געקומען מיטוואָך, 4 טעג נאָך דער חתונה, ווען די שוויגער איז געקומען אויפן גאַנצן טאָג צו „העלפן” דעם מאַן „אויסמושטרירן” זיין יונג ווייבל! דעם דאָזיקן טאָג האָט זי פּשוט זיך גענוקמט אין דער שניר און זיך איינגעגעסן אין איר פליייש!

די שניר האָט באַקומען אַ נערוון-אַטאַקע, האָט אָנגעכאַפּט די שוויגער ביי די פּליִיצעס און זי געשלעפּט צו דער טיר. דערביי האָט זי איר בעגעבן גוטע עטלעכע קלעפּ מיט די פּיס.

און אַט, פון דעם אויף דער נאַכט אָן, הויבן זיך אָן די אמתע גהינום-טעג פאַר סאַריטאַן. אויב אַזוי, אויב זי איז גאָר אַ „שגץ" קעגן דער שוויגער, דאַרף מען זי אוודאי לערנען „דרך ארץ". און דער מאַן נעמט זיך צו זיין יונג, שיין, אומגליקלעך ווייבל אויף גאָר אַן אַנדער אופן.

— —

מענטשן ווילן פרעגן:

— ווי קומט עס וואָס זי האָט זיך געהאַלטן ביים „מאַן" דעם צווייטן טאָג נאָך דער חתונה? זי האָט דאָך שוין געזען, אַז ער איז אַ „ווילדער אינדיאַנער", האָט זי געדאַרפט באַלד אַנטלויפן.

דער ענטפער איז:

דאָס אומגליקלעכע יונגע ווייבעלע האָט ניט געהאַט וואוהין צו אַנטלויפן. זי איז עלנט און אָרעם, זי האָט געלעבט אין זכות פון איר באַבען, וועמענס „געשעפט" פון פאַרקויפן „סיגאַרייזשאַס" אין אַ מאַרק האָט איר ניט געגעבן אויף אויסצוהאַלטן אי די טאָכטער אי דאָס אייניקל.

חוץ דעם, דאַרף מען זיך רעכענען מיטן מאָמענט פון... בושה! די חברטעס, די שכנים, וויסן אַז זי האָט חתונה געהאַט, און אַ... „גליק האָט זי געטראָפן" און דאָ — אינמיטצקעדערינען — איז זי דאָ „צוריק מיטן בייטשל". זי האָט ניט געוואָלט אַז זייטיקע זאָלן וויסן פון איר אומגליק. זי האָט געליטן, געכאַפּט קלעפּ, געליגן פאַרשלאָסן אין צימער, אָן עסן און אָן אַ ביסל וואַסער, און זי האָט ניט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל וויסן פון איר צרה. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט ליידן אַזוי לאַנג ביז זי וועט אים אַרויפציִען צו זיך, צו איר פאַרשטאַנד, אָדער זי האָט געטראַכט פון... זעלבסטמאָרד!

קיין אַנדער אויסוועג האָט זי ניט געזען פאַר זיך.

וואָס מיר זיינען אויסן מיט דער פולער באַשרייבונג פון אָט דער געשיכטע איז:

וואָרענען די מאַמעס! וואָרענען די עלטערן! וואָרענען די יונגע קינדער! זאָלן די מאַמעס ווייניקער זוכן גליקלעך מאַכן זייערע קינדער און איבערלאָזן די קינדערס גליק צו זיי אַליין!

זאָלן די עלטערן ניט זוכן קיין „שמאַלץ-גרוב" פאַר זייער קינד; אָפט

אַפּט רינט תיכף אויס די שמאַלץ און אויב זי רינט ניט אויס, איז די שמאַלץ זויער און ביטער, און מען קען פון איר קיין הנאה ניט האָבן.

זאָלן די קינדער זיך ניט פאַרלאָזן אויפן שדכן אָדער שדכנטע, וועלכע ריידן איין און ריידן צו. זאָלן זיי זיך גוט באַקענען. זאָלן זיי זיין חתן־כלה אַ גענוגנדע צייט אויף צו שטודירן זיך איינס דאָס אַנדערע. זאָלן זיי אויסשטודירן זייערע כאַראַקטערן, ווייל נאָך אַלעמען איז אַ חתונה ניט קיין קינדער־שפּיל, דערהויפּט נאָך אין אונזער לאַנד, וואו אַ גט איז אוממעגלעך.

מיר גלויבן, אַז דער ביישפּיל פון אָט דער אומגליקלעכער חתונה, וועט אַ סך מאַמעס אָפּקילן פון זייער הייסן פאַרלאַנג צו זען גליקלעך זייער טאָכטער וואָס שנעלער און אין משך פון 2 חדשים זיי פאַרקנסן און חתונה מאַכן.

און מיר זעצן פאָר:

פּרייטיק אינדערפרי, איז סאַריטאַ אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ־ווייטיק. נעכטן האָט זי געהאַט זייער אַ שלעכטן טאָג. איר טייערער מאַן האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ פּוס, די הויט איז אַ ביסל „אָפּגעריטשעט" געוואָרן און מען האָט געדאַרפט „ראַטעווען" דעם מאַן. די שוויגער, וועלכע איז גראַד געווען „צוגאַסט", האָט געלייגט קאַלט וואַסער צום פּוס און דאָס יונגע ווייבעלע האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו טאָן נעבן דעם „קראַנקן".

האָט די שוויגער געפונען דעם שעת הכושר אָנצופאַלן אויף איר שנור, דעם זון אין די אויגן, מיט די ערגסטע זידל־ווערטער. סטייטש, הלמאי דאָס יונגע ווייבעלע... וויינט ניט. יאָ, זי דאַרף וויינען,און ווען דאָס ווייב וויינט — איז דעם מאַן גרינגער...

סאַריטאַ האָט טאַקע אָנגעהויבן וויינען, אָבער ניט אויף דעם ריטש, וואָס איר טייער מאַנדעלע האָט געכאַפּט, נאָר אויף איר אומגליקלעכן גורל, וואָס פאַרפאָלגט זי יאָרן און יאָרן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען פרי שלאָפן און ווען זי איז אויפגעשטאַנען פרייטיק, האָט איר דער מאַן אירער איבערגעגעבן די „בשורה" אַז:

— די מאַמע ווערט די בעל־הביתטע אין שטוב!

די מאַמע וועט „מאַנדירן" און וואָס זי וועט זאָגן — דאָס דאַרף מען פאָלגן!

וואָס דאָס האָט געהייסן פאַר סאַריטאַן — קאָן מען זיך שוין פאַרשטעלן.

— —

אויב די אַלע לעגענדעס וואָס מען דערציילט וועגן די שוויגערס זיי־נען האַלב אמת; אויב אַלע שילדערונגען וועגן די שוויגערס זיינען אַ סך מאָל איבערגעטריבן, האָט סאַריטאַס שוויגער געשלאָגן דעם רעקאָרד, אַז וואָס מען זאָל ניט ריידן וועגן שוויגערס איז דאָס נאָך קיין צענט־חלק ניט, וואָס אָט די שוויגער איז!

אַ פּנים האָט זי פון אַ מכשפה, מיט האַלב צעפּאַטלטע האָר, האָט זי אָנגעהויבן געפינען חסרונות אויף סאַריטאַן אויף יעדער טריט און שריט. איצט — אַז איר זון האָט איר שוין אַ פּ י צ י ע ל איבערגעגעבן די „מאַנדאָ" איבער דער שטוב, איבער דער קלייט און דער עיקר — איבער סאַריטאַס נשמה און ק ע ר פּ ע ר, האָט זי אַרויסגעוויזן איר אמתן חיהשן כאַראַקטער.

— איז סאַריטאַ געגאַנגען אַטענדירן אַ קליענט — איז הלמאי מישט זי זיך אין קלייט!

— איז זי ניט געגאַנגען אַטענדירן דעם קליענט — איז הלמאי שטייט זי ווי אַ ליימענער גולם און וויל זיך ניט רירן!...

— האָט זי אינדערפרי — פאַרשטייט זיך, פאַר 7 אַזייגער — גע־וואָלט אַביסל אויפרוימען אין צימערל — איז אַ, אַ! זי זוכט זיך אַרבעט, כדי זיך קאָנען אָפּשפּילן אַ פּאָר שעה.

— האָט זי איבערגעלאָזט אַלעס ניט אויפגערוימט, ניט אויסגעקערט, ניט פאַרבעט — א, אַ! איז זי אַ ש—ערן!...

האָט סאַריטאַ גענומען גרייטן דעם אָנבייסן אָפּקאָכן — איז ווער בעט זי, אַז זי קאָן ניט קאָכן!...

האָט זי געלאָזט, אַז די שוויגער זאָל צושטעלן — מ'שטיינס געזאָגט,

— דאָס טעפּעלע יויך, איז אַ נייע רוגזה! זי — די שוויגער — מוז האָ־רעווען — און אַזאַ „יונגער קלאַץ" — קיין אַנדער נאָמען האָט זי ביי איר ניט געהאַט — דרייט זיך אַרום פּוסט און פּאָס און פרעסט און שלאָפט אומזיסט!...

און אַז דער טייערער מאַן האָט דערהערט דער מאַמעס טענות, האָט ער אוודאי גענומען שרייען אויף סאַריטאַן און טענהן, אַז

„וואָס קאָמעס אי ד ו ע ר מ ע ס גראַטיס" (דו עסט און ש ל אָ פ ס ט אומזיסט...)

ביז אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך די שוויגער אומגעקוקט, אַז דער גאַנצער שידוך געפעלט איר ניט. זי האָט חרטה, און אָנגעהויבן צוריידן דעם זון — און דוקא דער שניר אין די אויגן — אַז

— מען דאַרף זי אַרויסטרייבן פון שטוב!

די אומגליקלעכע סאַריטאַ האָט שוין געזען איר אומגליק. זי האָט

שוין געזען דעם אָפּגרונט אונטער אירע פֿיס. עס איז פֿאַר איר שוין קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט אַ פֿאַרשפּילט לעבן. זי האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז כל־זמן די שוויגער וועט קומען אַלע טאָג, פֿון גרויסן פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, וועט זי קיין רואיק לעבן ניט האָבן.

וואָס זאָל זי אָבער טאָן?

— גיין צוריק אַהיים? — האָט זי ניט וואוהין.

— אַנטלויפֿן פֿון דער שטוב און ערגעץ זיך שטעלן פֿאַר אַ דינסט?

— האָט זי ניט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן דער מאַמען און דער באַבען קיין יסורים!

צוויי וועגן זיינען געבליבן פֿאַר איר:

— אָדער זעלבסטמאָרד!

— אָדער... ליידן און שווייגן!

צום ע ר ש ט ן — האָט זי קיין מוט ניט געהאַט. זי איז מער ווי איין מאָל צוגעגאַנגען צום באַלקאָן זיך אַראָפּצוואַרפֿן פֿון אים. שוין אויף דעם פֿערטן טאָג נאָך איר חתונה האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו איר לעבן, אָבער — עס האָט איר געפֿעלט מוט.

וואָלט די שטוב געווען פֿון פֿינף אָדער זעקס שטאָק, און זי וואָלט זיכער געווען, אַז מיטן אַראָפּפֿאַלן ווערט זי דערהרגעט, וואָלט זי אַ מי־נוט ניט געטראַכט און געמאַכט אַן ענדע פֿון איר וויסט פֿינצטער לעבן.

איז אָבער דער אומגליק, וואָס די שטוב האָט מער ניט ווי צוויי שטאָק, און פֿונם צווייטן שטאָק זיך וואַרפֿן, וועט זי זיך בלויז צעקלאַפּן אָבער ניט טויטן!...

זי האָט שוין אַפֿילו צוגעטראַכט אַ פּלאַן פֿון פֿאַרטאָן... די פֿעזע, וואָס ער גיט אויף אָנבייסן, פֿאַרטאָן אויף סיאַנוראַ!... זי איז שוין אַפֿילו געווען ביי דער שוועל פֿון אַפּטייק, אָבער — עס האָט איר געפֿעלט מוט און זי האָט באַשטימט:

— ליידן און שווייגן!

— שווייגן און ליידן!

— 10 טעג נאָך דער חתונה!

10 טעג פֿון ליידן! 10 טעג פֿון ניט דערעסן און ניט דערשלאָפֿן! 10 טעג פֿון אויסשטיין בזיונות און קלעפּ, שטופּענצעס און בוכענצעס פֿונם מאַן און פֿון דעם קאָזאַק — די שוויגער!

פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ געזונטער, אייזערנער מענטש, מיט שטאָלענע

נערוון, וואָלט אויך קוים קוים אויסגעהאַלטן אַט דעם גיהנום. בפֿרט נאָך אַ פֿרוי, אַ קינד! אַ קינד פֿון 20 יאָר וואָס הויבט ערשט אָן לעבן, אַ בלום וואָס הויבט ערשט אָן בליען!

איז זי געוואָרן אַלע טאָג שוואַכער. דאָס בלוט פֿון פּנים איז אַוועק, די פֿיס האָבן אויפֿגעהערט צו טראָגן און זי איז געגאַנגען און זיך גע־שאָקלט.

און אַז מען גייט אַרום מיט אַ הונגעריקן מאָגן און מיט „האָפֿענונג" אויף אַזאַ לעבן אויף יאָרנלאַנג. פֿאַלט אַלעס פֿון די הענט. פֿאַלט מען אַליין פֿון די פֿיס. פֿאַרטשעפּעט מען די מאַשינקע מיטן טשייניקל וואַסער אויף מאַטע און עס פֿאַלט אַראָפּ; שטעלט מען צו דאָס עסן, און דאָס טעפּל מיט וואַסער קערט זיך איבער; טראָגט מען אַרויס דעם גרויסן קאָרב מיסט פֿאַרן „מיסטפּירער", אַ קאָרב וואָס צוויי גויים דאַרפֿן אים שלעפּן, נאָר דער מאַן איז מכבד זײַן יונג ווײַבל מיט אים. טראָגט מען די „טאַטשע" און מען פֿאַלט אום און מען צעברעכט אַ גלאָז פֿאַר 10 סענט. דערזעט עס דער מאַן, דערזעט עס די שוויגער און מען באַשטימט:

— סאַריטאַ איז משוגע!

און — אָדער כדי זי נאָך מער אָנשרעקן, אָדער טאַקע ווײַל זיי האָבן געמיינט. אַז עס וועט אַזוי אָפּגיין, ריידן זיי צווישן זיך, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען זי אײַנשפּאַרן אין... משוגעים־הויז!...

ער וועט מעלדן אין קאָמיסאַריע, אַז זײַן פֿרוי איז משוגע געוואָרן, וועט מען שיקן זי נעמען און... ער וועט פּטור ווערן פֿון איר.

סאַריטאַ הערט ווי אַזוי די שוויגער לערנט דעם בענאָק וואָס צו זאָגן, ווי אַזוי צו דערווייזן, אַז זי איז משוגע. און „באַווייזן" זײַנען פֿאַ־ראַן אַ סך. אָט איז די צעבראָכענע גלאָז, דאָס איבערגעקערטע טשייניקל, אירע אַרויסגעסטאַרטשעטע זשעדנע אויגן, און איר מעלאַנכאָלישקייט בכלל...

ווייזט אויס אָבער, אַז ביים אָנבייסן — מאַמע און זון האָבן געגעסן באַזונדער און זי האָט געהיט די קלייט — ווייזט אויס, אַז זיי האָבן זיך באַרעכנט, אַז דאָס זײַנען ניט קיין גענוגנדע אַרגומענטן און —

מען האָט ד ע ר ו וײַ ל ניט געשיקט זי אין משוגעים־הויז! אָבער— אָט איז געקומען אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פֿון איר.

ס'איז דער צווייטער אינדערפֿרי פֿון דעם טראַגישן טאָג פֿון איר לעבן, זי שטייט אויף דעם טאָג זייער פֿרי! זי איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן ווײַל עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אָט אָט קומען די מלאכי חבלה, מיט דעם צוואַנג־העמדל און מען שלעפּט זי אין משוגעים־הויז! אַ קשיה אויף זיי! יעדער שאָרך פֿון אַ וועגעלע אין גאַס האָט זי־

אויפגעכאַפּט זי האָט באַשטימט ביי זיך נישט לאָזן זיך פאַרשליסן לע־בעדיקערהייט אין קבר פון משוגעים־הויז!

אָרום 5 פאַרטאָג איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן און 7 איז זי שוין גע־שטאַנען אויף די פיס און צוגעגרייט די מאַמע פאַר איר מאַן און „טייע־רער" שוויגער!

אָפּגעטרונקען מאַטע, אויפגעראַמט אין קליט, אַוועק מיט דער פּע־זע און געקויפט אַ קילאָ פליישׁ רינדערנס פאַר 60 סענט, פלייש וואָס איז שוואַרץ ווי די ערד, אָבער... עס קאָסט ביליק! געקויפט אַ קילאָ קאַרטאָפל און נאָך געבראַכט דעם מאַן... 5 סענט רעשט! ס'איז 9 אַזייגער, שטייט זי און גרייט צו מיטאָק! צעטומלט איז זי געווען, האָט זי מיט אַ שאַרפן מעסער גענומען שובן דאָס אַלטע „סאַלטערסקע" טע־פּל זיינס, וואָס מען האָט גענוצט (אַן עבירה אַ נייעס!...) און אַזוי שובנדיק איז זי מיטן שאַרפן מעסער אַריינגעפאָרן אין דער טיפעניש פון פינגער!...

עס הויבט אָן רינען בלוט! עס גייט ווי פון אַ קראַנט וואַסער! זי לויפט צו צום מאַן מיט אַ געוויין:

סאַמועל! גיב מיר גיכער 20 סענט, וועל איך לויפן אין אַפּטייק! כ'האָב זיך אָפּגעשניטן אַ פינגער!

דער מאַן איז אָבער פאַרנומען! ער האָט קיין צייט נישט צו אַטענ־דירן! עס וואַרט אַ שיקסעלע, וואָס קויפט סחורה פאַר 10 סענט.

סאַריטאַ שטייט און עס וואַרפט מיט איר פאַר ווייטיק און שרעק!

— שנעל גיב מיר 20 סענט, נאָמיר לויפן אין אַפּטייק!

סאַמועל שרייט אָן אויף איר! — מיט אַזעלכע זאַכן לויפט מען נישט אין אַפּטייק! מען קאָן פאַרהאַלטן דאָס בלוט אין שטוב!

— יאָ! ווײַנט זי נעבעך, אָבער עס איז דאָך נישט אין שטוב, נישט קיין וואַטן, נישט קיין אַלקאָהאָל אָדער יאָד!

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, גיט דער מאַן זי אַ שטופּ אָפּ פון זיך!

סאַריטאַ לויפט אַרויף אין שטוב, לויפט צו צו דער שכנהס... דינסט, לייט ביי איר 20 סענט! אָבער — אַנשטאָט צו לויפן אין אַפּטייק

— לויפט זי שוין צו דער מאַמען אַהיים! זי איז שטאַרק דערשראָקן! טאַמער איז עפּעס ערנסט — זאָל די מאַמע זיין נעבן איר!...

— —

ס'איז עלף אַזייגער! סאַריטאַ איז געקומען צו דער מוטער מיט אַ פאַרבלוטיקטער האַנט און אַ פאַרבלוטיקט קליידל!... די מוטער מאַכט איר די נויטיקע קוראַציע, בינדט איר אָרום און סאַריטאַ איז שוין גרייט „אַהיים" צו גיין! זי וויל אָבער אַליין נית פאָרן! ערשטנס איז זי שטאַרק

אָפּגעשוואַכט! זי האָט פאַרלוירן אַ סך בלוט, האָט זי מורא, אַז עס זאָל מיט איר עפּעס נישט פּאַסירן אויפן וועג!

צווייטנס: דאַרף זי פאַרענדיקן דעם אָנבייסן! גראַד היינט איז די שוויגער נישט געקומען! און מיט אָט דעם צעקאַליעטשעטן פינגער וועט זי גאָרנישט קאָנען טון! בעט זי דער מאַמע, אַז זי זאָל זי באַגלייטן אַהיים!

מילא! וואָס טוט נישט אַ מאַמע פאַר אַ קינד? — נעמט זי סאַריטאַן און פירט זי אָפּ אַהיים! און

— —

אוים היים! נישטאָ קיין היים! דער מאַן שטייט ביי דער טיר און לאָזט זי נישט אַריין אין שטוב! זי האָט אים „מביש" געווען! זי איז אַוועק צו אַ שכנה נאָך 20 סענט — דאַרף ער זי מער נישט האָבן!...

סטייטש! סאַמועל! וואָס רעדסטו?

ערשט איצט ווערט די מאַמע געוואוירע ווי אַזוי איר טאָכטער איז אַריינגעפאַלן! זי דערזעט פאַר זיך אַ חיה אין אַ מענטשלעך געשטאַלט! נישטאָ מער קיין שמייכעלע אויף די ליפּן! אַ ווילדע חיה שטייט פאַר איר! און זי מוז נעמען איר קינד צוריק!

מילא! פאַרפאַלן! הייסט זי סאַריטאַן זיך אַרויפגיין איבערטון ווייל זי איז דאָך אינגאַנצן פאַרבלוטיקט!

אָבער — דאָס אויך נישט! ער לאָזט נישט אַרויף! סאַריטאַ קאָן גאָרנישט מיטנעמען מיט זיך! עס איז אַלץ ז יי נ ס! ניט נאָר דאָס מעבל וואָס זי האָט אים געבראַכט — נאָר אַפילו אירע אויבערשטע קליידער און — אַנטשולדיקט — די הינטערשטע וועש! און — שוין זאָלן זיי זיך פאַרנעמען איידער ער גייט רופן אַ וויכילאַנט!...

וואָס זאָל מען טון! אַ ברירה האָבן זיי געהאַט!

די מאַמע פאָרט צוריק אַהיים און נעמט מיט זיך איר אומגליקלעכע טאָכטער.

— —

עס איז שבת, 13 טעג נאָך זייער חתונה, 13 שווערע קאָשמאַרע טעג! סאַריטאַ ליגט פון נעכטן אָן אין בעט, ביי איר מוטער. מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר צו איר, וועלכער געפינט אוים, אַז זי איז געוואָרן אָן „אַנעמיקאַ" (בלוטלאָז) און מען דאַרף זי אָפּהיטן, געבן עסן, טרינקען, איידער עס ווערט שפּעט!

ארום 10 אזייגער, קלינגט דאָס גלעקל ביי דער טיר! א וויכילאַנט איז געקומען איינלאַדן זי אין קאָמיסאַריאַ!

וואָס איז?

דער מאַן האָט געמאַכט א דענונסיע אויף איר!...

נעכטן איז דער מאַן געקומען אין קאָמיסאַריאַ און דענונסירט אַז... זיין יונג ווייבל איז אַנטלאָפן פון שטוב און ער באַשולדיקט זי אין „אבאַנדאָנאָ דעל האָגאַר״! (פאַרלאָזן דאָס הויז).

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז בלויז א טריק פון אים, כדי צו פאַר־כאַפּן די פיש פאַר די נעץ, טאָמער וועט זי אים מאָנען „אויסהאַלטונג„!

סאַריטאַ מאַכט די נויטיקע דערקלערונג און האָפנדיק אַז טאָמער וועט נאָך פאַרט קומען צווישן זיי א פאַרשטענדעניש — באַשולדיקט זי אים נישט אין קיין שלעכטער באַהאַנדלונג, ווייזט נישט אירע וואונדן, ווײַנט זיך בלויז גוט אויס, און

—גייט פון דער קאָמיסאַריאַ ווידער אַהיים צו דער מאַמען!

זי ווייזט נישט אין קאָמיסאַריאַ איר פאַרבלוטיקטע האַנט, זי ווייזט נישט אירע פאַרבלוטיקטע קליידער, זי בעט נישט אין קאָמיסאַריאַ, אַז מען זאָל איר העלפן אַרויסנעמען פון שטוב א העמד זיך איבערטון, זי —

— גייט אַהיים צוריק צו דער מאַמען!

סאַריטאַ איז געבליבן ביי איר מאַמען אין דער היים! די „היים״ איז באַשטאַנען פון א קליינעם צימער אין וועלכן ס׳איז פאַראַן, מ׳שיינס געזאָגט, מעבל פון כמעלניצקים צייטן און צוויי בעטלעך! אין איינעם שלאָפט די באָבע און אין צווייטן די מאַמע מיט דער אומגליקלעכער טאָכטער! און, ווי אויף צו להכעיס, פאַרדינט נאָך די באבע אַזוי ווייניק די לעצטע טעג, אַז עס איז פאַראַן קוים קוים אויף צו דערהאַלטן די נשמה.

סאַריטאַ דרייט זיך אַרום אין שטוב א דערשלאָגענע און מעלאַנ־כאָלישע! זי איז דערשלאָגן, נישט נאָר פון איר א יי ג ע נ ע ר ביטע־רער לאַגע אין וועלכער זי איז אַזוי גרויזאַם אַריינגעפאַלן, נאָר זי איז אויך דערשלאָגן פון די... מוסר רייד וואָס די מאַמע און די באָבע האַלטן איר אין איין אַריינזאָגן!...

זי, די אומגליקלעכע סאַריטאַ, האָט דאָך נישט דערציילט אין דער היים וואָס זי האָט לעצטנס דורכגעלעבט

זי, די אומגליקלעכע סאַריטאַ, א קינד נאָך, מיט א גוט קינדערש האַרץ, האָט נישט געוואָלט אָנטון דער מאַמען קיין „איבעריקע״ יסורים, האָט זי נישט אויסגעזאָגט אפילו קיין הונדערט חלק וואָס זי האָט אי־בערגעלעבט די פאַר וואָכן ביים מאַן אין הויז... און כדי די מאַמע זאָל

נישט ליידן, צוזעענדיק ווי אַזוי דער מאַן באַהאַנדלט זי, האָט זי נאָך אפשר געמוזט נעמען אויף זיך אַ ט יי ל שולד דערקלערנדיק אַז... זי האָט אפשר נישט געוואוסט ווי אַזוי מען דאַרף באַהאַנדלען אַ... מאַן! אפשר איז זי טאַקע שולדיק וואָס זי האָט איבערגעקערט דאָס טשאַניקל אפשר איז זי טאַקע שולדיק וואָס זי האָט שלעכט געטראָגן דעם מיסט-קאַסטן און צעבראָכן אַ גלאָז... אפשר איז זי טאַקע שולדיק אין די ענלעכע „חטאים" וואָס דער מאַן און דער עיקר די טייערע שוויגער וואַרפן איר פאָר!...

אין הארצן האָט די אָרימע סאַריטאַ נעבעך געפילט אַז זי איז אומשולדיק ווי אַ ערשט געבוירן קינד! זי האָט נעבעך געוואוסט אַז זי איז אַריינגעפאַלן צו אַ סאַדיסט און סאַדיסטן אין די הענט, זי האָט אָבער געוואוסט אַז די מאַמע קאָן איר גאָר נישט העלפן! אַז זי האָט נישט וואוהין צו גיין און זי מוז ליידן, האָט זי — לפחות — געוואָלט פאַרמיידן אַז די מאַמע און די אַלטע באָבע זאָלן וואָס ווייניקער ליידן!... דערפאַר טאַקע, האָט זי מיט ליבע צוגענומען די מוסר-ווערטער פון מאַמע און באָבע, אָבי זיי זאָלן נישט וויסן די א מ ת ע לאַגע אין וועלכער זי געפינט זיך.

און די מאַמע?

צי האָט די מאַמע נישט געזען און נישט פאַרשטאַנען אין וועלכער לאַגע איר טאָכטער געפינט זיך?

צי האָט די מאַמע נישט פאַרשטאַנען, א י צ ט , ווען דער איידעם האָט אַרויסגעשטויסן די טאָכטער פון שטוב צוליב לייען 20 סענט ביי דער שכנה, צי האָט שוין די מאַמע נישט פאַרשטאַנען אַז איר טאָכטער איז אַ קרבן, אפשר טאַקע פון איר קאַפּריז, און איר זאָגן און „אַריינזאָגן" מוסר — איז בלויז שיטן זאַלץ אויף די וואונדן!

די מאַמע האָט עס גוט פאַרשטאַנען! די מאַמע, אַליין נאָך אַ יונגע פרוי פול מיט לעבן, אַ פרוי ערב די פערציקער, האָט איינגעזען, אַז דער שידוך איז געווען נישט קיין גלייכער, אַז דער איידעם דאַרף פאָר אַ פרוי אַ... „שוואַרצע" וועלכע זאָל אַרבעטן ווי אַ פערד 18 שעה אין מעת-לעת, און נאָך כאַפּן, פון ווען נישט ווען, אַ פּאָר זעץ אין די זייטן, און נישט קיין יונגע שיינע צאַרטע בלום וואָס... שפּילט פּיאַנאָ, קוקט אַריין אין פרויען זשורנאַלן און האָט גאָר חשק צו... הערן אַן אָפּערא אין דער ראַדיאָ!

וואָס די מאַמע האָט נאָר געגלויבט איז, אַז אַט די צוויי וועלטן וועלן זיך, יאָקאָס, איינלעבן, זיך דערנענטערן און — איינער וועט אַראָפּלאָזן דער צווייטער צוגעבן און מען וועט אָנהויבן פירן אַ „לעבן"! דער-

פאַר האָט זי איר געשטראָפּט און געמוסרט. דערפאַר האָט זי זי גע־האַלטן אין איין אויסרעדן הלמאי זי זעט זיך נישט צופּאַסן צום מאַנס ווילן! וואָלט זי, די מאַמע, געווען געוואוסט אַ צענט־חלק דערפון וואָס סאַריטאַ האָט געליטן, וואָלט זי געווען געוואוסט פון טעג נישט געגע־סענע, פון נעכט נישט דערשלאָפענע, פון „בוכאַנצעס" אין די זייטן גע־כאַפּטע! וואָלט זי געווען געוואוסט פון דער שוויגערס מאַנדעווען, וואָלט די מאַמע נישט געמוסרט די טאָכטער און וואָלט זיך אַזוי נישט דער־פרייט ווען אין אַ שיינעם פאַרנאַכט קלינגט דער טעלעפאָן! סאַמועל רעדט! ער וויל רעדן מיט סאַריטאַן! ער וויל זיך מיט איר טרעפן אויף אַ פּלאַסאַ!...

די מאַמע האָט זיך שטאַרק דערפרייט! דער איידעם האָט, ווייזט אויס חרטה! זי שיקט די טאָכטער צום מזבח! זי דאַרף זיך איבער־בעטן זי מ ו ז זיך איבערבעטן!

סאַריטאַ גייט צו דער „סיטאַ", זי ווייסט אַז זי גייט אַ שפּאַן נענטער צו איר קבר אָבער זי גייט!

די „סיטאַ" איז געווען באַשטימט אויף 5 אַזייגער! סאַריטאַ האָט אָבער באַשטימט קומען אַביסל פריער! ערשטנס: זאָל ער נישט וואַרטן און האָבן אפשר אַ תירוץ אַז ער האָט געוואַרט, צווייטנס האָט זי גע־וואָלט ז י ך אַ ל יי ן צוגרייטן אים צו באַגעגענען! זי האָט מורא געהאַט פאַר זיך, פאַר אירע אויפגעשרויפטע נערוון! צופיל האָט זי געליטן אינערלעך אָט די עטלעכע טעג וואָס זי איז געווען ביי איר מאַמען אין דער היים!...

זי איז אַוועק צום באַשטימטן פּלאַץ מיט אַ האַלבע שעה פריער, און ווי גרויס איז געווען איר דערשטוינונג ווען... זי האָט אים שוין גע־טראָפן זיצן און, וואַרטן! ער איז געזעסן אויף אַ באַנק, נישט חלילה מיט אַ צייטונג אָדער זשורנאַל אין דער האַנט, נאָר... מיט אַ זשמעניע „מאַנים" וואָס ער האָט נאָר וואָס איינגעהאַנדלט און מיט וואָס ער האָט טאַקע מכבד געווען זיין טייערן גאַסט — זיין יונג אויסגעמאַטערט ווייבל.

די באַגעגעניש איז געווען אַ שטילע! אַ פּראַטאָקאָלירנדעע:

— וואָס מאַכסטו?

— אַ דאַנק! און דו?

ווען מען איז שוין ביידע געזעסן אויף דער באַנק און דאָס לשון האָט זיך שוין „געווינגט" איז דאָס ערשטע וואָס דער „מאַן" האָט געפּר־נען פאַר נויטיק צו טון, איז מאַכן אַ קאָמפּלימענט זיין ווייבל, אַז זי זעט אויס שיין!

וויפל סאַריטאַ האָט זיך נישט אָנגעליטן די לעצטע פּאָר טעג אין דער היים, האָט זי זיך דאָך אַביסל פאַפראַוועט? זי האָט אויסגעטרונקען פאַר דער צייט עטלעכע ליטער מילך, זי האָט געגעסן... צו זעט אַביסל געקעכטס, זי איז זיך אַביסל אויסגעשלאָפן און אויסגערוט, איז איר צוגעקומען העכער 2 קילאָ און דער עיקר — אַביסל פאַרב אויף די באַקן!

דער מאַן האָט דאָס באַמערקט און איר געשאָנקען אַ קאָמפּלימענט אַז — זי זעט אויס שיין!

סאַריטאַ, האָט נאָך פאַרן גיין ביי זיך באַשטימט אים נישט צו מאַכן קיין שום פאָרוואַרפן, זי האָט באַשטימט זיך נישט קריגן, נישט אויפרעגן זיך און זיך פּשוט און פּראָסט אונטערוואַרפן דעם גורל!

איין קאָנדיציע האָט זי אָבער געהאַט! אַ קאָנדיציע וואָס אָן דעם, — האָט זי באַשטימט — גייט זי נישט צוריק! די קאָנדיציע איז געווען:

— די שוויגער!

זי וועט פאָלגן וואָס ער וועט הייסן! זי וועט זיין אַ געטרייער שקלאַף, אַ אומזיסטע דינסט! זי וועט וואַשן, ראַמען, און דער עיקר, נישט עסן און נישט פאָדערן אַפילו קיין... 10 סענט אויף אַ העלאַדאַ! זי וויל, אָבער, האָבן אויף זיך:

— איין האר!

— איין בעל הבית!

— איין קאַנטשיק!

ער, סאַמועל, האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן אָט די קאָנדיציע! ער קאָן אָן דער מאַמען נישט לעבן! ער מוז זי האָבן נעבן זיך!

סאַריטאַ האָט זיך געפּרואווט אַביסל ווערן, אַביסל דינגען און מען איז געקומען צום שלום:

די שוויגער וועט קומען בלויז 2 מאָל אין וואָך: דינסטיק און דאָנערשטיק: די דאָזיקע צוויי טעג, דאַרף סאַמועל אַוועקגיין איינקאַסירן זיין קליענטעלע און אַזוי ווי סאַריטאַ איז נישט פּאַרקטיש אין דער קלייט און זי קאָן נאָך פאַרקויפן חלילה, פאַר 10 סענט פאַרב און געבן אַ איבעריק ביסל, וועט די מאַמע קומען אַטענדירן די קלייט!

סאַריטאַ האָט אָבער אויסגענומען אַז יענע צוויי טעג, דאַרף זי נישט אַראָפּגיין אין קלייט און בלייבן אויבן אין שטיבל!

און — סאַריטאַ פאָרט שוין צוריק צום מאַן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער װעג איז אַ לאַנגער! ביז מען קומט פֿון צענטער צו איר װאױ־נונג איז העכער אַ שעה רײזע! און אַזױ װי קײן געשפּרעך האָבן זײ נישט געפֿירט אַזױ אָפֿט, האָט סאַריטאַ צײט געהאַט צו טראַכטן װאָס איז געװען דער מאָטיװ װאָס האָט אים באַװױגן צו גײן איבערבעטן, זי קומען בעטן אַז זי זאָל צוריק גײן!

אָבער, אָט האָט ער זיך אַרױסגעכאַפּט מיט אַ פֿראַזע װאָס איז שױן פֿאַר איר אַביסל קלאָר געװאָרן:

ער װאױנט אין אַ געגנט װאו יעדער אײנער קען דעם צװײטן! די שכנים אַרום װײסן אַז ער האָט חתונה געהאַט! אײניקע באַגריסן אים אַפֿילו און פֿרעגן אױף זײן יונג װײבל! אױך די קאָרעדאָרן װאָס קומען אים פֿאַרקױפֿן סחורה װײסן אױך אַז ער האָט חתונה געהאַט, האָבן זיך שױן אַפֿילו באַקאַנט מיט זײן יונג שײן װײבעלע און מען פֿרעגט אױף איר! עס שטײט אים נישט אָן!... אַלזאָ — אױב מען װעט זי פֿרעגן װאו זי איז געװען, זאָל זי זאָגן אַז... זי האָט געדאַרפֿט היטן איר מוטער װעלכע איז קראַנק געװען...

אָט דאָס, האָט געגלױבט סאַריטאַ, איז געװען דער מאָטיװ פֿון זײן קומען זי רופֿן צוריק! ערשט שפּעטער איז סאַריטאַ געװאױרע געװאָרן אַז עס זײנען געװען צװײ װיכטיקערע מאָטיװן װאָס האָבן אים געשיקט אין דער פּלאַסאַ זי ברענגען אַ הײם!

סאַריטאַ האָט אָנגעהױבן אַ נײ „לעבן" בײ איר מאַן! דער „האָניק־חודש איז נאָך נישט פֿאַריבער, אָבער פֿאַר איר — אַזױ האָט זיך איר אױסגעװיזן — הױבט ער זיך ערשט אָן. די ערשטע פֿאַר טעג איז ער געװען „גוט" צו איר! זי געלאָזט שלאָפֿן ביז... 7 פֿאַרטאָג און נאָך... 10 בײנאַכט האָט ער איר דערלױבט אַרױפֿגײן אין צימער! ער האָט איר אַפֿילו אַרױסגעװיזן גאָר אַ ספּעציעלע „פֿרײנטשאַפֿט"! ממש אַרױסגעװיזן אַ „גאָלדן האַרץ"! ער האָט איר... געגעבן 10 סענט אױף װעטשערע כדי זי זאָל זיך קױפֿן ע פּ ע ס א נ ד ע ר ש, נישט קײן „מאַטאַמברע" װעלכע ער האָט ליב און זי קען עס נישט נעמען אין מױל אַרײן... ער האָט איר אַפֿילו דערלױבט צו קױפֿן — אַ טאָג איבער אַ טאָג — אַ ליטער מילך פֿאַר זיך!...

דעם ערשטן דינסטיק, די שװיגער איז געקומען, האָט אַטענדירט די קלײט, געגעסן אָנבײסן מיט זײ, און עס האָט זיך שױן אױסגעװיזן אַז עס האָט גענומען אַ סוף פֿון אירע לײדן!

אַזױ האָט זי געקלערט סאַריטאַ. דער שיקזאַל האָט אָבער צוגע־גרײט פֿאַר איר אַ גאַנץ גרױסע מאָס פֿון צרות, לײדן און פּײן! אַ גרױסן בעכער פֿון ביטער געטראַנק געמישט פֿון בלוט און טרערן!

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ... אַדוואָקאַט! אין דער צייט ווען זי איז געווען אין הויז מיט איר צעבלוטיקטן פינגער, האָט זי זיך גע־ווענדעט — דורך אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ פריינט — צו אַ באַוואוסטן אידישן אַדוואָקאַט נאָך אַ יורידישער עצה.

ווען ער איז געוואויר געוואָרן אַז זי האָט גענומען אַן אַדוואָקאַט זיך צו פאַרטיידיקן האָט ער זיך אויך געווענדעט צו זיין אַד־וואָקאַט! און אה! גרויסער שיקזאַל! ביידע אַדוואָקאַטן זיינען... לייב־לעכע ברידער! און אַזוי ווי סאַריטאַ האָט דערציילט איר אַדוואָקאַט וועגן אירע ליידן און אַזוי ווי דער אַדוואָקאַט האָט זי געזען מיט איר פאַרבלוטיקט קליידל און בלייך אויסגעמאַטערט פנים, האָט ער מסתמא אָפּגעגעבן אַן אמתן גרוס זיין ברודער, דעם צווייטן אַדוואָקאַט, ווער זיין „קליענט" איז, און דער אַדוואָקאַט האָט עס אים פאַרגעוואָרפן, — איז אים נישט אָנגעשטאַנען די גאַנצע מעשה און... ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכעס, וואָס האָט אים געצוואונגען זיך איבערבעטן!... און זי ברענגען צוריק אַהיים: לאַנג האָט, אָבער, זיין „ליבע" און גוטסקייט נישט געקאָנט אָנהאַלטן: זיין פאַרדאָרבענער כאַ־ראַקטער האָט אים דיקטירט אַז ער דאַרף קאַטעווען זיין ווייבל!

ער האָט זיך שוין ווידער גענומען רוגזן און טשעפּען!

די ערשטע שטראָף האָט זי באַקומען טאַקע דעם ערשטן זונטיק! תיכף נאָכן עסן, האָט סאַמועל אַרויסגערופן אַ פריינט זיינעם וועלכער האָט אַ אייגענעם אויטאָ, און מען איז אַוועקגעפאָרן שפּאַצירן! גע־פאָרן זיינען אַלע, אַ חוץ — סאַריטאַן! זי איז געבליבן היטן די שטוב!

אויף דעם צווייטן טאָג, פּונקט ווי מיט אַ כשוף־שטעקעלע האָט זיך ווידער געביטן די גאַנצע לאַגע אין שטוב! די שוויגער איז ווידער גע־וואָרן בעל הביתטע און מען האָט זי אָנגעהויבן מאַטערן מיט... הונגער! פאַר יעדער קלייניקייט: — 10 שעה אָן עסן! און דורכגעפירט האָט מען עס אַזוי:

אַזוי ווי דער צימער איז געווען אויף דער „אַסאָטעאַ", פלעגט ער זי לאָזן אין צימער אויבן און פאַרשליסן דעם אַראָפּגאַנג צו דער קליכ, צו דער גאַס! און אַזוי ווי אין צימער איז נישט געווען קיין שום סימן פון ברויט אָדער אַנדער מאכל האָט זי געקאָנט עסן בלויז די... בענקלעך אָדער דעם טיש.

די „אַסאָטעאַ" האָט אָבער געהאַט נאָך אַן אַרויסגאַנג! דאָס איז צום שכן פון צווייטן שטאָק! אַ רייכער שכן מיט אַ דינסט! און אָט דער דינסט האָט עס סאַריטאַ געהאַט צו פאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ אַז זי זאָל נישט שטאַרבן פון הונגער! קיין ברויט האָט איר די דינסט

נישט געקאָנט אַרויפטראָגן אָבער ש ו אַ ר צ ע קאָווע, האָט זי איר געגעבן עטלעכע מאָל אין טאָג און דערמיט האָט זי זיך דערנערט! אַזוי זיינען פאַראיבער... עטלעכע און צוואַנציק טעג! קיינער האָט נישט געוואוסט פון אירע ליידן! פלעגט די מוטער קומען געוואויר ווערן צו איר, האָט דער מאַן געזאָגט אַז ער האָט זי אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַריין, ווען אין דער אמתן איז זי געווען פאַרשלאָסן אין צימער!...

סאַריטאַ איז ווידער געוואָרן איידל, און מעלאַנכאָליש! די אויגן איינגעסטאַרטשעט אין פנים! אָבער איר מורא פאַר סאַמועלן, איר מורא פאַר בלייבן ווידער אַמאָל אויף דער גאַס, איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען זי האָט זיך געטראָפן מיט איר מוטער, מיט אירע ווייניקע פריינט, האָט זי נישט אויסגערעדט אַ וואָרט פון אירע ליידן און נאָך געשמייכלט און אפילו אַ זינג געטון, כדי צו שאַפן דעם איינדרוק אַז עס איז איר וואויל און גוט!...

מיר האַלטן ביי ענדע! די לעצטע צוויי טעג פון די אומדערהערטע ליידן פון אַ יונג מענטשלעך וועזן! די דאָזיקע צוויי טעג וועלן אייביק איינגעקריצט ווערן אין סאַריטאַס זכרון! זיי זיינען דער סוף פון 50 טעג איבערמענטשלעכע ליידן און אַ שטראַל פון האָפענונג צוריק אָנ־הויבן אַ רואיק מענטשלעך לעבן!

דער טראַגישסטער טאָג סאַריטאַס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ שיי־נעם זונטאָג! זי איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט אַ ליכטיקן גע־דאַנק אין קאָפּ! עס איז ה יי נ ט דער יאָרצייט פון איר פאָטער! זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט דעם פאָטער און ער זי — נאָך מער! זי געדענקט דעם טאָג ווי אַזוי ער האָט זי געפירט אין קינדער־גאָרטן און געדענקט דעם טאָג פון... זיין טויט! זי וועט דעם טאָג אייביק געדענ־קען! נו! וועט זי היינט פאָרן אויפן בית עולם און אים באַזוכן! זי וועט זיך גוט אויסוויינען אויף זיין קבר אפשר וועט ער דערהערן איר שטימע, אפשר וועט ער דערפילן איר ביטער האַרץ, אפשר וועט ער רחמנות האָבן אויף זיין געליבט קינד, וואָס ער האָט געוויגט אין אַ גאָלדן וויגעלע און איצט איז דאָס זשעדנע אַ פשוט שטיקל ברויט! ניין! זי וועט אים נישט בעטן קיין לוכאָ זאַכן! זי וועט נישט בעטן אויף קיין צירונג און אויטאָמאָביל! זי וועט בעטן דעם טאַטן אַז ער זאָל זיך באַ־מיען „אויבן” דאָס זי זאָל האָבן אַלע טאָג אַ... סאַנדוויטש פאַר 10 סענט! אַ גלאָז מילך פאַר 5 סענט! אַ שטיקל פוטער פאַר 5 סענט!

זי איז געלעגן אויפן געלעגער און פאַנטאַזירט: אך! ווי פארשיידן די וועלט איז! איר מאַן חלומט פון אַ מויער פון... 7 שטאָק (נישט ווייניקער) דערווייל — זאָגט ער — דאַרף מען נישט עסן און נישט פאַרברענגען! מען דאַרף טראָגן אין באַנק אַריין!

און זי, סאַריטאַ, חלומט פון... אַ גרויס... ברויט, פון.. 2 ביפען מיט קאַרטאָפל, פון אַ טעלער זופּ, פון גאַנצע צוויי סאַנדוויטשעס און טאַקע פון... אַביסל סמעטענע, אויב עס איז מעגלעך! זי חלומט אויך וועגן... גיין אין אַ סינע, אין טעאַטער! אָבער — דאָס וועט זי ערשט דערגרייכן ווען... דער מאַן וועט שוין האָבן דאָס זיבן שטאָקיקע הויז!

און זי באַשליסט צו פאָרן מאָרגן אינדערפרי אויפן בית עולם!

— —

ס'איז זונטיק אין דער פרי. סאַריטאַ איז אויפגעשטאַנען — ווי די געוואוינהייט אירע איז שוין געווען — פאַרטאָג. זי האָט צוגעגרייט מאַ־טע דעם מאַן, האָט אויפגעראַמט די שטוב, גענומען ביים מאַן דעם „געהאַלט" אויף צו גיין איינקויפן אויף אָנבייסן — אַ גאַנצע פעזע און זיך געלאָזט גיין אין מאַרק אַריין. זי איז היינט געווען פריילעך און אויפגעלייגט! זי וועט היינט פאָרן אויפן בית עולם! זי וועט זיין ביי איר פאָטערס קבר! זי וועט זיך, גוט, גוט אויסוויינען און אים דערציילן, וואָס זי לעבט איבער! ער וועט זיכער הערן איר געבעט און וועט שוין פועלן „דאָרט" „אויבן", אַז סאַמועלס האַרץ זאָל זיך בייטן און אפשר וועט ער גאָר פועלן, אַז... מען זאָל שיקן רופן די שוויגער אַהין! אָה! די שוויגער! ווען נישט די שוויגער וואָלט זי נאָך אפשר געהאַט אַ וועלכעס עס איז לעבן ביי איר מאַן! ער וואָלט אפשר רחמנות געהאַט אויף איר, און אפשר, טאַקע, וואָלט ער זיך אויסגעמענטשלט. די שוויי־גער אָבער, כל זמן זי איז נעבן אים, וועט זי, סאַריטאַ, האָבן אַ ווייסט פינסטער לעבן.

פאַרן אַרויסגיין פון דער טיר גייט זי צו צום טעלעפאָן און רעדט צו דער מוטער אפשר וויל די מוטער אויך פאָרן אויפן בית עולם און — ווי גליקלעך איז זי! די מוטער פאָרט אויך און נאָך מער! זי לאַדט איין סאַמועלן — אויף אירע הוצאות — ער זאָל אויך מיטפאָרן! סאַ־ריטאַ מעלדעט עס סאַמועלן, און ער איז מסכים צו מאַכן אַזאַ אומזיסטע און „אינטערעסאַנטע" רייזע!

אמת! איין זאַך שמעקט אים נישט! מען דאַרף שוין געבן סאַריטאַן נאָך 50 סענט אויף הוצאות פאַרן טאָג, ווייל איר מאַמע וועט דאָך שוין

עסן ביי זיי! ער מאַכט אָבער דעם חשבון, אַז עס טראָגט אים אוים ביליקער די געשיכטע! און

ער פאַרט אויך מיט!

און אָט זיינען זיי שוין ביים בית עולם! אויפן וועג, פאָרנדיק אין אָמניבוס, באַרימט ער זיך, אַז זיין פאָטער איז שוין 21 יאָר טויט און ער ווייסט אפילו נישט וואו זיין געביין ליגט ערגעץ! ער שעמט זיך אפילו נישט צו דערציילן, אַז... זיין מאַמע האָט אפילו קיין מצבה איר מאָן נישט געשטעלט!... סאַריטאַ הויבט אים אָן צו מוסרן, סטייטש, הלמאי ער האָט זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט זיין פאָטערס קבר! אַ פאָטער וועלכער האָט נישט דערלעבט צו זעען דערצויגן זיינע קינדער און שטאַרבן אַזוי יונג און זי זאָגט צו, אַז זי וועט זיך פאַראינטערעסירן אויסצוגעפינען זיין קבר. צוגייענדיק צום בית עולם, גיט זי אַ בעט סאַמועלן, ער זאָל איר געבן 2 פעזעס! סאַמועל איז געווען אַביסל פאַרטראַכט פונעם געשפּרעך וועגן זיין פאָטערס קבר, און קעגן זיין „לאַגישע" געוואוינהייט, האָט ער אפילו נישט געפרעגט אויף וואָס זי דאַרף די 2 פעזעס און האָט איר געגעבן אָט די סומע. סאַריטאַ נעמט די צוויי פעזעס, גייט צו צו אַ בלומען-פאַרקויפערן און קויפט פאַר די גאַנצע 2 פעזעס בלומען! געקויפט האָט זי, מיטן געדאַנק, צו לייגן אַ טייל בלומען אויף א י ר פאָטערס קבר און אַ טייל בלומען אויף ז יי ן פאָטערס גרוב.

סאַמועלס פנים האָט זיך שוין אָבער געביטן! ער איז געקומען „צו זיך"! דער גרויסער „קלאַפּ" פון אויסגעבן גאַנצע צוויי פעזעס אויף בלומען, כדי זיי „אַוועקוואַרפן" אויף אַ קבר האָט אים דערוואַכט, און ווען סאַריטאַ — מיט די בלומען אין דער האַנט — האָט אים אָנגעהויבן פרעגן דאַטעס וועגן זיין פאָטערס קבר, כדי צוצוקומען צו אים, האָט ער שוין נישט געוואָלט ענטפערן און אַז ער האָט שוין געענטפערט האָט ער געזאָגט, אַז... ער האָט נישט קיין אינטערעס צו גייען „וויזיטירן זיין „וויעכאָ"!

סאַריטאַ, מיט אַ אָנגעווייטיקט האַרץ, מיט אַ געפיל, אַז די בלומען וועלן איר אויספאַלן „באַקום" איז אַוועק אויף איר פאָטערס קבר און זיך גוט אויסגעוויינט! זי האָט געבעטן איר פאָטער, ער זאָל זי אויסלייזן פון איר מאַרטירער און אויב ער קאָן זי נישט אויסלייזן — זאָל ער זי נעמען צו זיך! נעבן אים, וועט איר זיין לייכטער איידער אַזאַ לעבן!... אַ ז אַ לעבן!...

פונעם פעלד זיינען זיי געקומען אַרום 13 אַזייגער! די גאַנצע רייזע

צוריק איז סאַמועל געזעסן שטיל און פאַרטראַכט! סאַריטאַ האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ער וועט נישט אַראָפּשלינגען אַזאַ „ביטערע פּיל” פון אויסגעבן גאַנצע צוויי פּעזעס אויף בלומען! און וואָלט זי געוועזן גע־וואוסט, אַז ער וועט איר נישט אָנווייזן ווי אַזוי צו זוכן זיין פאָטערס קבר, וואָלט זי, אפשר, קיין בלומען נישט געוועזן געקויפט! זי האָט גאָר געגלויבט אַז מיטן קויפן בלומען פאַר זיין פאָטער, וועט זי נושא חן זיין ביי אים אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר, אַז ער איז נאָך מער ברוגז געוואָרן!...

זיי עסן שוין אָפּ אויף שנעל! די מוטער אירע דאַרף אָפּפאָרן די טעג פון בוענאָס איירעס, געזעגנט זי זיך אָפּ, און לאָזט זיי איבער אַליין! סאַ־ריטאַ פילט, אַז מען האָט זי איבערגעלאָזט אין אַ שטייג מיט אַ ווילדער חיה, אָבער — זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט! מיטפאָרן מיט איר מוטער — קאָן זי נישט! זי מוז זיך צוגעוואוינען צו איר גורל!

וועטשערע האָבן זיי שוין געגעסן באַזונדער! ס׳הייסט — געגעסן האָט בלויז ע ר! זי האָט זיך באַנוגנט מיט אַ גלאָז זיסע טיי מיט ברויט און... דאַנקען גאָט דערפאַר! ער האָט געגעסן אַ ביף וואָס עס איז געבליבן פון מיטאָק און „פאַרביסן” מיט עטלעכע גלעזער טיי (פרוכט איז געוועזן אַ זעלטנהייט אין שטוב! מען מעג זיך באַגייען אָן פרוכט — פלעגט ער זאָגן! אָדער — פרוכט דאַרפן עסן קליינע קינדער!..). אַרום 10 ביינאַכט האָט ער זיך אויסגעבעט הינטן אין קלייט, פאַרשלאָסן דעם אַראָפּגאַנג פון איר צימער צו זיך אין קלייט און זיך געלייגט שלאָפן.

סאַריטאַ איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן! זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גרייט ער פאַר איר אַ הארבע שטראָף! זי האָט אים היינט גע־זעען ערנסטער ווי תמיד, האָט זי פּשוט מורא געהאַט, אַז ביינאַכט זאָל ער זי קומען ווערגן! עס האָט זי נישט געאַרט דער טויט, עס האָט זי פּשוט ג ע ש ר אָ ק ן!

יעדער קלאַפּ אין דרויסן, יעדער שאָרך פון ווינט האָט זי אופגעצי־טערט!

אַרום 5 אַזייגער איז זי אַ פאַרמאַטערטע פון דער נאַכט איינגעשלאָפן און זעקס האָט זי זיך שוין אויפגעכאַפּט!

זי וויל אַראָפּגייען אין קלייט, זי וועט נעמען אַביסל זשערבאַ, זי וועט צוגרייטן אַ מאַטע! זי וועט פּרוּוון רעדן מיט אים, אויפקלערן, אַז זי האָט געמיינט באַערן ז י י ן פאָטער! די טיר איז פאַרשלאָסן! קלאַפּן — פאַרשטייט זי — איז אומזיסט! ניט ער וועט זי הערן, ניט ע מ י־צ ע ר וועט זי ה ע ר ן! זעצט זי זיך אַוועק און וואַרט! זי ווייסט אַז סאַמועל וועט מוזן אויפשליסן און אַרויסגייען ווייל... זיינע וואָכעדיקע

מלבושים זיינען געבליבן אויבן און אַן זיי וועט ער קיין שעה ניט קאָנען אַטענדירן די קליינט! זיצט זי און וואַרט אויף צו הערן וואָס פאַר אַ שטראָף איר „קומט” פאַרן נעכטיקן „פאַרברעכן”!

לאַנג וואַרטן האָט זי נישט געדאַרפט! אַרום 7 אַזייגער, די זון האָט אָנגעהויבן שיינען פאַר דער גאַנצער וועלט — און עס האָט אָנגעהויבן דאָס לעבן פון שטאָט און גאַס. סאַריטאַן האָט זיך אָנגעכמורעט א י ר הימל און עס איז איר געוואָרן פינסטער!

7 אַזייגער, שליסט ער אויף איר טיר, נעמט זיינע מלבושים און מעלדעט איר:

איר שטראָף איז 24 שעה בלייבן דאָ אויבן!

24 שעה אָן עסן, אָן אַביסל וואַרימע וואַסער! בלויז לופט האָט זי אַ רעכט איינצוזויפן אין זיך וויפל זי וויל!..

סאַריטאַ פילט, אַז אַזוי לאַנג וועט זי נישט קאָנען אויסהאַלטן קיין הונגער! שוין נעכטן האָט זי זיך געלייגט אַ הונגעריקע! אינדערפרי איז זי אויפגעשטאַנען אַ פאַרשמאַכטע! און וואַרטן נאָך 24 שעה וועט זי נישט אויסהאַלטן!

עס פליט איר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ!

שטאַרבן! אפשר וועט זי דורך דעם שטאַרבן! זי פאַרשטייט אָבער, אַז שטאַרבן פון הונגער דאַרף זיין זייער אַ שווערער טויט! פאַרלירט זי דעם „חשק” פון לאָזן זיך טויטן דורך שטאַרבן פון הונגער און באַשטימט צו קעמפן פאַר איר לעבן!

אָבער דער עיקר שרעק איז ביי איר געווען פאַר אַן אַנדער זאַך! זי האָט מורא געהאַט אפשר וועט דער מאַן און די שוויגער איצט דורכ-פירן זייער באַשלוס פון... פאַרשפאַרן זי אין אַ... משוגעים-הויז! זיי וועלן זי לאָזן הונגערן נישט 24 שעה נאָר אפשר צוויי אָדער דריי טעג און ווען זי וועט שוין זיין גוט גוט שוואַך, וועלן זיי טון מיט איר וואָס זיי ווילן! דערפאַר טאַקע ווען איר מאַן האָט איר דערקלערט, אַז זי דאַרף היינט אַ גאַנצן טאָג בלייבן „אויבן” און ערשט מאָרגן וועט ער זי אַרויס-לאָזן אויף דער פריי — האָט זי געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן — ניין!

סאַמועל מאַכט זיך אָבער אַ קליינעם צימעס פון איר יאָ אָדער ניין! ער ווייסט אַז ז י איז אַ קינד נאָך, אַ שוואַכע פרוי און ע ר איז אַ געזונטער ריז! און ווי דערשטוינט איז ער טאַקע געוואָרן, אַז ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי צו פאַרשליסן האָט ער געטראָפן סאַריטאַן שטייען מיט די הענט צושפּרייט גלייך אים אויסדראַפּען די אויגן און זיך נישט לאָזן פאַרשליסן!

עס איז פאָרגעקומען אַ קורצער געראַנגל צווישן זיי! פאַרשטייט זיך אַז „געזיגט" האָט ע ר! דאָס איינציקע וואָס ער האָט אָפּגעשפאַרט איז געווען אַ צעדראַפּעט פּנים! סאַריטאַ האָט אָבער געכאַפּט אַזוי אונטערגעהאַקט די זייטן, אַז זי איז געבליבן ליגן עטלעכע שעה און זיך נישט געקאָנט אויפהויבן פון דער ערד!

צו יעדער זאַך דאַרף מען האָבן מזל! אַפילו צום אומגליק אויך! און ווייזט אויס, אַז צו איר גרויס אומגליק האָט זי נאָך געהאַט גרויס מזל, וואָס די קריסטלעכע דינסט פון אַ שכנה האָט דורך אַ פענסטערל געזען וואָס עס קומט פאָר „אויבן" אין צימערל!

די דאָזיקע דינסט האָט זיך לעצטנס באַפריינדעט מיט סאַריטאַן, זי האָט געקאָנט סאַמועלן פון פריער און האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ חיה די שוויגער איז. האָט זי אויף איר שטאַרק רחמנות געהאַט און ווען נישט ווען אונטערגערוקט אַ שוואַרצע קאַווע צו טרינקען, אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און אַמאָל — אַ פּשוט שטיקל ברויט!

די דאָזיקע דינסט, ווען סאַריטאַ האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען ניט איינמאָל פאַר איר באַציאונג און רחמנות צו איר, וואָלט איר אפשר געווען מער געהאָלפן! זי האָט אָבער געהאַט אַ שטרענגן באַפעל פון איר בעל הביתטע, אַז זי זאָל זיך נישט מישן צווישן פאַר פאָלק, ווייל זי וויל נישט, אַז דער „פּאַטראָן" זאָל ווערן אויף איר ברוגז. האָט זי, די דינסט, אַלעס געמוזט בשתיקה, שטילערהייט איר מיטהעלפן!

ריכטנדיק זיך אויף אַ אומגליק אַלע טאָג, האָט סאַריטאַ איבערגעגעבן דער דינסט דעם טעלעפאָן פון... אירס אַ ווייטן קרוב, און געבעטן, אַז אין אַ ערנסטן מאָמענט, און שוין ווען קיין אַנדער מיטל וועט נישט זיין, זאָל מען מעלדן אים טעלעפאָניש און ער — זאָל זי קומען ראַטעווען!

און — כאָטש די דינסט האָט געזען די סצענע נאָך גאַנץ פרי, האָט זי ערשט פאַרנאַכט, אַרום זעקס אַזייגער אָנגעקלונגען צום פריינטל און אים געמעלדעט:

„קומט ראַטעווען סאַריטאַן! זי ליגט פאַרשפּאַרט אין צימער! זי וועט נאָך אַראָפּ פון זינען"!

באַקומענדיק די ערשטע מעלדונג, אַז מען דאַרף סאַריטאַן וואָס שנעלער אַרויסנעמען איידער זי גייט אַראָפּ פון זינען, האָט דעם פריינטעלס פרוי, וועלכע האָט אויפגענומען אָט די ידיעה, קיין צייט נישט פאַרלוירן און באַלד מיט אַ טאַקסי אָפּגעפאָרן צום בעל דבר!

אַריינגעקומען אין קלייט, סאַמועל שטייט רואיק און וואַרט... אָדער אויף אַ קליענט אָדער, אַז זיין יונג ווייבעלע וועלכע סע גלוסט זיך גאַר

ליגן בלומען אויפן קבר פון אַ געשטאָרבענעם פאָטער, זאָל שוין אויס־גייען פון הונגער אָדער אפשר טאַקע אַראָפּ פון זינען, װעט ער זי אָפּ־געבן אין משוגעים־הויז!

אויף אַזאַ גאַסט אָבער, װעלכע זאָל קומען פרעגן ביי אים װאוהין ער האָט אַהין געטון זיין עלנטע פרוי, אויף איינעם אָדער איי־נער, װאָס זאָל זיך פאַראינטערעסירן אינם גורל פון זיין פרוי, האָט ער זיך נישט גערעכנט!

אויף דער ערשטער פראַגע װאו סאַריטאַ איז, האָט ער געפּרואװט ענטפערן אַז... זי איז אַװעקגעפאָרן אין צענטער צו דער מוטער!

זעענדיק אָבער, אַז מען גלייבט אים נישט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען, אַז קיינער, קיין שום פרעמדער זאָל זיך נישט מישן אין זיינע „געשעפטן", ער איז אַ... „קריאָזשע" און מעג טון מיט זיין „מוכער" װאָס ער װיל! ער מעג זי מאַטערן, פּייניקן, און קיינער קאָן אים קיין דעה נישט זאָגן!... און ראָסיטאָן האָט ער אַװעקגעשיקט!

זעענדיק אַז ער זאָגט אַ ליגן! סאַריטאַ ליגט זיכער פאַרשלאָסן! האָט די פרוי תיכף אַרויסגערופן טעלעפאָניש איר מוטער!

די מוטער איז אויך געקומען צולויפן מער טויט װי לעבעדיק! אָבער אויך איר מוטער האָט ער אַזוי געענטפערט און לסוף — זיי ביידע אַרויסגעטריבן פון קלייט!

װאָס האָבן פרויען אַליין געקאָנט טון? עס איז געבליבן איין זאַך — װאַרטן אויף אַ מאַן! און װי אויף צו להכעיס, איז דאָס פריינטל סאַריטאָס געװען אויסער דער שטאָט און ערשט געקומען אַהיים אין אָװנט.

אַרום 20.30, האָט ער זיך דערװאוסט די לאַגע פון אָט דעם אומ־גליקלעכן קינד און די מוטער, האָט מיט ביטערע טרערן אָנגעהובן דער־ציילן װאָס סאַריטאַ האָט אויסגעליטן פאַר די לעצטע זעקס װאָכן פון חתונה האָבן.

דאָס ערשטע װאָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק צו טון איז צו מעל־דן אין דער קאָמיסאַריע.

געקומען אין פּאָליציי זיינען זיי אַרום 10 אַזייגער ביינאַכט. די פּאָ־ליציי באַאַמטע װעלכע האָבן שוין געװאוסט, מער־װייניקער, װעגן װאָס עס האַנדלט זיך, האָבן זיי זייער פריינטלעך אויפגענומען און צוזאַמענ־געשטעלט די נויטיקע „סומאַריאָ"! אַלעס איז גוט! אָבער אַרויסנעמען סאַריטאָן פון שטוב — קאָן מען נישט!

כל זמן עס איז ניטאָ קיין דירעקטע און פערזענלעכע דע־נונסיע פון סאַריטאָן אַז זי ליגט פאַרשפּאַרט און פאַרמאַטערט — קאָן

די פּאָליציי נישט אַריינדרינגען מיט גוואַלד און זי פון דאָרט אַרויסנע־מען! איי! סטייטש! סאַריטאַ ליגט דאָך פאַרשפּאַרט אויבן און קאָן ניט קומען דענונסירן? — איז טאַקע... נישט גוט!

נאָך אַ לענגערן קלערן און מאַכן די „סטראַטעגישע" פּלנער ווי אַזוי ג ע ז ע צ ל ע ך זי אַרויסנעמען, האָט דער סוב־קאָמיסאַר פון קאָמיסאַריע אַריינגערופן אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר און געזאָגט צו סאַ־ריטאַס פריינטל און מוטער:

— אָט דער ה׳ וועט פאָרן מיט אייך! ער איז זייער פּעאיק און נאָך מער — קלוג! ער וועט שוין געפינען אַן עצה ווי אַזוי צו האַנדלען!..

און אַזוי איז טאַקע געווען:

דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר, זייער אַ פיינער און פילנדער מענטש, האָט באַלד אויפן אָרט צוגעטראַכט אַ פּלאַן און אים שוין גענומען „עכּע־קוטירן". ער זעצט זיך אַריין אין אויטאָ, הייסט נאָכפאָרן דאָס באַ־וואוסטע „וועגעלע", וואָס מען פירט אַרעסטאַנטן, הייסט נאָכפאָרן נאָך עטלעכע פּאָליציי־לייט אויף פערד...

זיי קומען צו צו דער גאַס וואו סאַמועל וואוינט, עס איז אַרום 23 אַזייגער. די גאַס איז האַלב פאַרשלאָפן. דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר רינ־גלט אַרום די שטוב און הויבט אָן פייפן מיטן פּאָליציי־פייפעלע! די איבעריקע וויכילאַנטן פייפן אויך און עס ווערט... אַ טומל אַרום דער שטוב! שכנים הויבן זיך אָן צענויפלויפן, פעסטער עפענען זיך אויף און מענטשן הויבן אָן אַרויסקוקן מיט שרעק! אויך סאַמועל רוקט אַרויף דעם „שטאָר" פון קלייט און דערזעענדיק וואָס פאַר אַ חתונה ער האָט אַרום דער קלייט, דערזעענדיק דעם „פּאָליציי־קאָטש", וואָס שטייט גרייט ביי זיין שטוב, פאַרשטייט ער, אַז דאָס מיינט מען עפּעס אים! און פאַר גרוים צוטומלטקייט לאָדט ער איין די פּאָליציי, אַז מען זאָל אַריינגייען אין קלייט אַריין!

ווען דער פּאָלציי־אינספּעקטאָר איז אַריין האָט ער אים זייער פריינטלעך געזאָגט:

מיר ווילן גאָרנישט! טאַקע ג אָ ר נ י ש ט, מיר ווילן ב ל ו י ז רעדן מיט דיין פרוי!...

סאַמועל גייט אַרויף אין צימער, שליסט אויף דעם לעבעדיקן קבר, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר זיין פרוי און לאָזט זי אַרויס! ער הייסט איר אַראָפּגייען און זאָגט איר אָן מיטן האַרבן וואָרט: ווי וועט איר זיין, אויב זי וועט עפּעס רעדן אַ וואָרט!...

סאַריטאַ גייט אַרויף אויף דער „טעראַסע" און אַנשטאָט אַראָפּצו

גייען אין קלייט — הויבט זי אָן, בישלעכווייז, אַראָפּוואַרפן אויף דער גאַס אירע זאַכן!...

וואָלט דאָס נישט געווען אַזוי טראַגיש, איז דאָס געווען דער קאָמישסטער מאָמענט פון אַ מענטשלעך לעבן. צוקוקנדיק ווי אַזוי אַלעמאָל גיט אַ פאַל אויף דער ערד אַ פּאַק! די מענטשן וואָס שטייען אין דער זייט שיסן אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער. אַנדערע באַדויערן די „פּאָברע מוכער" און קיין „קאָמפּלימענטן" אויפן נאָמען פון „רוסאַ" פעלן נישט!...

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט בלויז געקאָנט ר אַ ט עווען אירע מלבושים! די פּיאַנע, דאָס מעבל, דעם טייערן „קאָלטשאָן", די קיך־זאַכן, האָט זי געמוזט לאָזן! זי האָט שוין געוואוסט, אַז צוריק וועט זי נישט קומען אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם הויז, האָט זי זיך כאָטש באַוואָרנט צו האָבן צוריק אירע אָרימע מלבושים!

ווען אַלעס איז שוין געליגן אַריינגעלייגט אין קאָטש, איז זי אַראָפּגעגאַנגען אין קלייט.

ווי נאָר דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר האָט זי דערזעען, איז ער פּשוט פאַרגאַפט געוואָרן פון איר שיינקייט און צאַרטקייט און אָנבויגנדיק זיך צום פריינטל, רופט ער שטיל אויס:

און אָט די בלום איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אָט דער ווילדער חיה?...

גיי דערצייל אים, אַז אַ מאַמעס האַרץ האָט געוואָלט דערלעבן נחת אין דער טאָכטער און זי אַריינגעגעבן אין אַ „שמאַלץ־גרוב"; גיי דערצייל אים, אַז אין גאַנצן לאַנד איז ער אפשר דער איינציקער עקזעמפּליאַר פון ז יין מין!..

אָבער — עס איז נישט געווען קיין צייט צו רעדן! מען האָט געדאַרפט האַנדלען שנעל! און דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר האָט זיך פאַרנומען... צו דערציילן אַ מעשה סאַמועלן! אין ד ער ז עלבער צייט האָט ער געגעבן אַ וואונק און מען האָט אַרויסגערופן סאַריטאַן אויף אַ „סוד"! און — אַבי סאַריטאַ איז געווען ביי דער טיר — איז זי שוין געזעסן אין אַ אויטאָ און...

זי איז באַפרייט געוואָרן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס פריינטעל דערציילט נאָך:

מיר האָבן געלאָזט דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר רעדן מיט סאַמועלן,

מיר האָבן געלאָזט די פּאָליציי צעטרייבן דעם אָנגעלאָפענעם עולם און מיר זיינען שנעל אָפּגעפאָרן פון דעם פאַטאַלן פּלאַץ!

פאַר אַלעם זיינען מיר צוגעפאָרן צו דער ערשטער לעטשעריאַ, וואָס מיר האָבן געטראָפן און פ אַ ר אַ ל ע ם געגעבן סאַריטאַן אַ... איבערבייסן! ס'איז געווען קרוב צו 12 אַזייגער ביינאַכט, אָבער אין מויל האָט זי נאָך גאָרנישט געהאַט און איז געווען האַלב פאַרחלשט פון הונ־גער און שרעק.

ווען מיר האָבן זי געבראַכט אַ „היים" צו איר מוטער, איז זי אַריינ־געפאַלן אין אַ היסטעריש געוויין, אַז מען האָט זי קוים באַרואיקט!

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי איז סאַריטאַ אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ-ווייטיק. די נעכטיקע איבערלעבעניש האָט זי עלטער געמאַכט מיט 10 יאָר! חוץ לזה האָט זי אָנגעהויבן פילן ווייטיקן אין בויך!... זי האָט מורא צו אַלאַרמירן די מאַמע, וויל זי איבערליגן און מאַכן מיט אַ שוויינ! אָבער אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר מאַכט זי אויפציטערן! עס קומט אַ וויזישילאַנט און לאַדט זי איין אין דער שכנותדיקער קאָמיסאַריע. זי טוט זיך קוים אָן, און באַגלייט דעם פּאָליציי-אַגענט!

קומענדיק אין קאָמיסאַריע, ווערט זי אינפאָרמירט, אַז איר מאַן האָט געמאַכט אַ דענונסיע נעכטן ביינאַכט, אַז... זי האָט אים געשלאָגן, צעדראַפּעט דאָס פּנים, און זי דאַרף ענטפערן דערויף!

זי הויבט אָן ביטער וויינען און דערציילט וואָס מיט איר האָט פּאַ־סירט!

זי ווערט באַלד איבערגעשיקט צום פּאָליציי-דאָקטאָר, וועלכער שטעלט דעם דיאַגנאָז, אַז זי האָט:

„לעסיאָנעס אינטערנאַס" (אינערלעכע וואונדן).

דער ענין ווערט תיכּף איבערגעגעבן דעם אינסטרוקציאָנס-ריכטער און סאַמועל און זיין מוטער ווערן אַרעסטירט!

48 שעה זיינען זיי געזעסן אינקאָמוניקאַדאָ! די אויספאָרשונג איז אַ שטרענגע, אָבער וואָס קאָן מען טון! ער האָט איר געמאַכט וואונדן, ער האָט געפּייניקט זיין קרבן ווען קיין מענטשן זיינען נישט געווען און אָן עדות קאָן מען קיין מענטשן נישט פאַרמשפּטן און מען לאָזט זיי אַרויס פריי!

— —

סאַריטאַ איז צוביסלעך געקומען צו זיך! זי האָט נישט קיין באַ־קוועמלעכקייטן, אָבער זי האָט רו און אַ טרוקן שטיקל ברויט!

אויפן צווייטן טאָג פון איר באַפרייאונג האָט מען איר געפונען אַ פּלאַץ אין אַ עסקריטאָריע! זי האָט דאָרט געאַרבעט אַ מאָנאַט צייט! מען איז געווען פון איר העכסט צופרידן! אָבער... זי האָט די אַרבעט געמוזט פאַרלאָזן! זי איז קראַנק! זי דאַרף זיך גוט אויסהיילן פון די אינערלעכע וואונדן!

זי דאַרף אויך האָבן אָפּרו פאַר איר גוף און נשמה!

ביי די באַדינגונגען אין וועלכע זי געפינט זיך איצט, איז איר אָבער שווער דאָס צו דערגרייכן!... וואָלט זי געקאָנט אַרויסנעמען איר מעבל, איר פּיאַנאָ, איר ניי־מאַשין, וואָלט זי זיי פאַרקויפט און געקאָנט אָפּרוען אין די קאָרדאָבער בערג! קאָן זי דאָס אָבער נישט טון.

מיר האָבן אַרויסגעבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט אָט די גרויסע טראַגישע געשיכטע פון אַ מענטשלעך לעבן, פון אָט אַ עלנט אידיש מיידל! נישט אָפט טרעפן ביי אונז אַזעלכע טראַגעדיעס — אָבער זיי טרעפן דאָך!

מיר האָבן דורך אָט דער גאַנצער געשיכטע געוואָלט רופן די אויפמערקזאַמקייט פון די עלטערן, וואָס ווילן זעען גלקלעך זייערע קינדער און זוכן זיי וואָס שנעלער חתונה מאַכן און זיי זאָגן:

טאַטעס! מאַמעס! פאַרלאָזט אויך נישט דערויף וואָס דער שדכן אָדער שדכנטע רעדט אייך צו! פאָרשט גוט גוט אוים ועמען איר גיט איבער דעם גורל פון אייער קינד! פראוועט נישט קיין שנעלע חתונות, ציטערט נישט, אַז אייער טאָכטער וועט נאָך „פאַרזיצן״, ווייל...

בעסער זאָל זי פאַרזיצן איידער אַריינפאַלן אין די הענט פון אַזעלכע „ווילדע אינדיאַנער״!

זי וויל חתונה האָבן מיט אַ מת...

עס זיצט פאַר מיר אַ טאַטע. אַ איד פון אַ פאָר און פופציק יאָר, וועמענס קנייטשן אויפן שטערן זיינען עדות. אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ סך, אַז ער האָט נאָך איצט אַ סך זאָרג. זיינע אויגן רעדן וועגן אַ שרעק, אַן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף אים.

איר קאָנט דעם אידן. איר טרעפט אים זייער אָפט. ער קומט זייער אָפט אין דער אידישער געזעלשאַפט. איר טרעפט אים אויף יעדער גע־זעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג, וואו ער באַשטייערט זיך מיט דער ברייטער האַנט. איר טרעפט אים זיצן אין די אידישע טעאַטערן, וואו ער פאַרפעלט נישט קיין איין נייע פאָרשטעלונג. — ער איז פאַרזאָרגט מיט בילעטן פאַר... אַ גאַנץ יאָר! — ער איז נישט פון די לעצטע אויסצו־קויפן אַן „אַבאָנאַ" פאַרן גאַנצן טעאַטער סעזאָן. איר טרעפט אים אין די בענק וואו ער איז אַ בכבודיקער קליענט און איר טרעפט אים אויף די... זונטיק קורסן, און סתם לעקציעס און קאָנפערענצן פון וועלכער ריכטונג, צי טעמע, דער רעדנער זאָל נישט זיין!... און נישט רעדן...

איר קאָנט דעם אידן! ער האָט שוין געמאַכט די פּאָפּולערע „לוסט־רייזעס" קיין אַמעריקע, קיין אייראָפּע און קיין ישראל, און מען האָט שוין געפראַוועט לכבוד אים אַ באַנקעט!

איך און איר, זיינע באַקאַנטע און פריינט, זיינען אים מקנא געווען אויף זיין גליקלעך צופרידן לעבן! איטלעכער איז זיכער אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט! ווער וואָלט זיך געריכט אַז דער דאָזיקער איד, זאָל זיין איינער פון די אומגליקלעכסטע מענטשן אויף גאָטס ערד! ווער וואָלט זיך געריכט, אַז ער וואָלט אייך אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ רייכשאַפט, זיין האָב און גוטס, זיין גרויסע פאַבריק און רייכע היים, זיין גרויסן אויטאָ און לוקסוסדיקן „טשאַלעט" ביים ים, אַבי...

וואָס אַבי? וואָס געשעט מיט אים? איז ער חלילה קראַנק איז זיין פרוי אָדער קינדער קראַנק? איז ער אפשר געוואוירע געוואָרן אַז... ער האָט אַ קאַנסער, און האָט געציילטע חדשים צו לעבן? צי אפשר

איז ער געוואוירע געוואָרן אַז זיין פרוי האָט אָט דאָס שרעקלעכע שלאָפּ-קייט? צי אפשר, גאָר, האָט ער זיך אומגעקוקט אַז ער איז געוואָרן אַ עני ואביון, אַז ער דאַרף גיין אין באַנקראָט און, אַ חוץ די סוחרים און די בענק, בלייבט ער נאָך שולדיק חברים און פריינט... אַנגעליהענע גמילת חסדים?

— חלילה! ! קיין שום ענלעכעס פון די אַלע אויבן-דערמאָנטע האָט אים נישט געטראָפן! ער, זיין פרוי און זיין בת יחידה׳קעלע זיינען פול-שטענדיק געזונט! די געשעפטן? — אויף אַלע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן!

וואָס דען? וואָס זעט ער אוים אַזוי שלעכט? וואָס איז ער אַזוי דערשראָקן און פאַרזאָרגט?

אך! מיר שטעלן זיך שוין פאָר! ער איז אַ אידישער איד! אַ איד מיט אַ וואַרימער באַציאונג צום טראַדיציאָנעלן אידישקייט! ער האַלט נאָך פון אַ אידישן יום-טוב! ראש השנה זיצט ער אויף דער שענסטער „שטאָט" אין שול און ווען עמיצער וויל ביי אים אויסקויפן „מפטיר יונה" וואָלט ער, — ביים „דינגען זיך" — געגאַנגען ביז... 10 טויזנט פּע-זעס!... איצט, — אַזוי שטעלן מיר זיך פאָר, — איצט, האָט זיך זיין טעכטערל... פאַרליבט אין אַ שגץ!...

— נאָך ערגער!

ס׳הייסט? נאָך ערגער? נאָך פאַראַן ערגערס ביי אַ נאַציאָנאַלן, טראַדיציאָנעלן אידן ווען זיין קינד, ספּעציעל אַ טאָכטער, פאַרליבט זיך אין אַ שגץ?

יאָ! פאַראַן ערגערס! ערגער איז, ווען, אנשטאט אין אַ שגץ — פאַרליבט זי זיך אין... אַ מת?

א מת?... ווי קאָן עס זיין?

אָט זעט איר! אַזוי איז דאָס! מיין טאָכטער האָט זיך פאַרליבט אין אַ מת און וויל מיט אים... חתונה האָבן!...

מיר הויבן אָן באַטראַכטן דעם אידן! אפשר איז ער, נעבעך, פון זינען אַראָפּ? אפשר איז ער ניט מיט אַלעמען!... דער איד פאַרשטייט אונדזער מיין און

הויבט אָן רעדן.

אונדזערע טאַטעס און זיידעס מאַמעס און באָבעס האָבן געהאַט אַ קלוג גלייכווערטל: זיי פלעגן זאָגן אַז:

„וואו זיי האָבן אַ שונא, זאָל ער האָבן איין העמד אויף זיך און איין קינד!"

איצט, ביי די יאָרן און ביי דער לאַגע, אין וועלכער איך מיט מיין אומגליקלעכער פרוי געפינען זיך, זעען מיר ערשט, ווי גערעכט עס זיי־נען געווען אונזערע עלטערן און ווי שלעכט עס איז צו האָבן בלויז איין קינד!

איך ווייס נישט! נאָר מיר ווייזט זיך אויס, אַז ווען מען האָט גאָר קיין קינדער ניט איז בעסער, ווי צו האָבן איין קינד בלויז! אויב — נישט פאַר קיין שום אידן געדאַכט — אויב מען איז געשטראָפט, נישט צו האָבן קיין קינדער, ווייסט מען, אַז, — אַט דאָס איז דאָס! מען ווייסט אַז מאַן און ווייב, דאַרפן זיך אויסלעבן געטריי די יאָרן און מען לעבט איינס פאַרן צווייטן!

ווען מען האָט אָבער בלויז איין קינד, איז דאָס טאַקע ווי איין אויג אין קאָפּ; מען לעבט נישט רואיק. מען איז שטענדיק אין מורא טאָמער וועט עפּעס געשעען — אַט דעם איינציקן אויג — און מען וועט אינ־גאַנצן בלינד ווערן!

און, אַט, געפינען מיר זיך אין אַזאַ לאַגע! אונדזער איינציק אויג אין קאָפּ, אונדזער קלוג, גראַטן, טעכטערל! אונדזער שיינע, גע־לערנטע, מויד, האָט זיך פאַרליבט אין אַ בחור וואָס האַלט ביים שטאַרבן, אין אַ בחור וואָס האָט די טשעכאָטקע און קיין שום רפואה איז נישטאָ דערצו ווייל ער האָט זיך צו שפּעט אַרומגעקוקט אַז ער איז קראַנק! אין אַ בחור, וועמען די דאָקטוירים האָבן שוין לאַנג אָפּגעזאָגט דאָס לעבן און גאַראַנטירן אים נישט קיין גאַנצע 12 חדשים זיין אויף דער וועלט! אין אים, — האָט זי זיך פאַרליבט און דווקא פאַר אים חתונה האָבן!...

אַ מיידל! ווען איר קוקט זי אָן — ווען איר זעט זי צוריק מיט עט־לעכע חדשים, וואָלט איר אייערע אויגן פון איר ניט געקאָנט אַראָפּנע־מען! שיין ווי שולמית! הויך, גראַציעז, און ווער עס האָט זי געזען האָט מיך מקנא געווען מיט איר! ווען זי האָט געלערנט אין ליסעאום, איז זי געווען די בעסטע שילערן! ווען זי האָט אָנגעהויבן לערנען אין אוניווערזיטעט — זיינען די סטודענטן און פּראָפעסאָרן משוגע געוואָרן פאַר איר! ווען זי האָט אויפגעהערט לערנען און זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט אַנדערע זאַכן — מיט שטוב זאַכן — מיט פאַרברענגען און גולייען — זיינען צענדליקער אינגלעך איר נאָכגעלאָפן און געחלשט נאָך אירם אַ שמייכל! איך האָב זי געלאָזט לעבן ווי אַזוי זי אַליין וויל! איך האָב איר קיין דעה נישט געזאָגט וואָס זי טוט און ווי אַזוי זי טוט! זי האָט

געוואָלט האָבן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל — האָב איך איר געקויפט אַן אויטאָ! איז איר ניט געפעלן געוואָרן דער קאָליר — זי האָט גע־וואָלט אַ העלן קאָליר — האָב איך אים געגעבן איבערפאַרבן לויט איר געשמאַק! און טאַקע! פאַרוואָס ניט אָנטון אַ קינד פאַרגעניגן? פאַר וועמען דאַרף איך מיין גאַנץ פאַרמעגן?... איך בין געווען זיכער אַז אין אַ שיינעם טאָג, וועל איך האָבן דאָס גליק אַז זי זאָל מיר ברענגען אַ בחור אין שטוב און מיר זאָגן:

— פאַפאַ: דאָס איז מיין אויסדערוויילטער!

איך בין געווען גרייט אַזאַ בחור גליקלעך מאַכן! אים אַוועקגעבן אַ האַלב פון מיין פאַרמעגן! איך בין אויך געווען זיכער, אַז זי וועט מיר קיין שגץ נישט ברענגען, ווייל זי האָט געהאַט עטלעכע ביישפילן פון אירע חבר'טעס וועלכע האָבן שלעכט אָפּגעשניטן און האָבן זיך פאַרשאָלטן די יאָרן... זי פלעגט מיר, ביים טיש, אַליין דערציילן וועגן אָט די, נישט געלונגענע און נישט געוואונטשענע, חתונות, און פלעגט זיי שטאַרק פאַראורטיילן! גיי ריכט זיך אויף אַזאַ אומגליק! גיי ריכט זיך, אַז זי וועט זיך באַקאַנען מיט אַ אָרימען סטודענט, אַ בחור וואָס איז עלטער פון איר מיט אַ יאָר צען, אַ בחור וואָס האָט געלערנט און געלערנט און איז שטענדיק געשטאַנען אויף איין פלאַץ, און אין אָט דעם בחור וועט זי זיך פאַרליבן! וואָס הייסט פאַרליבן?

— פאַרליבן ביז משוגעת!

נו! מילא, דאָס, וואָס ער איז אָרים אָדער וואָס ער לערנט און ענדיקט נישט — וואָלט קיין אומגליק נישט געווען; פונקט פאַרקערט! איך האָבן שטענדיק געבעטן אַז מיין טאָכטער זאָל זיך נישט פאַרליבן אין קיין דאָקטאָר! מיר איז נישט געפעלן קיין דאָקטאָר, וואָס דאַרף זיך גענוג אָנמוטשען ביז ער באַקומט אַ שטיקל נאָמען און אַ שטיקל קליענטעלע! איך האָב נישט געוואָלט אַז מיין טאָכטערס מאַן, זאָל מען אין מיטן דער נאַכט, אַרויסנעמען פון בעט, באשר בכן, זיינער אַ „קליענט" ביי וועמען ער פאַרדינט... אַ הונדערטער אַ יאָר, אָדער אפשר איינער, וואָס ער האָט נאָך קיין סענט ביי אים נישט פאַרדינט — האָט זיך בייטאָג איבערגעגעסן מיט ראָבע פאַסאָליעס אָדער גרינע אוגערקעס, און עס „שפּאַרט" אים אונטערן הארצן... לכן, דערום, דאַרף מיין טאָכטערס מאַן, אַרויסקריכן ווינטער פונעם וואַרימען געלעגער און גיין... טאַפּן יענעמס בויך!

איז גוט איז, ווען עמיצער איז טאַקע קראַנק און מען רופט טאַקע דעם דאָקטאָר! מיט וואָס זיינען מיר אָבער זיכער, אַז דער „קראַנקער" איז... אַ יונגע בלאָנדינקע, וואָס האָט פאַרדרייט מיין איידעם —

דעם דאָקטאָר — דעם קאָפּ, און אין מיטן דער נאַכט האָט זי זיך פאַר־בענקט נאָך אים און רופט אים צום מאַנס... בויך!

ניין! קיין דאָקטאָר איז מיר נישט געווען געפעלן פאַר מיין טאָכ־טער! און ווען אָט דער סטודענט — אַ געזונטער בחור — פאַלט אריין צו מיר אין הויז אריין — וואָלט ער פאַרגעסן אין זיינע ביכער וועלכע זיינען אים במילא נישט געקראָכן אין קאָפּ אריין און ער וואָלט געוואָרן אַ מענטש צו לייטן גלייך!...

איז אָבער באַשערט, אַז אונדזער לעבן זאָל צעשטערט ווערן! איז אָבער באַשערט אַז מיר זאָלן גייען יונג פון דער וועלט — ווען איר קוקט אָן מיין פרוי, איז אַ שענערע לייגט מען שוין אין קבר אריין — קומט צו גייען אָט די שיינע מויד, אָט די בליענדע בלום, און שטעלט אונדז פאַר „איר" בחור, און ווי נאָר מיר האָבן אַ קוק געטון אויף אים — האָט עס אונדז אַ קלאַפּ געטון אין הארצן!... דאָס פנים זיינס, די אויסגעלאָשענע אויגן, דער אויסזען זיינער, איז אונדז נישט געפעלן גע־וואָרן: אָבער, אַז אונדזער ס אַ ר י ט אַ זאָגט אַז איר געפעלט — מוז און דאַרף אונדז אויך געפעלן!

אַלס מאָדערנער מענטש, האָב איך נישט געוואָלט אַז מיין טאָכטער זאָל זיך אַרומשלעפּן מיט אַ בחור און יענער זאָל בלייבן שטיין איינדרויסן ביי דער טיר, אָדער אין קאָרידאָר, און מען זאָל זיך דאָרט שושקען ביז... דריי פאַרטאָג! איך האָב באַלד געזאָגט מיין טאָכטער:

קינד מיינס! דאָס אינגל געפעלט דיר? — זאָל ער אַרויפקומען אין שטוב אריין! און אַזוי איז טאַקע געווען! דער בחור איז געוואָרן אַ היימישער אריינגייער צו אונדז! געווען טעג וואָס ער איז געקומען אַלע טאָג און געווען טעג וואָס ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף צוויי וואָכן! וואו ער איז געווען? וואָס ער האָט געטון? — מיר האָבן אים נישט געפרעגט, ווייל די טאָכטער אונדזערע האָט אונדז פאַרזאָגט — נישט פרעגן אים! און אַז די טאָכטער הייסט — מוז מען פאָלגן! דער טאָכ־טערס אַ וואָרט איז געווען אַ געזעץ פאַר אונדז! ביי אונדז, האָט אַנ־שטאָט „כבוד אב ואם" געהערשט און געוועלטיקט „כבוד טאָכטער!... אָט, אַזוי, האָבן מיר זי דערצויגן קינדווייז און ווען מיר האָבן זיך גע־כאַפּט אַז עס טויג נישט — איז שוין געווען צו שפּעט, און מיר האָבן שוין געמוזט, אַלץ ווייטער און ווייטער נאָכגעבן אירע קאַפּריזן! פאַרט אָן איין איינציקס! פאַרט איין אויג אין קאָפּ! און אַזוי האָבן מיר איר נאָכגעגעבן ביז...

ביז מיר זיינען געוואוירע געוואָרן, אַז איר בחור וואָס זי האָט זיך אויסגעקליבן פאַר איר חתן, איר אייביקער סטודענט — ווערט אייביק

קיין סטודענט נישט זיין! ער וועט ענדיקן — נישט אויף דאָקטאָר — נאָר אויף אַ בר מנן! אַ „קאַנדידאַט" דערויף איז ער שוין! עס פעלט אים נאָך איינע אָדער צוויי „מאַטעריעס"! מיר זיינען געוואוירע געוואָרן אַז ער האָט שווינדזוכט אין לעצטן גראַד און קיין תרופה און רפואה איז דערצו נישטאָ! ווען עס איז דאָ אַ רפואה, ווען עס דאַרף קאָסטן אַ האַלב פון מיין פאַרמעגן, וואָלט איך זיך געלאָזט קאָסטן! איך וואָלט אים געפירט צו די גרעסטע פּראָפעסאָרן! אָבער — עס איז אַ פאַרלאָזטע זאַך און... צו שפּעט!

ווי אַזוי בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז דער חתן אירער, איז אַזוי געפערלעך קראַנק?

— גאָר פּשוט! איך האָב באַמערקט אויף איר פּנים, אַז זי, די טאָכטער מיינע, גייט איין פון טאָג צו טאָג! מיר האָבן באַמערקט, אַז זי האָט אויפגעהערט צו עסן, צו טרינקען, און באַטאָג, טוט זי זיך אָן און לויפט ערגעץ אַוועק מיט איר אויטאָ. בין איך ניט געוועזן פויל און בין איר נאָכגעפאָרן אין אַ טאַקסי צו זען וואוהין זי פאָרט. האָב איך אויסגעפונען אַז זי פאָרט צו, אין אַ היגער באַוואוסטער סאַנאַטאָריע און דאָרט בלייבט זי אַ פּאָר שעה! ווען זי איז פון דאָרט אַוועקגעפאָרן, בין איך צוגעגאַנגען צום היטער פון דער טיר, און פאַר אַ שיינער מטבע „טרינק-געלט", בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז די דאָזיקע פריילין, קומט וויזיטירן אַ קראַנקן אין צימער נומער 26. איך האָב שוין אויך געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם דאָזיקן היטער און געוואוירע געוואָרן, אַז דער קראַנקער איז אַ געפערלעכער, כאָטש... ער גייט אַראָפּ פון בעט, גייט אַרום אַ פּאָר שעה אין טאָג און עסט און טרינקט אַלעס! אָבער — אַזוי פאַרענדיקט מיר דער „טיר-היטער" — פאַר זיין לעבן, גיב איך נישט קיין סענט!

איך האָב גענומען דעם נאָמען, און אַדרעס פון דעם הויפּט דאָקטאָר פון סאַנאַטאָריום, און בין אַוועק צו אים מיט אַ „וויזיט"! איך האָב אים געזאָגט דעם אמת, ווער איך בין און וואָס איך געהער זיך אָן מיטן קראַנקן, און אים געבעטן אַז ער זאָל מיר זאָגן דעם אמת, צי דער קראַנקער איז אויסהיילבאַר און צי די וויזיטן פון מיין טאָכטער זיינען נישט קיין געפאַר פאַר איר לעבן, צי עס איז נישטאָ קיין געפאַר אַז זי זאָל זיך אויך אָנשטעקן!...

דער דאָקטאָר האָט מיך אָנגעקוקט ווי איינער וואָס רעדט פון היץ! וואָס זשע? אייער טאָכטער האָט אייך נישט געזאָגט ווי דער קראַנקער האַלט? איך האָב איר, נאָך צוריק מיט אַ פּאָר חדשים געזאָגט, אַז אָט, דאָס לעבן, איז אַ פאַרשפּילטס! איך האָב איר געזאָגט אַז קיין

שום האָפענונג איז שוין נישטאָ! צו שפּעט, זייער שפּעט, האָט ער זיך אָנגעהויבן היילן! ווען אַנשטאָט לויפן אין די קאַבאַרעטן און טאַנצזאַלן, ער זאָל בעסער געוועזן רוען! ווען אַנשטאָט „וויסקע" און קאָניאַק, ער זאָל בעסער געוועזן טרינקען מילך, וואָלט ער זיך געוועזן געראַטעוועט! איצט, איצט איז, ליידער, ליידער, צו שפּעט! ער קאָן, מיט אָט די אינדזשעקסיאָנעס וואָס מיר גיבן אים אַלע טאָג, מיט דער באַהאַנדלונג און אַרויפגעצוואונגענער רו וואָס ער האָט דאָ — לעבן העכסטנס נאָך עטלעכע חדשים! צו קיין יאָר — וועט עס ניט צוקומען... ער, פאַרשטייט זיך, ווייסט נישט דערפון אַז ער איז אַזוי געפערלעך. א י ם — גיבן מיר האָפענונג! ווען ער ווייסט דעם אמת ווי און ווי אַזוי ער האַלט — וואָלט... ער שוין לאַנג געשטאָרבן! אָבער, ער ווייסט אַז ער טאָר זיך מיט קיינעם נישט קושן ספּעציעל — אין מויל אַריין! ער ווייסט, אַז ער קאָן דעם צווייטן אָנשטעקן! אָבער, צוליב מער זיכערקייט, נעמט אייער טאָכטער — די איינציקע וואָס קומט צו אים אַלע טאָג — זי נעמט אינדזשעקסיאָנעס, און איך פאַרזיכער אייך, אַז נישט נאָר ווען זיי קושן זיך, נאָר ווען זי האָט חתונה פאַר אים — וועט איר גאָרנישט שאַטן! ווען מען פאַרכאַפּט באַלד, ביים אָנפאַנג, איז דאָס שלאָפקייט איצט — נישט קיין געפאַר!...

— ווייסט מיין טאָכטער זיין לאַגע?

— נאָך אַ מין וויסן! זי איז טאַקע די איינציקע וואָס ווייסט אַז זיינע טעג און וואָכן זיינען געציילטע!...

— ס'הייסט? זי וויל דאָך חתונה האָבן מיר אים?

— יאָ! איך האָב עס שוין אויך געהערט פון איר! איך האָב זי געפּרוּווט אָפּריידן, איך האָב זי אפילו — אַלס דאָקטאָר — געסטראַשעט מיט קאָנסעקווענצן! זי האַלט זיך אָבער ביי אירס! זי וויל שטעלן מיט אים אַ חופה — אָט דאָ אין סאַנאַטאָריום! איך, אַלס דאָקטאָר, קאָן דאָס נישט פאַרבאָטן! דער איינציקער וואָס קאָן עס פאַרמיידן איז... דער שעף פון ציוויל רעגיסטער וואָס זאָל זיי נישט ווען חתונה מאַכן און... דער רב אייערער וואָס דאַרף געבן זייער אידישע חופּה־קדשין... אָבער — פאַרענדיקט מיר דער דאָקטאָר — מען וועט עס נישט קאָנען איינהיטן!...

איך בין אַוועק אַ היים! איך בין געפלויגן, נישט געפאָרן! איך האָב באַשטימט... ווערן אַ פאָטער! אַ שטרענגער פאָטער! און אויב עס וועט מיר נישט העלפן מיט גוטן — פועלן מיט בייזן! איך וועל נישט דערלאָזן צו אַזאַ משוגעת! אָבער, ווען איך בין אַריין אין שטוב, בין אַריין צו מיין טאָכטער אין צימער וואו זי איז געלעגן מיט אַ קאָפּ־

וויטיק, איז אנשטאָט שרייען — האָב איך זיך צעוויינט ווי אַ קינד! איך האָב געוויינט אויף דעם ביטערן גורל פון אונדז אַלע פיר! פון אונדז, טאַטע־מאַמע, פון איר — דעם פאַרליבטן קינד און פון אים — דעם יונגן צווייג וואָס דאַרף אַזוי יונג אָפּגעטריקנט ווערן!...

מיין טאָכטער האָט מיך אַרומגענומען, געגלעט מיין קאָפּ, באַנעצט אים מיט קושן און טרערן און — אויסגעלאָזט צום סוף:

זי וויל מיט אים חתונה האָבן! זי מ ו ז מיט אים חתונה האָבן?

ס'טייטש! אַ מת! וואָס וועסטו אים העלפן ווען דו וועסט זיך מקריב זיין?

זי וויל גאָרנישט העלפן! זי מ ו ז זיך מקריב זיין ווייל... זי איז שולדיק אין זיין שלאָפקייט! זי איז שולדיק אין זיין טויט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

24 שעה שפּעטער.

איך זיץ מיט דער אומגליקלעכער פאַרליבטער פריילין און באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס! אירע בלויע שיינע, גרויסע, אויגן, זיינען פאַרוויינט, פאַרטונקלט פון טרערן. איר פּראָסט אָבער שיין און נעט גענייט מאַנטעלע וואָס זי טראָגט, זאָגט עדות אַז זי קוקט זיך זייער ווייניק איצט אַרום אויף זיך. דאָס מיידל איז הויך, שיין, די האָר געשוירן קורץ און פאַרפּירעריש פאַרקעמט. אירע שיינע פיס זיינען נישט באַדעקט מיט קיין זאָקן און איר גראָבער פינגער וואָס זעט זיך אַרויס פון שפּיץ שיך — איז נישט געפאַרבט! וואָלט זי געגאַנגען געקליידעט אין אַ שוואַרץ קלייד — וואָלט דאָס פּנים און דער אויסזען איר געגעבן אַן אַטעסטאַט אַז זי איז „אין טרויער" („לוטאָ").

זי הויבט אָן רעדן:...

איך האָב מיינע עלטערן ליב, שטאַרק ליב. איך ווייס, אַז איך טו זיי איצט וויי. דערפאַר, ווען מיין פּאַפּאַ האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל אַרויפקומען צו אייך און מיט אייך רעדן — האָב איך אים געפאָלגט! איך זאָג אייך אָבער פריער, אַז נישט איר, נישט קיינער, וועלן עפּעס ביי מיר פועלן! איך מ ו ז פאַר אים חתונה האָבן!... איך האַלט אַז איך בין אים אַ ס ך ש ו ל ד י ק און מוז פאַרגיטיקן זיינע לעצטע חדשים, וואָכן אָדער טעג! איך בין אים שולדיק אַ חוב און איך וויל אים דעם חוב באַצאָלן! און אויב איך האָב נאָך פאַר אים ב י ז א י צ ט נישט חתונה געהאַט איז, ווייל... ע ר וויל נישט! ער וויל אפילו נישט, אַט דעם געדאַנק, צולאָזן! איך, און אַלע וואָס דרייען זיך אַרום אים,

גלויבן אַז ער ווייסט נישט וואו ער האַלט אין דער וועלט! דער אמת, איז, אַז ער ווייסט שוין גראַדע יאָ! ער פילט עס! און דאָס איז איינער פון די מאָטיוון וואָס ער וויל נישט הערן פון חתונה האָבן.

פאַרוואָס איך פיל זיך שולדיק אין זיין איצטיקער לאַגע?

עס איז מיר שווער עס אייך דערציילן! אָבער, איך וועל פאַר אייך גאָרנישט פאַרלייקענען! און, נישט נאָר איך וועל נישט האָבן דאַקעגן אַז איר זאָלט עס דערציילן מיין פאָטער, נאָר פונקט פאַרקערט! איך וועל אייך בעטן עס אים דערציילן! א י ך — איך האָב קיין מוט נישט עס אים צו דערציילן...

מיט מיין גיזשערמאַן — אַזוי הייסט ער — קען איך זיך שוין העכער צוויי יאָר! מיר האָבן זיך באַקאַנט „צופעליג" און אויף אַ קוריאָזן אופן! איך בין אים... איבערגעפאָרן מיט מיין אויטאָ! ס'רעדט זיך „איבערגעפאָרן"! מיט אַלע פיר רעדער בין איך איבער אים ניט אַרויף! אָבער, מיט דער פאָדערשטער טייל פון אויטאָ, האָב איך אים אַ שטאַרקן שטופּ געטון און אים אַנידערגעוואָרפן אויפן גאַס! אמת! איך בין נישט געווען אינגאַנצן שולדיק? ער האָט ג ע ק ר י צ ט די גאַס לייענענדיק אָדער אַריינקוקנדיק אין אַ צייטונג! און, — ניט איך האָב באַמערקט אַז ער וויל איבערגייען די גאַס, נישט ער האָט באַמערקט אַז איך וויל איבערפאָרן די גאַס. און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט איז ער שוין געליגן אויף דער ערד, נעבן מיין אויטאָ.

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָפּגעטרייסלט, איז אים געגאַנגען בלוט פון דער נאָז! עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן — אייניקע האָבן געזען ווי ער האָט קרייצנדיק די גאַס געקוקט אין דער צייטונג, האָבן זיי געשריען: — אַ מצוה אויף אים — און זיך אָנגעבאָטן צו זיין מיינע עדות — איך האָב אָבער נישט פאַרלוירן קיין צייט! און כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַנטשולדיקן פאַר מיר און געוואָלט אַוועקגיין — האָב איך אים אויף כח, אַריינגעשלעפּט אין אויטאָ און צוגעפירט צום נעקסטן שפּיטאָל! דאָרט האָט מען אים באַטראַכט, אויסגעפונען אַז ער איז אָפּגעקומען מיט מזל און מיט אַ... ביסעלע שרעק און אין אַ האַלבער שעה אַרום זיינען מיר אַרויס פון דאָרט... באַפריינדעט!

דעם צווייטן טאָג האָבן מיר זיך נאָכאַמאָל געטראָפן! איך בין זיך מודה, אַז נישט ע ר האָט געמאַכט די באַשטעלונג („סיטאַ") נאָר איך! דער תירוץ איז געווען, אַז איך וויל טאַקע זעען ווי אַזוי ער זעט אויס? צי עס איז אים נישט געבליבן קיין סימן פונעם קלאַפּ? דער אמת אָבער איז געווען — דער בחור איז מיר געפעלן געוואָרן! איך

האָב שוין דעמאָלט געלעבט אין רייכטום און ראַשקאָש! איך האָב גע־
פֿירט צוואַנציק אינגלעך ביי דער נאָז! איך האָב שוין ע ט ל ע כ ע
אינגלעך „געגעבן האָפֿענונג" און אין דער אמתן האָב איך וועגן איינעם
פֿון זיי נישט געטראַכט! איך וואָלט זיך אויסגעדריקט — איך האָב זיך
„געשפּילט" מיט זיי!

פֿון איינער אַזאַ „שפּיל" איז שיעור אַרויס אַ טראַגעדיע! איינער,
אַ בחור, אַ קינד פֿון רייכע עלטערן, אָבער אַליין — אַ פּוסט קאַבאַקל,
ווי מיין מאַמע זאָגט, — האָט אָנגענומען מיין פֿלירט מיט אים אין ערנסט
און האָט זיך ווייזט אויס, פֿאַרליבט אין מיר איבער די אויערן! דאָס
בחורל וועלכער איז, אגב, געווען יונגער פֿון מיר מיט אַ יאָר פֿינף, האָט
אָנגעהויבן זוכן וועגן זיך צו טרעפֿן מיט מיר אַלע טאָג! דאָס — פֿעלט
אים אַ בוך וועלכן איך האָב; דאָס — בעט ער מיך אים העלפֿן אין אַ
לעקציע און שפּעטער אַן אַנדער תּירוץ, ביז אין אַ שיינעם טאָג האָט
ער זיך מיר „דערקלערט"! צום אָנהויב — האָב איך אָנגעהויבן לאַכן!
דערנאָך, ווען איך האָב דערזען דאָס דערשראָקן פּנימל פֿונעם אינגל —
ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 17 — האָב איך אים אַ גלעט געטון
איבערן קעפּל און אים געזאָגט, אַז איך בין נישט פֿאַר אים, אַז איך זע
אויס ווי זיינע אַ מוטער! אַז מען וועט לאַכן פֿון אים וואָס ער האָט גע־
נומען אַ „באָבע"! און פֿון מיר וועט מען חוזק מאַכן, וואָס איך האָב
גענומען אַ... „טשיקילין" (יונג בחורל) איך האָב אים געעצהט אַז ער
זאָל נאָך נישט אינזינען האָבן אַזעלכע „אַלטע" זאַכן און בעסער זיך
אָפּגעבן מיט זיינע לעקציעס!... און מיר האָבן זיך געזעגנט פֿריינט־
לעך! עס האָט זיך מיר אויך אויסגעוויזן, אַז דאָס בחורל האָט זיך באַ־
רואיקט און האָט זיך איינפֿאַרשטאַנען אַז איך בין טאַקע גערעכט, אַז
איך בין נישט פֿאַר אים!...

אויפֿן צווייטן טאָג, האָט דער בחור געמאַכט אַ פּרואוו פֿון זעלבסט־
מאָרד! מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט! קיינער אַ חוץ איך און ער,
האָט נישט געוואוסט פֿון די מאָטיוון פֿון זיין געפֿערלעכן שריט! און
כדי צו פֿאַרמיידן אַז ער זאָל נאָכאַמאָל ניט וועלן מאַכן אַ סוף צו זיין
לעבן, — און מ י ט מ ע ר ד ע ר פֿ אָ ל ג — האָב איך זיך מיט אים
געטראָפֿן און אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל... ד ר יי י אָ ר זיך ניט
פֿאַרליבן אין קיינעם! איך וועל וואַרטן אויף אים אָט די דריי יאָר און
אויב עס איז נישט אמת, ווי איך זאָג אים, אַז ביי אים איז נישט קיין
ערנסטע ליבע, נאָר אַזאַ פֿאַרבלענדעניש, — ווייל איך בין געווען דאָס
ערשטע מיידל וואָס האָט אים געגלעט און געקושט — אויב ער וועט
מיך, אין משך פֿון אָט די דריי יאָר טאַקע נישט פֿאַרגעסן — וועל איך

„מוזן" מיט אים חתונה האָבן, איז אַ סימן אַז ביי אים איז אמתע ליבע!...

נאָך איידער דאָס ערשטע יאָר האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ צווייט מיידל און מיך „באַפרייט" און מיר „דערלויבט" חתונה האָבן מיט אַ צווייטן!...

איך האָב אַרויסגעבראַכט אָט דעם עפּיזאָד, כדי אייך צו אילוס־טרירן אַז ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט מיין גיזשערמאַן, איז ער שוין געווען ביי מיר דער... איין און צוואַנציקסטער! איך בין געווען ווילד, פריי און צעלאָזן! מיינע עלטערן האָבן זיך אויף מיר נישט אַרומגע־קוקט, מיך געלאָזט פירן מיין לעבן ווי איך וויל און ווי אַזוי איך וויל! און ניט ווייסנדיק וואָס צו וועלן — האָב איך געלעבט אַ פאַרשווונדעריש לעבן! איך האָב אויפגעהערט צו לערנען און בין בע־סער אַלע נאַכט געווען אין אַן אַנדער טאַנץ־זאַל און געהוליעט מיט אַנ־דערע בחורים! ביז, ביז איך האָב זיך באַקאַנט מיט אָט דעם בחור וועלכן דער אויטאָ־אַקצידענט האָט מיך צונויפגעפירט! און נישט קו־קנדיק דערויף וואָס ער איז געווען פונקט דער היפוך פון מיר — אַ שטילער, רואיקער, און ערנסטער בחור — איז ער מיר באַלד געפעלן געוואָרן און איך האָב אָנגעהויבן פילן צו אים אַן אויסערגעוויינלעכע סימפּאַטיע!

אַלע מעלות האָט ער געהאַט! איין גרויסן חסרון האָט ער אָבער פאַרמאָגט! און אָט דעם חסרון האָב איך אויסגענוצט! אָט דער חסרון פירט אים יונג אין קבר אַריין! דער חסרון איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ ווייכן כאַראַקטער, אָבער, בעסער געזאָגט — ער האָט גאָר קיין כאַראַקטער ניט געהאַט! וואָלט ער גע־ווען אַן אַנדערער! וואָלט ער געהאַט כאַראַקטער, וואָלט ער — אַנ־שטאָט נאָכצוגיין מיינע וועגן — מיך אַרויפגעפירט אויף זיינע וועגן! אַנשטאָט מיטגיין מיט מיר אויף מיינע הוליאַנקעס אויף וועלכע איך האָב אים טאָג און נאַכט געשלעפּט — ווען ער שטעלט מיך אָפּ! ווען ער לאָזט מיך נישט הוליען אַזוי פיל! ווען ער שטעלט מיר אַ באַדינג, דאָס, אויב איך וויל זיין זיינע — מוז איך בייטן מיין אַרט לעבן — וואָלט איך אים געווען נאָכגעגעבן! פון סימפּאַטיע איז ביי מיר געוואָרן ליבע! איך האָב אָבער נישט געוואוסט אַז ער איז קראַנק, איך האָב נישט געוואוסט אַז זיינע לונגען זיינען אָנגעגריפן! איך האָב געטרונקען „וויסקי" און גערויכערט סיגאַרעטן און אים אויך אויסגעלערנט אָט די „גוטע מדות"! גיי ווייס, אַז יעדער ביסל וויסקי, אַז יעדער סיגאַרעט, איז אַ ביסל סם פאַר אים!

ער, ווייזט אויס, האָט געוואוסט אַז ער איז קראַנק! מעגלעך, אויך,

אַז ער האָט שוין דעמאָלט געגלויבט אַז פאַר אים איז נישטאָ קיין רעטונג, האָט ער געוואָלט דאָס ביסל וואָס עס איז אים געבליבן צו לעבן — אויסנוצן! און אפשר איז גאָר מעגלעך אַז ער האָט נישט געוואוסט! אפשר? — און איך בין זיכער אין דעם און די דאָקטוירים זאָגן אויך אַזוי — מעגלעך, ער זאָל זיך געווען דעמאָלט היטן — אַלענ־פאַלס לעבן רואיק און נאָרמאַל — וואָלט ער צו אָט דער לאַגע נישט געקומען! דער פאַקט איז, אַז ווען איך האָב זיך געכאַפּט וואָס אים איז — איז שוין געווען צו שפּעט! האָבן שוין די דאָקטוירים נישט געגעבן קיין האָפנונג!... און איך האָב באַשטימט — ניט קוקנדיק אויף זיין לאַגע — חתונה האָבן מיט אים! חתונה האָבן, אפילו ווען ער דאַרף מיך מקדש זיין ליגנדיק אין בעט! איך האָב עס באַשטימט צוליב צוויי זאַכן:

ערשטנס: פאַרזיסן זיינע לעצטע טעג פון לעבן! זאָל ער שטאַרבן אין די הענט פון אַ ליבנדער פרוי! זאָל ער שטאַרבן מיט אַ האָפענונג אַז ער לאָזט איבער עמיצן וואָס וועט אים באַוויינען! אפשר, וועט אָט די האָפענונג אים פאַרגרינגערן דעם טויט. פאַרזיסערן די לעצטע שעהן און ער וועט שטאַרבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן!

צווייטנס בין איך איבערצייגט, אַז, ווען איך האָב חתונה פאַר אים, וואָלט עס אים פאַרלענגערט דאָס ביסל לעבן אויף נאָך וואָכן און אפשר חדשים!... יעדער טאָג וואָס ער לעבט נאָך — איז אַ געווינס פאַר אים און אַ גליקלעכער טאָג פאַר מיר! עס איז אפשר אַ שטיקל עגאָ־איזם מיינער! מעגלעך! איך גלויב אָבער, אַז איך בין שולדיק אין דעם! איך בין שולדיק אין זיין יונגן טויט! און עס איז מיין חוב אָנ־ווענדן אַלע מיטלען, ברענגען אַלע קרבנות, אַז ער זאָל לעבן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג! און ווען איך האָב חתונה פאַר אים — וואָלט עס אים אפשר געגעבן האָפענונג אַז ער איז נישט אַזוי געפערלעך, אַז ער וועט אפשר שנעל געזונט ווערן! אַ סימן! — איך, וואָס ווייס זי־כער, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט וועגן אים, האָב מיט אים חתונה — אַ סימן, אַז ער איז נישט געפערלעך!...

אָבער, פריינט מיינער! דאָס אַלעס איז געווען ביז... היינט! היינט אינדערפרי האָב איך באַקומען פון אים אָט די בריף! נאָט לייענט זי!...

„טייערע, ליבסטע מיינע! נשמה מיינע!
איך וויל מאַכן אַ סוף צו אַ לאַגע, וועגן וועלכער דו גלויבסט
אַז איך ווייס ניט!...
דו און דיינע איידעלע עלטערן, מיינען זיכער, אַז איך ווייס

ניט ווי איך האַלט אין דער וועלט! איר אַלע ווייסט זיכער, אַז איך האָב ניט קיין האָפענונג געזונט צו ווערן. דו, מיין איידעלע נשמה, ביסט אַפילו גרייט צו ברענגען אַ גרויסן קרבן פאַר מיר, חתונה האָבן מיט מיר, כאָטש דו ווייסט, כאָטש די דאָקטוירים האָבן דיר שוין געזאָגט אַז מיין לאַגע איז אַ האָפענונגסלאָזע! איך ווייס, אַפילו, אַז דו טוסט עס כדי צו פאַרזיסן די לעצטע טעג פון מיין לעבן! יאָ, עס איז זייער שיין און נאָבל פון דיין זייט! אַזוי קאָן האַנדלען בלויז אַ פרוי וואָס ליבט! איך בין ניט זיכער צי אַ מאַן וואָלט געווען גרייט צו ווייזן אַזאַ זשעסט! אַ מאַן — וואָס האָט וויניקער, אַ סך וויניקער, וואָס צו ריזיקירן מיט אַזאַ שריט! איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד. איך האָב דיך ליב מיטן גאַנצן ברען פון מיין אויסגייענדיקער נשמה און, איך בין ניט זיכער, צי ווען, חלילה, אַזאַ זאַך איז פאַרקערט, צי איך וואָלט געקאָנט אַזוי האַנדלען...

אָבער, טייערע, מיט דיין קרבן וואָס דו וועסט ברענגען וועסטו מיר גאָרניט העלפן. אויב דו האָסט געמיינט, אַז דערמיט וועסטו „מיך אָפנאַרן", אַז מיר איז גאָרניט — האָסטו אַ טעות! זעסטו דאָך שוין, אַז איך ווייס יאָ, און דו קאָנסט מיר ניט איינריידן אַז איך וועל געזונט ווערן!...

דער אמת איז, אַז איך בין אַ שולדיקער קעגן דיר. ווען מיר האָבן זיך באַקאַנט דאָס ערשטע מאָל, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן דעם צווייטן און דעם דריטן און דעם צענטן טאָג נאָך יענעם אַקצידענט, האָב איך שוין געוואוסט, אַז איך בין געפערלעך קראַנק. איך האָב עס דיר ניט דערציילט, פונקט ווי איך האָב דיר ניט דערציילט, אַז מיין פאָטער און מיינע צוויי ברידער און איין שוועסטער זיינען געשטאָרבן יונגערהייט פון אָט דער שלאָפקייט! איך בין געווען צו אַ גרויסער עגאָאיסט דיר עס צו דערציילן! איך האָב די ערשטע צייט זיך געשעמט דיר צו דערציילן און דערנאָך, האָב איך מורא געהאַט דיך צו פאַרלירן און האָב עס דיר ווידער ניט דערציילט.

ווען איך בין אַ ריכטער און מען ברענגט מיר אַזאַ בחור, וואָס האָט געוואוסט ווי שלאַף ער איז, און אין וועלכער לאַגע ער געפינט זיך, און דאָך האָט ער פאַרדרייט אַ יונג שיין מיידל דעם קאָפ — ווען מען ברענגט מיר אַזאַ בחור, פאַרמשפט איך אים צום „עלעקטרישן שטול"! אָבער, אַזוי ווי איך בין ניט קיין ריכטער, און אַזוי ווי איך האָב ניט געפונען קיין פאַסיקערע שטראָף פאַר זיך, ווי... דיר צו שרייבן אָט דעם בריוו און דיר אויסזאָגן אַז איך

„ווייס שוין", כדי דו זאָלסט ניט זוכן צו פאַרזיסן מיינע לעצטע טעג, גלויב איך אַז דערמיט בין איך שוין אָפּגעקומען מיין שטראָף.

איך וויל ,טייערע מיינע, מיט אָט דעם בריוו דיר שטעלן אַן אולטימאַטום.

אויב דו ווילסט ניט, אַז איך זאָל זיך אָנטאָן און איבערלאָזן די סאַנאַטאָריע פאַר וועלכער דיין איידעלער פאָטער צאָלט מיט אַזאַ ברייטער האַנט, אויב דו ווילסט ניט פאַרלירן דעם שפּור פון מיר, און ווילסט מיך באַגלייטן ביי מיין לעבן ביז מיין לעצטן טאָג — אָדער אפשר ביז... דיר וועט נמאס ווערן — ווייל, לויט ווי מיר ווייזט זיך אויס — האָב איך נאָך אויף אַ שטיק צייט! „כ'האָב מורא" אַז אויף אַ גאַנץ יאָר! — אַלזאָ, אויב דו ווילסט ניט מיך שוין פאַרלירן — זאָלסטו אויפהערן טראַכטן און שאַפן פּלענער פון חתונה האָבן מיט מיר! פאַר מיר, וואָלסטו בלויז דאַן געקאָנט חתונה האָבן, ווען דו... הרגעסט אַ געזונטן מענטשן, און באַלד, תיכף, ווען ער איז נאָך היים, — שניידסטו אויס זיינע לונגען און מען שניידט אויס מיינע צעפוילטע לונגען און מען נייט אַריין יע־נעמס! דעמאָלט, דעמאָלט קאָן זיין, אַז מיר וואָלטן געקאָנט חתונה האָבן. אַנדערש — איז בלויז זיך אַליין אָפּנאַרן...

איך פאַרזיכער דיך טייערע, אַז איך וואַרט רואיק אויפן טויט! איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט! פאַר וועמען איך האָב יאָ מורא — איז... פאַר דיר! טו זשע מיר אַ טובה, לעבן מיינס, וואַרף אַוועק דיינע פּלענער, און בלייב — אויב דו ווילסט — מיין כלה, ביז מיינע לעצטע טעג. מיך אַרט ניט, אַז אָט די לעצטע טעג זאָלן זיך ענדיקן וואָס שנעלער! עס וועט זיין בעסער פאַר דיר און בעסער, אַ סך בעסער, פאַר מיר!...

אַלזאָ, אַן אולטימאַטום! אָדער, דו הערסט אויף צו ריידן וועגן חתונה האָבן, אָדער — דו זעסט מיך מער ניט!

דיין גיזשערמאַ".

— —

דוכט זיך, אַז נאָך אָט דעם בריוו, איז שוין דער גאַנצער ענין דער־ליידיקט! דוכט זיך, אַז מיין טאַטנס מורא אַז איך זאָל ניט חתונה האָבן פאַר... אַ מת — דאַרף שוין פאַרשווינדן. דאָך, פאַרזיכער איך אייך — זעצט פאַר צו ריידן דאָס אומגליקלעכע מיידל — אַז...:.

— איך וועל מיט איר חתונה האָבן!

טאַקע, דערפֿאַר, וואָס ער ווייסט שוין! טאַקע, דערפֿאַר, וואָס ער ווייסט דעם אמת פֿון זיין לאַגע — טאַקע, דערפֿאַר, ווייל איך מיט אים חתונה האָבן! איך וועל אים צווינגען! יאָ, צווינגען, אַז די לעצטע טעג פֿון זיין לעבן זאָל ער גליקלעך זיין. צווינגען! איך האָב אַ מיטל אים צו צווינגען! ער האָט מיך צופֿיל ליב, אַז ער זאָל מיר לאָזן נוצן אָט דאָס מיטל!... עס גייט מיר שוין אויך אין מיין אייגן־ליבע. מ י ר, וואָס צענדליקער בחורים זיינען געלעגן ביי מיינע פֿיס! איך, וואָס צענדליקער בחורים וואָלטן געווען גליקלעך, ווען איך זאָג זיי טאַקע אויף דער אמתן: — יאָ! מיר, זאָל אַ בחור זאָגן, אַז ער וויל מיך ניט, אַז ער דאַרף מיך ניט! מיט מ י ר זאָל זיך אַ אינגל וואַרפֿן? ניין! דאָס ניט! ער וועט מיט מיר חתונה האָבן, ניט נאָר דערפֿאַר וואָס איך וויל אַז ער זאָל שטאַרבן רואיקער, נאָר אויך דערפֿאַר וואָס א י ך וויל... בלייבן לעבן רואיקער!... מיט מיר — האָט זיך נאָך ביז איצט קיין אינגל ניט געוואָרפֿן און וועט ווייטער זיך ניט וואַרפֿן!..

---

48 שעה שפּעטער.

דאָס פֿריילן איז ווידער אונזער גאַסט! זי איז אַריינגעקומען מיט אַ שטורעם! אירע אויגן איבערגעקערט, חיה׳ש און אָנגעשוואָלן פֿון טרערן! מיר פּרואוון זי באַרואיקן. מיר ווילן וויסן וואָס איז געשען. אַ ווייס צייטל פּאַפּיר וועלכעס זי האָט אונז אַריינגעשטופּט, ממש אונטער דער נאָז, האָט אונז אויפֿגעקלערט איר אויפֿרעגונג!

מיר האָבן זיך געריכט דערויף! מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער אומגליקלעכער בחור וועט אַזוי מוזן האַנדלען!...

אינעם בריוועלע זיינען פֿאַראַן געציילטע עטלעכע שורות וועלכע לייענען זיך אַזוי:

„טייערע מיינע! טייערע!

איך ווייס, איך פֿאַרשאַף דיר איצט אומזיסטע ליידן. איך ווייס, אַז איך האַנדל ניט — ווי דו וואָלסט געוואָלט. עס איז דאָס ער־שטע מאָל וואָס איך טו אַ זאַך קעגן דיין ווילן!... אָבער — אַנ־דערש האָב איך ניט געקאָנט! סיידן, פֿאַרקירצן דורך אייגענע מיטלען, די טעג פֿון מיין לעבן — און דאָס האָב איך ניט געוואָלט און... האָב אויך קיין מוט ניט!...

איך פֿאַרלאָז די סאַנאַטאָריע און פֿאָר אַוועק פֿון דאַנען! איך וועל פֿאָרן ווייט ווייט! מעגלעך אַז דאָס פֿאָרן וועט מיר מאַכן בע־

סער און מעגלעך אַז... עס וועט פאַרשנעלערן דעם סוף! אויב דאָס זאָל געשען — וועסטו עס ניט וויסן, ווייל איך האָב געביטן מיין נאָמען! איך וויל ניט אַז זאָלסט געפינען מיינע ביינער און זיך דערמאָנען אין מיר! איך וועל זיין רואיק ביי מיין לעבן און איך וועל רואיק ליגן אין קבר, ווען „איך וועל געוואוירע ווערן״ — אויב עס איז דאָ אַ „יענע וועלט״, וואו מען „ווייסט אַלעס״ — אַז דו האָסט מיך פאַרגעסן, האָסט חתונה געהאַט און לעבסט גליקלעך מיט דיין באַשערטן! איך, טייערע, א י ך ב י ן נ י ט ד י י ן ב אַ ש ע ר ט ע ר!

טו מיר אַ טובה, טייערע, און זאָג דיין פאָטער, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין וואָס איך האָב, אויף אַ ניט אָנשטענדיקן אופן, אויסגע־נוצט דעם אָפענעם קרעדיט וואָס ער האָט מיר געעפנט צוריק מיט חדשים, אין סאַנאַטאָריע. איך האָב גענומען אין דער אַדמיניסטראַ־ציע אַ גרעסערע סומע געלט וואָס איך וועל מוזן האָבן אויף מיין ק ו ר צ ע ר רייזע! איך וועל שוין אויך זען, אַז פון אָט דעם געלט זאָל מיר סטייען אויף הוצות פאַר דער... ל אַ נ ג ע ר רייזע. גאָט וועט אים אָפּגעבן כפל כפלים!

ג י ז ש ע ר מ אַ.

פיר חדשים שפּעטער.

דאָס אָרעמע מיידל האָט נאָך ניט פאַרלוירן אירע ב יי ד ע האָ־פענונגען: ערשטנס, אויסגעפינען איר שטאַרבנדיקן געליבטן און צווייטנס, חתונה האָבן מיט אים, — מעג זיין 8 טעג פאַר זיין טויט!... זי איז זיכער, אַז ער לעבט, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אין די בערג וואו די לופט פאַרציט אַביסל זיין לעצטן טאָג!...

זי, די טאָכטער, וואָלט אַוועקגעגעבן אַ האַלב פאַרמעגן צו דערוויסן זיך וואו ער איז!

ע ר, איר פאָטער, וואָלט אויך אַוועקגעגעבן אַ האַלב פאַרמעגן, כדי צו פאַרמיידן אַז... זי זאָל געוואוירע ווערן וואו ער איז! ער האָט נאָך אַלץ מורא אַז זיין טאָכטער זאָל ניט חתונה האָבן פאַרן... מת.

ניט אומזיסט בעט מען גאָט אַז ער זאָל אונז ניט „פאַרלאָזן אויף דער עלטער"

ווער פון אונז איז קינדווייז ניט מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן אין שיל אַריין? ווער פון אונז געדענקט ניט, אַז ווען עס איז געקומען צו דער תפילה „שמע קולנו" האָט דער טאַטע, און גאַנץ קהל, זיך איבערגעדעקט מיט טלית איבערן קאָפּ און מיט כוונה זי געזאָגט — אָפּט, אָפּט, וויי־נענדיק, ווייל אָט די תפילה איז אַ פּאַרכטיקע!...

ווער פון אונז געדענקט ניט, אז ווען דער חזן האָט אויסגעזונגען דעם „אל תשליכנו לעת זקנה" (זאָלסט אונז ניט אַוועקוואַרפן אויף דער עלטער) „ככלות כוחנו על תעזבנו" (ווען עס וועט זיך אונז ענדיקן די כוחות — זאָלסטו אונז ניט פאַרלאָזן), האָט דער טאַטע, און אַ סך טאַ־טעס, אַ סך עלטערע אידן, זיך געווישט די אויגן פון די טרערן וואָס האָבן זיך געלאָזט טריפן ווען מען האָט נאָכגעזאָגט דעם חזן אָט די תפילות.

מיר, קינדער, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבן טאַטנס סטענדער, האָבן געוואוסט דעם פּירוש המלות — די טייטש פון אָט די ווערטער. וואָס מיר האָבן, אָבער, ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען איז געווען: צו וואָס דאַרף דער טאַטע וויינען ביי אָט דער תפילה! וואָס האָט עס אַזוי דער טאַטע מורא פאַר „אַוועקוואַרפן אויף דער עלטער" און פאַר „פאַר־לאָזן אים ווען זיינע כוחות וועלן זיך ענדיקן"!...

שפּעטער מיט אַ סך יאָרן, ווען אַ סך פון אונז זיינען שוין געוואָרן עלטער, ווען אַ סך פון אונז האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן די כוחות, האָבן מיר דערפילט דעם טעם פון אָט דער תפילה!

אייגנטלעך, פ אַ ר ש ט יי ע ן מיר איצט בלויז דעם באַדייט פון אָט דער תפילה. פילן, אָבער, דעם טעם — האָבן ניט קיין סך פון אָט די מתפללים געפילט! די גרעסטע טייל פון זיי, האָבן זיך אויסגעלעבט, אָדער לעבן זיך נאָך איצט אוים די יאָרן אין עושר און אין כבוד, אין נחת און אין פריידן.

ניט אַזאַ מזל האָט אָבער, אָט דער איד, וואָס זיצט איצט מיט אונז און מיט טרערן, מיט ביטערע טרערן, דערציילט ער אונז אַז זיין תפילה, זיין געבעט „אל תשליכנו" — איז ניט דערהערט געוואָרן פון אויבערשטן און איצט, אויף דער עלטער, — ער איז קרוב צו זיבעציק, — ווען זיינע

„כוחות האָבן אים פאַרלאָזט", איז ער עלנט און איינזאַם און האָט ניט ווער עס זאָל אים צוטראָגן אַ גלעזל טיי אָדער מכבד זיין מיט אַ פּרוכט.

עלנט? וואָס הייסט עלנט? יעדער איינער פאַרשטייט, מן הסתם, אַז אַן עלנטער, איז דער, וואָס האָט ניט קיין פאַמיליע, קיין פרוי און קינדער קיין פריינט און גוטע פריינט.

האָבן זעקס קינדער! האָבן פינף זין, פינף שנירן, האָבן אַ טאָכטער און אַן איידעם, האָבן 18 אייניקלעך און אַלץ זיין עלנט — דאָס איז אומ־מעגלעך!

דאָך, אָט זיצט דער איד מיט אונז, אָט דערציילט ער זיין געשיכטע, זיין לעבן, און דערוייזט אונז אַז, מיט אָט דער גרויסער פאַמיליע וואָס ער האָט און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז אַזוי באַגליקט מיט קינדער און אייניקלעך, — איז ער דאָך עלנט, אומגליקלעך עלנט! עס איז, אי אַ ווייטיק אי אַ בזיון!

און ווי אַזוי זאָל ניט זיין קיין ווייטיק און ווי אַזוי זאָל ניט זיין קיין בזיון, אַז מען קומט אין די יאָרן, און מען האָט אַזוי פיל קינדער און קינדס קינדער, און מען האָט ניט וואו דעם אַלטן קאָפּ אַוועקלייגן! איר האָט ניט ווער עס זאָל אייך דערלאַנגען אַביסל וואַסער ווען איר פאַרהוסט זיך, אָדער עמיצער זאָל אַ קוק טאָן אויף אייך, ווען איר ווערט ניט גע־זונט! פאַרגעסט ניט, אַז נאָך אַלעמען איז מען דאָך ניט מער ווי אַ מענטש און אַן אַלטער מענטש דערצו!...

און, אָט זיצט אַזאַ אַלטער און דערציילט אונז זיין געשיכטע:

— ווי קום איך צו אַזאַ לאַגע? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז מען זאָל האָבן זעקס קינדער און ניט האָבן ביי וועמען אַ טאָג איבערזיין?

אָט וועל איך אייך דערציילן.

:: :: ::

פון די זעקס קינדער וואָס איך האָב, האָט בלויז מיין טאָכטער אַ מעגלעכקייט און באַקוועמלעכקייט, אַז איך זאָל זיין ביי איר מיט כבוד און עס זאָל מיר גאָרניט פעלן. זי לעבט אין אַ פּאַלאַץ און איר מאַן — אַ „ניונקעלע", האָט מורא פאַר איר דעך, פאַר איר קוק! אָבער, די טאָכ־טער לאָזט מיך איבער דער שוועל ניט אַריבער ווייל זי האַלט, אַז איך בין... אַ קרימינאַל, אַ מערדער, אַ רוצח — איך האָב דערהרגעט איר מאַמען! איך בין איר מאַמע דערגאַנגען די יאָרן און זי איז יונגערהייט — צו 62 יאָר — געגאַנגען פון דער וועלט. ווייל זי איצט, די טאָכטער פון מיר נקמה נעמען. אַ סברא, אַז די מאַמע אירע, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט זי געבעטן, פאַרן טויט, אַז זי זאָל מיך אויף איר שוועל

ניט אַרויפלאָזן ווייל „איך האָב איר מקצר ימים געווען". און זי האַלט איר צוואה, ווייל מיך ניט זען! און וויל מיך ניט קאָנען!

אָבער, איך וועל אָנהויבן פון אָנהויב.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין איצט אַלט 69 יאָר. דעם ערשטן טאָג ראש השנה ווער איך אַ זיבעציקער. געבוירן געוואָרן, בין איך אין אַ קליין שטעטל אין דער אוקראַינע ביי אַן אָרימען גמרא מלמד, ביי אַ טאַטן, וואָס האָט געהאַט אייגענע אַ סך קינדער, אַ גאַנץ טוץ זיינען מיר געווען! און פרעמדע — תלמידים — ניט קיין סך מער, און אויף די עלטערע יאָרן — וויניקער... איך פאַרשפּאַר אייך צו דערציילן, אַז מיר האָבן ניט געלעבט אין עשירות, כאָטש מיין טאַטע איז געווען פאַרשמט פאַר דעם בעסטן מלמד פון שטעטל און אַז מען האָט צו אים געשיקט אַ קינד לערנען — האָט מען גוט געצאָלט.

פון אַלע אונזערע קינדער האָבן בלויז אַכט דערלעבט חתונה האָבן, די איבעריקע פיר זיינען אַוועק אויף דער בעסערער וועלט נאָך איידער זיי האָבן אָנגעהויבן לייגן תפילין! פון די אַכט, האָבן זעקס חתונה געהאַט פאַר בעל-הביתישע מיידלעך. איינער האָט חתונה געהאַט און איז אין דער חופה-נאַכט אַנטלאָפן פון וויב קיין אַמעריקע, מיטנעמענדיק דעם נדן, דעם דרשה געשאַנק און דער כלהס צירונג... און איך — איך דער בעסטער פון די קינדער ביי מיינע טאַטע-מאַמע, איך, וואָס מיין טאַטע האָט געגלויבט אַז איך וועל ווערן אַ רב אָדער לפּחות אַ שוחט, איך... דאָס בעסטע גמרא-קעפּל! איך... איך בין אַרויס „לתרבות רעה". איך האָב „פאַרשעמט" זיין משפחה און זיין יחוס און האָב חתונה געהאַט פאַר אַ פשוטן שוסטער אַ מויד.

אויב איר געדענקט אונזערע קליינע שטעטלעך, דאַרפט איר וויסן, וויפל צער און בושה, מיין פאָטער האָט געליטן פון מיר צוליב אַזאַ שידוך! עפּעס אַ קלייניקייט! אַ שוסטער! אַ שוסטערוק! און וואָס ערגער עס האָט פאַרדראָסן מיין טאַטן, וואָס אין זעלבן שטעטל איז געווען נאָך אַ שוסטער, אָבער — אַן איידעלער איד, האָט געקאָנט אַ פּרק משניות אָפּלערנען, איז געווען אַ בראַצלאַווער חסיד און אַ מיידל האָט ער געהאַט — אַ פיינע, אַן איידעלע, אַ געלערנטע, וואָס האָט געגעבן „אוראָקן" פון לייענען און שרייבן אידיש. איר, אין איר — האָב איך זיך ניט איינגע-ליבט! נאָר אין ווע מען דען? אין אַ גראָבער מויד, מיט אַ ברייטער פּליי-

צע, מיט אַ ברייטן — „אירט מיר מוחל זיין" — מיט גראָבע פעטע צוויי פיס, מיט אַ פּאָר בריסטן ווי ביי אַ בהמה! און דער טאַטע — וועלכער איז צו מיין חתונה ניט געגאַנגען, וועלכער האָט ניט געוואָלט וויסן פון מיר, האָט טאַקע מיין אידענע גערופן — ניט אַנדערש ווי — בהמה.

אַ קורצע צייט נאָך אונזער חתונה, האָב איך זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו. ווי אויף צו להכעים, בין איך נאָך געווען פאַרשריבן מיט אַ יאָר, אָדער צוויי ווייניקער, ווי איך בין אַלט געווען און, אַזוי ווי איך האָב ניט געוואָלט גיין דינען — בין איך אַוועק קיין אַרגענטינע, זיך דאָ גוט אַנגעמוטשעט עטלעכע יאָר און דערנאָך אַרויסגענומען אַהער מיין ווייב און דאָ אויפגעבויט אונזער היים!

איך ווייס, מען טאָר אויף קיין אייגן ווייב ניטריידן, דערהויפּט נאָך ווען זי איז שוין אויף יענער וועלט. אָבער, זאָל זי מיר מוחל זיין. פון ערשטן טאָג אָן פון נאָך אונזער חתונה, האָב איך דערקענט און פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט. זי איז ניט געווען מיין גלייכן און מיין פּאָר. זי האָט געהאַט אַן אַנדער דערציאונג און איך — אַן אַנדערע. זי איז געוואַקסן אין אַ גראָבער און פאַרגרעבטער שטוב, און איך — אין אַן אָרימער, אָבער איידעלער סביבה. איך האָב פון ערשטן טאָג אָן פון נאָך אונזער חתונה, אין דער קורצער צייט וואָס מיר האָבן געלעבט צוזאַמען אין דער אַלטער היים, געדאַרפט קעמפן אַז ווען מען גייט עסן זאָל זי... לייגן אַ טישטוך אויפן טיש. ביי איר טאַטן — האָט מען געגעסן אָן אַ טישטוך און זי האָט אויך געהאַלטן אַז אַ טישטוך איז איבעריק...

פון ערשטן טאָג אָן האָב איך געדאַרפט קעמפן מיט איר, אַז... מיר דאַרפן ביידע ניט עסן פון איין טעלער, אַז אַ ברויט — ברעכט מען ניט, נאָר מען שניידט מיט אַ מעסער, אַז פלייש אָדער אַנדערע מאכלים עסט מען מיט... אַ גאָפּל. זי איז געווען — זאָל זי מיר דאָרט מוחל זיין — זייער פאַרגרעבט, פיזיש און גייסטיק...

מיינע ליידן מיט איר האָבן זיך, אָבער, אָנגעהויבן ווען איך האָב זי אַראָפּגעבראַכט אַהער. איך לייקן אייך גאָרניט, אַז ניט איינמאָל האָב איך געהאַט דעם געדאַנק, אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַן אַנדער לאַנד און... פאַרפאַלן ווערן פאַר איר. אלא ניט, זאָל איך גלאַט שיקן אַ גט! איך האָב עס ניט געטאָן ווייל... איך בין זיך מודה — איך בין געווען אַ נאַר, אַ גרויסער נאַר, אָדער אפשר גאָר אַ פּחדן. איך האָב מורא געהאַט, דאָס, טאָמער, געפינט זי מיך — מאַכט זי פון מיר אַ פּאַמפּעשקע! און — איך האָב געשיקט נאָך איר. חוץ דעם האָב איך געגלויבט אַז דאָ, אין

דער נייער וועלט, צווישן אַנדערע מענטשן, וועט זי זיך אפשר „אויס־איידלען" און אויסמענטשלען! נו, איז „אויסגעאיידלט" האָט זי זיך יאָ עפּעס: אי דאָס ניט מיט איר גוטן ווילן, דאָס האָבן שוין די קינדער זי געצוואונגען ווערן „איידעלער"! איידעלערביים טיש און איידעלער — אין קערפּער. די קינדער האָבן זי געלערנט אַז... מען עסט ניט מיט די הענט און זי געלערנט ניט זיין פויל און גיין אַביסל כדי צו פאַרלירן וואָג. אָבער, אויב זיי האָבן זי אַביסל אויסגעלערנט ווי אַזוי זיך באַגיין מיט מענטשן — האָבן זיי זי גאָרניט אויסגעלערנט און אַפילו ניט גע־פּרואווט לערנען — ווי אַזוי זיך באַגיין מיט מיר. זי איז געווען אַ מרשעת אין פולן זינען פון וואָרט. שטענדיק געוואָרטשעט, שטענדיק געשאָלטן און שטענדיק געהאַט טענות אַז... איך פאַראַט זי. אַז איך האָב פיינערע און שענערע פון איר! אַז איך גיב איר ניט גענוג צום לעבן, ווייל איך האַלט אויס אַ געליבטע אין אַ „דעפּאַרטאַמענט"! און אַט די אַלע סקאַנ־דאַלן האָט זי מיר געמאַכט ווען די קינדער זיינען געווען, ווען די קינדער האָבן געהערט! די קינדער האָבן תמיד רחמנות געהאַט אויף איר. האָבן נישט געקאָנט ליידן אירע „טרערן" וועלכע זי האָט מיט אַלע כוחות אויס־געקוועטשט פון די אויגן. און — זיינען מיר געוואָרן שונאים! וואָס איך פלעג זאָגן — איז ביי זיי געווען גלייך ווי אַ הונט בילט. זי האָט מיר ניט געלאָזט לערנען קיין קינד, מיך ניט געלאָזט באַשטראָפן קיין קינד. אויב איך האָב אַ קינד געגעבן אַ פּאַטש, בין איך געווען אַ גזלן, אַ רוצח, אַ מערדער, און... מיך פּשוט געטריבן פון דער שטוב.

וואָס יאָ, קינדער האָט זי געוואָלט האָבן ניט ווייניקער ווי אַ טוץ! און אויב איך האָב בלויז זעקס — איז דאָס דערפאַר, וואָס איך האָב געהאַט גענוג מיט זעקס... שונאים אין שטוב און נ י ט ג ע וו אָ ל ט זיך פאַרזאָרגן מיט אַ טוץ פון זיי!

לויט א י ר חשבון, אָבער, האָט עס געהייסן, אַז איך וויל מיט איר מער ניט האָבן קיין קינדער, ווייל איך... האָב קינדער מיט אַנדערע.

מיינע קינדער זיינען געוואַקסן אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען און וואָס איז געוואָרן דער סוף? די עלטערע צוויי זין האָבן חתונה געהאַט פאַר צוויי... שוואַרצע שיקסעס, פּשוטע דינסט־מוידן, וועלכע האָבן זיי... גע־צוואונגען מיט זיי חתונה האָבן. ניט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז זוען מיין טאַטע, ווען פישל, מאר נחומס דער גמרא מלמד, ווען ער שטייט אויף פון קבר און זעט מיט וועמען זיינע אייניקלעך האָבן חתונה... וואַרפט ער זיך אַריין אין קאַלך־אויוון.

די אַנדערע האָבן אויך חתונה געהאַט, ניט איי איי איי, אָבער, לפּחות — פאַר אידישע קינדער. אָבער זייערע פרויען „היזיקע צוועקעס" האָבן

אַזוי אינטערעס אין מיר — זייער „אַלטן“, ווי איך — אין טערקישן פֿאַרלאַמענט. פֿון דער איינציקער פֿון וועלכער איך וואָלט יאָ עפּעס געקאָנט האָבן נחת — איז פֿון דער טאָכטער. זי איז געוואַקסן אַ געזונטע מויד, געראָטן אין דער מאַמען, נאָר — מיט מער איידעלערע מאַניערן און אַמעריקאַניש געלערנט. זי האָט געפֿונען אַ בחור, אַ שטיק מיליאָנער, נאָר אַ לעפּעשעוואַטער, אַ לעמעשקע. און — זי לעבט אַ גוטן טאָג.

אין איינעם אַ טאָג — שוין דאָ זעקס יאָר אין דעם, איז די אַלטע מײַנע קראַנק געוואָרן. איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ געשעפֿט וואָס האָט מיר אַרײַנגעבראַכט פֿײַן פּרנסה. די אידענע מײַנע איז געווען אַ גאַנצע סוחרטע און זי האָט געהאַט אַ גרויסן חלק וואָס דאָס געשעפֿט האָט פּראָגרעסירט. איר שלאַפֿקייט האָט זיך געצויגן זעקס חדשים, און ווען זי איז נפֿטר געוואָרן, איז מיר, פֿונעם געשעפֿט געבליבן בלויז... די אינסטאַלאַציעס. ווי שלעכט עס איז מיר געווען בײַ איר, ווי ביטער זי האָט מיך באַהאַנדלט, האָב איך ניט געוואָלט אַז זי זאָל אָפּשטאַרבן און איך האָב זי געראַטעוועט וויפֿל מײַנע כוחות האָבן געגעבן. די גרעסטע דאָקטוירים, די וויכטיקסטע קאָנסולטאַס האָב איך ניט געזשאַלעוועט.

אויב איר ווילט, וועל איך אײַך אויסזאָגן אַ סוד! איך האָב געוואָלט בלײַבן אָן אַ פֿאַרמעגן. איך האָב געוואָלט בלײַבן אַן אָרימאַן. איך האָב זיך געטראַכט:

ווען מיר מעגלעך זײַן זי צו ראַטעווען — זאָל זי, די אַלטע מײַנע, ווערן אָרים. און אַזוי ווי זי וועט ניט וועלן אָנקומען צו די קינדער — זי פֿלעגט מיר שטענדיק זאָגן, אַז „ווען זי דאַרף אָנקומען צו די קינדער וואָלט זי זיך גיכער גענומען דאָס לעבן“. נו, האָב איך געדענקט, אַז ווען זי וועט זײַן אָרים, וועט זי זיך נעענטער... טוליען צו מיר און ווערן אויס מרשעת. זי וועט פֿילן, אַז איך בין איר איינציקער פֿרײַנט.

וועט זי, חלילה, ניט געזונט ווערן און גיין פֿון דער וועלט — וויל איך ניט לאָזן קיין ירושה פֿאַר מײַנע שלענג! איך בין געווען זיכער, אַז אַ טאָג נאָך איר טויט, וועלן די קינדער קומען נאָך זייער ירושה... נו, זאָלן זיי זיך טיילן מיט די ליידיקע פֿאָליצעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב עפּעס „אַראָפּגעגנבעט“ פֿאַר זיך אויך און באַהאַלטן אויף אַ „שוואַרצן טאָג“. און — אַזוי ווי איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אַזוי איז געווען. ווען מיר זײַנען געקומען פֿון בית-עולם האָבן די קינדער שוין גענומען טענות האָבן צו מיר, פֿאַרוואָס איך האָב אַזוי פֿיל... באַצאָלט אין חברה קדישא. ווען ז יי גייען — מאַכן זיי עס פֿאַר ביליקער און ווען מען שטעלט זיי אַ ז אַ פּרייז — גיבן זיי... גאָרניט. זיי נעמען זי אויפֿן... בריטאַנישן בית-עולם! זיי וואָלטן זי... פֿאַרברענט!

איך האָב געטרייסט מיינע בנים, אַז דערפאַר וועלן זיי מיט מיר שוין ניט האָבן קיין שום הוצאות! איך... האָב שוין באַצאָלט פאַר מיין קבר אויך! איך קאָן זיי און איך האָב זיך באַוואָרנט...

דעם צווייטן טאָג איז מען ווידער געקומען אַלע. מען האָט מיך, חלילה, ניט געפרעגט, צי איך האָב עפּעס געגעסן? ווער האָט מיר עפּעס אָפּגעקאָכט? זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז אַליין, קאָן איך זיך אַפילו קיין גלאָז טיי ניט מאַכן. ניין! דאָס האָבן זיי מיך ניט געפרעגט. וואָס זיי האָבן יאָ געוואָלט וויסן איז... וואו איז דער מאַמעס צירונג?

כ'האָב זיי געגעבן דעם אַדרעס וואו דאָס צירונג איז געווען... פאַר־זעצט. איך האָב זיי גוט אויסגעזידלט פאַרוואָס אין משך פון דער גאַנצער צייט וואָס די מאַמע האָט געקרענקט און איז געלעגן אין אַ סאַנאַטאָריע האָבן זיי מיך איינמאָל ניט געפרעגט צי... איך האָב געלט צו צאָלן? ווען איך האָב געבראַכט פּראָפעסאָרן און געצאָלט טויזנטער, איז קיינער ניט געקומען פרעגן צי איך האָב? איצט — קומען זיי פרעגן וואו דאָס צירונג איז! איך האָב באַקומען אַ היסטערישע אַטאַקע. די אַלע פערציק יאָר ליידן האָבן זיך מיר אָנגעזאַמלט מיטאַמאָל און... איך האָב אויס־געשאָסן. איך האָב זיי געזידלט ווי די ערגסטע, און... זיי אַרויסגעטריבן פון דער שטוב. ווען זיי זיינען שוין געווען אינדרויסן האָב איך זיי נאָכ־געוואָרפן... די שליסלען פון דער קלייט און זיי נאָכגעשריען:

— נאַט! נאַט אייך אייער מאַמעס און מיין ירושה און ווערט דער־וואָרגן מיט איר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מעגלעך אַז איך האָב געהאַנדלט איבערגעאיילט! מעגלעך, אַז איך האָב די קינדער נישט געדאַרפט אַרויסטרייבן פון מיין שטוב, דעם ער־שטן טאָג נאָך זייער מוטערס טויט! זיי — האָבן טאַקע געהאַנדלט אומ־רחמנותדיק און אכזריותדיק! זיי — האָבן טאַקע נישט געדאַרפט שוין קומען צו לויפן נאָך דער מאַמעס צירונג! איך, אָבער, איך האָב גע־דאַרפט זיין קלוגער! זיי — זיינען קינדער! איך — איך בין אַ פאָטער! און אַ פאָטער דאַרף קאָנען פאַרגעסן און מוחל זיין! גלויבט מיר אָבער אַז עס איז מיר שוין דערגאַנגען ביז אונטערן האַרצן! איך האָב שוין מער נישט געקאָנט: און, וואָלטן זיי מיך געווען געפרעגט ווי אַזוי איך פיל זיך און צי איך האָב עפּעס גענומען אין מויל אַריין — וואָלט מיין פאַרדרוס קעגן זיי נאָך ניט געווען אַזוי גרויס! ניין! זיי האָבן דאָס

נישט געפרעגט! ד אָ ס האָט זיי נישט אינטערעסירט! וואָס זיי האָבן געוואָלט וויסן איז:

וואו איז דער מאַמעס צירונג?...

און איצט? איצט דריי איך זיך אַרום אַליין אויף גאָטס וועלט! איך האָב ז ע ק ס קינדער און... האָב קיינעם נישט! צו די עלטערע צוויי זין מיט זייערע גויאישע ווייבער, האָב איך ביז איצט די שוועל נישט אי־בערגעטראָטן — איך קאָן אפילו נישט זייערע קינדער — און וועל ווידער נישט גיין ווען אפילו איך דאַרף שטאַרבן! און גראַדע זיינען ז יי פאַרמעגלעכע און זיי האָבן באַקוועמלעכקייטן פאַר מיר!

די אַנדערע דריי זין, זיינען נישט אימשטאַנד מיר אָפּגעבן אַ צימער. נישט זייערע פרויען קאָנען, נישט זיי וואָלטן געוואָלט, מיך באַדינען! אַלע דריי זיינען... שלענג! ביטערע און פאַרביטערטע פרויען! איינע, נישט בעסער פון דער אַנדערער! אַלע האָבן נישט קיין רייך לעבן ביי זייערע מענער, און זייער איינציקער אויסקוק און האָפענונג איז גע־ווען... ירשענען דעם „אַלטן"! און ווען גאָט האָט זיי געהאָלפן, מען קאָן שוין גיין נאָך ירושה — דאַרף מען גאָר צאָלן קבורה־געלט!... ווען איך האָב זיי נאָכגעוואָרפן די שליסל פון מיין טיר — האָט מען זיי טאָקע מיר דעם צווייטן טאָג געבראַכט צוריק, ווייל... זיי זיינען געווען אינעווייניק, געזוכט די לייקע פאַליצעס און אַריינגעקוקט אין די ביכער!... ווען זיי נעמען איבער די קלייט — האָבן זיי געדאַרפט אַ סך אַ סך צולייגן צו איר, נישט אַרויסנעמען!...

אַלזאָ! די איינציקע ביי וועמען איך וואָלט געקאָנט זיך אָנשפּאַרן — אַלענפאַלס — וואוינען אין אַ צימער און נישט זיין אַזוי עלנט! די איינציקע וואָס האָט נישט געוואַרט אויף מיין ירושה — ווייל זי האָט אַליין אַ סך — איז מיין טאָכטער! נאָכמער! איר מאַן, מיין איידעם וויל מיך נעמען צו זיך מיט ביידע הענט! ע ר זאָגט מיר אַז, איך וואָלט געוועזן זיין „חבר" ביי אַ „רעמי", ביי אַ „פינף הונדערט איינס", ביי אַ „טאַבלין" און ער וואָלט, בכלל, מיט מיר געקאָנט פאַרברענגען! ער איז אַן איידעלער יונגערמאַן, האָט געלערנט אין אַ חדר דאָ און עס איז אים עפּעס געבליבן! איך, ווייס גראַדע, פאַרוואָס דער איידעם וויל מיך צו זיך! ער גלויבט אַז ווען איך וועל זיין אין שטוב וועט די טאָכטער מיינע, זיך שעמען אים אַזוי ברוטאַל באַהאַנדלען!... זי וועט זיך שע־מען... אָבער! אַזוי ווי זי איז געראָטן אין דער מאַמען — זי זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט — בין איך זיכער אַז זי וועט זיך נישט שעמען אים אפילו!... אויספּאַטשן פאַר מיינע אויגן!...

אָבער, וואָס קומט אַרויס אַז מיין איידעם וויל אַז איך זאָל ביי אים

וואוינען, ווען מיין טאָכטער, מיין פרוים טאָכטער, מיין פרוים בלוט און פלייש, וויל אפילו נישט אַז איך זאָל קומען אַמאָל אָנקוקן די אייניקלעך!... גראַדע זיינען די אייניקלעך געראָטן אין פאָטער! דאָס עלטערע קינד אַ אינגעלע האָט מיך ליב אַז דאָס חיות גייט אים אויס נאָך מיר — אָבער זיי לאָזן עס נישט גיין צו מיר!...

איז מיר געבליבן דער לעצטער וועג! דער

— מושב זקנים!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, פריינט? ביז איך האָב ביי זיך אין די געדאַנקען, באַשלאָסן אַז איך דאַרף אַריינעמען אין מוח די צוויי ווער־טער מושב זקנים — האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונט!... איך בין עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן! קיין אויג נישט צוגעמאַכט! די צוויי ווערטער זיינען מיר געשטאַנען פאַר די אויגן! איך האָב — ליגנדיק אויפן געלעגער פאַרמאַכט די אויגן — זיך געזעהן אין מושב זקנים אַרומגערינגלט פון אַלטע, גאָר גאָר אַלטע מענטשן, און נעבן מיין בעט שטייט אַ איד און פרעגט מיך:

פעטער! ווען שטאַרבט איר שוין! מען דאַרף האָבן אייער בעטל פאַר אַן אַנדערן!...

אמת! איך האָב נישט געדאַרפט אָנקומען אין מושב זקנים אַלס אַ אָרימער פאָטער אָן קינדער וואָס האָט נישט וואו צו נעכטיקן! איך האָב נאָך געקאָנט ברענגען אין מושב זקנים אַ סומע געלט, עטלעכע טויזנטער וואָס וועט מיט רוח (רייווועך) באַצאָלט ווערן פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מיר בלייבט נאָך צו לעבן! נאָך אַלעמען, גיי איך דאָך נישט אין מושב זקנים ווייל איך האָב נישט מיט וואָס איבערקומען אַ טאָג! איך גיי אַהין ווייל איך האָב ניט מיט וועמען איבערצוזיין אַ טאָג! ווייל איך האָב נישט ווער עס זאָל אויף מיר אַ קוק טון! — אַ געדאַנק איז מיר אַריין אין קאָפּ אַריין! איך וועל גיין אין מושב זקנים אויף... 8 טעג! איך וועל אויסנוצן די טעג פון פסח און בעטן ביי דער פאַרוואַלטונג פון מושב זקנים אַז מען זאָל מיר — פאַר געלט דערלויבן צו זיין די אַכט טעג פסח אין מושב זקנים! אַזוי אַרום וועל איך זיך באַקאַנען מיטן אַמביענט! מעגלעך, אַז עס ווייזט זיך מיר מער אויס ווי עס איז! מעגלעך, אַז די דאָזיקע נייע היים וועט מיר גאָר געפעלן ווערן און איך וועל שוין דאָרט בלייבן!... און איך בין געווען אַכט טעג אין מושב זקנים!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ווי אַזוי איך האָב אויסגעהאַלטן די ערשטע טעג? — ווייסט גאָט דעם אמת! איך בין נישט אַנטלאָפן פריער ווייל... איך האָב זיך געשעמט! און אפשר ווייל... איך האָב

מורא באַקומען טאָמער מוז איך נאָכאַמאָל אָנקומען אַהין! טאָמער...
הער ווייסט?...

צי וויל איך רעדן שלעכטס אויפן מושב זקנים? חלילה! איך האָב געזען ווי מען גייט דאָרט אַרום מיט די אַלטע לייט — זאָלן טאָקע די עסקנים זיין געבענטשט! אָבער — דער מושב זקנים — איז נישט פאַר מיר און ניט איך בין — פאַרן מושב זקנים! איך בין דאָרט געווען אַכט טעג און נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן! אָדער איינער איז געווען צו... אַ עם הארץ אַז איך זאָל האָבן מיט אים וואָס אַ וואָרט אויסצורעדן, אָדער — ער איז שוין צו אַלט — אַ נײַנציקער, און — כאָטש ער איז אַ בן תורה — קאָן איך מיט אים נישט רעדן!... און באַנאַכט? אָדער עס איז מיר אויסגעקומען צו שלאָפן נעבן איינעם וואָס... הוסט די גאַנצע נאַכט, אָדער, ער רויכערט און — אירט מיר מוחל זיין — פאַרשטינקט די לופט אַרום מיר!...

חוץ דעם! איך האָב באַטראַכט די מענטשן וועלכע דאַרפן זיין מיינע באַגלייטער פאַר די איבעריקע יאָרן פון מיין לעבן און... אַ גרויל איז מיר אַריבער איבערן לייב! אָדער זיי רעדן לשון הרע, אָדער זיי שעלטן... די קאָמיסיאָן, אָדער זיי שעלטן זיך איינס דאָס צווייטע!...

ברענגט מען איינעם עסן אָדער אַ מתנה פון אַ קינד אָדער פון אַ פריינט, — פאַרגינט מען יענעם ניט דעם ביסן און מען ווינטשט אים אָן ער זאָל דערוואָרגן ווערן!... האָט מען אָן אייגענע פעזע און מען גיט מיט אַ באַאַמטן, וואָס גייט אַרום אין שטאָט אַריין, און מען בעט אים ער זאָל עפּעס קויפן אייך — איז מען גרייט אייך... אויפעסן מיט די אויגן פאַר קנאה! היינט, גלאַט, ווען איר גיט אַ קוק אויף אייערע צוקונפטיקע חברים — עלטערע פון אייך אייניקע מיט אַ סך יאָרן, איר זעט ווי אַזוי זיי זעען אויס — פאַרלירט איר דעם חשק צו בעטן אויף אריכת ימים!...

אַזוי ווי איך בין אינגאַנצן געווען אַ „פּענסיאָניסט" אַף אַכט טעג — האָב איך נאָך געקאָנט אויסקלייבן אַ בעט און אַ...„שלאָף-ברודער" (אַזוי רופט מען געוויינלעך אין מושב זקנים דעם שכן פון בעטל) דאָך, האָב איך געמוזט אין משך פון די 8 טעג וואָס איך בין געווען אין מושב זקנים, פיר מאָל בייטן מיין „שלאָף ברודער". אַלע פיר שכנים מיינע זיינען נישט אויסגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט! איינער איז געשלאָפן בלויז פיר שעה און דער גרעסטער „פּעפּער" איז געשלאָפן פינף מיט אַ האַלבער שעה! נו! וואָס זאָל איך טון, ווען איך קאָן נאָך שלאָפן גאַנצע

אַכט שעה!... נו! האָט מען מיר געענטפערט, אַז ווען איך דאַרף דאָ בלייבן וואָלט איך זיך שוין צוגעוואוינט אויפצושטיין פרי! איך וואָלט זיך צוגעוואוינט צו אַ סך זאַכן אפילו... אַז אַלע טאָג זאָל מיר פעלן עפּעס אַנדערש! אַלס „גאַסט”, אַלס איינער, וואָס וועט אין עטלעכע טעג אַרום ווערן צוריק אַ „פרייער מענטש”, האָט מען מיך נישט גע־טשעפּעט ווייל... איך קאָן נאָך דערנאָך דערציילן אין דרויסן און דאָס קאָן ברענגען שאָדן דעם אַנשטאַלט! און כאָטש, דער קאָמיסיאָן שעלטן זיי מיט טויטע קללות, דאָך, ווילן זיי נישט אַז דעם אַנשטאַלט זאָל עס שאַטן...

די „בעסטע” טעמע פון וואָס די אַלטע רעדן אַ גאַנצן טאָג איז... פון שלאָפקייט! יעדער איינער דערציילט די נסים ונפלאות פון זיין שלאָפקייט יעדער איינער באַרימט זיך מיט זיין דאָקטער! איינעם בענטשט מען, אַ צווייטן — שעלט מען! אָבער, דעם דאָקטער פון מושב זקנים בענטשן זיי אַלע ווייל... ער פאַרשרייבט אָפט, אָפט, אַלס רע־צעפּט אַ ... גלעזעלע בראַנפן! און כאָטש קיין בראַנפן פעלט נישט! אַלע טאָג איז פאַראַן אַ יאָרצייט, אָדער עמיצער קומט „פון דרויסן”, האָט יאָרצייט און ברענגט בראַנפן — דאָך, אַז מען דערזעט אַ פלעשל בראַנפן — טוט מען זיך דערויף אַ וואָרף ווי, מיר, קינדער אַמאָל, אויף נים אָדער צוקערקעס! נישט אַלע מעגן, אָבער, טרינקען בראַנפן! פאַראַן אַ סך, וואָס די דאָקטוירים זאָגן אַז דער בראַנפן איז זיי... מקצר ימים! טרינקען זיי און... שוין 20 יאָר ווי זיי זיינען אין מושב זקנים, טרינקען און לעבן! לעבן און טרינקען!...

מיט איין וואָרט! דער מושב זקנים איז נישט פאַר מיר! און ווען איך האָב עטלעכע מיליאָן פעזעס וואָלט איך פאַרן געלט אויסגעבויט עטלעכע... מושב זקנימס און וואָלט זיי... סעלעקציאָנירט! איך וואָלט געפּאָרט:

עם הארצים מיט עם הארצים!

איידעלע מענטשן מיט איידעלע מענטשן!

דערנאָך וואָלט איך געפּאָרט לויט די יאָרן! אַ אידן פון זיבעציק מיט אַ אידן פון זיבעציק; אַ אידן פון ניינציק מיט אַ אידן פון ניינציק; אַ איד וואָס רויכערט — מיט אַ אידן וואָס רויכערט! אַ איד וואָס שלאָפט נישט מיט אַ אידן וואָס שלאָפט נישט!

אַזוי ווי אָבער איך האָב ניט קיין מיליאָנען, וועלן די זקנים מוזן בלייבן ווי אַזוי זיי זיינען און איך? וואָס וועט ווערן מיט מיר? וואָס טוט מען?

אפשר קאָנט איר מיר אַן עצה געבן! אָדער גאָר, אפשר קאָנט איר זיך דורכרעדן מיט מיין טאָכטער?

אפשר קאָנט איר עפּעס ביי איר פּועלן?

אפשר?...

אין עטלעכע טעג אַרום.

מיר שטייען פאַר דער טיר פון אַ רייך הויז, אַ רייכן פּאַלאַץ אין דעם אַריסטאָקראַטישן טייל פון דער שטאָט. דער פּאַלאַץ מאַכט אַן איינדרוק, אַז דאָ וואוינט, אָדער אַ מיליאָנער אָדער אַן אַמבאַסאַדאָר פון אַ רייכער מדינה! אַז דאָ זאָל וואוינען איינער מאחינו בני ישראל, אַז דאָ זאָל וואוינען פישל, מאיר נחום מלמדס אייניקל, איז טאַקע גאָטס נסים.

נאָכן ערשטן לייכטן קלונג, נעמט אונדז אויף אַ באַדינער וועלכער נעמט צו אונדזער „וויזיט קאַרטע" און בעט אונדז אַריין אין וואַרט-צימער. מיר האָבן עטלעכע מינוט צייט זיך אַרומצוקוקן וואו מיר זיינען! אַ גרויסער גראַמאַדנער וואַרט-זאַל, שיין אויסגעמעבלט און די ווענט באַהאַנגען מיט קינסטלערישע בילדער! אָט הענגט אַן „אויל בילד" וואָס איז גרויס — העכער 2 מעטער אויף 2! דאָס בילד האָט געדאַרפט אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן! דאָס בילד שטעלט פאָר עפּעס... צוויי מאַנאַכן פון מיטלאַלטער, שטייען און קוקן אויף אַ דריטן מאַנאַך וואָס שטייט אויף די קניעס און טוט תפילה!... וואָס, אַזאַ בילד, האָט צו טון אין אַ אידישער שטוב, וואָס אינטערעסירט פישל, מאיר נחום מלמדס אייניקל אָט די גלחים צי מאַנאַכן, וואָס האָבן געטראָפן אָדער צווינגען זייערס אַ „ברודער" תפילה טון — און ווער ווייסט וואָס ער האָט געזינדיקט... וואָס אַזאַ בילד האָט צו טון אין אַ אידיש הויז — ווייסט איין גאָט!

און אַזוי טראַכטנדיק וועגן פישל מאיר נחום מלמד און דעם דור וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, וועגן זיינע אייניקלעך וואָס זיינען האַלבע גוים און וועגן זיינע אוראייניקלעך וואָס וועלן שוין זיין ג אַ נ צ ע גוים, האָט זיך אויפגעעפנט די טיר און אַ שיינע דאַמע אין די בליענדע יאָרן, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר און אונדז אַריינגעבעטן אין אַ צווייטן צימער — אין אַ ביבליאָטעק-צימער!

אונדזערע אויגן זיינען פאַרבלענדעט געוואָרן פון זען אַזאַ ביבליאָטעק, אַזאַ ר יי כ ע ביבליאָטעק! טאַקע בלויז אין קינאָ זעט מען אַזעלכע פּריוואַטע ביבליאָטעקן מיט אַזויפיל... שיין איינגעבונדענע ביכער. איך האָב, בפירוש, חשק געהאַט כאַפּן אַ קוק צי די ביכער זיי-

נען... אויך וועגן קאָנוועגטן און גלחים, אָדער עס זיינען דאָרט עפּעס דאָ אויך אידישע... די פרוי האָט מיך אָבער נישט געלאָזט טראַכטן! זי האָט מיר דערלאַנגט איר האַנט, געמאַכט דעם געוויינלעכן קאָמפּלי־מענט אַז... „זי האָט דאָס פאַרגעניגן" א. אַ. וו. און מיך געבעטן זיצן!

אונדזער געשפּרעך האָט זיך, מאָמענטאַל, אָנגעהויבן אין... אידיש! זי שטעלט זיך פאָר, זי פאַרשטייט נאָך וואָס איך בין מיט איר געקומען רעדן און זי, פישל, נחום מאיר מלמדס אייניקל וויל, וועגן דעם, רעדן מיט מיר אין אידיש!...

איך הויב אָן רעדן מיט איר. איך בין זי ניט געקומען בעטן אַז זי זאָל איר פאָטער אַריינעמען אין שטוב אַריין! דאָס איז א י ר זאַך! איך בין איר נישט געקומען זאָגן, אַז... כל זמן איר פאָטער האָט... זעקס זין, כל זמן, די פאַרוואַלטונג פון מושב זקנים וועט וויסן אַז דער איד וואָס האָט דערלאַנגט אַ ביטע אַריינגענומען צו ווערן, האָט אַזאַ רייכע טאָכטער — וועט מען אַ ז אַ אידן נישט אַריינעמען! אַלזאָ! זאָל זי אַליין געבן אַן עצה וואָס טוט מען מיט אַזאַ אידן, וואָס — לויט דער עלטער, איז ער אפשר שוין אין די יאָרן אַריינגענומען צו ווערן אין מושב זקנים: אין גייסט, און לעבנס פעאיקייט און לעבנס ווילן — איז ער . . . צו יונג פאַר אַן אַנשטאַלט פון אַלטע . . .

וואָס זשע טוט מען מיט אים?..

די פרוי האָט אַ שמייכל געגעבן! ווייזט אויס, — זאָגט זי — אַז, אָדער איר קענט מיין פאָטער פון פריער, אָדער — איר האָט אים אַזוי געלונגען אויסגעשטודירט אין אַזאַ קורצער צייט!...

יאָ! מיין פאָטער איז נאָך זייער יונג אין גייסט און אין „לעבנס ווילן"! ער איז דאָרט ניט קיין געפאַר פאַר די זיבעציק יאָריקע זקנות! אָבער יאָ אַ געפאַר פאַר די... באַדינערנס, פאַר די קראַנקן־שוועסטער, און אַפילו פאַר... די שיקסעס וואָס וואַשן דאָרט די פאַלן.

איך וויים! פאַר אַ פרוי בכלל, און פאַר אַ טאָכטער בפרט, איז נישט שיין אַזוי צו רעדן! אָבער מיין טאַטע שניידט איצט די פּרוכט וואָס ער האָט פאַרזייט! ער האָט דאָס גאַנצן לעבן זיינס געפירט אַ נישט נאָר־מאַל, נישט פאַמיליען־אַנשטענדיק לעבן! ער האָט די מוטער מיינע געטריבן אין דער ערד אַריין צו פרי! ווען נישט זיינע אויסגעלאַסענע שטיק, וואָלט זי נאָך געלעבט און געלעבט און וואָלט נישט באַקומען קיין אולסערא פון „שלעכט בלוט". און פון האַרץ ווייטאָג! ווען ער איז אַן אַנדערער, וואָלט ער, עד היום געהאַט אַ הויז, אַ שיינע שטוב, און אפשר אַ גרויס געשעפט אויך! האָט ער אָבער אַנדערש געהאַנדלט! ער האָט געמיינט אַז ז י וועט נישט זיין און ער וועט ווערן אַ „פריי

פייגעלע״, וועט ער זיך געפינען אַ יונג מיידעלע — ער רעדט שטענדיק פון אַ „פּאַזשיטאַ״ (יונג עוף׳לע) פון אַ „פּימפּאַזשעלע״ — ער וועט זיך געפינען אַ יונג אלמנה׳לע פון אַ יאָר דרייסיק, וועט מיר איר נאָכאַמאָל חתונה האָבן, און וועט ערשט אָנהויבן אַ נײַ לעבן! ער האָט פאַרגעסן צו ציילן זיינע יאָרן! ער האָט פאַרגעסן אַז ער איז שוין אַ זיבעציקער!... אמת! ער האָט נאָך יונגן... חשק! אָבער, דאָס אַלטע פּנים, די גרויע האָר, און דער אַלגעמיינער אויסזען, קאָן זיין אַ צוטיאונגס-קראַפט פאַר אַ „פּימפּאַזשעלע״ — כל זמן זי ווייסט אַז ער האָט געלט! — וועט זי אָבער אויסצאַפּן דאָס גאַנצע געלט ביי אים, וועט זי אים אויסשפּייען, ווי אַ ביטערע פּיל אין מויל! אָט דאָס אַלעס האָט ער נישט געטראַכט און איצט — איצט שניידט ער דאָס, וואָס ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געזייט!

איך וויים! ער גייט אַרום און דערציילט אַז איך נעם נקמה אין אים, פאַר די ליידן וואָס ער האָט פאַרשאַפט מיין מאַמען! איך וועל אייך מודה זיין: — קיין ליגן איז דאָס נישט! עס איז בלויז נ י ש ט א מ ת וואָס ער דערציילט זיינע באַקאַנטע און וואָס עס איז אויך אָנגעקומען צו מיר — אַז די מאַמע ע״ה, האָט פאַר איר טויט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל זיך נוקם זיין פאַר איר יונגן טויט! נישט זי איז געווען איבעריק יונג ביים שטאַרבן, נישט זי האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל זיך אָנעמען איר קריוודע! וואָס, וואָס, מען דאַרף אנערקענען, אז ווען ער האָט טאַקע דערזען אַז זי איז ערנסט קראַנק האָט ער זיך רואינירט און זי געפּראָוווט ראַטעווען! ער האָט זי פריער געמאַכט קראַנק און דערנאָך געוואָלט אויסהיילן! אָבער — עס איז שוין געווען צו שפּעט! אָנשטאָט דעם, ווען ער זאָל געווען ווייניקער... הולטאַיען, ווען... אויסגעלאַסענע פּרויען, וועמען ער האָט אויסגעהאַלטן אין דעפּאַרטאַמענטן, זאָלן נישט געווען קומען אין געשעפט און מאַכן סקאַנדאַלן... דער מאַמען פאַרוואָס זי פאַרהאַלט אים און לאָזט אים נישט פאַרברענגען מיט זיי, — וואָלט זי אפשר ניט באַקומען אַזוי פיל „שלעכט בלוט״ און וואָלט נישט קראַנק געוואָרן דערפון!...

איינע אַזאַ סצענע פון וועלכער איך בין געווען אַן עדות, און וואָס האָט דער מאַמען אַריינגעלייגט אין בעט אַריין, וועל איך געדענקען מיין גאַנץ לעבן! די דאָזיקע סצענע האָט אין מיר אַריינגעטון אַזוי פיל שנאה צו אים, צו אַלטן נואף, אַז ווען נישט דער רעספּעקט צו אייך, וואָלט איך, מיט אַ צווייטן, נישט געוואָלט רעדן פון אים און נישט הערן פון אים! ער עקלט מיך פּשוט!... עס עקלט מיך די דערמאָנונג פון זיין נאָמען!...

אין איינעם אַ טאָג, איז צום טאַטן אין געשעפט אַריינגעקומען אַ רייך געקליידעטע „דאַמע", אָנגעהויבן אויסקלויבן זאַכן, זיך נישט גע־דונגען, גענומען פון שענסטן און בעסטן — זיך צוגעגרייט פאַר אירע „וואַקאַציעס" וואָס זי דאַרף אַרויספאָרן אינגיכן. די איינגעקויפטע זאַכן האָבן באַטראָפן שיינע עטלעכע הונדערט פּעזעס. ווען אַלץ איז שוין געווען איינגעפּאַקעוועט, האָט זי געהייסן אַז מען זאָל איר דאָס פּעקל צושיקן אויף דעם און דעם אַדרעס און צו דעם און דעם דעפּאַרטאַמענט! וועט מען דאָרט באַצאָלן פאַר אַלץ.

מיין מוטער האָט איר, דוקא געפּרואווט זאָגן אַז מיר האָבן נישט מיט וועמען צו שיקן, ווייל אַלע באַאַמטע אין געשעפט זיינען... מיידלעך, און פאַר מיידלעך איז דאָס צו אַ שווער פּעקל! נו, אויב אַזוי — קאָן זי די סחורה נישט קויפן — ענטפערט „דער קליענט"! פון דאַנען פאָרט זי נישט אַהיים און זי וועט ערשט זיין אין שטוב... פיר אַזייגער ביי טאָג.

דער טאַטע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אין קלייט: ער האָט געזען ווי די „קליענטקע" ליידיקט אוים די קלייט „איינקויפנדיק", ער האָט אויך געהערט אַז מען דאַרף דער קליענטקע אָפּשיקן די סחורה — אָבער ער האָט זיך נישט געמישט! ער האָט גאָרנישט געזאָגט! ערשט ווען די „קליענטקע" האָט געסטראַשעט אַז זי וועט נישט נעמען די צו־געגרייטע סחורה, און אַז צאָלן וועט זי אין דעם היים ביי זיך — האָט ער זיך צוגערוקט, איר געהייסן גיין געזונטערהייט. זי וועט פיר אַזייגער האָבן די סחורה אין שטוב! ער האָט נאָר געבעטן אַז זי זאָל אָנ־גרייטן... מזומן, ווייל „מיר נעמען נישט קיין טשעקן"...

אָן צען מינוט פיר, האָט דער אַלטער גענומען דעם שווערן פּאַק סחורה, צוגערופן אַ טאַקסי און אַוועקגעפאָרן אויפן אָנגעוויזענעם אַד־רעס! ער האָט געזאָגט דער מאַמען אַז פון דאָרט דאַרף ער זיין אין נאָך דריי ערטער און ער וועט קומען צום שליסן דאָס געשעפט!

אין 15 מינוט אַרום האָט מיך די מוטער ע"ה אַרויסגערופן און מיר דערציילט וועגן דער קליענטקע און געזאָגט אַז זי האָט אַ חשד אַז מען האָט געקאָנט דעם טאַטן פאַרנאַרן אַהין און אויסנאַרן דאָס פּעקל און אים נאָך אָנשלאָגן אויך. אָרימע מאַמע. זי האָט מיר ניט געוואָלט דער־ציילן, אַז זי האָט אַ חשד, אַז די „קליענטקע" איז גאָר קיין קליענטקע ניט, אַז די וואָס האָט אַזוי פיל „אָנגעקויפט" איז איינע פון דעם אַלטנס אַוואַנטורעס, וואָס איז געקומען פּערזענלעך איינמאָנען איר „האָנאָראַר"... זי האָט מיר פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן צופאָרן אַהין.

מיר האָבן אַזוי געטאָן. מיר האָבן אָפּגעוואַרט נאָך עטלעכע מינוט, און...

מיר, צוויי ווייבער, פרוי און טאָכטער, האָבן אַנגעקלונגען אין דער טיר פון דעם דעפּאַרטאַמענט וואו די „קליענטקע" האָט געוואוינט. זי אַליין, די קליענטקע, האָט אונז געעפנט די טיר. צום גליק אָדער צום אומגליק, האָט די טיר ניט געהאַט די מאָדערנע שפּאַרונקעס, דורך וועלכע מען קען זען ווער עס רופט ביי דער טיר... ווי נאָר זי האָט אויפגעשלאָסן און אַביסעלע געעפנט, האָבן מיר,ביידע פרויען, זיך געגעבן אַ שטופּ אַריין אינעווייניק...

— —

די פרוי איז געבליבן אַ ביסעלע שטיל. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ פּאָר מינוט געזעסן שטיל. דערנאָך האָט זי פאַרגעזעצט:
וואו עס האָט זיך גענומען ביי מיין מאַמען אַזוי פיל מוט און כוח ווייס איך ניט. צוויי פייערדיקע פּעטש האָבן אָפּגעקלונגען איבערן צימער. דאָס האָט די „קליענטקע" אַריינגעכאַפּט פון דער מאַמען. דערנאָך האָט זי געהייסן דעם טאָטן זיך... אָנטאָן, צונויפנעמען די סחורה, און אין איין וועג האָט זי שוין אַ קוק געטאָן אין שאַפע און דאָרט געפונען אַ סך סחורה אונזערע וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט אַז ער האָט פאַרקויפט. ווען די מאַמע איז ניט געווען אין קלייט. מיין טאַטנס „מעטרעסע" איז געלעגן אויפן געלעגער און געציטערט. זי האָט עפּעס יאָ געפּרוווט פּראָטעסטירן, אַז מען זאָל ניט פאַרשלעפּן... אירע זאַכן, אַזעלכע וואָס זי האָט געהאַט פון אַ צווייטן... אָבער די מאַמע האָט געגעבן אויף איר אַ „הוק", זי זאָל בלייבן שטיל אלא ניט, וועט מען זי דערוואַרגן. די מאַמע האָט זיך אויך געהייסן ווייזן די... „רעסיווע" פון דירה־געלט. אָבער, זי האָט אַזאַ רעסיווע ניט געהאַט. ע ר, האָט זיי, האָט זי אָנגעוויזן אויפן טאָטן. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דער טאַטע האָט געצאָלט דירה־געלט פאַר אָט דעם מעבלירטן דעפּאַרטאַמענט...

— —

נאָך יענעם אינצידענט איז די מאַמע שלאַף געוואָרן. עס האָט אויף איר געווירקט, — ניט אַזוי דעם טאַטנס פּאַראַט, דעם טאַטנס וואַרפן און שפּרייטן מיט געלט אויף אויסגעלאַסענע פרויען — אין דער צייט וואָס די מאַמע אַרבעט אַזוי שווער און ביטער אויף דער פּרנסה. — עס האָט

אויף איר געווירקט און עס האָט איר באַנג געטאָן וואָס... איך בין גע־וועזן דערבײַ. זי האָט די גאַנצע צײַט וואָס זי איז געלעגן אין בעט, גע־רעדט וועגן דעם און מיך געבעטן, אַז איך זאָל פאַרגעסן אָט יענעם טאָג און יענץ וואָס איך האָב געזען... דאָס הייסט: ניט זי האָט מיר געהייסן זיך נוקמען אין טאַטן, נאָר פונקט פאַרקערט. זי האָט מיר געהייסן פאַר־געסן און מוחל זײַן. איך — איך קאָן אָבער ניט פאַרגעסן! איך, ווען איך דערמאָן זיך יענע סצענע, גייט מיר אַריין דאָס בלוט אין פּנים און איך וואָלט דעם טאַטן דורס געווען...

אַ פּאָר מאָנאַטן פאַר איר טויט האָט מיר די מאַמע ע"ה געזאָגט:

מילא, איך פאַרשטיי, פאַרוואָס ער איז יונגערהייט געווען אַזאַ „יו־באַטשניק" (קליידל־זוכער, פרויען־יעגער). איך בין געווען ניט שיין, ניט גראַציעז, צו גראָב און האָב ניט געהאַט דעם פרויען־רייץ פאַר אַ מאַן. דאָס איז אויך געווען די אורזאַך, פאַרוואָס איך האָב אים אין די יונגע יאָרן אָפּגעשוויגן אַ סך פון זײַנע שטיק. אָבער, אויף די עלטערע יאָרן, שטייענדיק שוין מיט איין פוס אין קבר, וויסנדיק אַז ער האָט קינדער אויף וועמען ער קאָן זיך ניט פאַרלאָזן, אויף דער עלטער — זאָל ער זײַן אַזאַ אויסוואורף, אויף דער עלטער זאָל ער אויסגעבן טויזנטער אויף פרויען — דאָס קאָן איך אים שוין ניט מוחל זײַן...

— —

איצט, פרײַנט מײַנער, איצט ווייסט איר שוין אַביסל אינטימע גע־שיכטע פון אַ פאַמיליען־לעבן. איצט, ווען איר ווייסט וואָס פאַר אַ האַרץ איך טראָג אויף אָט דעם אַלטן, איצט, זאָגט:

קאָן איך אים אַריינעמען צו זיך? קאָן איך אים זען אַלע טאָג, אַלע שעה? אַז ווען איך דערמאָן זיך בלויז אין אים, דערמאָן איך זיך אין יע־נער סצענע פון דעפּאַרטאַמענט, ווי ער שטייט „אָנגעטאָן" אין אַ... „בעט מאַנטל", און קוקט ווי זײַן פרוי און זײַן טאָכטער זײַנען דאָ און זעען זײַן שאַנד. ווי ער שטייט אומבאַהאָלפן, דערשראָקן און זעט ווי זײַן פרוי שלאָגט זײַן געליבטע און זײַן טאָכטער, זײַן בת יחידה — די איינ־ציקע פון זײַנע קינדער מיט וועלכער ער שטאָלצירט — שטייט אין גע־האַקטע וואונדן — און זעט, ווי נידעריק ער איז געפאַלן...

ניין, איך קאָן אים ניט זען אַלע טאָג, אַפילו ניט אַלע חודש. איך האָב מורא אַז אָט יענע סצענע וועט מיך קראַנק מאַכן און איך וועל האָבן מײַן מאַמעס סוף. אמת איז, אַז די מאַמע איז געוועזן גערעכט, אַז זי האָט מ י ך ניט געדאַרפט מיטנעמען ווען זי האָט, אויף זיכער געוואוסט, וואו־

הין זי גייט און וואָס זי וועט טרעפֿן. אָבער, פֿאַרפֿאַלן. איך בין געווען, געזען און קאָן עס ניט פֿאַרגעסן... איך בין אויך איבערצייגט, אַז יענער פֿאַל האָט פֿאַרקירצט מיין מאַמעס יאָרן. איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, אַז זי האָט מיר ניט געהייסן זיך נוקמען פֿאַר איר. איך, אָבער, איך קאָן זיך ניט העלפֿן. ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, נעם איך נקמה אין אים. זאָל ער גיין וואוהין ער וויל. זאָל ער לעבן ווי אַזוי ער וויל. זאָל ער זיך וואַל־גערן אויף דער גאַס. צו מיר אין שטוב קאָן ער ניט קומען. פֿאַר מיינע אויגן קאָן ער זיך ניט ווייזן. ער האָט דערהרגעט זיין פֿרוי און האָט דער־הרגעט מיין ליבע און רעספּעקט צו אים אַלס פֿאָטער!

דאָס איז מיין לעצט וואָרט וועגן דעם.

— — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר טעג אַרום:

טעלעפֿאָניש ווער איך איינגעלאַדן פֿון דער פֿרוי ב. די טאָכטער פֿון אונזער אומגליקלעכן אַלטן „קרבן" פֿון זיינע קינדער. מיר פֿאָרן צו, צו איר, און זי נעמט אונז תיכף אויף. זי דערציילט אונז אַז זי האָט געביטן איר מיינונג און גיט אָפּ איר פֿאָטער אַ שיין צימער ביי זיך...

מיר ווילן זי נישט פֿרעגן ווי קומט צו איר אַזאַ באַשלוס. זי אַליין זאָגט אונז, אַז זי האָט רחמנות אויף איר אַלטן פֿאָטער! מיר גלויבן אָבער אַז דאָס איז נישט דער גאַנצער אמת! גיכער, פֿון אַלעס... שעמט זי זיך, אַז מען זאָל געוואוירע ווערן אַז איר פֿאָטער געפֿינט זיך אין מושב זקנים!...

נאָך פֿאַראַן רייכע קינדער וואָס שעמען זיך, אַז זייער פֿאָטער אָדער מוטער זאָלן ענדיקן זייער לעבן אין מושב זקנים!...

אַ מאַמע וואָס האָט הנאה וואָס איר זון האָט צרות...

האָט איר שוין געזען אַמאָל אַ מאַמען, ספּעציעל אַ אידישע מאַמע, וואָס זאָל ניט וועלן דערלעבן קיין נחת אין איר קינד?

האָט איר שוין געזען אויף אייער לעבן אַ מאַמע, אַ אידישע מאַמע, וועמען עס זאָל הנאה טאָן וואָס איר זונדעלע, איר טייער קינד... ליידט און האָט צרות און חבוט הקבר?

דוכט זיך, ניטאָ אַזאַ מאַמע. ווי איז דאָס מעגלעך, נאָך ביי אידן דער־צו, אַז אַזאַ מאַמע זאָל זיך געפינען אויף גאָטס ערד!

דאָך, זעט איר דאָך, אָט זיצט פאַר מיר אַזאַ מאַמע. אַ פרוי אין די עטלעכע און פערציקער, אַ פרוי וועמענס פנים זעט ניט אויס צו זיין אַזאַ שלעכטע, אַזאַ צרהדיקע, אַזאַ אכזריותדיקע! און דאָך, דערציילט זי אייך מיט אַזויפיל פאַרגעניגן, מיט אַזויפיל הנאה, ווי אַזוי איר זונדעלע ליידט, ווי אַזוי איר זונדעלע קומט אָפּ, און ווי אַזוי איר זונדעלע דערפילט ערשט איצט אַז ער האָט עטלעכע און צוואַנציק יאָר געזינדיקט קעגן זיין מאַמען, געזינדיקט קעגן זיין פאָטער, קעגן דער שטוב וואו ער איז גע־וואַקסן געוואָרן. און איצט, איצט קומט ער אָפּ פאַר זיינע „זינד".

די „גליקלעכע" מוטער, וועמענס קינד ליידט איצט ווי זאָגט זי „פּאַ טאַטו אי פּאַ מאַמו", וואַרט ניט, אַז מיר זאָלן זי פרעגן, פון וואָס ליידט איר זון? זי וואַרט ניט אַז מיר זאָלן זי פרעגן, מיט וואָס האָט איר זון געזינדיקט קעגן זיינע עלטערן און זיין פאַמיליע. זי זעט אַז מיר קנייטשן מיט די פּלייצעס און טראַכטן אַז... אפשר איז גאָר די מאַמע ניט ביים זינען? — לאָזט זי זיך ניט בעטן און הויבט אָן דערציילן איר געשיכטע.

איך בין אַ מאַמע פון דריי זין און צוויי טעכטער. איך האָב זייער יונג חתונה געהאַט, דערפאַר האָב איך געקאָנט ווערן אַ באָבע צו 42 יאָר. מיינע קינדער האָבן אויך יונג חתונה געהאַט. אָבער, ליבער פריינט, איצט איז מיר גוט צו זאָגן „קינדער חתונה געהאַט". אָבער, ביז מען

דערלעבט אַ קינד חתונה צו מאַכן, ביז מען דערלעבט צו שטעלן קינדער אויף די אייגענע פיס — װיפל געזונט נעמט עס צו...

פאַראַן מאַמעס בײַ װעמען קינדער װערן געבוירן לײַכט און װערן דערצויגן לײַכט. פאַראַן מאַמעס, װעמען עס אַרט ניט אַז אַ קינד גייט ניט אַזוי ריין אָפּגעװאַשן און פאַרקעמט, גייט ניט אַזוי ריין אָנגעטאָן, און אויב אַ קינד האָט פאַרטשעפּעט אַ הייזעלע אָדער אַ קליידעלע, גע־דויערט אַ פּאָר טעג, אַ פּאָר װאָכן, ביז מען מאַכט עס צורעכט.

בײַ אַזעלכע מאַמעס איז דאָס דערציִען זייערע קינדער, זייער אַ לײַכ־טע זאַך. עס אַרט זיי ניט און גענוג.

בין איך געראָדע, איינע פון די „נאַרישע" מאַמעס, װעלכע קאָנען אַזוי ניט דערציִען זייערע קינדער. פון געבוירן אָן, ביזן פירן זיי צו דער חופּה, און אַפילו איצט, װען זיי האָבן שוין חתונה געהאַט, — בין איך אַלץ די געטרייע, איבערגעגעבענע מאַמע, די מאַמע װאָס האָט געהיט די קינדער טאָג און נאַכט, װאָס האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף װען דאָס קינד אין װיגעלע האָט זיך... איבערגעקערט אויף דער צװייטער זײַט. יאָ, איך װייס אַ זעס איז נאַריש. אָבער, איך האָב זיך ניט געקאָנט העלפן, איך האָב אַליין פאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף ניט זײַן. אָבער — אַ מאַמע, בלײַבט אַ מאַמע. דערבײַ איז מיר — בלויז אויף מײַנע פּלייצעס — אויס־געקומען די דערציִאונג פון מײַנע קינדער. מײַן מאַן איז דאָס גאַנצע לעבן זײַנס אַ רײַזנדער פאַרשטייער פון אַ גרויס געשעפט. אין דער היים איז ער אַ גאַסט. אַמאָל „פאַרװײַלט" ער אין דער היים אַ חודש און פאָרט אַװעק אויף אַנדערע דרײַ חדשים און אַמאָל האָט זיך געטראָפן אַז ער איז געװען גאַנצע אַכט חדשים אין װעג. װען ער איז אַװעקגעפאָרן — האָט ער מיך איבערגעלאָזט מיט אַ קינד פון דרײַ חדשים, אַ קינד אין די װיקעלעך, און װען ער איז געקומען האָט שוין דאָס קינד געשריען... פּאַפּאַ!

כ'װיל זיך פאַר אײַך באַרימען: איך האָב די קינדער, זייער גוט — און װי זאָגט מען בײַ אונז — בעל־הביתיש דערצויגן. שכנות זײַנען מיך מקנא געװען אויף מײַנע װאוילע קינדערלעך, און אין איין פּרט — האָב איך גאָר, גאָר אַכטונג געגעבן, נעמלעך: אַז די קינדער זאָלן זיך אַליין באַדינען. פון געבוירן אָן, װען דאָס האָט נאָר פאַרשטאַנען עפּעס װאָס מען רעדט צו דעם, האָב איך עס שוין געלערנט אַז... עס דאַרף אַ ל יי ן זיך באַדינען. עס דאַרף אַ ל יי ן און בלויז אַ ל יי ן, זיך אָנטאָן, זיך אָפּװאַשן, און אַפילו זיך נעמען עסן.

שכנות האָבן אָנגעקװאָלן װי אַ קינד בײַ מיר, פון דרײַ־פיר יאָר, איז געשטאַנען אויף אַ בענקל באַם קראַן און זיך געװאַשן דאָס פּנימל. שכנות

און באַקאַנטע האָבן מיך מקנא געווען, ווי אַ קינד פון דריי יאָר האָדעווע איך ניט, נאָר עס עסט אַליין. ווי עס טוט זיך אַליין אָן צו גיין אין שולע, ווי עס נעמט אַליין צונויף די שול־העפטן און ביכער און ווי עס פוצט אַליין אָפּ די שיכעלעך און עס פאַרקעמט זיך ביים שפּיגל.

אַזוי האָבן אַ ל ע קינדער געטאָן! אַ ל ע — חוץ איינעם. איינער פון זיי — דער מיטלסטער — איז געוואַקסן אָן אויסנאַם. אַט דאָס קינד איז פון געבוירן אָן, געוואַקסן אַנדערש ווי די איבעריקע. עס האָט אַ ל יי ן זיך ניט געריררט פון אָרט. האָב איך עס ניט אָפּגעוואַשן — האָט עס גע־קאָנט גיין אַ גאַנצן טאָג ניט האָבנדיק באַנעצט דאָס פּנים. האָב איך עס ניט אָנגעטאָן — האָט עס געקאָנט ליגן אין בעטעלע ביז ביינאַכט. האָב איך עס ניט אָפּגעשיקט אין שולע — איז דאָס, דעם טאָג, אין שול ניט געגאַנגען. און האָב איך עס ניט אָנגעהאָדעוועט, אָדער שפּעטער — ניט דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש — האָט עס ניט געגעסן, אָדער איז אַוועק־געגאַנגען אין שולע אָן עסן.

יאָ, אמת, דער חוב פון דער מוטער, פון דער געטרייער מאַמען איז, צוגרייטן דעם קינד אַלעס גרייט און פּאַרטיקס. די געטרייע מאַמע דאַרף זיך אַפילו זעצן ביים טיש און קוקן און וואַרטן, אַז דאָס קינד זאָל עס אויפעסן און טאָמער עסט עס ניט — דעם איינריידן מיט גוטן — און אויב עס העלפט ניט — איז מיט בייזן. און מיט וויפל צרות דאַרף און „מוז" אַ מאַמע זיך אָננעמען אויב עס העלפט ניט מיטביידע זאַכן...

ביי מיר, איז גאָר אַנדערש געווען! ביי מיר האָבן די קינדער געגעסן נאָרמאַל, אַ חוץ אָט דעם איינעם קינד וואָס האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל זיצן נעבן אים און... כאָטש אים העלפן עסן.

צי איז דאָס קינד געווען אַ פוילענצער? חלילה. ווען אַ שכנה האָט אים ערגעץ געשיקט — איז ער געפלויגן פייל פון בויגן. ווען ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אויף דער גאַס — איז ער געווען דער פלינק־סטער פון אַלע. ווען א י ך, אָבער, האָב אים געדאַרפט האָבן, ווען איך האָב אים ערגעץ געוואָלט שיקן — האָב איך זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, ער האָט מיר אָנגעוויזן אַ צענדליק תרוצים פאַרוואָס ער קאָן ניט גיין און... איז ניט געגאַנגען.

ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר 10־11, האָב איך פאַרשטאַנען אַז איך דאַרף „נעמען דאָס קינד אין די הענט אַריין" און ניט דערלאָזן אַז ער זאָל אויסוואַקסן דאָס — ווי די קינדער אין שטוב האָבן אים אָנגע־הויבן רופן — „פּאַראַזיט". עס האָט ניט געהאָלפן. ע ר האָט מ י ך „באַזיגט". איך האָב געפילט אַז איך וועל בלייבן אָן אַ האַרץ פון אים, אויב איך וועל זיך איינשפּאַרן און דווקא וועלן אויספירן. דאָך, איז אים

לייכט ניט אָנגעקומען דער „זיג”. ניט איין נאַכט האָט ער זיך געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע, ווייל ער האָט ניט געוואָלט צוגיין צום אייז־קאַסטן (העלאָדערא) אַרויסנעמען וואָס דאָרט איז געווען אָנגעגרייט און מען האָט נאָר געדאַרפט דערוואַרעמען. די איבעריקע קינדער, גרויסע און קליינע, האָבן עס אַליין געטאָן — אויב איך בין ניט געווען, אָדער איך האָב קיין כוח ניט געהאַט און בין געלעגן אין בעט.

די ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינע, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז ער נעמט זיך ניט אַליין, ווייל ער איז אַ „פּאַראַזיט”, דאָך האָבן זיי אויף אים רחמנות געהאַט און — קעגן מיין ווילן און אָן מיין וויסן — אים געמאַכט עסן און דערלאַנגט צום טיש.

כ׳האָב געהאַט, פון אַט דעם קינד, זייער אַ סך עגמת נפש. חוץ דעם, ניט קוקנדיק דערויף וואָס ער האָט געהאַט זייער אַ גוטן קאָפּ צום לערנען, האָט ער, דאָך, זיך שווער געלערנט. דערהויפּט אַז ער איז געקומען אין די יאָרן פון 15 אָדער 16 און האָט געלערנט אין דער מיטל־שול. ניט געווען איין יאָר, ער זאָל ניט בלייבן מיט „מאַטעריעס” אויף מאַרסאָ און, אויב ער האָט זיך געראַטעוועט פון איבערגיין נאָכאַמאָל דאָס יאָר אין זעלבן קלאַס — איז בלויז געווען דורך אַ נס! ער איז, פּשוט און פּראָסט, געווען פויל צום לערנען.

איין האָפענונג איז מיר געבליבן. ער וועט עלטער ווערן, וועל איך אים שיקן אַרבעטן. אפשר ביי יענעם, ביי אַ בעל־הבית, וואָס באַפעלט און מען מוז דערפילן, וועט ער אפשר זיך אויסבעסערן.

די דאָזיקע האָפענונג מיינע איז אָבער אויך אויסגערינען. ער איז אַריין אַרבעטן אין אַ געשעפט וואו מען האָט אים שטאַרק ליב באַקומען און... ער האָט שוין אויסגעדרייט אַזוי, אַז אַנדערע וועלן אַרבעטן פאַר אים. ער פלעגט קומען אַהיים און דערציילן די „חכמות, ווי אַזוי ער האָט געדאַרפט מאַכן „פּלאַניזשעס”, האָט ער אויסגעדרייט אַזוי, אַז ער האָט אַפילו קיין איינע ניט געמאַכט. ער האָט איינגערעדט צוויי חברים זיינע, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ וועט ווער עס קאָן שנעלער מאַכן די דאָזיקע אַרבעט, וועלכע דאַרף געמאַכט ווערן שנעל און קאָרעקט. דער וואָס וועט מאַכן שנעלער, וועט באַקומען אַ ספּעציעלע אָנערקענונג פון בעל־הבית מיט וועמען ער איז געווען אַ גאַנצער שמעלקע...

איך פלעג עס הערן און עס פלעגט מיך קרענקען. איך האָב אים געזאָגט, אַז אַזאַ מין לעבן אויף יענעמס חשבון און אַרבעט, וועט אים שעדיקן ווען ער וועט אַרויס אויף דער גרויסער וועלט אַליין. ער מוז זיך צוגעוואוינען צו אַרבעטן!

פלעגט ער מיר דערויף ענטפערן, אַז אַרבעטן — זאָלן די בעלגישע

פערד! קלוגע מענטשן זעען אויסצודרייען אַזוי, אַז אַנדערע זאָלן אַר־בעטן.

איך פלעג געבן אַ טיפן קרעכץ און זיך טראַכטן:

ווי וועט זיין דער פרוי וואָס וועט אַריינפאַלן צו אים אין די הענט אַריין...

איין האָפענונג, די לעצטע האָפענונג איז מיר געבליבן:

ער וועט גיין „דינען" ווען מען וועט אים רופן צום מיליטער־דינסט און וועט דאַרפן אויפשטיין פאַרטאָג, זיך דאַרפן אָנטאָן און אָפּוואַשן אין געציילטע מינוטן, דאַרפן מאַכן איבונגען און אפשר אויך... רייניקן די פערד. דעמאָלט וועט ער באַקומען אַ לעקציע וואָס עס הייסט אַרבעט און וועט זיך אפשר צוגעוואוינען...

און ווי נאַריש עס וועט אייך אויסווייזן. איך, אַ מאַמע, אַ אידישע מאַמע, בעט גאָט, אַז איר ליב קינד זאָל וואָס גיכער און אויף וואָס לענגער אַוועקגיין פאַר אַ סאָלדאַט, כדי ער זאָל זיך גוט אָנבידעווען.

איך האָב אָבער אויסגערעכנט, אַז דאָס איז איינער פון די בעסטע מיטלען אַז ער זאָל ווערן אַ מענטש.

האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט, האָב איך אויך צו דעם קיין מזל ניט געהאַט. ער איז טאַקע אַוועק דינען, אָבער פון ערשטן טאָג אָן איז ער אַריין אין חן צו זיין קאָראָנעל, וועלכער האָט אים גענומען צו זיך אַלס זיין באַדינער און שאָפער. נו, איז אָנשטאָט צו זיין „אויף דינסט", איז ער גאָר געווען אויף אַ... דאַטשע. ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס הייסט אויפשטיין פאַר אַכט אַזייגער. ער האָט געגעבן דער דינסט — אַן אַלטע גויקע — אַ שיינע מתנה האָט זי אים דערלאַנגט די מילך און קאַווע אין בעט אַריין. דער קאָראָנעל זיינער איז געווען מער אין אויס־לאַנד ווי אין דער היים און ער — מיין זונדעלע, איז געווען מער ביי זיך אין דער היים ווי ביים קאָראָנעל אין הויז. ווען עס איז געקומען צום יאָר, איז ער אַהיימגעקומען מיט... 5 קילאָ מער וואָג ווי ער איז נעבעך אַוועק אין קאַזאַרמע.

איך פלעג אים שטאַרק באַדויערן און שוין געהאַלטן אַז ער איז... אַ פאַרפאַלענער מענטש.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער אונז, די עלטערן, געזאָגט אַז ער גייט שוין אין „ערנסט" מיט אַ מיידל. עס האָט אונז זייער געפרייט און שטי־לערהייט האָב איך געלאָזט אַ טרער אויפן מיידלס פאַרוויסטן גורל. איך האָב זיך שוין פאַרגעשטעלט, ווי דאָס מיידל — די שפּעטערדיקע פרוי זיינע — ליידט פון אים, ליידט פון זיין פוילקייט. איך האָב זיך פאַרגע־שטעלט ווי ער זיצט ביים טיש, ביי מיטיק אָדער וועטשערע, נעבן אים

שטייט דאָס וואַסער אָדער סיפאָן. אָבער אויפן טיש איז ניטאָ קיין גלאָז. ער דאַרף זיך אָנבויגן, טאַקע באַלד נעבן אים, אַרויסנעמען פון קאָמאָד אַ גלאָז. זי, די פרוי זיינע, שטייט אין קיך און גרייט צו דאָס עסן. פלוצים הערט זי ווי ער שרייט פון שטוב און רופן זי. זי לויפט אַריין אין קאַמע-דאָר צו וויסן וואָס איז דאָרט געשען? אפשר האָט ער עסנדיק די פּאַר-שפּייז, אַ שטיקל פיש, זיך פאַרשטאָכן מיט אַ ביינדעלע?

ניין, עס איז גאָרניט געשען. ער וויל בלויז אַז זי, די פרוי זיינע, זאָל אים דערלאַנגען אַ גלאָז...

איך שטעל זיך פאָר אַט דאָס בילדל וואָס ער האָט שוין ביי מיר ניט איינמאָל געפּרואווט אויספירן, אַז איך זאָל אים דערלאַנגען די גלאָז. ביי מיר האָט ער נישט אויסגעפירט און ער האָט ביים עסן קיין וואַ-סער ניט געטרונקען. ביי דער פרוי וועט ער זיכער אויספירן און — זי וועט זיכער ליידן.

איך וועל אייך מאַכן בקיצור. ער האָט, מיט מזל חתונה געהאַט פאַר זייער אַ וואויל שיין מיידל, פון אַ פיינער פאַמיליע, אָבער, ניט קיין רייכע. און אַזוי ווי ער אַליין האָט אויך קיין געלט אָפּגעשפּאָרטס ניט געהאַט — האָבן זיי זיך דאָך, שיין איינגעאָרדנט און —

— —

די פרוי וויל פאַרזעצן — און קאָן ניט. אַלע מינוט וואָס זי וויל אָנ-הויבן ריידן — הויבט זי אָן לאַכן. זי לאַכט און ווישט זיך די אויגן פון טרערן. טרערן פון פרייד און אפשר... ווייטיק אויך. עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט ביז זי האָט זיך באַרואיקט און אָנגעהויבן ווייטער דער-ציילן.

— —

ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן גרעסער ווערן און מען האָט שוין געדאַרפט אָנהויבן טראַכטן וועגן „תכלית", האָב איך מיט מיין מאַן שטענדיק געריעדט צווישן זיך:

מירן זיך ניט מישן אין אונזערע קינדערס לעבן. זאָלן זיי אויסקלויבן זייערע באַשערטע — פאַרשטייט זיך אידישע קינדער — וועגן קיין אַנ-דערע האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין; זאָלן זיי זיך לעבן צווישן זיך, ווי זיי ווילן אַליין. מיר, די עלטערן, וועלן זיי קיין דעות ניט זאָגן און קיין עצות ניט געבן.

עצות? מיר האָבן געהאַט עטלעכע ביישפּילן פון עלטערן און קינדער. עלטערן — נאַרישע, וועמען עס איז ניט געפעלן געוואָרן וואָס די שנור אָדער דער איידעם האָבן געזאָגט אָדער געטאָן. פון אָט דעם „אריינמישן" זיך און „אַרויסזאָגן מיינונגען" און „געבן עצות" זיינען אַרויסגעקומען אַ סך צרות הן ביי די פאַרפאַלקן, הן צווישן זיי און זייערע עלטערן.

געוועזן דווקא אַ מאָמענט, ווען איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל מיט מיין שנור האָבן אַן אינטימען שמועס און זי... עצהן ניט צו דערלאָזן, באַלד שוין ביים אָנהויב צוזאַמענלעבן, אַז ער זאָל פּראַווען זיינע קינדערשע שטיק. איך האָב זיך אָבער אָפּגעהאַלטן און געטראַכט:

— זאָל זי זיך אַליין אַרעגלירן.

נו, שטעלט אייך פאָר, אַז איך ווער געוואויר, בעסער געזאָגט, איך „שמעק אָן" און אפשר האָב איך עס דערפילט, פאַרט אַ מאַמעס האַרץ, אַז עפּעס גייט ביים פּאָרל ניט גלאַט. איך באַמערק, אַז מיין זון איז געוואָרן אַ „תל", איך באַמערקט, אַז ער איז עפּעס נ י ט ד ע ר וואָס צוריק מיט עטלעכע חדשים פאַר דער חתונה. אָבער, וואָס עס איבעראַשט מיך שטאַרק, איז די גרויסן וואָס מען גיט מיר אָפּ, אַז...

מען האָט געזען מיין זון אין „מערקאַדאָ"!

מען האָט אים געזען ביים בעקער קויפן ברויט!

מען האָט אים געטראָפן ביים קצב קויפנדיק אַן עוף!

מען האָט אים געזען מיט אַ פּעקל פון קליינט טראָגנדיק בוימל, זאַלץ און נאָך אַזעלכע זאַכן.

פאַר מיר איז דאָס געווען אַן איבעראַשונג. מיין זונדעלע, ווען ער איז געווען ביי מיר „אויף פּענסיאָן", איז קיינמאָל צום קצב ניט געגאַנגען, קיינמאָל צום בעקער ניט אַריינגעשמעקט און וואָלט קיין דריי טעג ניט געגעסן און ניט געגאַנגען שטיין אין רייע באַם בעקער.

געטראַכט, האָב איך, אַז דאָס איז... ליבע. אין זיין גרויסער ליבשאַפט צו זיין יונג, שיין ווייבעלע, לאָזט ער זי שלאָפן שפּעטער אין בעט און גייט איר פאַרשפּאָרן אַן אַרבעט.

די ערשטע צייט האָט עס מיך פאַרדראָסן. איך בין געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, „אייפערזיכטיק". הייסט עס, אַז דער מאַמען האָסטו ניט ליב געהאַט; הייסט עס, אַז דיין מאַמע זאָל שלאָפן לענגער אַביסל און דו זאָלסט איר איינשפּאָרן אַ וועג — האָסטו קיינמאָל ניט געוואָלט טאָן. און ווער ווייסט, צי עס האָט ניט געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל זיך אין ערנסט אָנברוגזן אויף מיין זון. דאָס האַרץ — אַלץ אַ מוטערס האַרץ — האָט מיך, אָבער אָפּגעהאַלטן דערפון, ביז...

יאָ, ביז איך בין געוואָרן אַ גוט מענטש! איך בין געוואָרן אַ נייעם וואָס האָט דערפרייט מיין האַרץ און האָט צוגענומען מיין כעס פון מיין זון.

שטעלט אייך פאָר: איין טאָג קום איך צוגיין און טרעף מיין זונדעלע — דעם „פאַראַזיט" — שטיין און וואַשן דעם הויף פון זיין שטוב.

אַ צווייטן מאָל טרעף איך מיין זונדעלע, וואָס האָט זיך קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט אויסגעוואַשן אַ שאָל אָדער טעלער, אויב עס האָט אים געפעלט — טרעף איך אים איצט שטיין אין קיך אָנגעטאָן אין אַ פאַרטוך און ער וואַשט איבער די טעלער פון נאָכן עסן.

— וואָס איז? איז חלילה קוקע, (אַזוי הייסט זיין פרוי) עפּעס קראַנק?

חלילה, זי איז דאַנקען גאָט געזונט און שטאַרק, נאָר זי האַלט, אַז זיי האָבן ב ײ ד ע געגעסן, דאַרפן זיי ב ײ ד ע אַרבעטן. זי — האָט צוגעגרייט דאָס עסן און ע ר דאַרף איבערוואַשן די טעלער און אויפראַמען די קיך. ער האָט געענוג צייט דערויף. אָך, יאָ, אויב אים געפעלט ניט — זאָל ער צונעמען אַ... קעכין צו קאָכן און אַ שיקסע צו וואַשן די טעלער און אויפראַמען.

צי איז, חלילה, די שנור אַ פוילע וואָס וויל ניט אַרבעטן?

חלילה, זי איז זייער און זייער אַן אַרבעטסזאַמע. איר איז ניט שווער צו באַדינען די שטוב און האַלטן אַלעס ריין און ציכטיק. אָבער, זי וויל ניט, אַז די גאַנצע אַרבעט זאָל פאַלן בלויז אויף איר. אַ מאַן דאַרף העלפן דער פרוי מיט דעם וואָס ער קאָן...

און מיין זון? איר מעגט איצט אַ קוק טאָן אויף אים. איר וועט אים גאָרניט דערקענען! איר מעגט זען ווי ער גייט איינקויפן אַ פּאָר מאָל אין וואָך, ווי ער הענגט אויס דאָס גרעט אויפן שטריק וואָס די פרוי האָט אויסגעוואַשן! ווי ער שטייט אין דער רייע צו קריגן קוילן אָדער קעראָסין!

איך ווייס עס און עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. אויב איך האָב מיין שנור ליב — האָב איך זי ד ע ר פ אַ ר, נאָך מער ליב! איך זע ווי מיין זון ליידט. איך זע ווי שווער ס'קומט אים אָן אויסטריקענען דאָס גאַנצע וואַסער פונעם הויף, וואָס ער האָט אָנגעגאָסן. איך זע ווי די הענט טרייסלען אים ווען ער דאַרף אויסוואַשן אַ גלאָז און —

איך האָב אויף אים נישק קיין מיטלייד!

איך ווייס, אַז דערמיט טוט זי אים אַ גרויסע טובה וואָס וועט אים, שפּעטער, גוט צונוץ קומען אין לעבן! דאָס איינציקע וואָס איך וויל אייך מודה זיין איז

אַז איך האָב אין אים אַ נ ק מ ה! דאָס האַרץ קוועלט מיר פאַר פרייד ווען איך טרעף אים אַרבעטנדיק אין שטוב! איך רייץ זיך נישט

מיט אים! איך וויל אים אויך נישט אַרויסווייזן אַז איך האָב נקמה אָדער עס טוט מיר הנאה!... אָבער, ער איז געגוג קלוג צו פאַרשטיין ווי צופרידן איך בין, ווען איך ווייס, אַז ער „האַרעוועט נעבעך”!

איינמאָל האָב איך ניט „אויסגעהאַלטן קיין אידישקייט” און האָב אָנגעהויבן לאַכן: נאָר לאַכן צו לאַכן איז נישט גלייך! איך האָב באַקומען אַ היסטעריש געלעכטער, אַז ער האָט מיר געדאַרפט דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער צו באַרואיקן מיך!

עס האָט מיר דערנאָך באַנק געטון! שטאַרק באַנק געטון, אָבער — איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפן!

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט קום איך צו גיין צופעליק צו אים און טרעף אים... זיצן און זיך צונייען אַ קנעפּל צו אַ העמד! ער איז געווען אַליין אין שטוב. זיין פרוי, מיין שנור זאָל לעבן, איז אַוועקגעגאַנגען אין קינאָ מיט איר מוטער זעען אַ בילד, וועלכער ער האָט שוין געזען און... עס איז אים נישט געפעלן געוואָרן! אַזוי ווי אים האָט זיך פּלוצים אָפּגעריסן אַ קנעפּל פון העמד, האָט ער גענומען אַ נאָדל־פאָדים עס צונייען. מען האָט געדאַרפט זען ווי אַזוי ער האַלט די נאָדל, דעם פאָדים. ווי אַזוי ער מוטשעט זיך „אַריינסילען” — און עס גייט נישט! ער — וועלכער האָט אויף זיין לעבן נישט געהאַלטן קיין נאָדל אין דער האַנט — ווייסט נישט אַז דער פאָדים איז צו גראָב פאַר אָט דער דינער נאָדל! איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און זיך אַזוי צעלאַכט, אַז איך האָב זיך פאַרכלינעט!... דערנאָך, האָט מיר באַנק געטון!...

מיין שניר, לעבן זאָל זי, האָט מיר גראָדע איין מאָל דערציילט אַז ער פלעגט זיך פאַר איר באַרימען אַז אין דעם היים טוט ער גאָרנישט, אַז אַלץ טרעפט ער גרייטס! ער האָט פאַר איר, אפילו, זיך איינמאָל באַרימט אַז... ווען ער זאָל זיין אַ רויכערער — וואָלט אים אין דער היים, ביי יעדן פּאַפּיראָס, געדאַרפט עמיצער... אָנצונדן אַ שוועבעלע! ער וואָלט זיך ניט באַמיט צו זוכן די שוועבעלעך אין קעשענע... זי, די שניר, פלעגט דעמאָלט — פאַר דער חתונה איז דאָס געווען — אויסהערן און זיך געטראַכט:

וואַרט! וואַרט! ביי מיר וועסטו קיין שוועבעלע נישט קריגן! און אַזוי ווי זי ווייסט און פילט אַז... ער האָט זי ליב אומבאַגרענעצט — און, אַזוי ווי זי איז גענוג קלוג צו פאַרשטיין, אַז אַ מאַן דאַרף נישט זיין קיין... „פּאַראַזיט” אין שטוב, האָט זי זיך אונטערגענומען אויסהיילן אים און דאָס, וואָס איך האָב נישט דערגרייכט אין 22 יאָר האָט זי עס דערגרייכט אין... 22 וואָכן!... און דאָס, פאַרגרעסערט נאָך מער מיין „נקמה” אין מיין „ליידנדן” זון!...

און װי אַ מאַמע, װי אַ אידישע מאַמע, װאָלט איך, לסוף, געװאָלט פאַרענטפערן מיין זון: מעגלעך, אַז נישט ער אַליין איז שולדיק געװען, װען ער איז ביי מיר אין שטוב געװען אַזאַ „אַנלייגער". מעגלעך, אַז אויך איך בין שולדיק, װאָס איך האָב נישט אַנגענומען קיין דראַסטישע מיטלען אים אויסצוהיילן פון אָט דער „שלאַפקייט"! און אַז ער האָט זיך געקאָנט אויסהיילן — זע איך דאָך איצט, װי ער האָט זיך „אויסגעהיילט" און איז געװאָרן אַ מענטש — מיט מענטשן גלייך!

װאָס איך באַמערק יאָ אין מיין זון אַן ענדערונג, איז אָט װאָס:

װען איך קום צו גיין, האַלט ער מיך אין איין לאַסטשען, אין איין קושן און האַלדזן!

זאָל דאָס זיין אַ סימן אַז ער האָט חרטה װאָס יינגלװייז האָט ער אַזוי פיל געזינדיקט קעגן מיר?

זאָל ער איצט פאַרשטיין, אַז ביי מיר אין הויז איז ער געװען אַ „פאַראַזיט"?

אויב ער פאַרשטייט עס — איז מיין נקמה איצט אַ סך קלענער!..

———::———

ווען אַ טאַטע גיט אָפּ די ירושה זײַנע קינדער בײַם לעבן...

אַ שוואַכער קלונג פון שטוב-גלעקל, האָט געגעבן צו וויסן, אַז עמי־צער שטייט הינטער דער טיר און בעט מען זאָל עפענען די טיר.

די דינסט עפנט די טיר און מעלדעט:

— עפּעס אַן עלטערער איד איז געקומען, וויל נישט אָנגעבן זיין נאָמען, זאָגט, אַז ער וויל מיט אייך רעדן!

איך בין פאַרנומען מיט וויכטיקע ענינים. איך וואָלט אים זיכער נישט אַטענדירט! איך הער אָבער, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ „עלטערן מענטשן״ — און צו אַן עלטערן מענטשן, האָב איך אַ ספּעציעלע און סענטימענטאַלע באַציאונג!... אַז איך דערהער דאָס וואָרט אַ „עלטע־רער מענטש״ — גיב איך, אינסטינקטיוו אַ ציטער, און בין גרייט צו טון עפּעס פאַרן עלטערן מענטשן!

איך בעט אַריין דעם באַזוכער אין מיין שרייב-צימער. איך דערזע פאַר זיך אַ היימישן באַקאַנטן אידן, אַ גוט באַקאַנטן סוחר און אינדוס־טריאַל, אַ אידן וואָס גיט זיך, ווען נישט ווען, אַ קהל אין אונדזערע אינ־סטיטוציעס, און — אויף וויפיל איך ווייס — אַ איד מיט דער ברייטער האַנט פאַר אַלע אינסטיטוציעס און קאַמפּיינען!

איך טראָג אים אַקעגן אַ ברייטן און האַרציקן „שלום עליכם!״, בעט אים זיצן און מעלדע אים, אַז איך בין גרייט אים אויסהערן!

מיין גאַסט, איז גערירט פון מיין פריינטלעכע אויפנאַמע און איי־דער ער זעצט זיך אַוועק, מעלדעט ער מיר:

טייערער פריינט! איך בין געקומען צו אייך וועגן אַ וויכטיקן ענין! אַ פאַמיליערן ענין — אָבער ער איז אינטערעסאַנט און וויכטיק פאַר יעדערן! ספּעציעל, וויל איך — מאַכן אַ רוף, אַ ווענדונג צו אַ סך טאַ־טעס און מאַמעס, אַז זיי זאָלן לייענען אָט די ווערטער וואָס א י ך וועל דערציילן און א י ר וועט באַשרייבן, און זאָלן זיי, מיין געשיכטע גוט נעמען אין אַכט! איך דאַרף אָבער אייך בעטן אַ זאַך! בעסער געזאָגט — איך האָב אַ תנאי!

מיין נאָמען דאַרף בלייבן אַ סוד פאַר יעדערן! אפילו ניט דורך אַ וואונק אָדער אָנווייז, זאָל מען דערקאָנען וועגן וועמען עס האַנדלט זיך!...

איך וויל — מיט מיין דערציילונג — ברענגען נוצן אַנדערע, אָבער, איך אַליין, דאַרף דערפון נישט ליידן! אויב איר זאָגט עס מיר צו — וועל איך זיך זעצן און אייך דערציילן אַ שיינע געשיכטע, וואָס וועט אפשר קלינגען... קאָמיש! אָבער — עס איז גענוג טראַגיש און — דער עיקר — באַלערנד!

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן עס אים צוגעזאָגט, און דער איד — מיר וועלן אים אָנרופן, לויט זיין ביטע, אַברהם ווינאַקור — הויבט אָן צו דערציילן זיין געשיכטע!

איר, און צענדליקער און הונדערטער אידן פון שטאָט און פּראָווינץ, קענען מיך זייט עטלעכע יאָר אַלס... אַ היפּשן גביר!

צענדליקער קליענטן מיינע, האַלטן מיך פאַר אַ גרויסן עושר! די היגע אידישע און נישט־אידישע בענק, געבן מיר קרעדיט וויפיל איך וויל אליין! געוועזן צייטן, ווען כערענטעם פון די גרעסטע אידישע און נישט־אידישע בענק, האָבן אָפּגעקלאַפּט די טירן פון מיין הויז, אַז איך זאָל אַרבעטן מיט זייער באַנק!

איך דערצייל עס אייך, נישט כדי זיך באַרימען פאַר אייך! איך וויל עס אייך זאָגן קעגן דעם, אַז דאָס אַלץ, ווי בכלל מיין פאַרמעגן, האָב איך נישט געבראַכט פון דער אַלטער היים, נאָר איך האָב מיט מיין בלוט און שוויים, דורך נישט דערשלאָפענע נעכט און נישט דערעסענע טעג, זיך דערשלאָגן צו דער פּאָזיציע וואָס מיין פירמע האָט אין דער סוחרישער וועלט!

ווען איך בין אַראָפּ פון שיף האָב איך געהאַט — בלויז עטלעכע סענט אין קעשענע אָבער — אַ סך לוסט און האָפענונג פאַר אַרבעט און פּראַגרעס! איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שווערער אַרבעט! ערד־אַרבעט — איז ערד־אַרבעט! ביים פאַרט — איז ביים פאַרט! אפילו די ערשטע אונטערערדישע באַן וואָס איר זעט — קאָן איך זיך באַרימען אַז זי איז... געשאַפן געוואָרן מיט מיין הילף! איך האָב זי געהאָלפן גראָבן! העכער 2 יאָר האָב איך געאַרבעט ביי איר און ביז היינט צו טאָג, ווען איך פאָר דאָרט דורך, דערקען איך די פלעצער וואו איך האָב געהאַקט מיטן ריגל און געגראָבן מיטן זאַסטאַפּ!

איך בין געקומען אין לאַנד אַריין צוזאַמען מיט מיין פרוי!ביידע זיינען מיר דאַן געווען יונגע מענטשן! ביידע — אי איך אי מיין פרוי, קומען אַרויס פון דער היים, פון רייכע עלטערן! נישט איך האָב אַמאָל געטון אַ שווערע אַרבעט, נישט מיין פרוי, האָט אויף איר לעבן געוואוסט, וואָס עס הייסט זיך אויסוואַשן אַ טיכעלע! פון וואַשן אַ פאָל אָדער שטיין אין קיך און קאָכן — שמועסט מען נישט! דאָך! אַז מען

האָט געדאַרפט — אַז מען האָט גע מוזט — האָב איך געטון די שווערסטע אַרבעט וואָס עס איז נאָר געווען און מיין פרוי, האָט געוואַשן אונדזערע גרייט, געדרויטמט דעם איין-איינציקן צימער וואָס מיר האָבן פּאַרמאָגט, און האָט נאָך אָפּגעזוכט צייט... אַרויסצוגעמען אַרבעט פון „קאָנפעקסיאָן" געשעפטן, און פאַרדינען עטלעכע סענט אַ טאָג, כדי מיר זאָלן קאָנען אָפּשפּאָרן אויף אַ שטיקל מעבל, אויף אַ טישל מיט פיר בענקלעך, און אפשר טאַקע, אויף אַ „שוואַרצן טאָג".

מיט דער צייט, האָט מיין פרוי אויפגעהערט צו אַרבעטן! זי איז געוואָרן אַ מוטער און געדאַרפט זיך זאָרגן פאַר איר קינד! אגב, איך, אַליין, האָב אויך אָנגעהויבן בעסער צו פאַרדינען! איך בין געווען אַ „קלאַפּער" ביי יענעם, דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן „פאַר זיך" און ווען דאָס צווייטע קינד איז ביי מיר געבוירן געוואָרן בין איך שוין געווען אַ גאַנצער גביר! איך האָב שוין געוואוינט אין צוויי צימערן, געהאַט אַן „אייגענע" קיך — דאָס הייסט: — אָן שותפות מיט דער בעל הבית'טע אָדער צווייטער שכנה. איך בין שוין געווען דער גליק-לעכסטער מענטש אין דער וועלט!

מיינע צוויי קינדער האָבן שוין געהאַט אַן אַנדער מזל! זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין אַ פריי לאַנד אונטער אַ פרייעם הימל! זיי האָבן נישט איבערגעלעבט קיין קעשענעווער פּאָגראָם, זיי האָט מען נישט געטריבן פון מאַנקיווקע — (אַ דאָרף אין אוקראַינע וואו איך האָב מיט 50 יאָר צוריק געלעבט), זיי האָבן נישט געהאַט אויף זיך קיין סטאָלי-פּינען מיט אַ גראַדאַנאַטשאַלניק, און אויף זייער פּאַספּאָרט איז נישט געשטאַנען דער צושריפט, ווי אויף מיינעם, אַז:

„ער איז גילטיק בלויז דאָרט, וואו אידן איז דערלויבט צו וואוינען".

זינט מיינע קינדער — אַ זון מיט אַ טאָכטער — זיינען געקומען אויף דער וועלט, האָב איך געטון אַלץ, אַז עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן! איך בין זעלטן געקומען אַ היים אָן אַ שפּילכל פאַר זיי! און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן גיין אין שולע — זיינען זייערע „גוואַרדעפּאַלוועס" געווען די שענסטע און ריינסטע! קיין שום בוך צום לערנען האָט זיי נישט געפעלט! צי איך האָב יאָ געהאַט אָדער נישט געהאַט — פ אַ ר ז יי — האָב איך געהאַט!

אין דער זעלבער צייט וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער רעגירונגס-שולע האָב איך זיי אויך געשיקט אין דער אידישער שולע! איך האָב געוואָלט אַז זיי זאָלן קענען די אידישע געשיכטע, די אידישע שפּראַך, די אידישע טראַדיציעס און זאָלן זיך פרייען, נישט בלויז ווען זיי דער-זעען אַ רויט בלעטל אויפן נישט אידישן קאַלענדאַר — וואָס דאָס איז

אַ סימן אַז מען איז פריי פון שולע — איך האָב געוואָלט אַז זיי זאָלן זיך אויך פרייען פון אַ אידישן יום-טוב! און, אַ חוץ דעם וואָס דער לערער פלעגט זיי לערנען אָדער דערציילן אין שולע, פלעג איך, אין דער היים, אין מיין פרייער צייט, דערגענצן זייערע קענטענישן בנוגע אידיש און אידנטום.

נו! אייך אָנהויבן צו דערציילן, מיין פרייד און גליק ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן גייען אין דער מ י ט ל - ש ו ל, צי איך זאָל אייך דערציילן ווי אַזוי איך האָב געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט, זיך ניט פאַר־גינען דאָס קלענסטע פאַרגעניגן, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו די ערשטע 10 טויזנט פּעזעס מיט וועלכע איך האָב געשטעלט אַ קליין פאַבריקל — איך גלויב אַז איך דאַרף ניט אויסנוצן אייער געדולד און צייט! אַ סך אידן ווי איך, האָבן אַזוי געטון, און עס טוט זיי ניט באַנק וואָס זיי האָבן אין די „גרינע יאָרן" געליטן! מיר זיינען געווען יונג און געזונט און געקאָנט אויסהאַלטן און איבערטראָגן אַלעס!

זעט איר, די קינדער האָבן ביי מיר ניט געליטן! אין „קינאָ" פלעגן זיי גייען צו די „עסטרענאָס" און צאָלן — אין יענע צייטן — 2 פּעזעס אַ בילעט און איך מיט מיין אַלטיטשקער פלעגן וואַרטן ביז דער זעלבער פילם איז געקומען אין אונדזער געגנט — אין אונדזער פאַרוואָרפן ווינקל — וואו מען האָט עס געוויזן פאַר... פאַר 30 סענט!

איך וועל זיך פאַר אייך אויך באַרימען אַז איך פלעג קאָנטראָלירן וועלכע פילמען זיי גייען זעען! איך האָב ניט געוואָלט אַז זיי זאָלן זיך אויפהאָדעווען אויף דער „קולטור" פון די „קאָוובאָי" פילמס, אָדער פּאָ־ליצייאישע אַוואַנטורעס און סתם וואו דער רעוואָלווער איז געווען דער „העלד" פון פילם! אַ סך מאָל, פלעגן מיר, איך און מיין פרוי, גייען פ ר י ע ר אָנקוקן דעם פילם וועלכן אונדזערע קינדער האָבן געוואָלט זעען און ערשט דערנאָך באַשטימט צי דאָס בילד איז צוגעפּאַסט פאַר זיי!...

איין פאַל איז מיר געבליבן אין זכרון! זיי זיינען געגאַנגען זעען אַ פילם, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט אַז קינדער האָבן שלעכט באַ־האַנדלט זייער מוטער. און זי האָט געדאַרפט אָנקומען צו ווערן אַ דינסט אין אַ האָטעל און וואַשן דאָרט די „פּאַדלאָגע": ווען די קינדער זיינען געקומען אַ היים, האָבן זיי אַרומגעכאַפּט דער מוטער קושן און האָבן געהאַלטן אין איין וויינען און... שעלטן יענע קינדער פון פילם!...

— —

איך בין, אַלזאָ, געווען זיכער, אַז מיינע קינדער וועלן אויסוואַקסן געטרייער ווי וועלכעס עס איז קינד אויף דער וועלט!

די יאָרן זיינען נישט געשטאַנען, זיינען, ממש,געפלויגן!

מיינע צוויי קינדער האָבן זיך גוט געלערנט! דער זון האָט צו 17 יאָר געענדיקט די מיטל-שול און צו 23 יאָר געוואָרן... אַ דאָקטאָר!

די טאָכטער — וועלכע איז יונגער פונעם זון מיט צוויי יאָר, האָט געענדיקט אַלס דרא. אין קימיקאַ, און אַלס פּראָפעסאָרא אין „פילאָסאָפיאַ אי לעטראַס"! מיין גליק איז געווען גרויס! אָבער... צו קיין פּרנסה איז ביי מיין זון ניט געקומען! ער האָט געעפנט איין קאָנסולטאָריע און אַ צווייטע אין אַ צווייטן געגנט און... ווען א י ך זאָל ניט געווען צאָלן קיין דירה-געלט — וואָלט אים ניט געסטייעט!...

און דאָ, רוקן זיך די יאָרן! ער איז שוין אַ בחור פון 27 און פון 28 יאָר, מען רעדט אים שדוכים, מען רעדט מיין טאָכטער שדוכים.. איך האָב שוין געהאַט יסורים אַז זיי וועלן „פאַרזיצן"! איך פלעג מיט זיי, ביים טיש, רעדן וועגן דעם, אָבער, זיי האָבן מיך באַרואיקט! זיי וועלן שוין זייערס געפינען! איך האָב שוין געהאַט חרטה געהאַט אויפן גאַנצן לערנען זייערס! ווען זיי זיינען ניט קיין דאָקטוירים, נאָר פּשוטע קינדער פון אַ פּשוטן אינדוסטריאַל, וואָלטן זיי לייכטער זיך צוגעקליבן אַ שדוך! אָבער גאָט האָט מיך ניט פאַרלאָזט! אין אַ שיינעם טאָג, ברענגען מיר די קינדער אַ היים: — מיין זון — אַ שיין אידיש מיידל און מיין טאָכטער — אַ פיינעם בחור — אויך אַ פּראָפעסיאָנאַל, און נאָך אַ... שלמזל דערצו! אַ מלמד — אַנטשולדיקט — אַ פּ ר אָ פ ע ס אָ ר אין אַ רעגירונגס שול. וואָס האָט — אין יענע יאָרן — פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע, און מען שטעלט אונז — מיר מיט מיין אַלטיטשקער — פאַר אַלעם חתן-כלה!

דעם אמת אייך זאָגן, האָט עס מיך דעמאָלט פאַרדראָסן! איך פלעג פאַנטאַזירן, אַז ווען מיינע קינדער וועלן געפינען זייערע באַשערטע, וועלן זיי, לפנים, קומען פריער און אונז פ ר ע ג ן! פרעגן צי דער שידוך געפעלט אונז, צי די מחותנים זיינען צוגעפּאַסט פאַר אונדז! אפשר זיינען גאָר די מחותנים פון א ז א קלאַס מענטשן וועלכע טאָרן אין קיין אידישער שטוב נישט אריינקומען!...

אָבער, פאַרפאַלן! מיר זיינען געשטאַנען פאַר אַ געשעענעם פאַקט! און דאַנקען גאָט דערפאַר! עס האָט זיך אויסגעלאָזט גוט!

זייער וואוילע קינדער, וואוילע, פיינע מחותנים, און
איך פראַווע צוויי שיינע חתונות!

מיין זון און מיין איידעם דער פּראָפעסאָר פון דער „קאָלעכיאָ סעקונדאַריאַ" פאָלגן מיין עצה! צו וואָס דאַרפן זיי זיצן און וואַרטן אויף אַ

פינפערל פון אַ קראַנקן אָדער מען זאָל זיי אין „קאָלעכיאַ" באַצאָלן דעם געהאַלטן פון 5 חדשים צוריק — זיי טרעטן אַריין צו מיר אין פאַבריק אַלס „האַביליטאַדאָס"! שפּעטער װעלן זיי װערן שותפים! — זאָג איך זיי צו — און

— זיי האָבן שיין פּרנסה!

— —

די קינדער האָבן אָפּגעאַרבעט מיט מיר אַ פּאָר יאָר אין געשעפט! זיי פלעגן אַרויסנעמען אַ שײנעם מאָנאַטלעכן געהאַלט, און נאָך ענדע יאָר, האָט יעדער איינער פון זיי באַקומען אַ פּאָר צענדליג טויזנט פּעזעס אַלס באַזונדער פאַרדינסט!

צו װאָס לייקענען? — די מלחמה־יאָרן האָבן מיר צוגעשפּילט! מיין פאַבריק האָט געאַרבעט דריי טורנעס — 24 שעה אין מעת לעת, די פּראָדוקציע פון מיין פאַבריק איז געװען פאַרקויפט אויף אַ יאָר פאַר־אויס! איך בין געװאָרן רייכער פון טאָג צו טאָג און מיט מיר — האָבן מיינע קינדער געשטיגן אין עשירות. דאָך, האָב איך באַמערקט אין זיי אַ אומצופרידנהייט! איך האָב ניט געװאוסט פאַרװאָס! דוכט זיך, אַז צו מ י ר דאַרפן זיי גאַרניט האָבן! אָבער — דורך מיין אידענע — אַ מאַמע בלייבט אַ מאַמע — בין איך געװאויר געװאָרן די אורזאַכע פון זייער אומצופרידנהייט:

— זיי באַנוגענען זיך ניט מיט זייער לאַגע אַלס „האַביליטאַדאָס" — זיי װילן װערן ש ו ת פ י ם!

אין אַ שײנעם טאָג האָב איך זיי געמעלדעט, אַז ענדע יאָר, מאַך איך אַ באַלאַנס און פון נייעם יאָר אָן זיינען ז יי שותפים אויף 50 פּראָצענט און א י ך 50!

נו! צו זייער גליק איז קיין סוף נישט געװען! זיי זיינען געװאָרן שותפים, גלייכע בעלי הבתים פון פאַבריק און פון די פאַרדינסטן!

דאָס שותפות האָט אָנגעהאַלטן אַזױ ביז ענדע 1946! דער באַלאַנס פון יאָר האָט אַרויסגעװיזן, אַז — נאָך אַלע הוצאות און שטייערן און העכערונג דעם פּערסאָנאַל — איז געבליבן ריין פאַרדינסט העכער

— 200.000 פּעזעס פאַר יעדן איינעם פון די צדדים!

נאָך אַזאַ פאַרדינסט, װאָלטן דאָך די קינדער געדאַרפט זיין גליקלעך

— לאָזט זיך אויס, אַז ניין! עפּעס איז ניט גלאַט! מען איז ניט צופרידן! און, װידער, טאַקע, דורך דער „פּאַטשט" װאָס הייסט אַ א י ד י ש ע מ אַ מ ע , װער איך געװאוירע, אַז...

איך „מאַלעסטיר" אין געשעפט!

איך, מיט מיין אַנוועזנהייט אין פאַבריק, ברענג איך בלויז שאָדן! די פאַבריק וואָלט געווען די גרעסטע אין לאַנד, די פירמע „ווינאַקור עט קאָמפּ.” וואָלט געווען די וויכטיקסטע אין לאַנד, נאָך א י ך, דער „אַלטער” דערלאָזט ניט! זיי, די „יונגע” ווילן די פאַבריק מאָדערניזירן! זיי, די „יונגע” ווילן אַריינעמען נייע מאַשינען וואָס וואָלטן אַריינגע־בראַכט אַ גרויסע עקאָנאָמיע אין אַרבעטס־הענט, נאָר איך, דער „אַל־טער” דערלאָזט ניט!

חוץ דעם, ברענג איך שאָדן דער... דיסציפּלין פון פאַבריק! ווען איך קום אַריין, שטעל איך זיך אַוועק רעדן מיט די אַלטע און עלטערע אַרבעטער, איז, אַ חוץ דעם, וואָס זייער צייט קאָסט געלט — ברעכט עס די דיסציפּלין פון פאַבריק ווען מען „חברט” זיך מיט זיי!...

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט ביים פראַוועון דעם געבורטסטאָג פון מיין דריט איינִיקל, די גאַנצע פאַמיליע איז ביי מיר און מען פאַרברענגט צופרידן און גליקלעך, באַמערק איך ווי מיין זון און מיין איידעם, ווילן עפּעס מיט מיר רעדן!

איך מאַך ניט קיין לאַנגע צערעמאָניעס, רוף זיי אַריין אין מיין שרייב־צימער, און הייס זיי צוטרעטן צום עיקר!

די קינדער, האַלב שעמעוודיק, הייבן אָן רעדן, דערקלערן און מיר אויפווייזן אַז איך האָב שוין גענוג געאַרבעט אויף מיין לעבן, אַז עס קומט מיר שוין אַ פאַרדינטער אָפּרו! אַז אין פאַבריק ברענג איך שוין נישט קיין נוצן! פונקט פאַרקערט — שאָדן! אַזוי ווי א י ך בין פון דער אַלטער וועלט — פאַרשטיי איך ניט דאָס לעבן פון דער אַטאָמישער ערא! און בכלל, — פּאַפּאַ, — טענהט מיין זון! ביז וואַנען וועסטו האָרעווען? פאַר דיין געלט וואָס דו האָסט געמאַכט, קאָנסטו לעבן 1000 יאָר און עסן אַלע טאָג געפּרעגלטע טייבעלעך!

אַלזאָ! אין קורצן! זיי לייגן מיר פאָר, אַז איך זאָל זיך א י נ ג א נ צ ן צוריקציען פון פאַבריק, און איך זאָל זיך אָפּגעבן מיט מיין געזונט, מיט דער מאַמעס געזונט, און מיט... קהלשע ענינים!..

און וואָס וועט אייך פעלן? — טענהט מיין איידעם — דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און אַ טויזנטער אין קעשענע!

דאָ, אינמיטן געשפּרעך, איז שוין אויך אַריינגעקומען די טאָכטער און די שניר, זיי האָבן שוין געוואוסט פון וואָס מיר וו ע ל ן רעדן!.. און, פאַרשטייט זיך, אַז זיי געבן צו גערעכט זייערע מענער!

אָבער — אינמיטן געשפּרעך קומט, נישט ווילנדיק, אַרויס אַ קריג צווישן די קינדער!

דער זון און די שניר זאָגן, אַז איך און מיין אַלטיטשקע דאַרפן

בלייבן וואוינען מיט זיי! זיי געבן אונז אָפּ צוויי שיינע צימערן! דער זון טענהט בכלל, אַז ער איז אַ בכור, און אים קומט דער כבוד, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן וואוינען ביי אים! חוץ דעם — טענהט דער זון, וועט ער מיך דאַרפן אָפּט האָבן כדי צו פרעגן ביי מיר אַ עצה! אין פאַבריק!

די טאָכטער מיטן איידעם טענה'ן אַז, דאָס — פאַר קיין געלט ניט! זי איז אַ טאָכטער! זי וועט וויסן ווי אַזוי מען היט אָפּ אַ מאַמען! און — אויב טאַטע־מאַמע זאָלן נישט וואוינען ביי איר — וויל זי דאָס גאַנצע געשעפט ניט!...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? טרערן האָבן מיר זיך געשטעלט אין די אויגן! איך האָב אין אַ מאָמענט געטראַכט:

פאַר וואָסערע מעשים טובים קומט מיר אַזאַ זכות ביי גאָט צו האָבן אַזעלכע געטרייע קינדער!

איך בין געווען איבערגליקלעך אין אָט דעם מאָמענט! און נישט לאַנג טראַכטנדיק האָב איך געזאָגט:

ווייסט איר וואָס, קינדער, אפשר זענט איר טאַקע גערעכט! צו וואָס אַזוי פיל האַרעווען? איך וועל שוין, מיט דער מאַמען, זאָל לעבן, זיך אָפּרוען דאָס ביסל יאָרן וואָס עס איז אונז געבליבן! און כדי איר זאָלט ביידע בלייבן שלום און נישט זיין אייפערזיכטיק איינס אויפן אַנדערן, וועלן מיר — איך און די מאַמע — זיך אַנדונגען קעסט אין אַ שיינעם האָטעל, מירן דאָרט אָפּדינגען צוויי־דריי גרויסע צימערן, און עס וועט זיין לייכטער פאַר אייך און נאָך לייכטער פאַר דער מאַמען!

דערהערט אָט די רייד, איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער פּראָטעסט פון אַלע!

ניין און ניין! ס'הייסט, טאַטע־מאַמע וועלן וואוינען אין אַ האָטעל! נאַ סעניאָר! מען טאָר דערפון נישט טראַכטן! און ווידער דאָס זעלבע:

דער זון וויל מיר זאָלן וואוינען צוזאַמען מיט אים, און די טאָכטער טענה'ט, אַז ב י י א י ר לעבן, וועט זי עס נישט דערלאָזן!

נו! דערהערט אַזעלכע רייד, רוף איך זיך אָפּ:

שאַט קינדער! איך האָב אַ עצה! איך וועל אייך ביידע שטעלן צופרידן! מיין פּלאַן איז פאָלגענדער:

פון חול המועד פסח ביז חול המועד סוכות וועלן מיר זיין ביי סעליאַן (אַזוי הייסט מיין טאָכטער) און פון חול המועד סוכות ביז חול המועד פסח — וועלן מיר זיין ביי סאַמועלן (אַזוי הייסט מיין זון).

נו! מילא! מיין זון האָט נישט געוואָלט און מיין טאָכטער האָט ווייטער פּראָטעסטירט, אָבער ער איז געבליבן אַזוי!

איך האָב אויפגעהערט צו קומען אין געשעפט! כ'האָב אויפגעגעבן

מיין גרויסע וואוינונג מיט די 8 צימערן און גענומען 20 טויזנט פּעזאָס שליסל-געלט, און האָב זיך אַריינגעצויגן צו מיין זון — אים איז טאַקע געקומען די בכורה!

ווען מיינע קינדער האָבן מיט מיר גערעדט פון צוריקציען זיך פון די געשעפטן און פון פאַרלאָזן די פאַבריק, האָב איך געמיינט, פּשוטו כמשמעו! דאָס הייסט, איך דאַרף אויפהערן קומען אין פאַבריק, איך דאַרף אויפהערן זיך מישן צו דער אַרבעט, עס דאַרף מיך נשט אינטערעסירן ו ו ע מ ע ן מען פאַרקויפט, פאַר ו ו י פ י ל מען פאַרקויפט און ווי אַזוי מען פאַרקויפט!

דאָס איינציקע וואָס איך וועל נאָר דאַרפן טון, איז קומען דעם ערשטן פון יעדן חודש אין דער אָפּיסינע, צוגייען צו דער קאַסע, זיך אַרויסנעמען אַ פּאָר טויזנט פּעזעס אויף הוצאות און ספּעציעל פאַר די קהלישע ענינים אין וועלכע איך האָב אַקטוואירט מיין גאַנץ לעבן. לשם קאָנטראָל, וועל איך מעלדן די קינדער, אַז איך האָב גענומען כך וכך פון דער קאַסע — און דערמיט איז פאַרענדיקט!

האָט זיך אָבער מיט דער צייט אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט פּראַקטיש! לויט מיין קאָנטראַקט מיט די קינדער, האָב א י ך געדאַרפט אונטערשרייבן די טשעקן! די בענק, די „געשעפטס-הייזער" מיט וועלכע מיר האָבן געאַרבעט, האָבן מ י ך געקאָנט פאַר בעל הבית! איז אויסגעקומען אַזוי:

אָדער — אָדער:

אָדער, איך דאַרף קומען אַלע טאָג אין פאַבריק און אונטערשרייבן די נויטיקע פּאַפּירן, אָדער איך דאַרף געבן די קינדער אַ „פּאָדער כענעראַל", אַז זיי זיינען די בעלי-הבתים פון פאַבריק און געשעפט!

און אַזוי ווי קומען אין געשעפט אַלע טאָג האָב איך נשט געטראַכט אפילו, און אַזוי ווי איך האָב געהאַט פולן צוטרוי צו זיי — חוץ דעם — האָט זיך עס גלאַט געלוינט... טראַכט איך:

וואָס איז מיר די נפקא מינה, צי זיי ירשענען מיך ביים לעבן, צי גאָר איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר!

נעם איך אין אַ מאָנטיק ביי טאָג, גיי אַוועק צו אַ עסקריבאַנאָ, און ברענג זיי אַ פאַרטיק פּאַפּיר!

זיי — דער זון און דער איידעם, זיינען די פולשטענדיקע און פול בארעכטיקטע בעלי-הבתים פון דער פאַבריק! זיי מעגן פאַרקויפן, קויפן, טון וואָס זיי ווילן, ווייל...

זיי זיינען די א י נ צ י ק ע בלי-הבתים און איך בין א ו י ס שותף!

דעם טאָג ווען איך האָב זיי איבערגעגעבן אַט דאָס פּאַפּיר, איז אין שטוב געווען ששון ושמחה! מען האָט געפּראַוועט אַ שיינע וועטשערע לכבוד אונז. און מען האָט געהוליעט ביז טאָג! געבליבן איז אויך, אַז איך וועל נישט דאַרפן קומען אין פאַבריק נעמען מיין „פּענסיע”, וועלכע איז אומבאַגרעניצט — איך קאָן נעמען וויפיל מיין הארץ גלוסט — נאָר איך וועל רעדן טעלעפאָניש וועט מען מיר — מיטן קאָנטאָדאָר — תיכף צושיקן אין מזומן!...

— —

די ערשטע צוויי-דריי חדשים, איז טאַקע אַזוי געווען! איך האָב פּונקט געדאַרפט האָבן געלט צו באַצאָלן אין אַ שול וואָס איך האָב מנדר געווען ביי אַ גרונטשטיין-לייגן, איך האָב געהאַט נאָך אַ פּאָר לויפענדע חשבונות צו צאָלן — האָט מען מיר תיכף צוגעשיקט אין אַ קאָנווערט וויפיל איך האָב געבעטן!

דעם פערטן חודש, האָט שוין געדויערט 2 טעג ביז מען האָט מיר געשיקט! געווען אַ תירוץ, אַז דער קאָנטאָדאָר איז נישט געקומען צו דער אַרבעט!

מיט אַ חודש שפּעטער, האָב איך געדאַרפט האָבן צוויי טויזנט פּעזעס „עקסטראַ” אויף אַ שיפסקאַרטע פאַר מיינער אַ פּלימעניצע פון אייראָפּע, האָט מען מיך אָפּגעצויגן גאַנצע אַכט טעג! אי דאָס האָב איך געמוזט קומען אין פאַבריק נאָכן געלט!...

איך האָט אָנגעהויבן איבערטראַכטן עפּעס אַנדערש! עס איז מיר געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז אפשר זיינען די געשעפטן אָוועק שלעכט און מען נויטיקט זיך גאָר אין געלט, דערפאַר שיקט מען מיר נישט אַזוי שנעל ווען איך פאָדער געלט פון פאַבריק! איך האָב געפּרואווט אַ פרעג טון מיין זון, ווי אַזוי גייען די געשעפטן? האָט ער עפּעס אַ מורמל געטון און איך האָב גאָרנישט אַרויסגענומען פון זיין ענטפער! נו: אַזוי ווי אין די בענק האָט מען מיך געקאָנט אַלס אַלטע בעל הבית, האָב איך דאָרט „אָנגעטאַפּט” אַז די געשעפטן זיינען גלענצנד און זייער קרעדיט אין באַנק ווערט פון זיי נישט אויסגענוצט און פונקט פאַרקערט: זיי האָבן אַ סך געלט אין „שפּאַר-קאַסע”.

איך האָב אויך אין פאַבריק זיך נאָכגעפרעגט ביי פאַרטרויאונגס-מענטשן מיינע, וועלכע האָבן מיר דערציילט, אַז די געשעפטן גייען זייער גוט!...

ווי זשע קומט עס וואָס זיי באַהאַנדלען מיך אַזוי?

דערווייל איז אָנגעלאָפן חול המועד פסח. דעם ערשטן סדר האָב

איך געפּראַוועט ביים זון און דעם צווייטן בין איך געקומען צו דער טאָכ־טער פּראַוועז! שוין דער ערשטער סדר, אין דער פרעמד, איז געווען אַנ־דערש! ביז היינטיקס יאָר, פלעג איך פּראַוועז דעם סדר ביי זיך, און ביים טיש זיינען געזעסן אַלע קינדער און די אייניקלעך, און מיין זונס עלטער בחורל האָט געפרעגט די קשיות!

היינטיקס יאָר, האָט מען שוין געפּראַוועט באַזונדער, און ביי דער טאָכטער איז נישט געווען ווער עס זאָל פרעגן די קשיות! און בכלל איז דער סדר געווען אַ אָפּקומעניש פאַר מיר און פאַר זיי! און... מען האָט אים טאַקע נישט פאַרענדיקט! אינמיטן סדר האָט מען מיך געלאָזט אַליין מיט דער אַלטיטשקער און מען איז געגאַנגען שלאָפן!...

— —

אונזערע זעקס חדשים לעבן ביי דער טאָכטער זיינען געווען, ניט קיין איבעריק גליקלעכע! איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז זי קריגט זיך אָפּט מיטן מאַן, ווייל ער גייט אַוועק ביז טאָג שפּילן אין פּאָקער! עס איז געקומען דערצו, אַז זי האָט אים אפילו אויסגעוואָרפן, אַז ער האַלט אוים מיט איר געלט — מיט איר פּאָטערס פאַרמעגן — אַ געליבטע אין אַ האָטעל, און ער — דער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט געליען אַן אנצוג ווען ער איז געקומען זיך פאַר מיר פאָרשטעלן אַלס מיין טאָכטערס חתן — ער האָט נישט געפּרואווט אָפּלייקענען די באַשולדיקונג!...

איך, אַלס מאַנסביל, האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף זיך נישט מישן צווישן פאַר־פאָלק! מיין אידענע, מיין שרה'קע, האָט נישט געקאָנט אויס־האַלטן און דוקא, יאָ אַמאָל זיך אַריינגעמישט און דוקא — לטובת דעם איידעם! זי האָט פשוט געזאָגט מיין טאָכטער, אַז אויב זי האָט נישט קיין באַווייזן — טאָר זי אַזעלכע חשדים נישט אַרויסברענגען אויף די ליפּן!

נו! האָט זי די טאָכטער גוט אָפּגעזידלט און איר געהייסן פאַרמאַכן דאָס מויל!

האָט טאַקע מיין אידענע פאַרמאַכט דאָס מויל, אָבער געהאַלטן אָפן די אויגן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין וויינען!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין איבערגעגאַנגען צוריק צו מיין זון אויף קעסט! די זעקס חדשים ביי מיין טאָכטער זיינען געווען שווערע און פיינלעכע! אָבער — איך האָב געשוויגן און געליטן!

אָבער, נישט בלויז ד אָ ס האָב איך געליטן! איך האָב אויך דערפילט דעם טעם פון דחקות! מען האָט זיך שוין מיט מיר נישט צערע־מאָניעט! איך האָב געבעטן געלט — אויב די סומע איז געווען אַ גרעסערע פון אַ הונדערטער — האָט שוין געדויערט ביז מען האָט געגעבן! מען פלעגט מיר שוין אויך נישט שיקן אַ היים — נאָר איך פלעג קומען אין פאַבריק און אָפּט אָפּט געוואַרט אַ שעה און צוויי ביז מען האָט מיך אַטענדירט!

איך פלעג וועלן מאַכן צו קליין געלט ד אָ ס, וואָס מען הייסט מיר וואַרטן, און דערוויל גערעדט מיט אַן אַלטן אַרבעטער אָדער באַאַמטן — האָט מען עס באַמערקט און מען האָט מ י ר איידל געגעבן אָנצו־הערן, אַז איך זאָל נישט צונעמען דעם אַרבעטערס צייט!...

אַט אַזוי האָבן זיך ווידער פאַרצויגן עטלעכע חדשים ביז...

— —

ה׳ ווינאָקור ווישט זיך אָפּ דעם קאַלטן שוויים פון שטערן, טרינקט אויס נאָך אַ גלאָז קאַלטע וואַסער וואָס ער האָט געבעטן און זעצט פאָר:

דאָס איז געווען פאַראַיאָרן פורים! דעם טאָג וועל איך געדענקען אַלע טעג, חדשים און יאָרן וואָס איך וועל נאָך לעבן! איך קום „אַהיים" פון שול פון דער מגילה! גראָדע האָבן מיר געהאַט אַ פריילעכן פורים אין שול! מען האָט גענומען אַ שנאַפּס און זיך געוואונטשן דערלעבן אַ נקמה אין אַלע המנ׳ס — פון לבן הארמי ביז בעווינען! און מיר האָבן אפילו, אין שול, נאָכן דאַווענען, געכאַפּט אַ טענצל!

איך קום אַריין אין שטוב, הער איך און דערקען מיין טאָכטערס קול׳כל! (מיר האָבן געוואוינט ביים זון! עס איז געווען ז יי ן „טורנאָ") און די טאָכטער שרייט היסטעריש!

נאָ, אי נאָ! מיר האָבן אָפּגערעדט, ח ו ל ה מ ו ע ר פסח — דאַרפן זיי קומען צו מיר ח ו ל ה מ ו ע ד פסח!

די שניר ווידער טענה׳ט: וואָס מיר חול המועד — שמול המועד! דער שווער און שוויגער זיינען זעקס מאָנאַטן ביי מיר און זעקס ביי דיר! היינט האָבן זיך געענדיקט די זעקס מאָנאַטן — דאַרפן זיי גייען צו דיר! און צ ו ל י ב ד ע ם האָב איך דיך גערופן צו מיר היינט אויף מיטיק! איך וויל נישט וויסן! דו דאַרפסט נעמען די אַ ל ט ע צו זיך!

טענה׳ט די טאָכטער, אַז ה יי נ ט י ק ס י אָ ר איז אַ „עיבור־יאָר" און עס איז נאָך נישט חול המועד פסח!

די שניר לאַכט פון אָט די „פאַנאַטישע אידישע מנהגים" פון „עיבר־יאָר", און וויל נישט וויסן! געענדיקט די זעקס מאָנאַטן וויל זי אונז ניט האָבן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאָגט מיר, וואָס איר ווילט, ס'איז טאַקע נישט שיין, אַז מען הערט זיך צו אונטער דער טיר, וואָס מען רעדט! אָבער — מען מוז אַמאָל הערן! עס קומט צונוץ!

אַנשטאָט אַריינגייען אין קאָמעדאָר וואו מיינע קינדער זיינען געזעסן ביים טיש, געגעסן מיטיק און זיך... געקריגט איבער טאַטע־מאַמע און יע־דער איינער האָט געוואָלט, אַז די אַלטע זאָלן זיין ביים צווייטן — בין איך אַריין צו מיר אין צימער אַוועקלייגן דעם טלית און ע פ ע ס אַריינגע־לייגט צו מיר אין קעשענע! אויפן בעט איז געלעגן מיין שרה'קע, מיין טייערע לעבנס־באַגלייטערן און האָט געוויינט! זי האָט שוין געוואוסט פון דער קריג, וואָס דאָרט קומט פאָר! די ש נ י ר האָט איר שוין גע־הייסן זיך איינפּאַקעווען און די טאָכטער זאָגט, אַז זי וועט זי ביז חול המועד נישט אַריינלאָזן אין שטוב!...

איך גיב אַ האָסטיקן עפן די טיר און גיי אַריין אין קאָמעדאָר.

די קינדער האָבן מיך געזעען, זיינען זיי געבליבן אַביסל צעמישט, אָבער מען איז באַלד געקומען צו זיך און פאַרגעזעצט... דעם קריג!

דער זון — מיין בכוד — איז געזעסן אויבן־אָן, נישט גענומען קיין אַנטייל אין קריג, אָבער מ י ר האָט ער פאַרזיכערט, אַז...

זיין ווייב איז גערעכט!

וואָסערע חול המועד — שמול המועד! מען דאַרף רעכענען אַלע זעקס חדשים אי באַסטאַ!

איך נעם זיך אָן מיט האַרץ און פרעג:

נו! קינדער! וואָס זשע טוט מען טאַקע מיט אַ עיבור־יאָר? וואוהין זאָל איך גייען מיט דער מאַמען?

רופט זיך אָפּ מיין „טייערער" זון:

די זאַך איז אָט וואָס:

אויף אָט דעם מאָנאַט דאַרפסטו זיך אָנדינגען קעסט אין אַ האָטעל — אָבער, פאַרשטייט זיך, אויף ד יי נ ע הוצאות! דאַרפסט אָפּשפּאָרן פון די געלטער וואָס מען גיט דיר, אַז עס זאָל דיר סטייען זיך אַליין אויס־האַלטן אַ מאָנאַט! און ער זעצט פאָר אין אַ דראָענדן טאָן:

בכלל, איז שוין צייט, אַז זאָלסט אויפהערן זיך וואַרפן מיט א ו נ־

זער געלט אויף אַלע אַנשטאַלטן! אַמאָל װען דו האָסט געהאַדעװעט אויפן געלט האָסטו געטײלט יעדן שלעפּער, װאָס איז צו דיר געקומען! הײַנט פאַרגעס נישט, אַז מיר האַרעװען דערױף! און מיר האָבן נישט קײן איבעריקע געלטער פאַר אַלע דײַנע אינסטיטוציעס! אַ חוץ — אין חברה קדישאַ!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָ! מער האָב איך נישט געקאָנט אױסהאַלטן! איך בין אַרײַנגעלאָפן אין צימער, אַרױסגענומען מײַן פּרוי פון בעט, און צוזאַמען מיט איר אַרײַן צוריק אין קאָמעדאָר! די קינדער זײַנען נאָך געזעסן אַרום טיש! דער אײדעם, מײַן „טײַערער" פּראָפעסאָר איז אויך נאָר־װאָס אָנגעקומען!

די קינדער האָבן עפּעס פאַרשטאַנען, אַז דאָ, װעט פאָרקומען עפּעס נײַעס! זײ האָבן זיך געריכט, אַז איך װעל זײ מעלדן, אַז איך מיט דער מאַמען גײען אַװעק אין מושב זקנים!

איך האָב זײ טאַקע געמאָלדן — אָבער גאָר עפּעס אַנדערש!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

הערט זשע זיך אײַן, קינדער מײַנע, — האָב איך זײ געזאָגט, — װען איך בין אַרײַנגעקומען און אונטערגעהאַלטן מײַן פּרוי זי זאָל נישט אומפאַלן, — אַזױ שװאַך איז זי געװען! — הערט אײך אײַן!

איר האָט געהאַט אַ גרױסן טעות, און איר לעבט נאָך איצט אויך אין טעות!

װען איך האָב אײך איבערגעגעבן מײַן פאַרמעגן, האָב איך אויף אַ מינוט אַ טראַכט געטון, אפשר? אפשר קאָן קומען צו אַזאַ מאָמענט װי איך לעב איצט איבער. און כאָטש איך האָב אויף אײך ניט געגלױבט, בפרט נאָך, װען איך האָב געזעען װי אַזױ איר שלאָגט זיך איבער מיר, און װילט דװקא, אַז מיר זאָלן בלײַבן בײַ אײך... דאָך, האָב איך געװאָלט זײַן פאָרזיכטיק, און נישט איבערגעשריבן אויף אײך מײַן שטוב װאָס איך האָב אויף דער גאַס באַזשאַקאַ, װאָס איז איצט װערט אַ מיליאָן פּעזעס, און איך האָב אײך אויך נישט אַװעקגעשאָנקען מײַנע צװײ בײַכעלעך פון שפּאָר־קאַסע (קאַכאַ דע אַהאָראָס), אײן ביכל אויף מײַן נאָמען אויף דער סומע פון צװײ הונדערט טױזנט פּעזעס און אײן ביכל אויף דער מאַמעס נאָמען אויף 150 טױזנט פּעזעס...

אַזוי אַרום, קינדערלעך, אַז איר דאַרפֿט זיך נישט קריגן איצט איבער מיר — ביי ווענמען איך דאַרף זיין דעם איבעריקן חודש פֿון עבור-יאָר! איך האָב, ברוך השם, מיט וואָס איבערצולעבן אַ מאָנאַט און טויזנט מאָנאַטן אויך!

און נאָך אַ זאַך:

ווען איך האָב אייך איבערגעגעבן דעם שריפֿט אַז איך זאָג זיך אָפּ פֿון דער פֿאַבריק און גיב זי אייך אַבער, האָט איר — פֿאַר גרויס פֿרייד —- אַפֿילו נישט געפֿונען פֿאַר נויטיק אַ קוק טון און גוט איבערלייענען וואָס דאָרט שרייבט זיך. ווען איר זאָלט זיך געוווען נעמען די מי איבער-צולייענען, וואָלט איר דאָרט געוווען געטראָפֿן אָנגעשריבן אַז:

אין משך פֿון די ערשטע פֿינף יאָר, האָט איך רעכט צו אַנו-לירן דעם קאָנטראַקט, דעם גאַנצן „פֿאַרקויף״ און, אָן שום וואָרענונג, קאָן איך צו יעדן טאָג און צו יעדער שעה, ווידער איבערנעמען די פֿאַ-בריק און ווערן דאָרט דער איין-און-איינציקער בעל הבית!... איך וואָלט עס געדאַרפֿט טון, איך וואָלט אייך געדאַרפֿט משלח זיין פֿון דער פֿאַבריק און אייך שיקן צו אייערע „פּרנסות״! איר האָט עס כשר פֿאַרדינט, ווייל איר האָט געהאַנדלט אומענטשלעך! איך וועל אַפֿילו זאָגן, פֿאַרברעכע-ריש! אַלנפֿאַלס — נישט אָנשטענדיק בנוגע טאַטע-מאַמע! איר האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מקיים צו זיין דעם וויכטיקסטן געבאָט פֿון מענטשלעכן לעבן, דעם „כבוד אב ואם״ און איצט וועט איר ליידן די קאָנסעקווענצן.

דערביי האָב איך אַרויסגענומען די צוויי באַנק ביכלעך און די עסקריטורא פֿון דער שטוב און זיי צוגעטראָגן מיינע קינדער צו דער נאָז!...

— —

איר קאָנט זיך שוין פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ פּנים מיינע קינדער האָבן אויסגעשטעלט ווען זיי האָבן דערזען די באַנק-ביכלעך מיט דער עסקריטורא! איך האָב זיי אָבער לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן און פֿאַר-געזעצט:

איצט, נאָך אַ זאַך:

לויט דער לאָגיק, וואָלט איך געדאַרפֿט תיכּף מאַכן אַ באַלאַנס און אייך אַרויסצאָלן אייער חלק, און... גייט אייך געזונטערהייט!

איך בין אָבער אַ טאַטע! און נישט אומזיסט שטייט געשריבן „כרחם אב על בנים״ — ווי אַ טאַטע דערבאַרימט זיך איבער זיינע קינדער״! פֿאָלגלעך, וועט פֿון היינט אָן זיין אַזוי:

איר וועט ביידע בלייבן אין פאַבריק ווי געווען! איר וועט בלייבן מיינע שותפים אויף 50 פּראָצענט, אָבער, קיין טשעקן אָדער אַנדערע ווערט־פּאַפּירן, וועט איר — אָ ן מ י ר — נישט קאָנען אונטערשרייבן! איר וועט ווידער און ווייטער, האָבן פּרנסה איבערן קאָפּ, אָבער קיין מאַכט, קיין בעלי הבתים איבער דער פאַבריק און איבער די מענטשן וועט איר שוין נישט זיין!... און,

הערט אייך גוט צו:

אַז איך וועל אַריינקומען אין פאַבריק, ווייל איך האָבן דעם רעס־פּעקט — אַלס בעל הבית, — נישט נאָר פון די אַרבעטער — נאָר אויך פון אייך!..

פאַרענדיקט דאָס, האָב איך געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און מיט מיין פרוי אַוועק פון דער שטוב!...

— —

ס'איז שוין אַוועק אַ יאָר זינט יענעם פּורים! איך קום אין פאַבריק דריי מאָל אין וואָך, איך שרייב אונטער די נויטיקע פּאַפּירן, קוק איבער — וואָס מיך אינטערעסירט — און גיי אַוועק! איך האָב אַוועקגעזעצט אין פאַבריק מיינעם אַ בוכהאַלטער — אַ פאַרטרויאונגס מענטש, וועל־כער אינפאָרמירט מיך פון יעדער קלייניקייט! זיי, די קינדער האָבן שוין געשיקט צו מיר צענדליקער שליחים מיך בעטן אַז איך זאָל זיי מוחל זיין! זיי ווילן פון אונז גאָרניט! זיי ווילן בלויז, אַז מיר זאָלן זיי מוחל זיין! זיי ווילן אַז מיר זאָלן קומען צו זיי כאָטש צו גאַסט!

אָבער — זיי האָבן עס ביי מיר נישט געפועלט! אַפילו מיין פרוי — כאָטש אַ מאַמע — ווייל פון זיי נישט וויסן! ערשט דערנאָך בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז מיין פרוי פלעגט אַ ל יי ן וואַשן און פּרעסן אונזער גרייט, כאָטש אין שטוב איז געווען אַ דינסט! איך, אַלס טאַטע, האָב די גאַנצע צייט געליטן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז מיינע קינדער וועלן זיך אומקוקן, אַז זיי באַגייען אַ עולה קעגן מיר! זי, די מוטער, האָט פּשוט געליטן פיזיש פון זיי און פלעגט עס מיר נישט דערציילן! וואָלט איך געווען געוואוסט וויפיל מיין אָרימע פרוי האָט געליטן, וואָלט איך שוין לאַנג געווען געמאַכט אַ סוף דערצו! איך, ווען איך האָב געליטן, האָב איך געמיינט און געהאָפט אַז עס וועט זיך דערוועקן אין זיי דער געפיל פון יושר, פון דאַנקבאַרקייט, און זיי וועלן צוריק אונז אָפּגעבן דעם כבוד וואָס אונז איז געקומען!

האָבן זיי עס נישט געטון — ווייל איך פון זיי נישט וויסן און זייער רשעות קאָסט זיי אַ פאַרמעגן! מיליאָנען פּעזעס!

— —

דאָך וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד! מיין געשיכטע ענדיקט זיך גאָר אַנדערש ווי איך אַליין האָב געמיינט אַז זי וועט זיך ענדיקן! מעגלעך אַז מיינע קינדער וואָלט איך טאַקע נישט מוחל געווען זייער באַנעמונג צו אונז, עלטערן! אָבער! יאָ! פאַראַן אַ „אָבער"

— די אייניקלעך!

איך האָב, דריי שיינע ברילייאַנטענע אייניקלעך! זיי זיינען אומשולדיק וואָס זייערע עלטערן האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך באַנעמען מיטן זיידן און מיט דער באבען וואָס זיי האָבן אַזוי ליב! זיי, ביי וועמען מיר זיינען נישט געווען איבעריק און וואָס האָבן נישט איינמאָל געוויינט, ווייל זיי האָבן זיך פאַרבענקט נאָך אונז און געוואָלט אונז זעען, זיי — טאָרן נישט און דאַרפן נישט און האָבן נישט פאַרוואָס צו ליידן!

נאָכמער!

איצט, זיינען די קינדער קליין און פאַרשטייען ניט דעם מאָטיוו פון אונזער ברוגז מיט זייערע עלטערן! אָבער קינדער וואַקסן און קינדער — ספּעציעל אַמעריקאַנער קינדער — פאַרשטייען און כאַפּן שנעל אויף וואָס עס קומט פאַר אַרום זיי!

זאָלן זיי געוואוירע ווערן דעם מאָטיוו וואָס לאָזט אונז ניט איבערטרעטן די שוועל פון זייערע עלטערן, קאָן עס האָבן אַ ווירקונג אויף זייער דערציאונג, און מיט יאָרן שפּעטער, קאָנען זיי ווען איבערחזרן מיט זייערע עלטערן דאָס, וואָס זייערע טאַטע-מאַמע האָבן געטון מיט אונדז!...

און, ווען די קינדערלעך זיינען געקומען צו אונז — מעגלעך אַז די עלטערן האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער שוואַכער פּונקט אונדזערער — ווען די קינדערלעך, די אייניקלעך, זיינען אונז געקומען בעטן אַז מיר זאָלן קומען זעען זייערע שפּילערייען, זייער נייעם „באַן" און „קוקלע" —האָבן מיר נאָכגעגעבן און אָנגעהויבן קומען צו זייערע עלטערן אין הויז.

דאָך:

די פריינטשאַפט צווישן אונדז — די עלטערן און אונדזערע קענ-

דער, — איז שוין נישט דאָס זעלבע װאָס פֿריער! ספּעציעל קאָן איך נישט פֿאַרליידן דעם איידעם — מיין „פּראָפֿעסאָר", װעלכער איז אַ „פֿוסטער קאַבאַק", כאָטש, ער האָט אַ סך װעלטלעכע תורה און איז גרייט צו דיסקוטירן מיט איינשטיינען זיין רעלאַטיװיטעט-טעאָריע.

זינט איך האָב זיך אומגעקערט אין פֿאַבריק האָט ער געמוזט אָנהויבן אַרבעטן! איך האָב אים ערנסט געװאָרנט, אַז אויב ער װעט נישט אַרבעטן — װעט ער דאַרפֿן גייען געבן לעקציעס פֿון זיין פּראָפֿעסיע. און — ער האָט מורא און... אַרבעט.

אייגנטלעך, בין איך צופֿרידן װאָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעדרייט אַז איך זאָל — ביים לעבן — דערקענען װאָס עס הייסט אָפּגעבן די קינדער די ירושה!

װאָס איך בעט אייך, דערציילט עס דער װעלט! זאָלן טאַטע-מאַמע אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פֿון מיר! עס װעט זיי גוט צונוץ קומען מיין איבערלעבעכץ!...

איר מאַן, א רבּ׳ס אַ זון, אָבער אַ גרויסער אויסוואורף, וויל אַז זי זאָל אים צוהעלפן „פּאַרדינען״...

צי גלויבט איר, אַז היינטיקע יאָרן קאָן דאָס געשען? צי גלויבט איר אַז עס געפינט זיך נאָך אויף גאָטס ערד אַ אידישער יונגערמאַן, וואָס זאָל אַזוי וועלן האַנדלען קעגן זיין פרוי?

מיר האָבן עס נישט געגלויבט! מיר האָבן זיך עס נישט געקאָנט פאָרשטעלן! אָבער...

אָט זיצט פאַר אייך אַ פרוי, אַ דערשלאָגענע אידישע פרוי! אַ פרוי, אויף וועמענס פּנים עס ליגט שרעק און אומצוטרוי און דאָך, זעט זי אוים אַזוי שיין, אַזוי גראַציעז און צוציענד און איר פּנים זאָגט, רעדט צו אייך, און בעט אייך:

— גלויבט מיר!

די פרוי וויל אָנהויבן רעדן און... קאָן נישט! זי הויבט אָן וויינען! עס גייען אַוועק עטלעכע מינוט, עס גייט אַוועק אַ שעה און די פרוי קאָן אַלץ נישט אָנהויבן רעדן! זי וויינט! זי וויינט שטיל, אין זיך, דאָס האַרץ אירס קלאַפּט האַסטיק און די נאַסע אויגן אירע, קוקן זיך אַרום, מיט שרעק, צי מען הערט נישט איר וויינען אין צווייטן צימער!...

ענדלעך האָט זי זיך באַרואיקט! און זי הויבט אָן רעדן, הויבט אָן צו דערציילן איר געשיכטע און אַ שרעק, אַ ציטער, גייט איבער איבערן לייב!

איז דאָס מעגלעך? קאָן עס געמאָלט זיין?

איך בין נאָך אַ יונגע פרוי — הויבט זי אָן דערציילן, עס פעלן מיר אַ פּאָר חדשים צו 35 יאָר! אָבער איבערגעלעבט האָב איך שוין צרות און אומגליקן וואָס אַן אַנדערע אויף מיין אָרט לעבט עס נישט איבער אין טויזנט יאָר.

ווי איר זעט מיין אויסגעברענטן צייכן אויף דער האַנט, בין איך

געוועזן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער! איך האָב געזעען דעם טויט פאַר די אויגן הונדערט מאָל! און איך בין קיינמאָל נישט געוועזן אַזוי פאַר־צווייפלט ווי איצט, ווען איך געפין זיך אויף דער פריי, וואו איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיין נאַצי־בעסטיע, פאַר דער „געשטאַפּאָ", פאַר דער גאַז־קאַמער און קאַלך־אויוון!

איך ווייס נישט וואָס מיר געשעט! דאָרט, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן בין איך געוועזן קלוג און דורכגעטריבן און מיט מיין חכמה האָב איך זיך ארויסגעדרייט פון אַלע „סעלעקציעס" און „אַקציעס", און געבליבן לעבן! ד אָ ר ט, — האָב איך שכל געהאַט זיך צו פאַרטיי־דיקן! דאָרט, האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד! פונקט פאַרקערט! דאָרט, וואו איך האָב אַזוי געליטן, וואו איך פלעג זיין גליקלעך ווען איך האָב געפונען אַ רויע קאַרטאָפל, אַ רויען בוראַק, אַ שמוציק ביסל וואַסער! דאָרט, ביי יענע אומשטענדן, האָב איך נישט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד! און איצט, דאָ, אויף דער פריי, וואוינענ־דיק ביי זיך אין הויז, האָבנדיק אַ מאַן און קינדער, דאָ — זע איך נישט פאַר מיר קיין אַנדער אויסוועג ווי:

— זעלבסטמאָרד!

אָבער! איך האָב אָנגעהויבן פון סוף! איך וועל אייך דערציילן מיין לעבן פון י ע נ ע ר צייט, ווען איך בין געוועזן די... שענסטע, די גע־בילדעסטע, די גליקלעכסטע אין גאַנץ לאָדזש — אין מיין געבורטשטאָט!

געבוירן בין איך אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביי רייכע עלטערן! מיין פאָטער איז געוועזן אַ גרויסער סוחר! געהאַנדלט מיט מאַנופאַקטור, מיט וואַלד, מיט תבואה, און מיט וואָס איר ווילט און צו וואָס ער האָט זיך גענומען איז ער מצליח געווען! איך בין גע־בוירן געוואָרן אין אַ „גאָלדן־וויגעלע" — פלעגט מען אויף מיר זאָגן! און נישט איין פרוי האָט מקנא געווען מיין מאַמען וואָס איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים פון וואַרשע איז ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן ווען מיין מאַמע האָט מיט מיר געדאַרפט „גייען צו קינד"! און אַזוי ווי דאָס „גייען צו קינד" האָט געדויערט גאַנצע דריי טעג, איז דער פּראָ־פעסאָר נישט אָפּגעטראָטן פון מיין מוטערס בעט, און אידן אין שטאָט האָבן זיך געוואונטשן, אַז זיי זאָלן עס פאַרדינען אַלע דריי חדשים — אַנדערע האָבן געבעטן אַלע האַלבע יאָר און גאָר אַנדערע האָבן געוואָלט

אַז זיי זאָלן עס פאַרדינען אַ ל ע יאָר, וואָס דער פּראָפעסאָר נעמט צו פאַר אַזאַ וויזיט!...

אַ חוץ דעם פּראָפעסאָר, האָט דער טאַטע דעמאָלט געטיילט צדקה אויף רעכטס און לינקס! עטלעכע מנינים אידן האָט מען אָוועקגעזעצט זיי זאָלן זאָגן תהלים! אַ ספּעציעלן מיטיק פאַר העכער צוויי הונדערט אָרימע לייט האָט דער טאַטע פאַראָרדנט דעם הכנסת אורחים — דער בּיליקער קיך — און געהייסן שטעלן בראָנפן און פון בעסטן וויין, כדי די אידן וואָס האָבן געגעסן דעם מיטיק זאָלן האָבן מיט וואָס צו טרינקען „לחיים" און קאָנען צו־ווינטשן דער „געווינערן", אַז זי זאָל שנעל און מיט מזל „אויפגעבונדן" ווערן!...

יאָרן און יאָרן פלעגט מען דערציילן בּיי אונז אין שטוב, אַז מיין „קומען אויף דער וועלט" האָט אָפּגעקאָסט דעם טאַטן אַ פאַרמעגן! שפּע־טער, ווען איך האָב אָנגעהויבן ליידן, און גאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען בּיי די נאַצי־בעסטיעס אין די הענט, האָב איך נישט איינמאָל געטראַכט, אַז... מיין ליבער האַרציקער פאָטער ע"ה איז שולדיק אין מיינע ליידן! ווען ער זאָל נישט געוועזן זיך לאָזן אַזוי פיל קאָסטן בּיי מיין געבוירן ווערן, מעגלעך, אַז איך וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געקו־מען און נישט געוואוסט פון אַזוי פיל צרות!...

אָבער — איך בין שוין ווידער אַוועק צו ווייט, פאָרויס, מיט מיין דערציילונג! איך וועל זיך אומקערן צוריק צו מיינע גליקלעכע יאָרן, ווען איך בין געווען דאָס רייכסטע, דאָס שענסטע און אפשר אויך דאָס פּאָפּולערסטע מיידל אין לאָדזש.

איך ווייס. איך ווייס, אַז עס איז נישט עטיש פון מיין זייט אַז איך אליין, זאָל אויף זיך זאָגן, אַז איך בין געווען דאָס ש ע נ ס ט ע מיידל! אָבער — אַזוי איז דאָס! א י ן די אויגן, און אונטער די אויגן, פלעגט מען מיר זאָגן, אַז איך בין דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט! און, עס איז דערום קיין חידוש נישט, אַז ווען איך בין אַלט געוואָרן קוים זעכצן יאָר, האָט מיין פאָטער שוין געזוכט אַ פּאַסענדן שדוך פאַר מיר! דאַקעגן, מיין גוטע, ליבע, מוטער ע"ה, זי איז געווען פּראַקטישער פון מיין פאָטער! זי האָט נישט געלאָזט, אַז מען זאָל מיר אַזוי יונג פאַרדרייען די יאָרן! מעגלעך, אַז בּיי דער מאַמען האָט אויך געשפּילט אַ ראָל אַ... עגאָאיס־טישער געפיל! זי האָט ניט געוואָלט מיך אַזוי שנעל אָפּלאָזן פון דער שטוב! איך בין געווען דאָס איינציקע מיידל אין שטוב, איר בת יחיד־קעלע און איר חברטע! איך פלעג זי דאַרפן פאַרקעמען ווען זי האָט גע־דאַרפט ערגעץ ארויסגייען, און איך האָב געדאַרפט זעען צי דאָס קליידל

אָדער שליאַפּע ליגט גוט אויף איר! מיט מיר האָט זי זיך געפירט, נישט ווי מיט א קינד, נאָר ווי א עלטערע חברטע מיט א יונגערער!

און מערקווירדיק! איך האָב געהאַט א סך חברטעס, אַלע פון די בעסטע און פיינסטע פאַמיליעס פון לאָדזש, כמעט אַלע — אין מיינע יאָרן, און אַלע, אַלע מיידלעך, פלעגן רעדן וועגן ליבע און וועגן אינגלעך, ווי גרויסע אַלטע מוידן אָדער ווי חתונה-געהאַטע פרויען! אַ ל ע, האָבן גערעדט — א חוץ מיר! איך בין געווען גוואַלדיק נאַאיוו, אויסערגעוויינלעך שעמעוודיק, און האָב פשוט ניט געקאָנט ליידן זייערע רייד און נאָך ווייניקער ווען דער טאַטע האָט מיר גערעדט וועגן א שדוך! און, אין איינעם אַ טאָג, האָב איך מיין טאַטן געזאָגט, אַז פאַר צוואַנציק יאָר, טראַכט איך נישט וועגן קיין אינגל אַלס חתן, און איך בעט אים ער זאָל אויפהערן שיקן און אויפנעמען שדכנים!..

מיין פאָטער, מיין גוטער, קלוגער פאָטער, איז נישט געווען מסכים מיט מיר! ער האָט נישט געוואָלט אַז איך זאָל אים שטעלן פאַר א געשעענעם פאַקט, און אַהיים ברענגען אַ חתן אין שטוב אריין!

איר יונגע צוצעקעס — פלעגט ער מיר זאָגן — איר, ווערט פאַרבלענדט פון א בחורס א וויץ פון א שיינעם דריי זיינעם אויפן אָפּצאָס, (ער האָט געמיינט פון גוט טאַנצן) פון זיין שיינער „פּריטשאַסטקע" (פאַרקעמטע האָר) אָנגעשמירט מיט א בלישטשענדיקער פעטקייט! איר, יונגע קינדער, קוקט נישט אריין טיף צו זען, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז! פאַר אייך איז גענוג אַז ער רעדט א פּליסיקן פּויליש, א צענדלינג ווערטער דייטש און א פּאָר שלעכטע זאַצן רוסיש! און... איר פאַרליבט זיך! איר פטר'ט אַוועק אייערע יונגע יאָרן און אייער צוקונפט! מיר, אָבער, די עלטערן אייערע — אַזוי פלעגט ער מיר זאָגן — מיר, ווערן נישט אַזוי שנעל פאַרליבט. מיר קוקן זיך צו צו דער סחורה, פאַראינטערעסירן זיך פון וואַנען די סחורה איז געקומען און אַז מיר זען, אַז זי איז ווערט — קויפן מיר זי פאַר אייך!..

אַזוי איז געווען מיין פאָטערס טעאָריע בנוגע א שדוך פאַר מיר און — צו מיין גרויס אומגליק, צו מיין גרויסער שאַנדע אין פּנים און ווייטיק אין האַרצן — האָט ער זיין „טעאָריע" דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק! פון די הונדערטער בחורים — שיינע, וואוילע, געלערנטע אינגלעך וואָס זיינען מיר נאָכגעלאָפן, וואָס זיינען געווען גרייט זיך צו וואַרפן צו מיינע פיס און קושן דעם שפּיץ פון מיין קליידל, אבי איך זאָל איינעם פון זיי זאָגן מיין יאָ! פון אַלע פיינע וואוילע אינגלעך האָט מיין טאַטע אויסגעפונען פאַר מיר א בחור, פון גרעסטן יחוס, א רב'ס א זון

פון אַ שטעטל נעבן לובלין, אַ סברא, אַז דער רב אָדער די רביצן, האָבן געצויגן זייער יחוס פון צדיקים און גאונים, פון רבנים און רביים! אַ סברא, אפילו, — אַזוי האָט דער טאַטע זיך באַרימט פאַר די אידן וואָס זענען געזעסן ביי אונז און געטרינקען לחיים און געוואונטשן, אַז דער שדוך זאָל עולה יפה זיין, — אַ סברא, אַז דער מחותן מיינער — וועמענס פאַמיליע-נאָמען איז מ יי מ אָ ווי ט ש, ציט זיין יחוס פונעם רמב״ם זצ״ל. דאָס וואָרט רמב״ם איז מיט דער צייט מגולגל געוואָרן און זיך אַזוי געביטן ביז עס איז געוואָרן דערפון... מ יי מ אָ ווי ט ש! וואָס איז שייך דער מחותנ׳טע, איז זי אַן אייגן גלידשוועסטערקינד פון גערער צדיק!...

און דער בחור וואָס טוט?

דער בחור איז נישט געוואָרן קיין רבי, נישט קיין רב, האָט קיין סך תורה נישט געלערנט, און ווער ווייסט צי ער קאָן אפילו אַ פרשה חומש מיט רש״י? ער פלעגט אַנטלויפן פון חדר, אַוועק הינטער דער שטאָט און ליגן פאַרטראַכט און קוקן אין הימל אַריין! שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן, פלעג ער זיך אַרומדרייען אין מאַרק צווישן די פירן אָדער צווישן די שמוישניקעס און זיך צוקוקן ווי אַזוי זיי פאַר-קויפן זייער סחורה!

און דער פאָטער, דער רב, און די מוטער די רביצן וואָס האָבן דערויף געזאָגט?

זיי גלויבן אַז ער וואַקסט אַ... ל״ו'ניק! אַ פאַרבאַהאַלטענער צדיק! אַנדערש — קאָן נישט זיין! ווי דען קאָן צו אַזאַ יחוסדיקן רב און צו אַזאַ יחוסדיקער רביצן קומען אַזאַ זונדעלע!...

איך בין קוים אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, ווען מיין פאָטער האָט מיר „פאַרגעשטעלט" מיין חתן! דעם אמת זאָג איך אייך — אַז דער בחור איז מיר... באַלד געפעלן געוואָרן! אַ שיין, ווייס פּנימל, קלוגע, גני-בהשע אייגעלעך, האָט ער אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק אַז ער איז אַ סך קלוגער ווי אַנדערע מיינען! און — כאָטש דער בחור איז מיר „אַרויפגעזעצט" געוואָרן דורך מיין פאָטערס ווילן, און כאָטש, דער טאַטע האָט אַפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק מיך צו פרעגן צי דער בחור געפעלט מיר, צי איך וויל אים? — האָב איך מסכים געווען אויפן שדוך, און — מיין חתונה וואָס מען האָט געפּראַוועט אין דער גרויסער שול און די חופּה-וועטשערע וואָס מען האָט געפּראַוועט, האָט זיכער אָפּגע-קאָסט אַ פאַרמעגן! די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כאַדאַראַם! און מיינע חברטעס — אַלע, אַלע, האָבן מיר מקנא געווען מיט דעם פיינעם וואוילן בחור וואָס איך האָב גענומען!

אמת! מיין פאָטער ע"ה האָט געהאַט פון דער חתונה גרויס עגמת נפש! ער איז געווען זיכער, אַז צו דער חתונה וועלן קומען אַלע רבנים און רביים — די קרובים פון מיין שווער! ער האָט זיך אַפילו געריכט צו האָבן אַלס גאַסט דעם... גערער רבין אַליין! און האָט אָנגעגרייט די בעסטע סטאַנציעס וואו די געסט וועלן איינשטייען! לסוף — איז געקו־מען דער רב און די רביצן, און אַ פּאָר אָרימע קרובים פון מיין שווערס משפּחה! אַלע זיינען געקומען צופאָרן אויף איין וואָגן און זייערע מלבו־שים זיינען אויך נישט געווען אַזוי חתונה־מעסיק!

דעם טאַטן האָט געפּלאַמט דאָס פּנים פאַר בושה! צי האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן מיט זיין יחוס און עס איז שוין פאַרפאַלן? — מעגלעך אַז ער האָט זיך שוין געכאַפּט! ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דער בחור געפעלט מיר — האָט ער, דעם טאָג פון דער חופּה, זיך קאָנטראָלירט און מיך געפירט צו דער חופּה ווי גלייך גאָר־נישט איז געשען!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די יונגע פרוי בלייבט שטיל. ווייזט אויס, אַז דערמאָנענדיק זיך אין דעם „גליקלעכסטן טאָג פון איר לעבן" — דעם טאָג פון איר חתונה, זיינען אַרויפגעקומען אין איר זכרון אַ סך דעראינערונגען וועלכע זי וואָלט, אפשר שוין געוואָלט פאַרגעסן... אירע אויגן זיינען נאַס און, ווי שטאַרק זי זאָל זיך נישט באַהערשן, קייקלען זיך פּאָרט, טרערן איבער אירע באַקן און באַנעצן איר שיין פּנים...

ענדלעך באַרואיקט זי זיך און זי זעצט פאַר:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

תיכף נאָך אונזער חתונה זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע און זיך דאָרט באַזעצט. מיין פאָטער ע"ה האָט דאָרט געהאַט געשעפטן, האָט ער זיי איבערגעגעבן מיין מאַן אַז ער זאָל זיי פירן! לויט זיינע רייד, וועט מיין מאַן, בקרוב, ווערן אַ גרויסער עושר. דער אמת איז אָבער געווען, אַז מיין טאַטע האָט זיך פּשוט געשעמט פאַר לייטן מיט זיין איידעם, זיך געשעמט פאַר די שדכנים, וואָס ער האָט אָפּגעשטויסן די גרעסטע שידוכים, די אָנגעזעענסטע מיוחסים, און איז אַריינגעפאַלן מיט זיין איידעם וואָס איז נישט צו גאָט און נישט צו לייט; האָט ער, כאָטש געוואָלט, אַז דער איידעם זיינער, זאָל זיין ווייטער פון זיינע אויגן!...

זאָל ער נישט דאַרפן אים מיטנעמען מיט זיך אין „שטיבל" אַריין. און זאָל ער נישט ליידן קיין חרפה וואָס דער איידעם זיינער — ווי ער איז תיכף געוואוירע געוואָרן — איז אַ טריפניאַק, עסט אומגעדאַוונט און אומגעוואַשן, אָן אַ היטל און אַפילו אָן... נעגל-וואַסער!

וואָס איך קאָן נאָך ביז היינט נישט פאַרשטיין איז: ווי אַזוי האָט מיין מאַמע ע"ה, דערלויבט אַז מען זאָל נעמען איר בת-יחידה און מען זאָל, מיט אַ פרעמדן מענטשן, פאַרשיקן אַזוי ווייט פון די אויגן! ווי האָט איר, — איר מאַמעס הארץ, — נישט פאַראויסגעזאָגט, אַז מען האָט מיך איבערגעגעבן צום טייוול און מען שיקט מיך אַוועק מיט אים, ער זאָל מיט מיר טאָן וואָס ער וויל!... און ווי אַזוי האָט מיין טאַטע. צוליב אייגענעם עגאָאיזם, געצווונגען, און מיך, זיין בת-יחידה'קעלע, אַרויסגעשיקט פון זיך, נישט ווינסדיק ווי אַזוי מיין מאַן וועט מיך באַהאַנדלען און בכלל נישט קענענדיק דעם כאַראַקטער פון מיין מאַן!

יאָ! צום באַדויערן! ווען ער האָט שוין דערקענט מיין מאַן; ווען ער איז שוין געוואויר געוואָרן וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער האָט — איז שוין געווען צו שפּעט און עס האָט אים שוין געקאָסט צו טייער!...

באַזעצט אין וואַרשע האָבן מיר זיך אין אַ שיין רחבותדיק הויז וואָס מיין פאָטער האָט דאָרט אָפּגעדונגען פאַר אונז! מיר האָבן געטראָפן אַ שטוב פול מכל טוב! פול פון שענסטן און בעסטן! אַ חוץ אונזערע שיינע צימערן פאַר אונזער פּריוואַט לעבן, איז געווען צוגעגרייט אַ שיינער אַרבעטס-צימער פאַר מיין מאַן! עס האָט געהייסן, אַז ער דאַרף דאָרט אויפנעמען די סוחרים וואָס קומען צו אים צוליב געשעפטן! און קומען, האָבן געדאַרפט, די שענסטע סוחרים, סיי אידן סיי ניט-אידן, מיט וועמען מיין פאָטער האָט געהאַנדלט און וועמען ער האָט פאַרקויפט סחורה אָדער ביי וועמען ער האָט געקויפט סחורה: מיין מאַן, האָט געדאַרפט זיין דער פאַרמיטלער, דורך ז י י ן האַנט, האָבן געדאַרפט דורכגיין אַלע אָפּעראַציעס, און ער האָט פון יעדער זאַך געדאַרפט פאַרדינען אַזוי פיל און אַזוי פיל!

דער דאָזיקער אַרבעטס-צימער, איז טאַקע שטענדיק געווען פול מיט מענטשן! ביי טאָג און ב י י נ אַ כ ט ! מער ביינאַכט ווי ביי טאָג! די מענטשן פלעגן נישט קומען פאַרקויפן אָדער קויפן סחורה נאָר...

— שפּילן אין קאָרטן!

קאָרטן, קאָרטן און קאָרטן! אָט דאָס איז געווען מיין מאַנס אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט! געשפּילט האָט מען די ערשטע צייט בלויז ביי מיר, בלויז אין מיין מאַנס אַרבעטס-צימער! און ווען איך האָב אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, ווען איך האָב אָנגעהויבן וויינען, און ווען איך

בין פשוט געפאַלן פון די פיס פאַר מידקייט פון די שלאָפלאָזע נעכט — ווייל צוליב דעם טומל וואָס זיי האָבן געמאַכט ביים שפּילן, אַ טומל וואָס האָט זיך אָפּט אויסגעלאָזט אין אַ געשלעג — בין איך נישט אַנטשלאָפן געוואָרן ביז טאָג — ווען איך האָב אָנגעהויבן זאָגן אַז איך וועל אַוועק פון דער שטוב אָדער שיקן רופן דעם טאַטן — האָט מיין מאַן אויפגעהערט צו שפּילן אין קאָרטן.. ביי מיר אין שטוב. און איז אַוועק מיט דער באַנדע שפּילן אין זייערע מקומות! און עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז ער איז אַ גאַנצן טאָג, און דערנאָך צוויי און דריי טעג, נישט געקומען אהיים; ער האָט זיך ערגעץ פאַרשפּילט אין קאָרטן, זיך אָנגעשיכורט און דאָרט געשלאָפן דריי טעג!...

דאָך! בין איך פאָרט איינמאָל אַוועק פון דער שטוב!

עס איז געווען אַ טראַגישע נאַכט! איך בין שוין געווען אין אַנדערע אומשטענדן און מיין הויז איז שוין געווען רואינירט! דאָס מעבל, די פּיאַנאָ, דאָס געפעס, די זילבערנע לעפל און גאָפּלען, אַפילו מיינע לייכטער, האָט ער... פאַרשפּילט אין קאָרטן! מען האָט שוין ווידער געשפּילט ביי מיר אין שטוב! מיין מאַן האָט גענומען „טיש-געלט" אָדער „טרינקגעלט" פון יעדער טיש — עס האָבן געשפּילט עטלעכע טישלעך און ער — אויך מיט אַ טישל! מ י ך האָט ער געצוואונגען צו מאַכן טיי מיט עסנוואַרג, מיט צובייסעכץ און דערלאַנגען צום טיש!

טראָגנדיק אויף אַ טעצל צוויי גלעזער טיי, האָב איך פון די שפּילערס אָפּט אַריינגעכאַפּט „קאָמפּלימענטן" פון וועלכע דאָס בלוט איז מיר אַריין אין פּנים! זיי האָבן גערעדט צו מיר אין אַ גאַסן שפּראַך, פּונקט ווי מען רעדט צו אַ גאַסן-פּרוי! און מיין מאַן פלעגט הערן און שווייגן! הערן און מיט גאָרנישט רעאַגירן! ווען איך האָב אים דערנאָך פאָרגעוואָרפן פאַרוואָס ער לאָזט אַז מען זאָל מיך אַזוי באַהאַנדלען — האָט ער געענטפערט, אַז זיי זיינען זיינע „קליענטן", און מיט ברויטגעבערס, מיט אַזעלכע פון וועלכע מען לעבט און מען האָט פּרנסה, דאַרף מען זיין פריינדלעך, און מען מעג זיי שענקען אַ שמייכל!

יאָ! סמייטש! עס האַנדלט זיך דאָך נישט אין קיין שמייכל! דו הערסט דאָך, ווי אַזוי זיי רעדן צו מיר — פלעג איך פאַר אים וויינען! זיין איינציקער תירוץ איז געווען:

הער זיך נישט צו צו זיי!

אין יענעם אויפדערנאַכט, טראָגנדיק טיי, האָט זיך איינער פון די אויסוואורפן וואָס האָט געשפּילט ביי אַ טישל, צופיל דערלויבט מיט זיינע הענט! און פון גרויס אויפרעגונג האָב איך ביידע גלעזער טיי אים... אויסגעגאָסן אויפן קאָפּ!

עס איז געוואָרן אַ טומל! דעם אָפּגעפּאַרעטן מיט דער זידיקער טיי — האָט מען געדאַרפט אָפּפירן אין אַ שפּיטאָל און איך האָב פאַר שרעק געכאַפּט אויף מיר מיין מאַנטל און בין אַוועק פון דער שטוב!

וואוהין איך האָב געקאָנט לויפן? — האָב איך זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן! איך בין געלאָפן איבער דער גאַס! עס האָט מיך אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן און איך בין אומגעפאַלן! ווען איך האָב געעפנט די אויגן — בין איך געלעגן אין אַ פּרויען-שפּיטאָל פאַר מוטערשאַפט!... אָבער, נעבן מיר, אין קינדער-בעטעלע, איז קיינער נישט געלעגן! איך האָב... מפּיל געווען!

אין שפּיטאָל בין איך געלעגן עלף וואָכן! ווען איך בין אַרויס פון דאָרט, בין איך אַרויס אַ צעבראָכענע! אַ צעבראָכענע אין געזונט און אַ צעבראָכענע אין גייסט! איך האָב באַשלאָסן ביי מיר, זיך גלייך אומקערן קיין לאָדזש! אָבער...

ביי דער טיר פון שפּיטאָל האָט מיך אָפּגעוואַרט מיין מאַן! ווייזט אויס, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג ביי אים! אַלענפאַלס — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט און אַזוי האָב איך אים געגלויבט!

איך בין געקומען צוריק אין מיין אויסגעליידיקטער שטוב! איך בין געווען גרייט צו עסן ברויט מיט זאַלץ און שלאָפן אויף דעם צעבראָכענעם בעטל וואָס אין מיין שלאָף-צימער איז געשטאַנען, אַבי צו האָבן אַ רואיקע היים, און אַ מאַן וואָס זאָל ערלעך פאַרדינען זיין ברויט!

די געשעפטן ביי מיין פאָטער זיינען די לעצטע יאָרן אַוועק שלעכט! ער האָט אָנגעוואוירן אַ סך געלט ביי ספּעקולאַציעס און ביי שלעכטע שותּפים! פון זיינע געשעפטן אין ווארשע האָט ער זיך שוין לאַנג מיאש געווען! נישט ער האָט געקויפט, נישט ער האָט פאַרקויפט קיין ווארשע, און עס האָט געהאַלטן דערביי אַז דער טאַטע זאָל פאַרקויפן זיין הויז, זיין קלייט, אין לאָדזש און זיך אַריבערציען קיין ווארשע! פון איין זייט, האָט עס מיך שטאַרק געפרייט וואָס מיינע עלטערן וועלן וואוינען נאָענט פון מיר! פון דער צווייטער זייט האָט איך אָבער נישט געוואָלט אַז מיינע עלטערן זאָלן זען וואָס עס איז געוואָרן פון מיין רייכער שטוב! די גאַנצע צייט האָבן זיי דאָך באַקומען פון מיר גוטע בריוו, איך פלעג זיי דאָך שרייבן אַז מיין מאַן האַנדלט און מאַכט אַ שיין לעבן און דאָ, פלוצים, וועלן זיי טרעפן די שטרויענע בענקלעך און דעם אַלטן קיך-טיש אין עס-צימער!....

איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַן עצה און קלערן וועגן אַ תירוץ וואָס זיי צו געבן! און ווען מיין פאָטער האָט שוין געהאַלטן ביי אָט, אָט, ליקווידירן זיין פאַרמעגן, איז געקומען היטלער, ימח שמו, און האָט ליקווידירט אונדזער גאַנץ לעבן!...

— —

איך ווייס אַז איר וועט לאַכן! געווען אַ מאָמענט, ווען מיר, אין וואַרשע, האָבן נאָך נישט געגלויבט, אַז היטלער וועט אומברענגען דאָס אידנטום, ווען מיר האָבן נאָך נשט געהאַט קיין אַנונג וועגן געטאָס. אַלזאָ, געווען אַ צייט, ווען איך האָב געגלויבט אַז היטלערס קומען קיין וואַרשע, האָב... איך אויסגעבעטן ביי גאָט!

ווען אַ באָמבע האָט חרוב געמאַכט דעם גאַנצן קוואַרטאַל וואו איך האָב געוואוינט — און מיין הויז איז געשטאַנען אין פלאַמען — האָב איך געמיינט, אַז דאָס, האָט „מיין גאָט", מיר געהאָלפן פאַרניכטן די שפורן פון מיינעליידן! אַז מיין טאַטע-מאַמע, וועלן קומען צו אונז, וועלן מיר זיי אויפנעמען, אָט אין דעם... לאָך פון שולכל וואו עס האָבן זיך איינגעאָרדנט אַ צענדליק אידישע פאַמיליעס — מיר צווישן זיי!...

אָבער! מיין האָפענונג און מורא צו באַגעגענען זך מיט טאַטע-מאַמע, איז געווען אומזיסט! איך האָב זיי שוין מער נישט געזען! זיי האָבן פון לאָדזש נישט געקאָנט אַנטלויפן און זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט די איבעריקע קדושים פון לאָדזש!

— —

אייך איבערגעבן און איבערדערציילן אַלע מיינע ליידן פון אָנהויב אומגליק ביז מיר זיינען אין 1945 באַפרייט געוואָרן — וואָלט געווען צופיל פאַר מיר און פאַר אייך! עס איז טויזנט און איין נס! עס איז נישט צו פאַרשטיין און נישט צו גלויבן, ווי אַזוי מיר האָבן זיך אויסגעדרייט פון אַזויפיל מאָל זען דעם טויט פאַר די אויגן! עס איז טויזנט און איין נס בכלל, ווי אַזוי מיר — מאַן און ווייב, זיינען הונדערט מאָל צעשיידט געוואָרן און הונדערט מאָל האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן און ווידער געקעמפט פאַר אונזער לעבן! דאָס גליק פון אונז ביידע איז געווען, וואָס ביידע האָבן מיר... „אַרישע" פנימער, און ביידע רעדן מיר אַ פוילישן מיט אַ העכסט שליאַכטעטשנעם אַקצענט!

און נישט איינמאָל האָבן מיר זיך דערמאָנט און ביידע איבערגע-

רעדט וועגן באַוואוסטן אידישן פאָלקס-ווערטל, אַז: „וואָס קומט אַרויס אַז מען קאָן רעדן פויליש — ווען מען לאָזט, במילא, אין הויף נישט אַריין"! אונז ביידע, מיר מיט מיין מאַן, איז דאָס קאָנען גוט פויליש — זייער גוט צונוץ געקומען! אַ דאַנק אונזער פויליש רעדן, האָבן מיר זיך אַ סך מאָל אויסגעדרייט פון גאַז-קאַמערן! ספּעציעל איך! ס'וועט אייך זיין שווער צו גלויבן אַז איך האָב איינגערעדט אַ נאַצי-אָפיציר, אַז על פי טעות, האָט מען מיך פאַרשלעפּט אַן לאַגער — ווען אין דער אמת'ן, בין איך גאָר אַ פאָליאַטשקע מיט העכער האַלב דייטש בלוט אין מיינע אָדערן!... און — ניט נאָר מען האָט מיך באַפרייט נאָר מען האָט מיר געגעבן אַ שטעלע אין אַ שפּיטאָל אַלס קראַנקן-שוועסטער!... און ווער ווייסט צו איך וואָלט דאָרט נישט געווען אויסגעוווען אַלע יאָרן פון קריג, ווען מען זאָל מיך נישט געווען „מסרן"! און ווי אַזוי מיינט איר האָט מען מיך דערקאָנט אַז איך בין אַ אידישקע?

— דורך... מיינעם אַ אידישן קרעכץ!

איבערבינדנדיק אַ קראַנקן סאָלדאַט אויף זיין בעטל האָט זיך ביי מיר — נישט ווילנדיק — אַרויסגעכאַפּט אַ קרעכץ, אַזוי, אַן אמת'ער א י ד י ש ע ר קרעכץ, מיט אַ צולאָג: „וויי איז מיר"...

דעם דאָקטאָר וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, אַ נאַצי ימח שמו, איז דער קרעכץ מיט דעם צוגאָב „וויי איז מיר", נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט באַקומען אַ חשד אַז איך בין אַן אידישקע! נו! אַ רוצח איז ער געווען אַ גאַנץ נישקשהדיקער, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט מיר פון דעם און יענעם, און מיר „מודה" געווען אַז ער איז אַ... שוועדישער איד וואָס פאַרשטעלט זיך אַלס דייטש! איך, די נאַרישע אידענע, האָב אים אויך אויסגעזאָגט אַז איך בין נישט קיין פוילישע שיקסע מיט דייטש בלוט! פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נישט געשען אין איין טאָג! עס האָט געדויערט העכער אַ חודש ביז דער נאַצי-דאָקטאָר האָט געוואונען מיין צוטרוי אַז איך זאָל אים אויסזאָגן ווער איך בין! ער פלעגט ביי יעדער אָפּעראַציע איבער אַ דייטשן סאָלדאַט, שעלטן די דייטשן און זיי שימפן מיט די ערגסטע נעמען! נישט איינמאָל האָט ער מיר אויך דערציילט אַז ה י י נ ט האָט ער געשיקט אויף יענער וועלט אַ טוץ דייטשע קראַנקע ווען ער האָט אונמיסטן, שלעכט אָפּערירט אָדער געגעבן שלעכטע איינשפּריצונגען!...

פינף מינוט נאָך מיין מודה זיין זיך פאַר אים, האָט מיר באַנק געטאָן! ער איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און איך האָב, אינסטינקטיוו, זיך געגעבן אַ טו איבער, און בין אַרויס פון שפּיטאָל — איך בין דאַן געווען אין ווין. צען מינוט נאָך מיין פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, איז געקומען די

„געסטאַפּאָ" מיך נעמען, אָבער זי האָט מיך שוין נישט געפונען! איך האָב תיכּף פאַרלאָזט ווין און — מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט וואָס איך האָב שטענדיק געהאַט פאַרטיק — זיך אָפּגעטראָגן קיין בודאַפּעסט (אונגאַרן), וואו איך האָב זיך ווידער געטראָפן מיט מיין מאַן, וועלכער איז געווען אַן „אַריער" און געאַרבעט אַלס ספּעציאַליסט אין אַ פאַבריק פון שאָקאָלאַד!

דאָס איז נאָר איין עפּיזאָד פון מיין לעבן! און אַזעלכע עפּיזאָדן, אַזעלכע ניסים פון ראַטעווען זיך פון טויט, קאָן איך אייך ברענגען אין די צענדליקער!...

אָבער, נאָך איין עפּיזאָד וואָס זאָל אייך אָפּשפּיגלען מיין מאַן און זיין כאַראַקטער, וועל איך אייך דאָ יאָ דערציילן:

געווען איז דאָס שוין נאָענט ערב דער באַפרייאונג! איך און מיין מאַן האָבן מיר געלעבט אין פּראָג — טשעכאָסלאָוואַקיי. ער איז געווען אַ „פּוילישער מעכאַניק" און איך אַ „פּוילישע פרוי", אַ גוטע פרעַ־כערקע פון ווייסע העמדער! מיר האָבן געוואוינט אין אַ צימערל ביי אַן אַלט, טויב, פּאָר פאַלק, און האָבן זיך פאַרגינען אפילו צו רעדן אידיש צווישן זיך! דער אַלטער און די אַלטע, האַלב בלינדע און גאַנץ טויבע טשעכן, הערן דאָך נישט און ווייסן נישט, צי מיר רעדן דייטש אָדער אידיש!

אין איינעם אַ טאָג, קומט מיין מאַן און דערציילט מיר, אַז היינט וועט קומען צו אונז אַ גאַסט, אַ וויכטיקער באַאַמטער אין אויסערן־מיניס־טעריום! ער האָט זיך מיט אים באַפריינדעט און לאַדט אים איין צו אונז אויף וועטשערע. לכבוד דעם גאַסט, האָט מיין מאַן געבראַכט אַ גוטע פּאָרציע פליייש, אַ גאַנץ קילאָ צוקער צו מאַכן אַ טאָרט, ווייל דער גאַסט וויל עסן אַ פּוילישן טאָרט! ער האָט אויך געבראַכט דריי פלעשער שאַמ־פּאַן — וואָס איז געווען אַ זעלטענהייט צו טרינקען! שאַמפּאַן האָבן גע־טרונקען בלויז... געסטאַפּאָ־מענטשן! — פלעגט מען זאָגן! ער הייסט מיר, מיין מאַן, אויף שנעל צוגרייטן אַ שיינע וועטשערע, און דער עיקר — איך זאָל צום גאַסט זיין „פריינדלעך"!... גוט, גוט פריינדלעך! מעגלעך, אַז דורך אים וועלן מיר קריגן פּעסער צו פאָרן אין דער שווייץ!...

דאָס איז געווען אַרום דריי אַזייגער בייטאָג! איך האָב גענומען צו־גרייטן די וועטשערע און אין מיין האַרצן האָט שוין געפלאַקערט די האָפענונג פון אַנטלויפן אין דער שווייץ און אַראָפּוואַרפן דאָס צלמל פון האַלדז, וואָס איך האָב געטראָגן! מיין מאַן איז אַוועקגעגאַנגען און גע־זאָגט, אַז ער וועט קומען אַרום 9 אַזייגער מיטן גאַסט!

פּלוצים הער איך אַ שטילן קלאַפּ אין מיין טיר! איך עפן זי אויף —

מיין בעל הבית פון דער דירה — דער אַלטער טויבער טשעך, שטייט און בעט מיך, איך זאָל אים אַריינלאָזן אין צימער, ער דאַרף מיר עפּעס זאָגן! איך לאָז אים אַריין, גיב אים אַ בענקל צו זיצן, און וויל שוין הערן וואָס ער וויל פון מיר!

דער טשעך הויבט אָן רעדן צו מיר... אידיש! ער, און זיין אַלטיטשקע זיינען אידן! זיי זיינען אויך נישט קיין טויבע, דערפאַר האָבן זיי שטענדיק געהערט וואָס מיר האָבן גערעדט צווישן זיך און אַפילו — ווען מיר האָבן זיך געקריגט!... ער דערציילט מיר, אַז מיין מאַן וועט היינט ברענגען צו מיר אַ דייטשן קערל, עפּעס אַן אָפּיצירל אָדער אַ ס.ס.־מאַן, וועמען ער האָט מיך „פאַרהאַנדלט" אויף היינט ביינאַכט פאַר היפּשע טעלעכע מאַרק און פאַר די פּראָדוקטן וואָס ער האָט געבראַכט! מיין מאַן האָט גערעדט אין זיין — דעם אַלטנס — אָנוועזנהייט, פראַנק און פריי, גלייבנדיק, אַז ער הערט במילא נישט וואָס מען רעדט! זיי האָבן אָפּגע־רעדט, אַז מען וועט מיר געבן טרינקען אַ סך שאַמפּאַן, דערנאָך וועט דער מאַן מיינער אַוועקגיין אויף אַ פּאָר שעה און אונז — מיך מיטן אָפּי־ציר — לאָזן אַליין!...

איך בין געבליבן רואיק, איך האָב געקאָנט מיין מאַן און געוווּסט זיכער, אַז ער איז אויף אַלעם פעאיק! צוליב זיין קישקע אָדער צוליב אַ לאַסקע פון אָפּיציר וועט ער אַלעם טאָן! איך האָב באַלד אָנגענומען אַ באַשלוס! — ווידער לויפן! ווידער „עמיגרירן"! איך האָב זיך שוין אוים־געלערנט ביטן מיין פּאַספּאָרט און צופּאַסן מיין בילד צו אַ צווייטן ווי די בעסטע „פאַלסיפיקאַדאָרן"!

דער אַלטער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס צו זיינער אַ טאָכטער, אויך אַ „טשעכין", וואָס וואוינט טאַקע אין פּראַג אין אַ פאָרשטאָט! מיט דעם בריוו — וועט זי מיך אויפנעמען און מיר העלפן זיך אויסבאַהאַלטן! מיר האָבן באַשלאָסן, אַז ווען מיין מאַן וועט קומען מיטן גאַסט, און מיך נישט געפינען, זאָל אים דער אַלטער זאָגן אַז מען איז געקומען פון דער „געסטאַפּאָ" און מען האָט מיך צוגענומען! ווען מיין מאַן און דער אָפּיציר וועלן דערהערן דאָס וואָרט „געסטאַפּאָ" — וועלן זיי מורא האָבן גיין פרעגן, אַרויסווייזן אַז מען האָט מיך געקאָנט, און וועלן בעסער מאַכן אַ שוויג!

מיר האָבן באַלד „צעוואָרפן" דעם צימער מיינעם, אָנגעמאַכט אין אים אַ חורבן, ס׳זאָל הייסן אַז מען האָט געזוכט עפּעס, און איך בין אַוועק צו דעם אַלטנס טאָכטער!

און, עס איז טאַקע געוועזן אַזוי! ווי נאָר מיין מאַן און דער ס.ס.־מאַן האָבן דערהערט „געסטאַפּאָ", און דערזען וואָס עס טוט זיך אין צימער, זיינען זיי ביידע אַוועק און מורא געהאַט אומקוקן אויף צוריק! אין אַ פּאָר

טעג אַרום, האָב איך זיך אומגעקערט צוריק צום אַלטן טשעך, אין מיין צימערל, צו מיינע זאַכן און מיינע מלבושים. איך בין געווען זיכער אַז מיין מאַן וועט שוין יענץ הויז מער נישט באַזוכן! ער וועט מורא האָבן טאָמער שפּירט מען נאָך! טאָמער האָב איך זיך מודה געווען אין געסטאַפּאָ אַז ער, מיין מאַן, איז נישט קיין טשעכישער מעכאַניק, נאָר אַ רב׳ס אַ זונדל!....

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די דייטשן פאַרלאָזט פּראָג! די רוסן זיינען אַהין אַריין! מיין מאַן, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אָט די טעג, איז געקומען צום אַלטן טשעך, אין ז יי ן צימערל! ווי איבער־ראַשט איז ער אָבער געוואָרן ווען ער האָט מיך דאָרט געטראָפן זיצן און עסן מיטיק מיטן „טשעך״, מיט וועמען איך האָב גערעדט אַ היימישן אידיש! איך האָב געפונען פאַר נויטיק אים נישט אויסזאָגן אַז איך ווייס וואָס ער האָט געוואָלט טאָן מיט מיר!... איך האָב אים געזאָגט אַז מען האָט מיך אַרעסטירט און געבראַכט אין „געסטאַפּאָ״ נישט אויפן חשד אַלס אידישקע, נאָר אַלס... ספּעקולאַנטקע! נו! האָט מען מיך אָפּגע־האַלטן עטלעכע טעג און באַפרייט!

און

אָט, הויבן מיר אָן אַ פריי, אַן אייגן אידיש לעבן און אָט... הויבן זיך ווידער אָן מיינע צרות!...

— — — — — — — — — — — — —

תיכף, נאָך דער באַפרייאונג, האָבן מיר אָנגעהויבן מאַכן פּלענער אויף ווייטער. מיר, ווי אַלע הונדערטער און טויזנטער אידישע משפּחות פון פּוילן, האָבן נאָך נישט געוואוסט דעם גאַנצן אמת פון דעם גרויסן בראָך אונזערן! מיר האָבן נאָך נישט געוואוסט, אַז אין פּוילן האָבן מיר שוין קיינעם נישט! און, באַגלייך מיט אַנדערע הונדערטער און הונדערטער פאַמיליעס, האָבן מיר באַשטימט זיך אומקערן „אהיים״. מירן פאָרן צו־ריק קיין וואַרשע אָדער קיין לאָדזש און אָנהויבן אַ נײַ לעבן. דאָס איז געווען דער ערשטער מאָטיוו, וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן צו מאַכן אַ סוף צו מיין אומגליקלעך פאַמיליען לעבן, ווי זאָגט מען ביי אונז — שלאָגן כפּרות מיט מיין מאַן — און אָנהויבן אַ נײַ לעבן, אַ ל יי ן, אָדער זיך צוזוכן אַ מענטש — און אַזעלכע זיינען געווען אַ סך, ספּעציעל אַזעלכע, וועמענס פאַמיליעס זיינען אַוועק מיטן רויך אין די קאַלך־אויוונס — און, אויב איך בין שוין י אָ געבליבן לעבן, טאָ זאָל איך טאַקע עפּעס וויסן פון אַ לעבן!

איך האָב אָנגעהויבן גלויבן אין אַן „אפשר". אפשר, א י צ ט, נאָך אַזויפיל איבערלעבעכצן, אפשר, א י צ ט, קומענדיק אַהיים, זייענדיק אין ל אָ ד ז ש, אפשר וועט פון מיין מאַן פאָרט ווערן אַ שטיקל מענטש און ער וועט אָנהויבן פירן אַן אַנשטענדיק פאַמיליען לעבן...

געווען אַ צווייטע אורזאַכע, וואָס איך האָב נישט געקאָנט איבעררייסן מיט מיין מאַן. איך האָב זייער שטאַרק, זייער שטאַרק, געוואָלט האָבן אַ קינד! אַ ל ע ב ע ד י ק קינד. איך האָב געוואָלט הערן דאָס וואָרט „מאַמע"! איך האָב געוואָלט צערטלען אַן אייגן נפש'ל! און, איך האָב טאַקע געטראַכט: אפשר, ווערנדיק אַ פאָטער, האָבנדיק אַ פאַמיליע, אפשר... וועט פון אים ווערן אַ לייט! און, אָט אַזוי, האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אַ פראַכט-וואַגאָן וואָס איז געגאַנגען צו דער פוילישער גרעניץ און מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם „טייערן" לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן צו די דייטשן אַזוי פיל אידן, וואָס האָט געהאָלפן די דייטשן אין זייער פאַרניכטונגס אַקציע! מיר זיינען אָנגעקומען קיין פוילן, אַ פאָר טעג נאָך דעם קיעלצער פאָגראָם.

מיר זיינען דאָס ערשטע געקומען קיין וואַרשע. דערנאָך, מיט מסירת נפש זיך אַריבערגעכאַפּט קיין לאָדזש. מיר האָבן פון אונזעריקע — קיינעם נישט געטראָפן! טאַטע, מאַמע, פאַמיליע, שטוב, פריינט! אַ ל ע ס, אַ ל ע ס אָפגעווישט פון דער ערד! ערשט דעמאָלט, האָב איך זיך דערפילט עלנט אויף גאָטס ערד! ערשט ד ע מ אָ ל ט, האָב איך דערפילט, אַז איך האָב נישט ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר מיר, אָדער ווער עס זאָל זאָגן אַ וואָרט דעם יעניקן — מעג עס זיין אַפילו מיין אייגענעם מאַן — וואָס וועט מיר ווילן טון שלעכטס! און מערקווירדיק! אין די נאַצילאַגערן, אין מיין באַהעלטעניש, אין די ערגסטע מאָמענטן פון מיינע איבערלעבעכצן, האָב איך קיין א יי ן מ אָ ל נ י ש ט געטראַכט פון זעלבסטמאָרד! פונקט פאַרקערט, איך האָב שטענדיק געהאַט אַ קאַפּריז, אַן אַמביציע צו לעבן און א י ב ע ר ל ע ב ן דעם שונא! מיין גרעסטע האָפענונג און מיין גרעסטער וואונש אין מיין לעבן איז געווען: — דערלעבן היטלערס בראָך, קומען קיין בערלין און אַ שפּיי טון אויף דעם פּאַלאַץ וואו די געסטאַפּאָ האָט געהאַט אירע קוואַרטירן!

א י צ ט, ווען איך בין שוין פריי! איצט, ווען קיין נאַציס זיינען שוין נישטאָ! איצט, ווען איך געפון זיך שוין אין באַפרייטן פוילן, ווען איך בין שוין — נאָך אַזוי פיל יאָרן ליידן און געפייניקט ווערן — צוריק אין מ יי ן לאָדזש! א י צ ט, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן פון זעלבסטמאָרד! און אויב איך האָב נישט דורכגעפירט מיין פּלאַן — איז דאָס געווען... דער רחמנות אויף דעם נפש'ל וואָס איך האָב געדאַרפט

ברענגען אויף דער װעלט און װאָס איז זיכער נישט שולדיק װאָס דער פאָטער — אַ רב׳ס אַ זון — איז אַ זאַ אויסװאורף!...

מיר זײנען אַפּגעװוען אין לאָדזש עטלעכע מאָנאַטן! מײן מאַן האָט זיך נישט געקאָנט אײנאָרדענען! בעסער געזאָגט — ער האָט זיך נישט געװאָלט אײנאָרדענען! ער איז געשלאָפן ביז מיטיק-צײט און דערנאָך זײנען מיר געגאַנגען אין קאָמיטעט אַרײן נעמען אַ קװיטל אויף אָנבײסן אין דער קיך װעלכע מען האָט אײנגעאָרדנט. איך האָב שוין געזען אַז פון מײן מאַן װעט דאָ קײן לײט נישט װערן! אגב, ער האָט זיך װידער אָנגעהויבן חברן און אַרומשלעפן מיט חברה-לײט פון דער אונטערװעלט! מען האָט געגרינדעט אַ „פאַראײן״—אַ בינטל אויסװאורפן, װי ער—װאָס האָבן נאָכגעקוקט װער עס האַנדלט עפּעס נישט כשר, אָדער װער עס פאַרקויפט עפּעס אויפן „שװאַרצן מאַרק״, און זײ האָבן יענעם טעראָרי־זירט, און בײ אים גענומען „שװײג-געלט״. אין אַ שײנעם טאָג, איז מען טאַקע געקומען פון דער פּאָליצײ אַרעסטירן מײן מאַן! דאָס גליק, אָדער דער אומגליק מײנער — איז געװען, װאָס מען האָט אים נישט געטראָפן אין דער הײם, און ער איז שוין מער אַהײם נישט געקומען! אין עטלעכע טעג אַרום, האָט מיר זײנער אַ „חבר״ אויך פון דער אונ־טערװעלט, געמעלדעט אַז מײן מאַן איז שוין אין פראַנקרײך און איך מוז אויך אַהין פאָרן! ער האָט מיר איבערגעלאָזט געלט אויף הוצאות און מיר געגעבן אַ טערמין אַז ביז דרײ טעג, דאַרף איך זיך פאַרנעמען פון לאָדזש...

איך װײס אַז איך האָב נישט געטון גוט. איך האָב געדאַרפט נעמען דאָס געלט און — אַנשטאָט פּאַריז — פאָרן אין אַן אַנדער לאַנד. איך האָב געקאָנט פאָרן קײן נידערשלעזיע װי אַלע אידן האָבן זיך דעמאָלט אַ לאָז געטון און װאָלט דאָרט געקאָנט, אפשר, אָנהױבן אַ נײ לעבן!

װײס איך טאַקע נישט פאַרװאָס איך האָב עס נישט געטון! מעגלעך, אַז נישט בלויז די מורא צו בלײבן אַ עלנטע, מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט, אויך נישט די מורא פאַר זײן באַנדע, װאָס האָט אויך געהאָט מיטהעלפער אין גאַנץ פּוילן! גיכער — און איך בין זיך מודה — גיכער פון אַלעם האָט געװירקט אַז איך זאָל פאָרן קײן פּאַריז, װײל איך האָב געװאוסט אַז איך פאָר צו אַ אײגענעם מאַן! אַ שלעכטן מאַן, אַ אומ־מענטש אַ מאַן — אָבער, דאָך איז ער געװען מײן מאַן און דער פאָטער פון מײן קינד!... און אַז איר װעט מיך צוקװעטשן צו דער װאַנט, װעל איך אויך מודה זײן — צום מאַן, װעמען איך האָב — נישט קוקנ־דיק אויף אַלע זײנע חסרונות — דאָך ליב געהאַט.

און אָט בין איך אין פּאַריז. ער האָט מיך אָפּגעװאַרט בײם אָנקומען,

אַפילו מיך שטאַרק געקושט און געדאַנקט וואָס איך האָב אים נישט פאַרלאָזט און געקומען צו אים, און באַלד, ביים באַן־הויף, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיר וועלן, די טעג, האָבן פאַרטיק די פאַפּירן צו פאָרן ווייטער. ער גלויבט אַז ער וועט קריגן אַ וויזע קיין אַמעריקע. ער האָט געקראָגן אַ גוטע רעקאָמענדאַציע צום קאָנסול. אויב נישט — וועלן מיר פאָרן קיין זיד־אַמעריקע. קיין פאַראַגוויי...

איך ווייס נישט צי האָט ער זיך געהיט מיר צו דערמאָנען דאָס וואָרט אַ ר ג ע נ ט י נ ע אָדער, ער האָט טאַקע געמיינט אַז ער וועט מ ו ז ן פאָרן קיין פאַראַגוויי און האָט נישט געהאַט קיין פאַרוואָס מיר צו רעדן וועגן אַרגענטינע. איך בין זיך פאַר אייך מודה — כאָטש איך זע איצט אַרויס אַז איך טאָר עס נישט זאָגן, אַפילו, — נאָר ווען ער רעדט מיר ד ע מ אָ ל ט, אין פאַריז, וועגן פאָרן ק יי ן אַ ר ג ע נ ט י נ ע, וואָלט איך, אפשר, מורא געהאַט צו פאָרן מיט אים. איר ווייסט דאָך אַליין גוט, אַז מיר, אין אייראָפּע, דערהויפּט מ י ר, פרויען, האָבן פאַרן וואָרט „אַרגענטינע" געציטערט! מיר, אַזעלכע יונגע, אומדערפאַרענע פרויען און אַזעלכע איבערגעשראָקענע פרויען ווי איך, האָבן געהאַט גענוג מאָטיוון צו מורא האָבן פאַרן וואָרט „אַרגענטינע". מיר האָבן דאָך נישט געוואוסט, אַז אין אַרגענטינע איז פאָרגעקומען אַ ז אַ ענדערונג, אַ ז אַ אויסרייניקונג פון אָט די אויסוואורפן, וועלכע איר רופט „טמאים"! מיר, אַזעלכע פרויען ווי איך — וואָס האָבן געלייענט ווייניק אידישע צייטונגען, האָבן נאָך נישט געוואוסט, אַז אַרגענטינע איז געוואָרן דאָס זיכערסטע אָרט אויף דער ערד פאַר דער אנשטענדיקער אידישער פרוי! און ווען ער האָט מיר געזאָגט אַז מיר פאָרן קיין פאַראַגוויי, און אַז איז פאַראַגוויי וועט ער אָנהויבן אַ ניי, אַ געזונט, אַן אנשטענדיק אידיש לעבן — האָב איך גלייך צוגעשטימט צו פאָרן מיט אים. די וויזע קיין אַמעריקע האָט ער טאַקע נישט געקראָגן און, נאָך אָפּזיין צוויי וואָכן אין פאַריז, און נאָכדעם ווי עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז ער איז שוין געוואָרן אַ שטיקל מענטש — זיינען מיר אויפגעזעצט געוואָרן אויף אַ שלעפּ־שיף און אָפּגעפאָרן מיט אַ פאַרטיע עמיגראַנטן קיין פאַראַגוויי.

איך וויל איבערלאָזן אין אַ זייט, אייך צו דערציילן און באַשרייבן און אויסמאָלן, ווי אַזוי מיין מאַנדעלע האָט זיך אויפגעפירט אויפן גאַנצן וועג ביז מיר זיינען געקומען צום בוענאָס איירעסער פאָרט, וואו מיר האָבן געדאַרפט אַראָפּשטייגן און זיך איבערזעצן אויף אַן אַנדער שיף, וואָס זאָל אונז פירן קיין פאַראַגוויי. איך וויל זיך פשוט נישט דערמאָנען יענע טעג און נעכט אויף דער שלעפּ־שיף, וואו איך האָב געליטן פון ים־שלאַפקייט בכלל און ווייל איך בין שוין געווען אין „אַנדערע אומשטענ־

דן״, דאַרפנדיק בקרוב ווערן אַ מוטער פון אַ צווייט קינד. מיר זיינען געפאָרן מיט דער שיף עטלעכע און צוואַנציק טעג. איך וויים נישט צי איך האָב געזעען מיין מאַן פ י נ ף מאָל פאַר דער צייט פון אונזער אומגליקלעכער רייזע. איך בין געליגן אין דער פרויען אָפּטיילונג און פון דאָרט, טעג און וואָכן נישט אַרויסגעגאַנגען, און מיין מאַן האָט דאָרט פאַרבראַכט און געהוליעט און זיך אויף מיר אַפילו נישט נאָכגעפרעגט. שוין נאָענט פון בוענאָס איירעס, איז מיר אַביסל בעסער געוואָרן, און איך בין אַרויפגעגאַנגען אויפן דעק פון שיף און דאָרט געטראָפן מיין מאַן שטאַרק פאַרזאָרגט! ער האָט געשפּילט אין קאָרטן און „עס איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ״ — דאָס איז געווען די ערשטע עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט מיר געזאָגט. ווען ער האָט מיך געזעען שטייען אויף מיינע פיס! נישט, ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך מאַך, נישט, ער האָט מיך געפרעגט צי איך נויטיק זיך אין עפּעס! א י ך בין שוין געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז איך האָב אָנגענומען אַלעס פאַר גוט! א י ך, דאָס מיידעלע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ גאָלדן וויגעלע, א י ך, וועמען מען האָט געבאָדן אין אַ וואַנע פון מילך, איך, בין געפאָרן אַכט און צוואַנציק טעג אויף אַ שיף און נישט פאַרזוכט קיין טראָפּן מילך אין מויל!...

ערב אונזער אַריינפאָרן קיין בוענאָס איירעס, איז מיין מאַן עפּעס געווען נערוועאיש און פאַרנומען מיט סודות! ער האָט זיך געשושקעט מיט מאַטראָסן און מיט זייטיקע מענטשן און דערנאָך, מיר שטילערהייט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז... מיר וועלן אַראָפּשטייגן אין בוענאָס איירעס. נישט נאָר מיר אַליין, נאָר עטלעכע עמיגראַנטן וואָס „פאָרן קיין פּאַראַגוויי״ וועלן בלייבן אין ב. איירעס. מיר, האָט א י צ ט הנאה געטון וואָס מיר פאָרן נישט קיין פּאַראַגוויי. אויף דער שיף, האָב איך געהערט שלעכטע גרוסן פון דאָרט. מען האָט דערציילט אַז אַפילו די פּאָליציי וואָס היט די שטאָט, גייט דאָרט באָרוועס. אַז דאָס לאַנד איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען און עס הערשט נאָך אַ גרויסע אָרימקייט. דער עיקר, אָבער, וואָס מיך האָט אינטערעסירט, וואָס מען האָט דערציילט, אַז אין פּאַראַגוויי וואוינען זייער ווייניק אידן און אין בוענאָס איירעס איז שוין פאַראַן אַ גרויסער אידישער ישוב. איך בין אויך אויף דער שיף געוואויר געוואָרן, פון אידן וואָס זיינען שוין געווען אין אַרגענטינע, און די מלחמה האָט זיי פאַרהאַלטן אין אייראָפּע, אַז בוענאָס איירעס איז שוין נישט קיין געפאַר פאַר אַ אידישער פרוי! אַז די „טמאים״ עקזיס־טירן שוין נישט דאָרט, אַז מען האָט זיי שוין פאַרטריבן פון דער געזעלשאַפט און עס איז שוין קיין זכר פון זיי נישט געבליבן!

וואָס עס האָט מיך מער פון אַלעם געפרייט איז, וואָס איך בין גע־וואוירע געוואָרן אַז אין בוענאָס איירעס עקזיסטערט אַ פאַראיין, אַ „עזרת נשים" וואָס נעמט זיך אָן פאַר עלנטע פרויען, וואָס האַלט אָן אויג אויף שלעכטע מענער, וואָס באַהאַנדלען שלעכט זייערע פרויען! איך האָב געגלויבט, אַז מיר וועט זיכער אויסקומען זיך אַ מאָל ווענדן צו אָט דעם פאַראיין נאָך הילף אָדער באַשיצונג!... גיי, ווייס, אַז ווען איך וועל דאַרפן אַמשטאַרקסטן און אַמערסטן האָבן שטיצע און באַשיצונג — וועל איך באַשליסן נ י ש ט צו ווענדן זיך צו קיין שום אינסטיטוציע און נאָך וויינקער צום ע ז ר ת נ ש י ם! אָבער! איך וויל נישט כאַפּן פאָרויס!

אויפן צווייטן טאָג נאָך אונזער אָנקומען קיין בוענאָס איירעס, זיינען מיר אַראָפּ פון שיף. ווי אַזוי מיין מאַן האָט עס איינגעאָרדנט און דורך וו ע מ ע ן ער האָט עס געמאַכט — האָב איך נישט געוואוסט און ווייס עס נישט עד היום!

פון דער שיף זיינען מיר אָפּגעפאָרן אין אַ ביליק האָטעלכל, וועמענס אַדרעס מיין מאַן האָט געפירט פון פאַריז. דאָרט זיינען מיר געשלאָפן. געגעסן האָבן מיר אין אידישן „הכנסת אורחים" וואו מיר האָבן געקראָגן, אַ חוץ עסן — אַ געוויסע געלט שטיצע אויף קויפן עפּעס פאַר די קינדער. בכלל האָב איך באַמערקט אַז בוענאָס איירעסער אידן נעמען זייער גערן אויף די נייע עמיגראַנטן —אונזער שארית הפליטה— און זיינען אונז גרייט צו העלפן! גראַדע, האָב איך געציטערט פאַר אָט דער הילף! איך קאָן דאָך מיין מאַן און איך האָב געוואוסט, אַז זאָל ער נאָר קריגן אָפּטע געלט-אונטערשטיצונגען און אומזיסטע אָנבייסנס אין הכנסת אורחים, וועט ער שוין פאַרשפּאָרן צו טראַכטן פון אַרבעטן! מיין שרעק איז אָבער געווען אומזיסט! מיין מאַן פלעגט אַוועקגיין אויף עטלעכע שעה אין גאַס און געזוכט אַרבעט! שפּעטער האָט ער מיר דערציילט אַז ער האָט גע־קראָגן אַרבעט אַלס געהילף אין אַ פאַבריק פון רעגנמאַנטלען און ער האָט מיר געבראַכט אַ היים זיין געהאַלט!...

אין צוויי מאָנאַטן אַרום, האָבן מיר זיך אַרויסגעצויגן פון האָטעל און מיין מאַן האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ דעפּאַרטאַמענט פון צוויי צימערן וועלכן ער האָט געדונגען פאַר זייער ביליג און מעבל וועט ער קויפן אויף אויסצאָלן!

עס האָט זיך מיר שוין אויסגעוויזן אַז פאַר מיר הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן! עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז די לופט פון אַמעריקע האָט געמאַכט גוט מיין מאַן און ער האָט זיך שוין איבערגעאַנדערשט!

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום בין איך געלעגן געוואָרן און געבוירן אַ

שיין, גאָלדן, מיידעלע! מיין פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן! מיין מאַן, איז גראָדע נ י ש ט געווען אַזוי צופרידן מיטן ניי-געבוירענעם קינד. עס האָט געדויערט אפשר דריי מאָנאַטן ביז ער איז צוגעגאַנגען צום וויגעלע אַ קוק טון דערויף!

פון דער קימפעט האָב איך זיך שנעל פּאַפּראַוועט און איך האָב זיך אויך איספּראַוועט מיט אַטענדירן די שטוב. וואַשן דאָס גרייט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, און אַז מיין מאַן איז געקומען פון דער אַרבעט — האָט ער געטראָפן אַלעס גרייט און שמעקעדיק! איך פלעג אים קאָכן די בעסטע מאכלים וואָס האָבן אים געשמעקט! די „תורה" פון קאָכן און וואַשן האָב איך גיך איבערגענומען! אַ סך גיכער ווי... מאַטעמאַטיק אָדער אַלגעבראַ, ווען איך האָב געלערנט אין שולע. עס פלעג אָפט, און לעצטנס — גאָר, גאָר אָפט — טרעפן, אַז מיין מאַן האָט געבראַכט געסט אויף וועטשערע אָדער אויף מיטיק — אין די זונטיק טעג, — פלעג איך שוין זעען אַז מיין מאַן זאָל נישט פאַרשעמט ווערן פון זיין ווייב אָדער שטוב!

אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט אַ פּאָר יאָר. דוכט זיך — די גליקלעכסטע יאָרן זינט אונזער חתונה! פלוצים האָב איך באַמערקט אַ ענדערונג אין מיין מאַן! ער האָט אָנגעהויבן וואָרטשען אַז די אַרבעט איז נישט פאַר אים! אַז ער ווערט צעבראָכן ביי דער אַרבעט! און ווידער אָנגעהויבן ניצן זיין אַלט ווערטל, אַז: — „אַרבעטן, דאַרפן בעלגישע פערד"! ער האָט אָנגעהויבן פעלן צו דער אַרבעט און עס פלעגן שוין זיין טעג, וואָס ער איז געשלאָפן ביז 1 אַ זייגער ביטאָג און ווען ער האָט זיך אויפגע-כאַפּט, האָט ער אָפּגעגעסן און... ווידער אַוועק שלאָפן!

שפּעטער צו, האָט ער זיך גענומען צו זיין „אַלטן פאַך"—שפּילן אין קאָרטן! און באַלד נאָך דעם, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די אַמאָליקע אַרבעט זיינע — פאַרדינגען אונדזער שטוב פאַר „טישלעך" און לעבן דערפון וואָס מען שפּילט ביי מיר אין שטוב, ביז טאָג, און מען נעמט אַראָפּ פון טיש, טרינק-געלט „פאַר דער בעל הבית'טע"...

אין משך פון דער צייט בין איך געוואָרן אַ מוטער פון נאָך אַ קינד און עס איז געוואָרן שווער צו באַדינען די „פּאָקער" שפּילער.

און דער אומגליק, דאָס אומגעריכטע, איז אַ יינמאָל געשען!

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, ווען מיר זיינען גראָדע געווען פריי פון „אַרבעט" פון באַדינען די פּאָקער-שפּילער, האָט מיר מיין מאַן גע-זאָגט קלאָר און אומצווייּדייטיק:

אים אַרט נישט, ער וועט צו מיר קיין טענות ניט האָבן, אויב „איך וועל זיין גוט" צו אַ געוויסן ט י פּ וואָס קומט אַריין צו אונדז שפּילן

אין קאָרטן און וואָס איז... פאַרליבט אין מיר! דער דאָזיקער טיפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט! אַ גרויסער מיליאָנער! האָט אַ אייגענע זייד־פאַבריק און עס אַרבעטן ביי אים אַ פּאָר הונדערט מענטשן! ער, דער פאַבריקאַנט, האָט אים שוין פאַרגעלייגט אַז ער זאָל מיך אים אויסבאָרגן אויף אַ שטיקל צייט! ער איז גרייט צו צאָלן וויפיל ער — מיין מאַן וויל! נו! ווען איך זאָל איינשטימען, וואָלט ער זיך געהייסן באַצאָלן הונדערטטויזנט פּעזעס! מיט אָט דעם געלט, וואָלטן מיר דערנאָך געקאָנט אויפבויען אַן אייגענע פאַבריק און שפּעטער אַבּיסל, אפילו, אים צוריק אַ שליידער טון דאָס געלט אין פּנים אַריין! וואָס איז שייך, אים, מיין מאַן ,גיט ער מיר זיין וואָרט, ער קאָן מיר אפילו געבן אַ שריפט, אַז ער האָט נישט דאַקעגן און, נישט נאָר ער דערלויבט מיר, נאָר, ער רעקאָמענדירט מיר!

ווען איך האָב דאָס אויסגעהערט — ביז איך פאַרשטיינט געוואָרן! איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן וואָס איך האָב געהערט! איך האָב זיך געווישט די אויגן צו זען, צי איז דאָס מיין מאַן וואָס רעדט צו מיר? ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך אויסגעשאָסן אין אַ היסטערישן געלעכטער, געמישט מיט געוויין, און גענענדיקט דערמיט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן וואַרפן מיין מאַן אין קאָפּ אַריין אַ ל ץ וואָס איך האָב געפּאַקט אונטער דער האַנט!...

נאָך יענעם אויפדערנאַכט, האָבן מיר צוויי חדשים נישט גערעדט איינער מיטן צווייטן! די איינציקע עטלעכע ווערטער וואָס איך האָב אויסגערעדט איז געווען, אַז ער זאָל מיר מער נישט ברענגען קיין קאָרטן־שפּילער אין שטוב אַריין, ווייל איך וועל זיי אָפּגיסן מיט אַ טשייניק הייסע וואַסער! דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, האָב איך אים אויך געסטראַשעט, אַז איך וועל מאַכן אַ סוף צו מ יי ן לעבן און צו ז יי ן לעבן! אין אַלגעמיין, איז יענעם אָוונט געקומען אַן ענדערונג אין מיין באַנעמען מיין לאַגע! איך האָב באַשלאָסן... „אָנטון די הויזן" און נעמען באַהאַנדלען מיין מאַן, ווי ער פאַרדינט עס! אין משך פון קריי־געריי, האָב איך אים געזאָגט אַז איך וועל זיך ווענדן צום „עזרת נשים" און בעטן די אינטערווענץ, נישט בלויז פון אידן — נאָר אויך, אויב מען וועט דאַרפן — פון געריכט!...

ווייזט אויס, אַז דאָס האָט געווירקט אויף אים, און אין משך פון דער צייט וואָס מיר האָבן ניט גערעדט צווישן זיך — האָט ער מיך נישט באַלעסטיקט!

דער אמת, איז אָבער, אַז איך האָב גאָרנישט געטראַכט צו ווענדן זיך צו אַ עזרת נשים אָדער צו אַ געדיכט! איך האָב אינזינען, אַז מיין

מאַן איז דער פּאַטער פון מיינע צוויי קינדער און איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט מוחל געווען, אַז דער נאָמען פון זייער פּאַטער זאָל באַשמוצט און באַשימפּט ווערן עפנטלעך אָדער געריכטלעך! איך שטעל זיך פאָר, אַז ווען איך ווענדע זיך צו אַ ריכטער און קלאָג אָן מיין מאַן אַז ער וויל האַנדלען מיט מיר — וואָלט ער דערפאַר געקראָגן עטלעכע יאָר טיורמע! נו! וואָס זשע פאַר אַ תירוץ וועל איך שפּעטער זאָגן מיינע קינדער, פאַרוואָס זייער פּאַטער זיצט אַרעסטירט?...

איך וויים, איך האָב אינזינען, אַז פריער אָדער שפּעטער, מיינע קינ־דער וועלן אונטערוואַקסן און דאַרפן קומען צווישן מענטשן! זאָל זשע קיינער נישט וויסן זייער שאַנדע! זאָל מען נישט וויסן וואָס פאַר אַ פּאַ־טער זיי האָבן! און דאָס איז טאַקע א יי נ ע ר פון די מאָטיוון וואָס האָט מיך געבראַכט צו א יי ד, וואָס האָט מיך באַוואויגן א יי ד צו דערציילן מיין געשיכטע. מיין מאַן לייענט אידיש. זאָל ער לייענען און פאַרשטיין פאַרוואָס איך נעם נישט אָן קיין יורידישע מיטלען קעגן אים! איך טו עס — צוליב אונזערע קינדער! צוליב זיי! וועט ער, אָבער, פאַרזעצן מיט זיינע געמיינע געדאַנקען, צו האָבן אַ לייכט לעבן, צו קריגן אַ סך געלט פאַרקויפנדיק מיין קערפּער — מעג ער וויסן אַז עס וועט אים נישט געלונגען! איך בין גרייט צו פאַרטיידיקן זיך! און אַז איך וועל אָנהויבן — וועל איך אים שוין באַצאָלן פאַר אַלע מיינע יאָרן פון ליידן, פון פיין און פון געפּייניקט ווערן פון אים.

צוויי וועגן האָט ער אויף אויסקלויבן:

וועט ער נ י ש ט וועלן גיין אויף אַ גלייכן וועג — וועט אים שפּעטער באַנק טון!

וועט ער, אָבער, וועלן פירן אַ אָ נ ש ט ע נ ד י ק אידיש לעבן, אַ לעבן ווי עס פּאַסט פאַר אַ טאַטנס אַ קינד, און אוודאי און אוודאי ווען מען איז אַ ר ב "ם אַ ז ו ן — וועט זיין וואויל צו אים און וואויל צו אונדז אַלע!

אין א י ם איז געווענדעט ווי אַזוי איך זאָל האַנדלען!... וועלכן וועג ער וועט אויסקלויבן!...

———:::———

זי גלויבט, אַז איר שטיפמוטערס קללה
וועט קיינמאָל ניט מקוים ווערן...

שבת מיטאָג-צייט. די גאַנצע פאַמיליע זיצט אַרום טיש און מען עסט... מיט צייט. מען וויל זיך אַביסל אָפּרוען פון טומל און רעש, פון אַרבעט און זאָרג פון דער גאַנצער וואָך בכלל און פון וואָכעדיקייט — בפרט.

די פרוי טיילט אוים דאָס עסן די קינדער. דינגט זיך מיט יעדן איינעם און ספּעציעל — מיט דער בית יחידה'קע, איבער... נאָך אַ שטיקל קאַרטאָפל אָבער איבער נאָך עטלעכע לעפל יויך...

דער „מענערישער" טייל פון די טיש-זיצערס, קאָמענטירן די נייעסן פון דער ראַדיאָ. פון דער מלחמה, פון דער לאַגע אויף דער וועלט אָדער גאָר פון די מאַרגנדיקע פאַרמעסטן צווישן צוויי פוטבאָל-קלובן! פאַר-מעסטן, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק דער גורל ווער עס זאָל זיין דער „קאַמפּעאָן" פון פוטבאָל, היינטיקס יאָר.

דער טעלעפאָן אין מיין שרייב-צימער, האָט זיך צעקלונגען! די פרוי איז אומצופרידן! אויך שבת לאָזט מען נישט רוען! מיין טעכטערל גייט אַטענדירן דעם טעלעפאָן-רוף און, נאָכמאַכנדיק מיינעם אַ וויץ, וועלכן איך באַנוץ אָפט פאַר אַנדערע, שרייט זי צו מיר, האַלטנדיק דאָס טע-לעפאָן-טרייבל אין האַנט:

פּאַפּאַ! עס רופט דיך „אַ יונגע, שיינע, פרוי"!

איך דערנענטער זיך צום טעלעפאָן-אַפּאַראַט און שמייכל פון מיין טאָכטערס חכמה.

— האַלאָ! האַלאָ!

און אַ פרויען-שטימע רופט זיך אָן:

פריינט! אייער קינד וואָס האָט אַטענדירט דעם טעלעפאָן האָט אַ טעות געהאַט! אַ דאָפּלטן טעות! ניט איך בין יונג, ניט איך בין שיין! נאָר אויב אויף מיין שיינקייט קאָן איך קיין מבינות נישט זאָגן — ווייס איך אָבער אויף זיכער אַז איך בין נישט יונג ווייל... ווייל איך בין שוין אַ קאַנדידאַטקע צום צווייטן מאָל אויף אַ — באָבע!

איך צעלאַך זיך, ווייל פאַרענטפערן מיין טאָכטער פאַרן געמאַכטן וויץ, און וויל אָנהויבן פרעגן ווער עס רעדט און וואָס זי וויל! אָבער, איך אויספּייע נישט אַרויסרעדן אַ וואָרט, ווייל די פרויען־שטימע רעדעט שוין פאַר מיר:

איך בין אייער אַ נאָענטע באַקאַנטע. איך קאָן אייך פערזענלעך זייט עטלעכע און צוואַנציק יאָר, און נאָך אַ סך קלערן און טראַכטן, נאָך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט אין וועלכע איך האָב נישט איינמאָל גע־טראַכט וועגן מיין לעבנס־געשיכטע — אַ געשיכטע וואָס קאָן זיין אינ־טערעסאַנט פאַר טויזנטער פרויען וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי צו האַנדלען אין קריטישע מאָמענטן פון זייער לעבן. אַלזאָ, נאָך אַ סך טראַכטן, האָב איך באַשטימט זיך זעען מיט אייך און אייך אויסדערציילן מיין לעבן.

— נו! גוט! קומט צו גייען ווען איר האָט צייט, און איך וועל הערן וואָס, און מיט וואָס איך קאָן אייך העלפן!

— ניין! פריינט! גייען צו אייך וויל איך נישט! עס איז אַן ענין, נישט אויף איין טאָג צו דערציילן! איך דאַרף זיצן שעהן און שעהן און האַלטן אין איין רעדן און איך בין זיכער, אַז ביי אייך אין הויז וואו עס גייען אריין און עס גייען אַרוים מענטשן, וועל איך נישט קאָנען זיין רואיק און נישט קאָנען אַרויסברענגען דאָס, וואָס איך וויל אייך דער־ציילן!

— נו! גוט! גיט מיר אייער אַדרעס, זאָגט מיר אייער נאָמען, וועל איך זיך מטריח זיין צו אייך!

— דאָס, אוודאי ניט! ביי מיר אין הויז האָב איך היינט נישט קיין באַקוועמלעכקייט אויפצונעמען אַ מענטשן! נאָך ווייניקער האָב איך באַקוועמלעכקייט צו קאָנען זיצן אַ שעה מיט עמיצן און קאָנען רעדן אַ פּאָר ווערטער ווי עס דאַרף צו זיין!

— אַלזאָ! וואָס זשע ווילט איר, טעלעפאָניש מיר דערציילן, מאַך איך שוין האַלב אין שפּאַס, און וויל שוין מאַכן אַ סוף צום שמועס, ווייל... די יויך ווערט קאַלט און פון טיש פּראָטעסטירט מען שוין...

— חלילה! ווי קאָן איך אייך איינפאַלן דורכן טעלעפאָן!

— ווי אַזוי זשע קומט די קאַץ איבערן וואַסער?..

— גאָר פּשוט! איך וויל, אַז מיר זאָלן זיך טרעפן אין... אַ קאָנפּי־טעריאַ! אין אַ קאָנפּיטעריאַ אין „צענטער", וואו מיר זאָלן קאָנען ביידע זיצן רואיק!...

איך וויל עפּעס איבערשלאָגן מיין טעלעפאָן־שמועסערן, אָבער זי דערלאָזט נישט און זעצט פאָר!

— איך פאַרשטיי, אַז איר שמייכלט דאָרט, איר האָט שוין, ווער

ווייסט וועלכע געדאַנקען... און אפשר גאַר האָט איר מורא, אַז אייער פרוי זאָל געוואוירע ווערן און איבערטראַכטן ווער ווייסט וואָס! האָב איך אַ פּלאַן! איך וועל אַרויסרופן אייער פרוי טעלעפאָניש און זי בעטן דערלויבעניש אויף אָט דער באַשטעלונג! זייט רואיק! אַ פרוי וועט פאַרשטיין דאָס האַרץ פון אַ צווייטער פרוי! חוץ דעם, האָב איך אייך דאָך שוין געזאָגט: — איך בין שוין נישט קיין יונגע פרוי, און צו אַ קראַסאַוויצע זיין, פעלט מיר אויך אַ סך!... אַזוי, אַז אייער פרוי קאָן זיין אַבסאָלוט רואיק!...

— אַנטשולדיקט! איין מינוט! איך קאָן וויסן מיט וועמען איך רעד?

— דערווייל נישט! ווען מירן זיך טרעפן וועט איר מיך אפשר דערקענען און אויב נישט, וועל איך אייך דאַן זאָגן ווער איך בין! וואָס איז שייך מיין מאַן, קאָנט איר זייער גוט! און נישט נאָר איר קאָנט אים, נאָר די גאַנצע שטאָט קאָן אים, און צוריק מיט יאָרן האָט ער געהאַט אַ גרויסן נאָמען! איך בעט אייך, שטימט איין אויף מיין פּלאַן. זאָגט מיר אַז יאָ! זאָגט מיר וואו און ווען, וועל איך תיכף רופן אייער פרוי צום טעלעפאָן!...

דער ענין האָט מיר אָנגעהויבן אויסזען עפּעס... נישט גלאַט: זאָל עס זיין אַ שפּאַס פון אַ פרוי וועלכע וויל עפּעס אָפּטון אַ שפּיצל? דאָס הערלן רופן מיין פרוי צום טעלעפאָן איז מיר, אוודאי, אויסגעקומען עפּעס פאַרדעכטיג! און, נישט טראַכטנדיק קיין מינוט האָב איך איר געענטפערט:

— נישט נויטיק! מען דאַרף נישט בעטן קיין דערלויבעניש ביי מיין פרוי, וועלכע האָט צו מיר גענוג צוטרוי! בעטן ביי א י ר דערלויבעניש, וואָלט געהייסן, באַליידיקן אי מיך, אי זי! וואָס יאָ! אין קיין קאָנפיטעריאַ וויל איך נ י ש ט גייען! אַלענפאַלס — דאָס ערשטע מאָל! איך האַלט שטאַרק פון רוסישן ווערטל: „אַבשטשעסטוויענאַיע מניעניע — ווישע וסיעוואָ" (די עפנטלעכע מיינונג איז העכער פון אַלעם!) עס קאָן פּונקט אַריינקומען אין קאָנפיטעריאַ אַ באַקאַנטער, און ע ר וועט שוין יאָ טראַכטן, דער רוח ווייסט וואָס, און ווער ווייסט, אפשר טאַקע מקנא זיין מיך אויך!... אָדער גאַר... לאַכן פון מיר און פון מיין... געשמאַק!

— וואו זשע קאָנען מיר זיך פאַרט טרעפן? — פרעגט זי שוין מיט אַ ציטער אין דער שטים!

— קלינגט מיר אָן אין איינִיקע טעג אַרום און איך וועל אייך באַשטימען דאָס פּלאַץ און די שעה!

— אין איינִיקע טעג אַרום? אין איינִיקע טעג אַרום? אפשר איז

מעגלעך היינט, מאָרגן, ווייל... מאַנטיק וועל איך נישט קאָנען אָוועקגיין פון דער שטוב אויף אַ לענגערער צייט!... מאַנטיק, קומט צו פאָרן מיין מאַן! ער איז אויף עטלעכע טעג געפאָרן אין אַ נאָענטער שטאָט און וועט מאַנטיק זיין צוריק!...

דער ענין הויבט מיך שוין אָן צו אינטריגירן! זאָל דאָס נישט זיין עפּעס אַ שפּיצל, זאָל דאָס נישט זיין אַ „פּאַסטקע" כדי מיך צו קאָמפּראָמעטירן: זאָל דאָס זיין טאַקע אַ פרוי וואָס ליידט און גלויבט, אַז איך קאָן איר עפּעס העלפן, אָדער עס איז אַ אונטערגעשטעלטע מכשפה, וועלכע צוליב אַן אייגענעם נוצן אָדער נקמה, אָדער געדונגען פון עמיצן, זוכט מיך פאַרפּלאָנטערן אין עפּעס אַ נעץ...

איך באַשטים צו ריזיקירן! אין איין אויגנבליק, האָב איך דעם גאַנצן פּלאַן זיך געשאַפן. איין אויגנבליק פּאַסט איך אַ באַשלוס און איך רוף זיך אָפּ צו איר:

— זאָגט מיר. מאָרגן זונטיק, זענט איר פריי?

— יאָ!

— אַ גאַנצן טאָג!

— אַ גאַנצן טאָג!

— איר קאָנט פּ ע ל ן צום מיטיק?

— יאָ!

— גוט! מאָרגן, פּונקט ניין אזייגער אינדערפרי, וואַרט איך אייך אויף „ פּלאַסאַ אָנסע", נעבן דעם אַראָפּגאַנג צום סובטעראַנעאָ, וואָס פירט קיין ליניערס. אזוי ווי מיך קאָנט איר — לויט ווי איר זאָגט — וועט איר זיך דערנעענטערן צו מיר! האָט אינזינען אַז עס מוז זיין פּונקט פּונקט — אַ מינוט ניט שפּעטער, און אויך קיין סך פריער! איך וועל קומען מיט 5 מינוט פריער! געפעלט אייך אַזוי?

— גוט? מאָרגן ניין אזייגער ביים סובטעראַנעאָ פון „פּלאַסאַ אָנסע".

— ביז מאָרגן!

— ביז מאָרגן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך זעץ זיך צום טיש פאַרענדיקן דעם מיטיק! דאָס עסן גייט שוין ניט איין! איך ווייס גאָר ניט וואָס איך האַלט אין מויל! איך בין פאַרטראַכט, צעטראָגן און איבערראַשט! אַ ווײַלע פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: — זאָל איך דערציילן ביים טיש, וואָס מען האָט מיך גערופן צום טעלעפאָן? זאָל איך דערציילן מיין פרוי וועגן דער מאָרגנדיקער „באַשטעלונג"?

מיין אייגנליבע דערלאָזט עס ניט! איך אַליין פיל, אַז עס וואָלט געווען אַ דערנידערונג פאַר מיר! עס דערמאָנט מיך, אין אַ שנצל וואָס מיר האָבן געהאַט אין שטוב — ווען איך בין אַ קינד געווען — האָט מען אים אויסגעלערנט, אַז ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ אידישער שטוב, האָט ער געזאָגט:

„היט מיך, באַזוכט מיך, איך בין אַ גנב"...

אַזאַ טעם, און אַזאַ איינדרוק, וואָלט געמאַכט אויף מיין פרוי — אַזוי האָב איך געקלערט — ווען איך זאָג איר:

„היט מיך, ווייל מאָרגן טרעף איך זיך מיט אַ פרוי אויף אַ „באַשטעלונג"...

פון דער צווייטער זייט ווידער, גייט מיר דורך אַ געדאַנק! און אפשר איז דאָס אַ שפיצל פון איינעם! אפשר וויל מען מיך פאַרנאַרן, ווער ווייסט צוליב וועלכן צוועק! און אַזוי טראַכטנדיק באַשלים איך:

איך וועל אין שטוב היינט ניט דערציילן! זאָל קיינער ניט וויסן פון אָט דער געשיכטע! וואָס יאָ! באַוואָרענען זיך — דאַרף מען!

איך עס אָפּ אויף שנעל, מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך בין שטאַרק פאַרנומען, גיי אַריין אין שרייב-צימער און שרייב אָן פאָלגענדן בריוו (אויף שפאַניש):

„צו מיין פרוי און קינדער, צו דער פאָליציי!

„מאָרגן זונטיק, דאַרף איך מיטן אָעסטע באַן אָפּפאָרן 9.25 אַזייגער, קיין מערסעדעס (ב. א.) וועגן אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן אויספאָרשונג פון אַ אידישן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. היינט, שבת, האָט מיך ארויסגערופן אַ אידישע פרוי, וועלכע וויל איך זאָל איר עצהן אָדער אָריענטירן צי גאָר העלפן אין איר פאַמיליען-לעבן. די פרוי קאָן איך ניט, און איך האָב מאָטיוון צו גלויבן, אַז עס קאָן זיין אַ אונטערגעשטעלטע „פאַסטקע" מיך צו פאַרנאַרן אָדער פאַרפלאָנטערן אין אַ נעץ. איך האָב איינגעלאַדן די פרוי צו פאָרן מיט מיר אין באַן, און דאָרט — פאָרנדיק קרוב צו דריי שעה אהין און דריי שעה צוריק, וועלן מיר קאָנען רעדן!

„איך וואַרף אריין די בריוו אין פאָסט-קאַסטן שבת ביינאַכט. אַזוי ווי, זונטיק, גיט מען ניט אָפּ קיין פאָסט, וועט מען זי ערשט אָפּגעבן מאָנטיק! אויב עס וועט מיר זונטיק גאָרניט געשעען — וועל, איך אליין באַקומען מאָנטיק אָט די בריוו, וועלכע וועט קיין ווערט ניט האָבן! אויב, אָבער, עס וועט זיך מיט מיר עפּעס טרעפן און איך קום ניט, זונטיק, צוריק אַהיים (לויט מיין פלאַן דאַרף איך זיין 17 אַזייגער צוריק), דאַן זאָלט איר וויסן וואָס איר האָט צו טאָן כדי מיך צו געפינען!

„אַזוי צי אַזוי, וועל איך זיך באַמיען, אַריינוואַרפן אינמיטן וועג

(אהין פאָרנדיק) אַן אָנגעשריבן פּאָסט־קאַרטל, וואו דאָרט וועט זיין בלויז עטלעכע ווערטער: דער אויסזען פון דער פרוי, אירע יאָרן (מער־ווייני־קער) און אירע סימנים! דאָס קאַרטל וועל איך אַריינוואַרפן אין „עקספּאַ־סיאָן אַנסע", וואו איך נעם דעם באַן".

— — — — — — — — — — — — — —

צעוואָס לייקענען? איך האָב שוין געציילט די שעהן, אַז עס זאָל ווערן נאַכט און עס זאָל ווערן טאָג! זעקס אַזייגער בין איך שוין געשטאַ־נען אויף די פּיס אַ אומרואיקער און אַלע מינוט געקוקט אויפן זייגער! די שעהן, די מינוטן האָבן זיך געררוקט לאַנגזאַם!

דערוויל האָב איך געהאַט נאָך אַ פּראָבלעם צו „דערליידיקן"!

אַזוי ווי מיין פרוי האָט מיך געוואָלט באַגלייטן צום באַן, האָב איך געמוזט זוכן אַ תירוץ ניט צו דערלאָזן און זי אָפּרעדן דערפון!... דאָס ערשטע בין איך געפאָרן זיך איינשאַפן אידישע צייטונגען און לסוף האָב איך גאָר פאַרזיכערט מיין פרוי אַז איך ווייס ניט צי איך וועל גאָר בכלל פאָרן, ווייל איך וואַרט אויף נאָך אַ חבר, וועלכער דאַרף מיך באַגלייטן און אָן אים — וועל איך ניטפאָרן!...

עס האָט מיך געקאָסט מי איינצורעדן מיין פרוי, אַז זי זאָל מיך ניט באַגלייטן און קוים האָב איך דערלעבט ניין אַן צען, בין איך שוין געש־טאַנען ביים אַריינגאַנג צום אונטערערדישן באַן פון „אַנסע" און געוואַרט אויף מיין געהיימניספולער „באַשטעלונג"!

די פינף־צען מינוט וואָס איך האָב געדענקט צו וואַרטן האָבן זיך אָנגעהויבן ציען און ציען. אַ נערוועאישער, כאַפּ איך אַלע מאָל אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל און איך באַמערק גאַרניט ווי אייניקע מענטשן קוקן אויף מיר און אָבסערווירן מיך. איך קוק אויפן זייגערל און אין דער זעלבער צייט קוק איך אויף יעדער דורכגייענדער פרוי... אין שרעק, קוק איך זיך אויך אַרום, צו פון דער ווייטנס שטייען ניט אַ פּאָר „שטאַרקע" מענער וועלכע דאַרפן מן הסתם, מיר נאָכגיין; און מאַכן אויף מיר דעם איבערפאַל! אין אַ מינוט, הויב איך שוין אפילו אָן חרטה האָבן אויף דער גאַנצער געשיכטע און עס פאָלט מיר איין אַ געדאַנק אַוועקגיין צום באַן, נעמען דעם באַן בילעט קיין מערסעדעס, — וואו איך דאַרף זיך טרעפן, מיטיק־צייט, מיט מיינעם אַ באַקאַנטן, און — מאַכן אַ סוף צו דער גאַנ־צער געשיכטע. און ווער ווייסט צי איך וואָלט אַזוי ניט געהאַנדלט, ווען איך זאָל פון דער ווייטנס ניט געווען דערזען אַ פרוי זיך דערנענטערן צו מיר, און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך איינקוקן אין איר, האָט

זי מיר שוין אויסגעשטרעקט די האַנט און מיט אַ ליבלעכן שמייכל מיר אַ זאָג געטון:

— וואָס מאַכט איר?

איך בין געבליבן שטיין אַביסל איבעראַשט: די פרוי האָט מיר אויס־געוויזן צו זיין באַקאַנט. איך האָב זי אַמאָל געזען. אָבער — איך קאָן זיך ניט דערמאָנען ווען און וואו! איך וויל זיך אָנהויבן דערמאָנען, אָבער, די פרוי שטייט שוין נעבן מיר, הויבט שוין אָן ריידן צו מיר און די געדאַנקען האַקן זיך איבער...

דערווייל דערמאָן איך זיך, אַז עס ווערט שפּעט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ באַן וואָס וואַרט ניט ביז דער רייזנדער וועט זיך אין עפּעס דער־מאָנען. און כאָטש מיר האָבן נאָך אַ פופצן מינוט צום באַן — גיב איך זיך אַ אייל צו און זאָג מיין באַגלייטערן: — איך פאָר אין אַ שטעטל, ניט ווייט פון דאַנען. עס איז קנאַפּע דריי שעה רייזע מיטן באַן. היינט וועל איך פאָרן צוריק. אויב איר ווילט, אויב איר קאָנט און...אויב איר האָט ניט קיין מורא מיט מיר צו פאָרן, טאָ קומט מיט מיר, וועלן מיר קאָנען ריידן אין באַן אַלע זעקס שעה פון דער רייזע. צוריק וועלן מיר קומען, אָדער אַרום 5 פאַרנאַכט אָדער שפּעטסטנס — אַכט אין אָוונט.

די פרוי טראַכט ניט קיין מינוט און ענטפערט מיר:

—איך וועל גיין און פאָרן וואו איר וועט מיר הייסן. איך האָב צ ו ט ר ו י צו אייך, און איך בעט אייך אויך האָבן צוטרוי צו מיר! איך וויל איר זאָלט אויך וויסן — גיט זי צו, אַז פון מיין באַגעגעניש איצט מיט אייך, און פון אַראָפּריידן זיך פונם הארצן, און אפשר אויך, פון אייער עצה וואָס איר וועט מיר געבן וועט עס אַ סך פרויען צונויף קומען אויב זיי וועלן נעמען אַלס ביישפּיל מיין האַנדלונג...

איך נעם צוויי בילעטן, ערשטע קלאַס, קיין מערסעדעס. מיר האָבן נאָך פינף מינוט צום באַן אָפּגיין. איך האָב נאָך צייט צוצושרייבן צום פּאָסט־קאַרטל וואָס איך האָב אין קעשענע, דעם אויסזען פון דער פרוי. איך טו עס אָבער ניט. דער אויסזען פון דער פרוי, דערהויפּט, דאָס, וואָס זי ווייזט מיר אויס באַקאַנט, נעמט ביי מיר צו די מורא צו איר און דאָס טראַכטן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ „פּאַסטקע" מיך אַריינצונאַרן... חוץ דעם, טראַכט איך, איך וועל האָבן צייט אַריינוואַרפן דאָס קאַרטל ביי אַ נאָהענטער סטאַנציע וואו דער באַן שטעלט זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט.

דער באַן איז פול באַזעצט. עס פאָרן טוריזנטער קריסטן קיין לוכאַן. גראַדע איז היינט עפּעס אַ יום־טוב אין דאָרטיקן קלויסטער. מיר געפינען אַ פּלאַץ אין דעם לעצטן וואַגאָן נעבן לאָקאָמאָטיוו, וועלכער גייט כמעט, אַ האַלב־ליידיקער. אַזוי איז שוין די טבע פון פּובליקום — דערקלער איך

מיין באַגלייטערן — אַריינצוכאַפּן זיך אין די ערשטע וואַגאָנען וואָס זיי טרעפן אָן, מאַכן דאָרט אָן אַן ענגשאַפט, אין דער זעלבער צייט, וואָס די ווייטערדיקע וואַגאָנען גייען ליידיקע...

מיר זעצן זיך אַ באַנק קעגן אַ באַנק, כדי מיר זאָלן קענען באַקוועם ריידן. נאָך איין מינוט, דער לאָקאָמאָטיוו גיט אַ פייף און מיר פאָרן אָפּ.

— — — — — — — — — — — — — —

איצט האָב איך שוין צייט צו באַטראַכטן מיין באַגלייטערן.

אַ פרוי פון אַ פאָר און פערציק יאָר. ווייזט אויס אַז מיידלווייז איז זי געווען אַ שיינהייט, נאָר די יאָרן און די צרות האָבן „פאַרשנייעט" דעם בלאָנדן קאָפּ האָר, און עס וואַרפן זיך שוין דורך ווייסע און גראָע האָר וועלכע זי זוכט צו פאַרקעמען, אַז מען זאָל זיי ניט אַרויסזען אַזוי בולט. דאָס פנים, שיין אַרעגלירט, די ליפן — געפאַרבט, אָבער נישט ראַשיק.

דאָס אַלץ צו באַמערקן, געדווירט ביי מיר ניט מער ווי אַ מינוט. איך באַמערקט אויך, אַז זי גייט זייער נעט געקליידעט, כאָטש, דאָס קלייד וואָס זי טראָגט, דאַרף זיין פון אַ ביליקן, גאָר ביליקן שטאָף...

אויך דער האַנט-בייטל וואָס זי טראָגט, און די שיך וועלכע זי גייט, מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן אַ פאָר יאָר פ אַ ר דער מלחמה...

איך נוץ אויס די געלעגנהייט צו באַטראַכטן מיין מיטפאָרערן. די פרוי קוקט אַרויס דורכן באַן פענצטערל און האָט הנאה ווי אַזוי דער צוג שניידט די גאַסן, וועלכע זיינען איר, אַפּנים, קענטלעך. אַלנפאַלס — אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. אין דער אמתן אָבער, באַמערק איך, ווי זי האַלט דאָס ווייסע פרויען טיכעלע אין האַנט און ווישט זיך די אויגן. זאָל זי האָבן חרטה אויף דער רייזע? זאָל זי אפשר מורא באַקומען פאַר „וועט ווייסט וואוהין איך פיר זי"? צי אפשר איז דאָס אַ קאָמעדיע, כדי מיך בעסער אַריינצונאַרן אין „קעסטל"? אפשר זיצט שוין דאָ מיט אונז אין באַן אַ מאַן, אָדער אַ פאָר מענער, וועלכע וועלן באַלד צוקומען צו אונז און „מאַכן אַ סקאַנדאַל"?...

אָבער ניין! וואָס אַ מינוט מער, אַלץ מער איבערצייגט איך זיך, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ פרוי וועלכע זוכט מיין הילף אָדער עצה, אָדער אפשר וויל זי זיך אַראָפּריידן פון האַרצן.

פלוצים קומט מיר אַריין אין קאָפּ אַ שווידערלעכער געדאַנק:

— און וואָס וועט זיין, אויב עס קומט איצט אַריין אַהער אַ באַקאַנ-

מער מענטש מיינער, און זעצט זיך אוועק נעבן מיר? ווי אַזוי זאָל איך אים פ אַ ר ש ט ע ל ן אַט די פרוי? אַלס פרעמדע? — וואָס וועט ער טראַכטן?... אַלס מ יי ן פרוי? — ווי קאָן איך דאָס...

און ווידער אַ זאַך:

איך דאַרף זיך טרעפן מיט אַ פריינט אין מערסעדעס. מיר האָבן אָפּגערעדט אַז מירן עסן אָנבייסן צוזאַמען אין רעסטאָראַן אויף גאַס... איצט, אַז איך האָב מיט זיך אַ באַגלייטערן, ווי אַזוי זאָל איך טאָן? זי מיטנעמען מיט זיך אַ ה י ן אין רעסטאָראַן אַריין און זי פאָרשטעלן מיין פריינט אַלס?... יאָ! אַלס וואָס?...

די פרוי באַמערקט מיין צעשטרייטקייט און אומרואיקייט. זי טייטשט עס אויס, אַז איך בין אַלץ אומרואיק וועגן אַט דער מאָדנער רייזע, וואָס אַ פרוי פאָרט מיט מיר וואוהין איך וויל...

איך דערצייל איר וואָס עס איז מיר פּלוצים איינגעפאַלן. און ברענג פאַר איר אַרויס מיין זאָרג.

זי גיט אַ שמייכל. „חן־גריבלעך" באַווייזן זיך אויף אירע באַקן און זי רופט זיך אָפּ:

— שטעלט מיך פאָר אַלס אייערע אַ ש וו ע ס ט ע ר, וועלכע איר פירט אין דער אידישער קאָלאָניע „כוליאַ לעווין" צו באַזעצן אויף אַ זומער דאַטשע! אַ ז ו י זאָלט איר אויך זאָגן אייער פריינט אין מערסעדעס. איין זאַך, אָבער, זאָלט איר ניט פאַרגעסן. אין דער אַנוועזנ־הייט פון ע מ ע צ ן טאָרט איר מיר ניט זאָגן „איר" נאָר „דו"... אלא ניט, וועט איר פאַרשיטן אונזער „קאָנספּיראַציע"... און ווידער מיט אַ שמייכעלע גיט זי צו:

— וואָס זשע, אויב אברהם אבינו, האָט געמעגט פאַרשטעלן זיין אייגענע פרוי אַלס שוועסטער, מעגט איר אַ פרעמדע פרוי אַוודאי פאַר־שטעלן אַלס שוועסטער! דערהויפּט, ווען איך בין טאַקע אייערם אַ שוועס־טער — נאָר אַ „שיפס־שוועסטער"! מיט פופצן יאָר צוריק זיינען מיר געפאָרן צוזאַמען מיט אַ „שיף" פון בוענאָס איירעס ביז... סאַראַטע אויף אַן עקסקורסיע. איך וועל אייך אַפילו דערמאָנען, אַז עס איז געוואָרן אַ שטורעם און עס איז געגאַנגען אַזאַ רעגן, אַז מיר זיינען שיעור אומגע־קומען אין וועג!...

איך הויב זיך ווידער אָן צוצוקוקן צו דער פרוי. געוואַלד געשריען! איך דערקען זי פאָרט נישט. אמת! זי איז מיר שטאַרק קענטלעך, אָבער — וווייזט אויס, אַז איך האָב זי שוין לאַנג נישט געזען.

די פרוי פאַרשטייט מיינע געדאַנקען. זי זעט אַז איך קוק זיך שטאַרק איין אין איר, און זי רופט זיך אָן:

— איך זע איר דערקענט מיך אלץ נישט! כאטש איר האט אמאל געגעסן מיטיק ביי מיר, און האט מיר אפילו געמאכט א קאמפלימענט — פאר מיין מאן אין די אויגן — אז ווען א פרוי קאן צוגרייטן אזא גוטן מיטיק פאר איר מאן, מוז זי ביי אים האבן א גליקלעך לעבן...

און נאך איידער איך האב זיך געוואלט אנשטרענגען צו דערמאנען, ווען און וועמען איך האב עס געזאגט, זעצט זי פאר און זאגט מיר:

— איך בין די פרוי פון הער מ. ל.

— — — — — — — — — — — — — —

איך בין געבליבן זיצן פארגאפט. ערשט איצט האב איך זיך גוט איינגעקוקט אין איר און איך האב זי דערקענט. איך האב זי ניט געזען קרוב צו 15 יאר. איר מאן איז א באוואוסטער כלל טוער, א גאנצער כל ולך אין דער אידישער געזעלשאפט, א גאנצער „קאמיטעטשיק" בא די „גרינע", „בלויע", „ווייסע", „ראזעווע" און סתם וואו נאר מען האט זיך געקהלט. איך דערמאן זיך, אז אין א צייט פון „וואקאציעס" ווען איך בין געבליבן א „סאלטערא" אין דער היים, האט ער מיך איינמאל איינגעלאדן צו זיך אויף מיטיק. אבער — דעמאלט האב איך געזען פאר זיך א יונגע שיינע פרוי, א פרוי פול מיט לעבן און גליק. זי האט באדינט דעם טיש און געפירט מיט אונז א שמועס איבער נאציאנאלע פראגעס, איבער היגע אידישע ענינים, און דער עיקר — איך האב דעמאלט באמערקט, אז זי קאן אין די קליינע „אותיותלעך"! זי האט אריינגעווארפן פסוקים פון ישעיהו הנביא, און אפילו פון.. תלמוד!...

איך דערמאן זיך:

מיר האבן זיך טאקע געטראפן דערנאך אויף א שיפס-עקסקורסיע. זי איז געפארן מיט איר מאן און א פאר קינדערלעך און האט דעם גאנצן וועג געזונגען העברעאישע לידער!...

אבער — וואס זשע געשעט איצט מיט אט דער פרוי? וואס איז געווארן פון איר גליקלעך לעבן?...

— — — — — — — — — — — — — —

דער באן פארט שנעל. מיר זיינען שוין אפגעפארן א שטיק וועג און מיר האבן נאך גארניט גערעדט וועגן „תוך-זאכן". אמת, מיר האבן זיך נענטער באקענט. איך האב באקומען... צוטרוי צו איר. איך האב איר דערציילט וועגן דעם בריוו וואס איך האב אריינגעווארפן אין פאסט-

קעסטל און איר געוויזן דאָס פּאָסט-קאַרטל, וואו איך דאַרף נאָך צושריי-בן אירע סמנים. אַלס באַוויז פון מיין צוטרוי צו איר — נעם איך דאָס קאַרטל, צערייס עס, און וואַרף עס אַרויס דורכן פענצטער.

דער קעלנער גייט דורך. איך באַשטעל 2 שוואַרצע קאַוועס. די פרוי בעט אַ ד אָ פּ ל ט ע קאַווע. מיר טרינקען אויס די קאַוועס. די פרוי וויל אָנהויבן ריידן, אָבער — עפּעס קאָן זי ניט ריידן... זי שטרענגט זיך אָן צונויפנעמען די געדאַנקען. איך לאָז זי זיך אַליין באַרואיקן און לסוף הויבט זי אָן ריידן:

— — — — — — — — — — — — — —

איך וואָלט געוואָלט מאַכן קורצער ווי מעגלעך. איך וואָלט געוואָלט גלייך צוטרעטן צום ענין, אייך דערציילן מיין לעבנס-וועג און בעטן אייער מיינונג וועגן דעם. איך קאָן אָבער ניט אָנהויבן מיינע ווערטער, אויב איך זאָל אייך פריער ניט געבן אַ קליינע דערקלערונג:

פאַרוואָס האָב איך זיך געווענדעט גראַדע צו אייך? און צי גלויב איך אַז איר דאַרפט עס וויסן?...

איך וויל אייך זאָגן, אַז אַ חוץ אייערע אַ געטרייע לעזערן בין איך אויך אייערע אַ... חסידה! איך ווייס, וויפל צייט איר פּטרט צו לויפן טון עמיצן אַ טובה. צופעליק, בין איך נאָענט, גאָר נאָענט, באַפריינדעט מיט אַ פרוי וועלכע א י ר האָט אַרויסגעראַטעוועט פאַרפוילט צו ווערן אין משוגעים-הויז. און אַ סוד וועל איך אייך אויסזאָגן. ז י איז די איינצי-קע וואָס ווייסט, אַז איך דאַרף זיך טרעפן מיט אייך, און זי איז די איי-ציקע, וואָס ווייסט אַז...איך בין היינט ע ר ג ע ץ אַוועקגעפאָרן מיט אייך. ווי איר זעט, איז ניט בלויז א י ר האָט זיך באַוואָרנט, נאָר א י ך אויך...

און איצט, פריינט מיינער, וויל איך אייך וואָרענען, אַז כאָטש איר זענט זיכער אומגעדולדיק צו וויסן דעם מאָטיוו פון מיין ווענדונג צו אייך, וועט איר זיך נאָך מוזן אָנגאַרטלען מיט אַ גרויסער מאָס און מיך אויסהערן פון אָנהויב ביזן סוף.

איר וועט מיר ניט גלויבן. איך קאָן אייך גאָר ניט דערציילן, און איר וועט אַבסאָלוט גאָרנישט פאַרשטיין מיין געשיכטע, אויב איך וועל נישט אָנהויבן פון עס, עס פון פאָרנט. פון מיין קינדהייט, פון מיינע קינדערשע און מיידלשע יאָרן, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן מיט מיין איצטיקער טרויעריקער לאַגע.

און איידער איך הויב אייך אָן דערציילן מיין לעבנס־געשיכטע, וויל איך אייך פרעגן:

— צי גלויבט איר אין קללות? צי גלויבט איר, אַז קללות קאָנען מקוים ווערן?

איך וויל איר געבן מיין מיינונג וועגן קללות. אָבער — זי לאָזט מיך ניט ריידן און רופט זיך אָן:

ניין! בעסער ענטפערט מיר א י צ ט ניט. איר'ט מיר ענטפערן ווען איך וועל ענדיקן מיין דערציילונג. מעגלעך, אַז ד ע מ אָ ל ט וועט איר וועגן קללות, האָבן אַן אַנדער מיינונג ווי איצט. איידער איר הערט מיך אויס. און איצט טרעט איך צו צו מיין דערציילונג.

———:::———

כ'בין געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטעלע אין בעסאַראַביע. יעדינעץ הייסט עס. מיין פאָטער איז געווען פון די רייכסטע פרומסטע און אָנגע־זעענסטע אידן אין שטעטל. זיין שטוב איז געווען אַן אמתע בית ועד לחכמים. יעדן שבת און יעדן יום טוב פלעגן זיך צו אונז צונויפקומען די פיינסטע באַלעבאַטים פון שטאָט און מען האָט גוט פאַרבראַכט ביי דברי תורה.

ווען איך בין נאָך קיין גאַנצע 4 יאָר ניט אַלט געוואָרן, האָט מיין פאָטער צוגענומען צו מיר אַ לערער אויף רוסיש און איך האָב זיך גוט געלערנט!

ביז 12 יאָר בין איך געווען דאָס גליקלעכסטע קינד פון גאַנץ יעדי־נעץ. איך האָב געהאַט די בעסטע חברטעס פון שטעטל ביי וועמען עס איז געווען אַ כבוד אַריינצוקומען צו אונז אין הויז.

ביי צוועלף יאָר בין איך געבליבן אַ יתומה. מיין טייערע ליבע מו־טער, וועלכע איז תמיד געווען אַ קרענקלעכע און האָט דעם טאַטן ע"ה אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן — איז געשטאָרבן. נאָך איר טויט איז געקומען אַן ענדערונג אין אונזער הויז און אין מיין לעבן. דער טויט פון מיין מו־טער האָט שטאַרק געווירקט אויף מיין פאָטער. ער איז ממש דערשלאָגן געוואָרן גייסטיק און עס האָט אויך געווירקט אויף זיינע געשעפטן. צו־ביסלעך, צוביסלעך איז ער רואינירט געוואָרן, און אין דריי יאָר אַרום נאָך מיין מוטערס טויט, איז שוין מיין פאָטער געווען אַן עני ואביון. ער האָט שוין צו ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרקויפן פון דער שטוב און אין אַ שיינעם טאָג, איז צוגעפאָרן אַ פור און אונז איבערגעקליבן קיין סאָראָקע,

וואו מיין פאָטער האָט געפּרואווט בייטן דעם מקום, כדי אפשר וועט זיך בייטן זיין מזל.

אין אַ שבת צו נאַכטס איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן קיין רוסיש־ראשקאָוו און איז מיטוואָך געקומען מיט אַ פרוי, וועלכע ער האָט אונז אונז פאָרגעשטעלט אַלס די „נייע מאַמע״, וועלכע מיר דאַרפן רופן „מומע״.

די מומע האָט געבראַכט מיט זיך צוויי קינדער. איינע פון אַ יאָר 15 (אין מיינע יאָרן) און איינע פון אַ יאָר זעקס. דאָס איז געווען דער נדן און דרשה געשאַנק וואָס די נייע מאַמע האָט געבראַכט צום טאַטן!...

פון יענעם טאָג אָן, זינט די מומע איז געקומען, איז געוואָרן אונזער שטוב אַ גהינום פאַר מיר. איך האָב געליטן הונגער, דורשט, און געאַר־בעט שווער ווי אַן אייזל. טאָמער האָב איך זיך פאַרקלאָגט פאַרן טאַטן, פלעגט די מומע פאַלן חלשות, אָדער אין „היסטעריקע״ און דער טאַטע איז אַנטלאָפן פון דער שטוב.

אָבער, דאָס אַלעס וואָלט איך נאָך געווען איבערגעליטן, ווען נישט די קללות! די אויסערמענטשלעכע קללות וואָס פלעגן זיך שיטן אויף מיין קאָפּ! איר הויפּט קללה איז געווען:

„וויפל דו וועסט לעבן זאָלסטו קיינמאָל פון קיין גוטן טאָג נישט וויסן״...

אַ חוץ דעם האָט זי געהאַט אַ גאַנצן לעקסיקאָן פון צענדליקער און הונדערטער „פּשוטע״ קללות וחרמות, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אַ מענטשלעך מויל... די באַליבסטע קללה, אָבער, ביי איר, איז געווען:

„זאָלסט קיינמאָל פון קיין גליקלעכן טאָג נישט וויסן״!...

אין שטוב ביי אונז, האָט זיך דער דלות באַזעצט אין דער לענג און אין דער ברייט! דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען דערשלאָגן, דער קאָפּ איז אים נישט געלעגן ביי זוכן פּרנסה, זוכן ברויט פאַר זיינע איי גע־נע קינדער און פאַר די דריי נייע פּיסקעס וואָס זיינען צוגעקומען צום טיש. צווישן יאָ און ניין, האָט זיך אָנגערוקט אַ ביטערער ווינטער אויף אונז און מיר זיינען שיעור אויסגעפרוירן געוואָרן פון קעלט און אויס־געשטאָרבן פון הונגער.

נישט האָבנדיק מיט וואָס אַרויסצוגיין אין דרויסן, האָב איך קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי ליגן אויפן אויוון און אויסהערן מיין שטיפ־מוטערס תוכחה און קללות. נאָר, איך גיי אייך שווערן, אַז איך האָב ווייניקער געליטן פון מיינע ליידן, ווי פון קוקן, אויף מיין טייערן זיידענעם טאַטן, ווען איך געדענק אַלס אידן, אַ נגיד, און דעם שענסטן

באַלעבאָס פון שטעטל, און איצט — ווי אַזוי זעט ער אויס?... איך פלעג קוקן אויף זיין טרויעריק פנים, אויף זיינע אויסגעלאָשענע אויגן און פלעג שטילערהייט לאָזן טרערן...

אַלס „מויד" פון 16 יאָר, האָב איך שוין פאַרשטאַנען אַ סך זאַכן פון דעם לעבן פון די „גרויסע" און פלעג מיט פאַרוואונדערונג באַמערקן, אַז דער טאַטע לעבט נישט מיט דער מאַמען ווי אַ מאַן און פרוי!... זיי נעכטיקן אַפילו נישט אין איין צימער... און ווי אַזוי דער פאָטער האָט זיך פאַר מיר נישט געהיט — האָב איך באַמערקט און פאַרשטאַנען, אַז אים פייניקט זי נאָך מער ווי מיך. און דערפאַר איז מיר געוואָרן קלאָר מיין פאָטערס שעפּטשען אמאָל צווישן די ציין, ווען ער איז געבליבן בלויז מיט מיר אַליין אין צימער:

— ווען איך זאָל שוין האָבן אייך, מיינע קינדער, פאַרזאָרגט, וואָלט איך פאַרלוירן מיין מורא אין גאָט און וואָלט זיך דאָס לעבן גענומען...

איך פלעג אים טרייסטן און אים איבערצייגן, אַז דאָס בעסטע איז צו לעבן און האָפן. האָפן צו קאָנען נעמען נקמה אין אונזער שונא. און באַשטימט האָב איך:

איך מוז נעמען נקמה אין איר, אין אָט דער מרשעת! זי מוז באַצאָלן פאַרן בלוט וואָס זי האָט אונז פאַרזאָפּט.

און דער מאָמענט פון נקמה איז אָנגעקומען! אָנגעקומען אַ סך שנעלער ווי מיר האָבן געדענקט.

:: :: ::

אין אַ שיינעם תמוזדיקן הייסן טאָג, איז צו מיין שטיפמוטער געקומען אַ גאַסט. אירער אַ פּלימעניקל, אַ בחורל פון אַ יאָר 18, טאַקע אַ שוועסטערס אַ קינד, איז געקומען פון וואָד־ראַשקאָוו צו גאַסט צו דער מומען. געהייסן האָט עס, אַז ער איז געקומען זען די מומען. דער אמת איז געווען, אַז ער איז געקומען זען מיין שטיפשוועסטער, מיט וועמען ער האָט „געשפּילט אַ ליבע" פון קינדוויז אָן. געוואוסט האָב איך, אַז מיין שטיפשוועסטער האָט אַ בחורל מיט וועמען זי פּערעפּיסעוועט זיך די גאַנצע צייט. וואָס איך האָב גאָר נישט געוואוסט איז, אַז אָט דער בחור — וועלכער איז איצט אונזער גאַסט — איז אַזוי שיין, אַזוי „סטרוינע"־עלעגאַנט און אַזוי סימפּאַטיש!...

די מומע האָט זיך שטאַרק געפרייט מיטן גאַסט און אים ממש ניט געוואוסט וואו צו זעצן און וואָס אים פריער צו דערלאַנגען... און, כדי צו ווייזן, אַז זי איז די באַלעבאָסטע פון דער שטוב, האָט זי — פאַר

אים אין די אויגן — מיך דערנידעריקט, זיך געשפּאַסט מיט מיר ווי מיט אַ דינסט־מיידל, און מיך אַפילו מביש געשטעלט מיט... דערלאַנגען מיר אַ שטורך אין דער זייט...

אין אָט יענעם אויגנבליק, האָבן מיר ביידע, איך און די מומע, גע־האַט איינע און די זעלבע געדאַנקען. די מומע האָט געוואָלט מיך וואָס נידעריקער מאַכן, כדי דער בחור זאָל אַפילו נישט וועלן אַ קוק געבן אויף מיר, און איך האָב געמאַכט אַלעם צו קליין געלט און אַפילו געלאַכט פון דער מומעס „חכמות", און מיין גאַנץ וועזן האָט געוואָלט איין זאַך: זיך דערנענטערן וואָס נענטער צום גאַסט, און וואָס מער ציען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיר.

עס איז מיר פּלוצים אַריין אַ טייוולשער פּלאַן אין קאָפּ: איך מוז געווינען די סימפּאַטיע פון בחור! איך מוז אים ביי איר „אַפּטשעפּען"! איך מוז נקמה נעמען פון מיין שטיפמוטער און דווקא אויף אָט דעם גרוויזאַמען אופן.

איך בין זיך איצט פאַר אייך מודה. אין יענעם מאָמענט האָט ביי מיר די ליבע צום אינגל, כמעט, גאָר קיין ראָל נישט געשפּילט. איך ווייס אַפילו נישט, צי איך בין שוין געווען פאַרליבט אין אים. איך האָב געהאַט פאַר זיך בלויז איין ציל:

דער בחור, וועמען מיין שטיפמאַמע האַלט פאַר איר טאָכטערס באַ־שערטן זינט זיי זיינען געווען פיצלעך קינדער, וועט אין אַ שיינעם טאָג דאַרפן זאָגן זיין טייערער מומען:

— מומע! איך קאָן מיט אייער טאָכטער נישט חתונה האָבן, ווייל אייער ש ט י פ ט אָ כ ט ע ר געפעלט מיר בעסער!...

אָט דאָס וועט הייסן נקמה...

אָט דעמאָלט וועל איך זען איר בלוט זיך גיסנדיק פון די אויגן, פון האַרצן און פון מוח...

— — — — — — — — — — — — — —

אויף וויפל איך האָב געליטן פון דער שטיפמאַמע פון אירע שטופּ־קערס אין די זייטן און פון אירע קללות, האָב איך, צען מאָל מער געליטן פון מיין שטיפשוועסטער. זי איז געווען אַ טיפּישע שלאַנג אָדער פּיאַווּ־קע וואָס האָט געהאַט פאַרגעניגן פון זויגן מיין בלוט...

פילנדיק זיך שטאַרק דורך דעם וואָס זי האָט אויף איר צד איר מוטער און וואָס מיין פאָטער איז שוואַך זיך אַנצונעמען מיין קריוודע,

פלעגט זי, מיין שטיפשוועסטער, דערגענצן, דאָס, וואָס די שטיפמאַמע האָט נישט אויספייעט דורכן טאָג זיך נוקמען אין מיר.

פאַר אַלעם, האָט מיין שטיפשוועסטער ביי זיך באַשטימט, אַז זי איז פריי פון אַלע שטוב אַרבעטן. זי וואַשט נישט און ראַמט נישט, גרייט נישט צום טיש און דערלאַנגט אַפילו זיך אַליין נישט קיין גלאָז טיי. מען האָט געדאַרפט הערן, ווי זי פלעגט, פון געלעגער, אַראָפּשרייען:

ביילקע! דערלאַנג מיר אַ גלאָז טיי!

ביילקע! דערלאַנג מיר מיינע שטעק-שיך!

און ווען זי איז שוין אויפגעשטאַנען, האָב איך געמוזט גיין איר פאַרבעטן דאָס בעט...

מיין פאָטער האָט דאָס געזען. ער האָט דערפון אויסערגעוויינלעך געליטן. יעדער געשריי „ביילקע!" האָט אים געגעבן אַ ציפּ ביי דער נשמה, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן, ווייל... נו ווייל מיין שטיפמאַמע וואָלט אונז אַלעמען די אויגן אויסגעריסן ווען מיר זאָגן עפּעס אַ וואָרט איר טאָכטער...

אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט מיין שטיפשוועסטער געהאַט, זיך נוקמען אין מיינע מלבושים וואָס איך האָב, משטיינס געזאָגט, פאַרמאָגט... איך פלעג טרעפן געמאַכטע לעכער אין מיינע זאָקן, אָדער אַ טשעפּ אין מיין קליידל, אָדער גלאַט עם פאַרפלעקן מיט בוימל, שמאַלץ אָדער טינט... איך פלעג וויינען, יאָמערן, און טענהן, אַז מען טוט עם מיר אומיסטן — איך האָבן אָבער נישט געקאָנט דערוויזן, און ווען עם פלעגט קומען שבת, האָב איך נישט געהאַט וואָס אָנצוטון און מיט וואָס אַרויסגיין אין גאַס אַריין...

איצט, ווען דער חתן-בחור איז געקומען צו גאַסט צו מיין שוועסטער, האָט זי ערשט געפונען די געלעגנהייט אַרויסווייזן איר רשעות צו מיר און צו דערווייזן, אַז ז י איז די באַלעבאָסטע און א י ך בין די דינסט. און ווער ווייסט? מעגלעך, אַז זי האָט מיך אויך געוואָלט דערנידעריקן אין זיינע אויגן, כדי ער זאָל זיך אַפילו אויף מיר נישט אומקוקן! און זי האָט אָנגעהויבן פּראָווען מיט מיר, ערגער ווי מיט אַ דינסט, און זי פלעגט זיך מיט מיר שאַפן ווי מיט אַ שיקסעלע. ביז איינמאָל איז מיר דאָס וואַסער דערגאַנגען איבערן האַלז.

זיצנדיק מיטן בחור ביים טיש און וואַרטנדיק איך זאָל דערלאַנגען אַ טיי, האָב איך צוגעטראָגן צוויי גלעזער טיי, און ווייזט אויס, אַזוי ווי דער „סענץ" איז געווען קאַלט, איז איר גלאָז טיי — אויך נישט געווען איבעריק הייס.

די שטיפשוועסטער פאַרזוכט די טיי, דערפילט אַז זי איז „אייז-

קאַלט", טראַכט ניט לאַנג און גיט זי מיר אַ גאָס אין פּנים אַריין...

מיין געדולד האָט געפּלאַצט. דאָס בלוט איז מיר אַריין אין פּנים אַריין. איך הויב אויף די האַנט און דערלאַנג איר אַ זאַ פּלאַסק אין דער באַק, אַז מען דערהערט דעם אָפּקלאַנג איבער דער גאַנצער שטוב...

ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרן פון אונז ביידן, ווען דער בחור מישט זיך נישט אַריין, צעגעמט אונז, און גיט מ י ר צו — נישט נאָר גערעכטיקייט נאָר, ער סטראַשעט, דאָס אויב זי בעט מיך נישט איבער, אויב זי דערלאַנגט מיר נישט די האַנט און בעט מיך נישט אַנטשול־דיקונג, פאָרט ער באַלד, ש ו י ן אַוועק.

איך ווייס נישט, צי זי האָט זיך טאַקע איבערצייגט, אַז זי איז געווען שולדיק, צי פאַר מורא, אַז איר חתן זאָל נישט האַלטן קיין וואָרט און באַלד אַוועקפאָרן. מיין שטיפשוועסטער דערלאַנגט מיר די האַנט, בעט אַנטשולדיקונג און בעט מיך, אַז נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע זאָלן געוואוירע ווערן דערפון.

איך האָב איר מיטן מויל מוחל געווען. אין האַרצן אָבער, האָב איך באַשטימט צו נעמען נקמה אין איר. אַ נקמה וואָס זאָל זיין גרויזאַם...

——::——

ביינאַכט אויף דעם געלעגער האָב איך שוין נישט געקאָנט שלאָפן. איך האָב געטראַכט פלענער און אין איין וועגס זיך צוגעהערט צום שעפּטשען און צום... קושן זיך פון די געליבטע. עפּעס אַן אינערלעכע שטימע האָט מיר אַריינגערעדט אין די אויערן און שטילערהייט געזאָגט:

זאָל דיך נישט אַרן וואָס זיי קושן און ליובען זיך. פונקט פאַרקערט, וואָס מער ער וועט זי צוציען צו זיך און „צערייצן", אַלץ גרעסער וועט זיין איר ווייטיק און דער ווייטיק פון איר מאַמען — דער מרשעת, ווען ער וועט זי פאַרלאָזן !...

אינדערפרי פלעג איך אויפשטיין מיט אַ קאָפּ־ווייטיק פון נישט דער־שלאָפן. איך פלעג זיך אויפכאַפּן פאַרטאָג און שטעלן דעם סאַמאָוואַר, נאָך איידער דער גאַסט שטייט אויף, און איידער ער זעט ווי אַזוי א י ך טו אַלע שטוב־אַרבעטן, און מיין שטיפשוועסטער, זיין „כלה", שלאָפט ביז ניין אינדערפרי.

ווי נאָר איך האָב זיך אָפּגערעט פון דער אַרבעט, האָב איך זיך פיין צוגעקעמט, זיך אַרעגלירט דאָס ציצענע קליידל מיינס און געוואַרט, אַז דער בחור זאָל אויפשטיין.

די ערשטע צייט פלעגט ער נישט וועלן טרינקען קיין טיי ביז די

„כלה", מיין שטיפשוועסטער, איז אויפגעשטאַנען. שפּעטער אָבער, ווען איך בין אים שוין אַריין מיט... איין פּוס אין הארצן אַריין, פלעגט ער אינמיסטן אויפשטיין פריער כדי צו טרינקען טיי אָן איר, און קאָנען כאַפּן אַ שמועס מיט מיר...

איך וועל אייך לאַנג נישט אויפהאַלטן מיט די דעטאַלן ווי אַזוי איך האָב דעם בחור אַריבערגעצויגן צו מיר. כאָטש, ווען איך וויל נישט זיין באַשיידן, וואָלט איך אייך מודה געווען, אַז איך בין געווען שענער, און אינטעליגענטער פון מיין שטיפשוועסטער.

מיט מיר האָט ער געקאָנט ריידן, וועגן טורגעניעוון, פּושקינען, דאָסטאָיעווסקין, און בכלל וועגן דער רוסישער און אַפילו אידישער לי־טעראַטור. מיט איר, מיט מיין שטיפשוועסטער, האָט ער אַ חוץ... קושן זיך — גאָרנישט געקאָנט פאַרברענגען. און ווי מערקווירדיק עס וועט אייך אויסווייזן. מיר זיינען געווען גאַנצע דריי חדשים אונטער איין דאַך. די לעצטע פיר וואָכן איז ער שוין געווען אינגאַנצן מ יי נ ע ר. מיר האָבן שוין אָפּגעמאַכט ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען, וואָס ער זאָל זאָגן דער מומען, דער כלה זיינער, און וואָס ער זאָל דערקלערן מיין טאַטן. מיר פלעגן שוין פאַרברענגען גאַנצע שעהן צוזאַמען און נישט מיין שטיפמאַמע און נישט מיין שטיפשוועסטער האָבן עפּעס באַמערקט.

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט וואָס ער האָט געדאַרפט אַוועק־פאָרן. מיר זיינען אַלע אַרומגעגאַנגען צעחושט. יעדער איינער האָט גע־טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש! איין זאַך האָב איך געוואוסט: דער בחור איז אין מיר שטערבלעך פאַרליבט און וואָס איך וועל אים הייסן — אַפילו שפּרינגען אין פייער — וועט ער טון! און געוואָלט האָב איך, אַז ער זאָל נ י ש ט שפּרינגען אין פייער. איך האָב בלויז איין זאַך געוואָלט בײַ אים פּועלן:

ער מוז זאָגן דער מומען — מיר אין די אויגן — אַז, אַנשטאָט א י ר טאָכטער, נעמט ער גאָר מ י ך פאַר אַ פרוי.

איך בין זיך מודה! איך האָב געוואָלט דאָס גאַנצע פּונט פלייש. איך האָב געוואָלט די גאַנצע נקמה מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט.

מיין געליבטער האָט מיך אָפּגערעדט פון צו טון אַזאַ זאַך. ער האָט געטענהט, אַז די שטיפמאַמע וועט ווילד ווערן און וועט מיר די אויגן אויסדראַפּען. אָבער אפשר גאָר נאָך ערגער! זי וועט מיך פאַרסמען. זי וועט מיך נישט לאָזן לעבן. און אַזוי ווי ער פאָרט אַוועק — האָט ער מורא מיך אַליין איבערלאָזן מיט איר...

איך בין אָבער באַשטאַנען אויף מיינעם. איך בין שוין געווען אַ פאַלנע מויד און זיך געפילט אין כּוח צו נעמען די קאָטשערע און איר

שפּאַלטן דעם קאָפּ! וואָס איז שייך סם, וועל איך איר זאָגן, אַז איך האָב געמעלדעט דעם פּריסטאַוו, אַז זי האָט זיך באַרימט, אַז זי וועט מיך סמען... און אדרבא! זאָל זי סמען און אַוועקגיין אויף קאַטאָרגע קיין סיביר...

מיין חתן האָט זיך געווערט מיט אַלע כוחות. ער האָט געוואָלט „אַוועקפאָרן גוט", און דאָס אַלעס געבן צו פאַרשטיין דער מומע דורך אַ בריוו. איך האָב אים אָבער געמאָלדן, דאָס אויב ער זאָגט איר נישט א י צ ט, פאַר מיר אין די אויגן, — זאָל ער זיך נישט רעכענען צו באַקומען אַפילו איין וואָרט פון מיר, און ווער ווייסט צי ביז אין די צווייטע „קאָניקולעס" וועט ער מיך נישט טרעפן אַ פאַרשלייערטע צו אַ בחור און אפשר שוין אויך אין... „אַנדערע אומשטענדן".

דער בחור האָט נאָכגעגעבן. ער האָט בלויז ביי מיר געפּועלט, אַז ער וועט איר דערקלערן אויף אַן א נ ד ע ר ש ט י י ג ע ר, אויף ז יי ן שטייגער. נאָך אַלעמען איז דאָס דאָך זיין לייבלעכע מומע...

——::——

צען מינוט פאַר זיין אַוועקפאָרן איז דאָס געשען. אין דרויסן איז שוין געשטאַנען יאַנקל בעל עגלה מיטן פאַיעטאָן, און געוואַרט אויף מיין חתן. דאָס רענצעלע זיינס איז שוין געלעגן אין דרויסן. מיין בחור נעמט מיך אָן ביי דער האַנט, גייט אַריין צו דער מומען אין אַלקיר אַריין און זאָגט איר:

— מומע, איך מוז אייך פאַר מיין אַוועקפאָרן, דערציילן אַ סוד. אַ גרויסן סוד! און איך בעט אייך זייט נישט בייז און זייט מיר מוחל! זייט וויסן, אַז איך אוןביילקע — און ער ווייזט אויף מיר — זיינען געוואָרן חתן־כלה, און גאָר אינגיכן וועל איך זי אַרויספאָדערן פון דאַנען און מיר וועלן חתונה האָבן...

אַ היסטערישער קוויטש און אַ פאַל אויף דער ערד איז געווען דער ענטפערט פון דער מומען... זי האָט געחלשט אפשר אַ שעה צייט. מען האָט זי קוים דערמונטערט. און ווען זי איז געקומען צו זיך, — איז זי שוין געווען האַלב טויט. דער קערפּער אינגאַנצן פאַראַליזירט. בלויז מיטן קאָפּ און מיט איין האַנט האָט זי געקאָנט רירן.

מיין חתן איז שוין נישט געפאָרן יענעם טאָג. ער איז געבליבן גאַנצע אַכט טעג מער אין שטוב און דריי טעג פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ער... געזאָגט קדיש אויף איר קבר!

אין משך פון די פינף טעג וואָס זי האָט נאָך געלעבט, האָבן אירע

ליפּן בלויז געשעפּטשעט. איך האָב געוואוסט, — ווייבער וועלכע זיינען געשטאַנען נעבן איר האָבן עס מיר דערציילט — אַז זי האָט בלויז אין איין שעלטן מיך. עטלעכע מינוט פאַר איר טויט האָט זי געהייסן מיך אַריינשיקן צו איר. איך בין אַריינגעקומען אין צימער, אָן מורא און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון חרטה אָדער טרויער. זי האָט מיך, מיט אַ וואונק, צוגערופן צום בעט, אַריינגענומען מיין האַנט אין אירער, און מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט זי מיר אַריינגעזאָגט גלייך אין פּנים אַריין.

— ביילקעלע! דו זאָלסט לעבן מיט דיין מאַן הונדערט און צוואַנציק יאָר! אָבער אַלע דיינע יאָרן, זאָלסטו ק יי ן א יי ן ג וּ ט ע מ י נ ו ט, קיין איין גוטע רגע, ביי אים נ י ש ט האָבן... וו א ו דו וועסט גיין, און וו א ו דו וועסט שטיין, זאָל מיין טויט בילד שטיין פאַר דיינע אויגן און זאָל דיך יאָגן און טרייבן און פּייניקן ווי אַ שד!...

איך ווייס נישט וואָס מיר איז געשען. איך בין געוואָרן ווילד ווי אַ חיה, און מיט מיין גאַנצן כוח האָב איך אַרויסגעשלעפּט מיין האַנט פון אירע פינגער, וועלכע האָבן מיך געהאַלטן ווי אַ קלעשטש, און מיטן פולן מויל האָב איך איר אַ שפּיי געטון גלייך אין פּנים אַריין...

איך בין אַרויס פון צימער מיט אַ היסטעריש געוויין. און ווען מען איז, אין אַ פאָר מינוט אַרום, אַריינגעקומען צו איר אין צימער — האָט מען זי שוין געטראָפן טויט. מיין חתן האָט מיט זיין טיכעלע אָפּגעווישט דאָס שפּייעכץ פון דער טויטער מומעס פּנים...

— —

אונזער באַן איז אָנגעקומען קיין מערסעדעס. מיר האָבן גאָרנישט באַמערקט ווי די צייט איז איבערגעלאָפן. פרוי ל. ווישט זיך אוים די אויגן, גייט צו צום שפּיגל און אַרעגלירט זיך אַביסעלע און מיר גייען אַראָפּ פון באַן. ביזן מיטיק, ווען איך דאַרף זיך טרעפן מיט מיין באַקאַנטן — איז נאָך פאַראַן העכער אַ שעה. מיר באַשליסן מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שיינער שטאָט מערסעדעס, קוקן אין די שוי־פענצטער, פאַרגעסן אַביסל פון דעם איינדרוק פון די זכרונות פון מיין באַגלייטערין, און דערנאָך וועלן מיר גיין אויף דער באַשטעלונג אין רעסטאָראַן.

די גאַנצע צייט פון אונזער שפּאַציר ריידן מיר קיין וואָרט נישט אַרוים. ענדלעך גייען מיר אַוועק צום רעסטאָראַן. מיר שמועסן נאָכאַמאָל אָפּ, אַז איך דאַרף זי רופן ביילקע, זי מיך, וועלוול און דער עיקר — זיך „דוצן". עפּעס אַ קלייניקייט! שוועסטער און ברודער...

אָפּגערעדט מיט מיין באַקאַנטן האָב איך, אַז פּונקט האַלב איינס טרעפן מיר זיך אין רעסטאָראַן. געקומען זיינען מיר צום רעסטאָראַן 10 מינוט פריער, און עס איז שוין באַלד איינס און דער באַקאַנטער קומט נישט. איך זיץ אומרואיק. זאָל ער האָבן באַמערקט, אַז איך זיץ מיט אַ פרוי און זאָל נישט וועלן צוקומען צום טיש. זאָל עפּעס האָבן פּאַסירט מיט אים אַן אומגליק אין וועג? מיין באַקאַנטער איז אַ פּיניקטלעכער מענטש, און עס האַנדלט זיך וועגן אַן ענין אין וועלכן ער האָט אַ גרויסן אינטערעס.

איך הויב זיך אַלע מינוט אויף פון בענקל און גיי אַרום איבערן רעסטאָראַן אָנקוקן די טישלעך. אפשר איז ער געקומען נ אָ ך פריער פאַר מיר און זיך געזעצט ביי אַ טישל מיט דער פּלייצע צו מיר און איך זע אים נישט.

איינער פון די קעלנער וויל אונז באַדינען, אָבער מיר זאָגן אים, אַז מיר וואַרטן אויף אַ דריטן.

ענדלעך גייט צו איין קעלנער צו מיר און פרעגט מיך אויף זיין „גאַזשעגאָשן" שפּאַניש:

אוסטעד עס על סעניאָר?... און גיט אַ קוק אויף אַ קוויטעלע, ווייל ער קאָן נישט נאָכריידן די פאַמיליע, לסוף לייענט ער אַרויס מיין פאַ-מיליע נאָמען.

יאָ, ענטפער איך אים. און וויל שוין ווייטער פרעגן, פון וואַנען קאָן ער מיך און וואָס וויל ער?

מיט שעה צוריק האָט גערעדט טעלעפאָניש אַ סעניאָר — זאָגט דער קעלנער, און געבעטן אייך זאָגן, איר זאָלט אים אַנטשולדיקן וואָס ער האָט נישט געקאָנט קומען צו דער באַשטעלונג מיט אייך, ווייל ער האָט אָפּגעפירט זיין פרוי אין... אַ סאַנאַטאָריע.

— וואָס זשע האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט. איך זיץ דאָך שוין דאָ העכער אַ שעה.

— פון וואַנען וויים איך ווער איר זענט? — פאַרענטפערט זיך דער קעלנער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס דאַרף זיצן איין מענטש אַ ל יי ן, און דאָ, זיצט איר גאָר אין צווייען. איך וואַרט, אַז עס זאָל קומען א יי ן מענטש, אַזוי ווי אָבער, איך זע, ווי איר הויבט זיך אַלע מאָל אויף און גייט זוכן איינעם — האָב איך אַ טראַכט געטון: לאָמיך פרעגן, אפשר זענט איר, דער איינער מענטש אַליין (און דערווייל גיט ער, אַזוי שעל-מיש, אַ בליק אין דער זייט אויף ביילקען).

מיר צעלאַכן זיך ביידע. מיר לאַכן, וואָס דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן ווייטער בלייבן אַליין, און מיר לאַכן פונעם אומזיסטן חשד

וואָס דער קעלנער האָט פון דעם „איינעם", פון וועלכן עס איז געוואָרן צוויי!

מיר הייסן זיך דערלאַנגען אָנבייסן און... מיט די אויגן פאַרשטייען מיר זיך איין, אַז ביים עסן, וועלן מיר וועגן גאַנצן ענין נישט ריידן. מיר וועלן רואיק אָפּעסן און עס בלייבט אונדז נאָך גענוג צייט צו ריידן, פון מערסעדעס ביז בוענאָס איירעס און טאַקע אַ פּאָר שעה ביזן אָפּגיין פון באָן.

דער געשמאַקער מיטיק און אַ גוט פלעשל ווײַן, האָט אונדז גע־מאַכט פאַרגעסן די גאַנצע דערציילונג, דערהויפּט — די לעצטע מאָ־מענטן פון דער שטיפמוטערס טויט.

אונזער מיטיק עסן האָט געדויערט קרוב צו צוויי שעה. אין משך פון עסן האָבן מיר גערעדט פון אַלץ און פון אַלעמען — אחוץ פון איר און פון איר לעבן. דערהויפּט, האָט זיך אונזער געשפּרעך געדרייט אַרום דעם שטעטעלע יעדינעץ, אַרום... אַמאָליקע יאָרן!

נאָכן באַצאָלן דעם באַטרעף פון מיטיק, ווויל איך זיך אויפהויבן פון טיש, און איך לייג פאָר, אַז אונזער געשפּרעך זאָל ווייטער געפירט ווערן אין באָן פאַרנדיק; ביילקע איז אָבער מיט דער מיינונג, אַז מיר זאָלן שוין זיצן אין רעסטאָראַן ביזן באָן אָפּגיין; אָן עבירה אָט די פּאָר שעה זיך אַרומדרייען איבער די גאַסן. און בניה־ביה גיט זי צו: — אויף דער גאַס וועלן מיר אפשר אָנטרעפן עפּעס אַ היימישן אידן.

מיר הייסן דעם קעלנער דערלאַנגען פרישע צוויי קאַוועס און ביילקע זעצט פאָר איר דערציילונג.

———::———

מיין חתן, אָדער רופט אים ווי אַזוי איר ווילט — אפילו, מיין געליב־טער — איז געבליבן ביי אונז אין הויז דריי טעג נאָך מיין שטיפמוטערס טויט. אין משך פון די דריי טעג זיינען זיינע אויגן, אַפילו איין מינוט נישט געוועזן טרוקן...

ער האָט געוויינט אין דער שטיל און אויפן קול. ער האָט זיך גע־קלאַפּט מיט די קולאַקעס אין קאָפּ אַריין, און געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ע ר האָט זי דערהרגעט! אַז ווען מען נעמט אים צו ריכטער — וואָלטן זיי אים פאַרמשפּט! ער איז אַ מערדער; אַ רוצח. מיין טרייסטן אים, איז געוועזן אומזיסט. אייגנטלעך, האָב איך אים גאָרנישט גע־טרייסט, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אין אָט דעם פאַל, דאַרף מען זיין טאַקטיש און אויסגעהאַלטן.

צוויי זאַכן אָבער, זיינען דעמאָלט געבליבן פאַר מיר אַ רעטעניש: ערשטנס, איך האָב באַמערקט, אַז אַ פּאָר טעג פאַר מיין שטיפמוטערס טויט, איז מיין חתן געזעסן ביי איר בעט אפשר צוויי שעה צייט. דער צימער איז געווען אָפּגעשלאָסן און בלוז דורך דער שפּאַרונע האָב איך געקאָנט באַמערקן, ווי ער דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. וואָס זיי האָבן דעמאָלט גערעדט, האָב איך אים נישט געפרעגט. אָבער פאַרשטאַנען האָב איך, אַז זי וויל ביי אים פועלן, ער זאָל בייטן זיין באַשלוס בנוגע מיר... ביז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער — איז מיר שיעור די נשמה אַרויס. אָבער, ווען אַרויסגייענדיק פון דאָרט, איז ער גלייך צוגע־קומען צו מיר און מיך שטאַרק געטוליעט צו זיך, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דער טייוול האָט אויף אים קיין שליטה נישט באַקומען.

אַ צווייטע זאַך איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש טאַקע ביז היינט צו טאָג, ווער עס האָט צו וויסן געגעבן מיין שטיפשוועסטער, אַז זי פאַרלירט, נישט בלויז די מאַמע, נאָר אויך איר חתן. קיין גרויסע חכמת אַז זי זאָל דערזען, באַמערקן, און זיך אָנשטויסן — איז זי נישט געווען. אויך איז נישט געווען צו גלויבן, אַז מיין חתן, וועט איר — אין אָט די אומשטענדן, — אָנזאָגן די פינסטערע בשורה — אַז ער וואַרפט זי אַוועק! איז מיר געבליבן צו גלויבן, אַז די מאַמע אירע, האָט איר געגעבן אַלעס צו וויסן און טאַקע אויך די סיבה פון איר פּאַראַליז.

אַזוי אָדער אַזוי: מיין שטיפשוועסטער האָט אין משך פון די אַכט טעג — אַחוץ קוויטשען און יאָמערן — אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט צו אונזביידן. און ווען מען האָט צו איר גערעדט — האָט זי נישט געענטפערט. און איך האָב געהאַט אַ חשד אַז זי קלויבט זיך אַריינוואַרפן זיך אין דניעסטער! קיין גרויסער אומגליק פאַר מיר וואָלט דאָס נישט געווען! און ווען עס זאָל זיך געווען האַנדלען, אַז איך זאָל זי דאַרפן איינרעדן זיך נעמען דאָס לעבן, אָדער גאָר אונטערשטופּן אַביסל — וואָלט איך עס געווען געטון...

— —

דער טאָג וואָס מיין חתן איז אַוועקגעפאָרן פון אונז, איז געווען דער שווערסטער און טראַגישסטער טאָג פון דער גאַנצער צייט פון זיין געפינען זיך אין אונזער הויז. אין יענעם טאָג, האָט ער די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן אין איין סודען זיך מיט מיין שטיפשוועסטער, און אין איין... וויינען.

צען־פופצן מינוט פאַרן זעצן זיך אין יאַנקלס בויד, רופט ער מיך אַריין אין צימער און ווענדעט זיך צו מיר מיט פאָלגנדע ווערטער:

— ביילקעלע! איך בעט דיך, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט גוט באַהאַנדלען מיין אומגליקלעכער מומעס קינדער, און דערהויפּט — מיין געוועזענע כלה. איך בעט דיך, שווער מיר, אַז דו וועסט נישט זוכן זיך נוקמען אין איר, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט געהערשט איבער דיר! איך ווייס, וואָס פאַרא האַרץ דו טראָגסט אויף איר. מיר האָבן איר אָבער שוין באַצאָלט געגנוג. מיר האָבן דערהרגעט איר מאַמען און זי געלאָזט אַן עלנטע אויף דער וועלט... מיר האָבן צעבראָכן איר גוף און איר נשמה. איצט, מוז זי זיין רואיק און איר רואיקייט איז געווענדעט אין דיר.

אַ קוואַל פון טרערן האָבן זיך מיר אויפגעעפנט אין מיינע אויגן. ווער ווייסט נאָך אַזוי פיל ווי ער — מיין חתן — וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן פון אָט דער בעסטיע. ווי אַזוי זי האָט געצאַפּט מיין בלוט און עס געגאָסן אין דרויסן. איך האָב אָבער געוואָלט, אַז מיין חתן זאָל אַוועקפאָרן רואיק און איך האָב אים צוגעזאָגט און אַפילו געשוואוירן. און:

איך האָב געהאַלטן וואָרט. נישט נאָר, איך האָב זיך נישט גענוקמט אין איר, נאָר איך האָב — צוליב רחמנות — זי אָנגעהויבן באַהאַנדלען מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט. זי נישט געלאָזט וואַשן דעם פאָל, נישט צורירן זיך צום גרעט, און איר אַפילו — ווי פריער — צוגעטראָגן די גלאָז טיי אין בעט אריין. איך האָב דאָס געטון מיט צוויי מאָטיוון. ערשטנס, טאָקע כדי צו האַלטן וואָרט, און צווייטנס — איך לייקן עס נישט — ווייל איך האָב געפילט, אַז וואָס מער גוט איך וועל זי באַהאַנדלען, אַלץ גרעסער וועט זיין איר ווייטיק...

פאַר דער צייט בין איך געוואָרן די גאַנצע ברויטגעבערן אין שטוב. דער פאָטער מיינער איז געוואָרן קראַנק און איך האָב אָנגעהויבן געבן לעקציעס פון רוסיש, העברעאיש און אידיש (שרייבן) און איך האָב גוט פאַרדינט. אַלס לערערן האָב איך געדאַרפט גיין שיין, נעט, אָדער ווי פלעגט מען זאָגן ביי אונז, „פרילישטשנע" אָנגעטון; פלעג איך זיך אָפּט מאַכן אַ ניי קליידל, און אין דער זעלבער צייט אויך מאַכן אַ קליידל פאַר מיין שטיפשוועסטער. איך פלעג אָבער שטענדיק אויסקלויבן פאַר איר אַן אַנדער קאָליר אָדער מיט אַנדערע קוויטן, כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז זי טראָגט מ יי נ ע קליידלעך!...

אַזוי האָט זיך עס געצויגן העכער אַ יאָר צייט. פאַר דער צייט האָב איך באַקומען אַן אַ שיעור בריוו פון מיין חתן, און פון זיינע בריוו האָב איך געזען, אַז זי שרייבט אים דעם אמת, וועגן מיין באַנעמען זיך מיט איר. כמעט אין אַלע בריוו האָט ער געלויבט מיין גוטמוטיקייט.

אין איינעם אַ טאָג, מיין פאָטער איז שוין געווען פולשטענדיק גע־

זונט און די פרנסה זיינע האָט זיך גאָר פיין פאַפּראַוועט, און איינעם אַזאַ טאָג, איז מיין חתן געקומען צו אונז און אָפּזייענדיק אין שטוב עטלעכע טעג האָבן מיר באַשלאָסן צו שטעלן אַ חופּה און חתונה האָבן. דורך אַ געמיינזאַמען איינפאַרשטענדעניש האָבן מיר באַשלאָסן די חופּה-צערעמאָניע מאַכן אינטים, דאָס הייסט ביים רב אין הויז, און באַלד נאָך דער חופּה זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין קעשענעוו, וואו מיין מאַן איז געווען אָנגעשטעלט אין אַ גרויס הויז, אַלס איינער פון די שעפן.

און ווידער האָבן איך באַמערקט:

פאַר אונזער אָפּפאָרן קיין קעשענעוו, האָט מיין מאַן זיך פאַרמאַכט מיט מיין שטיפשוועסטער אין צימער און אפשר צוויי שעה זיך געסודעט. איך האָב גאָרנישט געקאָנט אויסזעצן קעגן דעם, ווייל — נאָך אַלעמען — איז זי דאָך פאָרט זיין געשוועסטערקינד, אייגן בלוט און פלייש.

פאַר מיין אָפּפאָרן קיין קעשענעוו, האָב איך באַשטימט האָבן אַ געשפרעך מיט מיין שטיפשוועסטער. דאָס גאַנצע לעבן אונזערס צו-זאַמען, האָב איך קיין איינמאָל מיט איר ע ר נ ס ט נישט גערעדט.

אַריינקומענדיק זי אין מיין צימער, און זיך זעצנדיק ביידע אין בעט, האָב איך גענומען איר האַנט אין מיינער און זיך צו איר געווענדעט:

— הער זיך איין, טייערע: ווען מיר זאָלן קומען פאַר אַ בית-דין פון מלאכים, און זיי דערציילן, ווער ווער ווען, עס האָט מער פאַרצאַפּט בלוט און געקירצט די יאָרן, ווייס איך נישט צי דו וואָלסט אַרויס די גערעכטע. אַלנפאַלס, ווייסטו דאָך אַליין, אַז נאָך איידער דו האָסט געקאָנט משה'קען (מיין מאַן) און נאָך איידער דו האָסט געהאַט אַן אַנונג, וואָס מיט אים וועט געשען, האָסטו אַלע טאָג און אַלע שעה זיך געבאַדן אין מיין בלוט און געריסן שטיקער פון מיין לייב.

דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז מיינע טרערן, און מיין געבעט זאָל דערהערט ווערן אין הימל, און גאָט האָט מיך פאַרגיטיקט פאַר יענע שרעקלעכע טעג און נעכט פון מיינע ליידן.

דו ביסט אָבער מיין עדות, אַז דעמאָלט, ווען דער גורל האָט דיך איבערגעגעבן אין מ יי נ ע הענט, האָב איך זיך אין דיר נישט גע-נוקמט! אדרבא איך האָב אַלעם פאַרגעסן און דיך באַהאַנדלט ווי אַן אייגענע שוועסטער.

איצט, פאָר איך אַוועק. איך לאָז דיך איבער מיט מיין פאַמיליע, מיט מיין פאָטער, געדענק! וועסטו אים זיין אַ טאָכטער — וועט ער צו דיר זיין אַ פ אָ ט ע ר. ווייל זיין גוטסקייט האָט קיין גרענעץ נישט. וועסטו אָבער, אָנהויבן ווידער דיינע אַמאָליקע שטיק — ווייס איך נישט וואָס דיין סוף וועט זיין. אין דיינע הענט ליגט, צי דיר זאָל זיין גוט,

אָדער דו זאָלסט דאַרפֿן ליידן ערגעץ אין דער פרעמד און אפשר נאָך אַלס... דינסטמיידל.

זי איז מיר געפֿאַלן אויפֿן האַלז, אָנגעהויבן וויינען און צוגעזאָגט צו זיין גוט און פֿרום און ערשט איצט דערוויזן מיין טאַטן, אַז זי איז אַ געטרייע טאָכטער...

מיר האָבן זיך געזעגנט און צעקושט. אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז אירע ליפּן האָבן צו שטאַרק געברענט... אין איר קוש האָב איך דער־פילט דעם טעם וואָס ישוע הנוצרי האָט געפֿילט ווען יהודה איש קריות האָט אים געקושט... אינעם קוש, האָב איך דערפֿילט עפּעס אַזוינס, ווי איינער רעדט:

וואַרט אויס, מיר האָבן נאָך נישט געענדיקט. מירן זען ווער עס וועט לאַכן דער לעצטער. און ווי איר וועט שוין זען — האָט זי טאַקע געוואָלט לאַכן די לעצטע...

——::——

מיר האָבן אין קעשענעוו זיך איינגעאָרדנט אויף דער גאַס שמי־טאָווסקי 14. מיר האָבן זיך געשאַפֿן זייער אַ באַקוועמע וואוינונג. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך ווער ערשט איצט געבוירן, הויב אָן ערשט איצט צו לעבן. מיין גליק איז נאָך גרעסער געוואָרן ווען איך האָב באַמערקט, אַז איך וועל ווערן אַ... מוטער.

איך האָב אָבער אָנגעהויבן באַמערקן עפּעס אַן אומרואיקייט ביי מיין מאַן. איך האָב באַמערקט, אַז עפּעס היט ער זיך שטאַרק פֿאַר מיר מיט אַ זאַך. איך האָב אַפֿילו פֿעסטגעשטעלט, אַז ער ברענגט נישט אַהיים דעם גאַנצן געהאַלט זיינעם און ווען עס קומט ענדע מאָנאַט, נויטיקט ער זיך אין „קליינגעלט"...

איך האָב אָנגעהויבן באַמערקן, אַז איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך גייט ער אַוועק פֿון אַנביסן מיט 20 מינוט פֿריער, און אָנשטאָט גיין צו אַלעקסאַנדראָווסקי גאַס וואו ער האָט געהאַט זיין שטעלע, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַ צווייטער ריכטונג.

איך האָב אויך איינמאָל געפּרואווט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז איך דאַרף גיין צו דער מאָדיסטקע און איך גיי מיט אים, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אַז איך זאָל אים באַגלייטן. דער תירוץ איז געווען: ער גייט שנעל און איך גיי — ווי אַלע פֿרויען — פּאַוואָליע, און ער וועט פֿאַרשפּעטיקן אין דער אָפֿיסינע.

אין אַ שיינעם טאָג בין איך — דורך מיינער אַ פֿריינדין — גע־

וואוירע געוואָרן וואוהין ער איילט זיך אַזוי: זי האָט אים געטראָפן אין פּאָטשט אָפּנעמען אַ בריוו „דאָ וואָסטרעבאָוואַניאַ" (פּאָסטע רעסטאַנ־טע). ער האָט די בריוו דאָרט איבערגעלייענט און באַלד צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך...

איך בין געוואָרן געוואַלדיק אומרואיק. עס האָט זיך מיר אָנגע־הויבן דוכטן, אַז מיין שטיפמאַמעס קללות הויבן אָן מקוים ווערן.

אייגנטלעך, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז די קללה ווערט דערפילט. שוין פון ערשטן טאָג וואָס מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אונזער וואוי־נונג, מיין מאַן האָט איינגעהאַנדלט אַ טייערן וואַנט־שפּיגל און האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט אָט דער מציאה. און איך — דורך אַ נישט גע־לונגענעם דריי, האָב זיך אויסגעגליטשט און... דער שפּיגל איז צעבראָכן געוואָרן אַף קליינע שטיקעלעך. מיין מאַן האָט, אין פאַרצווייפלונג, גע־געבן אַזאַ געשריי אויף מיר, באַגלייט מיט אַזעלכע ע פּ י ט ע ט ן אַז דאָס בלוט איז מיר פאַרקילט געוואָרן...

אמת, מיין מאַן האָט מיך דערנאָך הונדערט מאָל געבעטן אַנטשול־דיקונג. אָבער, די ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל — אַ חודש נאָך אונזער חתונה — זיינען געבליבן אין מיין זכרון און האָבן מיך דערמאָנט אין מיין שטיפמאַמעס קללה:

„הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלסטו לעבן מיט דיין מאַן, אָבער זאָלסט קיין א י י ן ג ו ט ע מ י נ ו ט מ י ט א י ם נ י ש ט ה אָ ב ן"...

———::———

עס איז מיר נישט שווער אָנגעקומען צו וויסן פון וועמען ער באַקומט די בריוו. טאַקע אָט די זעלבע פריינדין מיינע האָט זיך שוין אונטער־גענומען צו ברענגען מיר די שטיקלעך צעריסענע פּאַפּיר וועלכע מען האָט נישט געקאָנט לייענען אַ וואָרט אפילו, אָבער — איך האָב דער־קענט א י ר כתבֿ! די פראַגע איז נאָר געווען:

וועגן וואָס שרייבן זיי זיך דורך? אויב ער העלפט איר אַרויס מיט געלט — האָט ער אַ רעכט דערויף. זי איז זיין אייגן שוועסטערקינד און אַן עלנטע יתומה דערצו... די עוולה איז נאָר — פאַרוואָס ער באַ־האַלט עס פאַר מיר...

פון דער היים, פון מיין טאַטן באַקום איך אָפטע בריוו. ער שרייבט, אַז ער פאַרשטייט נישט, וואָס איז אַזוינס די „גדולה" אויף מיין שטיפ־שוועסטער וואָס זי גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג פריילעך און האַלט אין איין זינגען און... לאַכן אים אין פּנים. ער דערציילט מיר אויך, אַז זי גייט

אָפּט אין פּאַטשט אַריין, נעמט אָפּ בריוו און אַפילו געלט און זי זאָגט, אַז עס איז פון אירער אַ מומע פון אָדעס, וואָס האָט זיך אָפּגעזוכט און שיקט איר הילף...

אָבער, פּלוצים קומט אַן אומדערוואַרטעטער איבערברוך אין מיין לעבן.

מיין מאַן ווערט געוואוירע, אַז איך קלויב זיך ווערן אַ מוטער. איך באַמערק, אַז די ידיעה האָט געמאַכט אַן ענדערונג אין זיין טאָג טעג־לעך לעבן. ער גייט אַרום איבערן צימער און רעדט צו זיך אַליין אָבער דער עיקר — ער גייט שוין נישט אין פּאַטשט... שוין העכער אַ חודש צייט ווי ער איז דאָרט נישט געווען. פון מיין טאַטן קומט מיר אַן אַ בריוו, אַז אויך „ד אָ ר ט" איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג. זי איז געוואָרן ווילד, איז פאַרוויינט, לויפט אַלע טאָג אין פּאַטשט און קומט פון דאָרט אַ פאַרביטערטע... וואַרפט זיך אַריין אין בעט אַריין און וויינט...

אין איין טאָג קומט מיין מאַן פון דער אַרבעט, און נאָך איידער ער זעצט זיך צום אָנבייסן, זאָגט ער מיר:

ווייסט ביילקע! איך האָב באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן עמיגרירן. מיר זאָלן אַנטלויפן פון דאַנען. איך וויל נישט בויען אַ היים, האָבן קינדער אויף אָט ד ע ר ערד... איך בין זיכער, אַז נאָך איידער דער בחור וועט אַלט ווערן גאַנצע אַכצן יאָר, וועט מען אים שוין שיקן ערגעץ אויף אַ „פראָנט", מלחמה האַלטן ווער ווייסט קעגן וועמען... מיין היים וועל איך בויען אין אַמעריקע אָדער אַרגענטינע...

איך בין געבליבן איבערראַשט, פּשוט פאַרשטומט. איין סעקונדע בלויז האָט געדויערט און איך האָב פאַרשטאַנען וואָס מיין מאַן טראַכט:

— ער וויל אַנטלויפן פון א י ר !

ער איז פאַרפּלאָנטערט אין א י ר נעץ, און אַנטלויפנדיק פון דאַנען, באַפרייט ער זיך פון איר...

ניט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך אים געענטפערט: — טו ווי דו פאַרשטייסט! איך וועל פאָרן מיט דיר אין עק וועלט.

מיין מאַן האָט מיך שטאַרק אַרומגענומען און אַ הייסן קוש געגעבן. ער האָט געמיינט, אַז איך וועל זיך קעגנשטעלן. איך וועל נישט וועלן פאַרלאָזן מיין אַלטן טאַטן, מיין געבורט־היים, און מיין שיין איינגעאָר־דנטע שטוב.

ביים עסן, צווישן טעלער און טעלער, בעט ער מיך נאָך אַ זאַך:

אויב איך וויל זיך געזעגענען מיט מיין טאַטן, זאָל איך אים רופן א ה ע ר, אָדער איך זאָל פאָרן א ה י ן, אָבער אין ביידע פאַלן זאָל

קײנער — אַ חוץ איך און ער — מײן טאַטע -- ניט װיסן, אַז מיר פ אָ ר ן אַװעק און װ אַ ו ה י ן מיר פאָרן...

איך האָב בעסער באַשטימט רופן מײן טאַטן אַהער. איך בין נישט געװען זיכער בײ זיך, אַז זײענדיק אין דער הײם, װעל איך עמיצן נישט אױסזאָגן דעם סוד, אַז מיר פאָרן קײן אַמעריקע.

מײן פאָטער איז געקומען. ער איז געװען שטאַרק געעלטערט. דער־הערנדיק, אַז מיר קלױבן זיך קײן אַמעריקע האָט ער זיך צעװײנט אָבער — אונז ניט אָפּגערעדט. ער איז געװען מיט מײן מאַנס מײנונג, אַז עס גרײט זיך אַן אומגליק, פריער אָדער שפּעטער...

דער טאַטע איז אָפּגעװען בײ אונז אין שטוב אַכט טעג און האָט אונז באַגלײט צום באַן װאָס האָט אונז געפירט קײן גאַלאַץ און פון דאָרט האָבן מיר, מיט דער שיף געדאַרפט אָפּפאָרן קײן נעאַפּאָל װאו מיר האָבן גענומען אונזער שיף.

אַ שעה צײט פאַר אונזער אַװעקפאָרן האָט מײן מאַן געהאַט אַ הײסן געשפּרעך מיט מײן טאַטן און בײ אים גענומען תקיעת כף, אַז ער װעט האַלטן װאָרט. װעגן װאָס — בין איך שפּעטער געװאָירע גע־װאָרן — אַז מײן טאַטע זאָל נישט דערצײלן אין דער הײם, אַז מיר זײנען אַװעק קײן אַמעריקע און דער סוד זאָל בלײבן ביז מין נישט אָנקומען אױפן פּלאַץ און עס װעט אָנקומען פון אונז אַ בריװ.

— — — — — — — — — — — — — —

װי נאָר מיר זײנען געקומען אין לאַנד אַרײן, און אײדער מיר האָבן צײט געהאַט זיך אַרומקוקן — האָט שױן מײן מאַן געקראָגן אַ שטעלע און האָט שױן אָנגעהױבן זײער גוט פאַרדינען און זיך אַרױפאַרבעטן. אין װײניקער װי דרײ מאָנאַטן האָט ער שױן געקענט רעדן די לאַנדעס שפּראַך און ביז צום יאָר האָט ער שױן גוט פאַרדינט אַז מיר זאָלן קאָנען װאױנען אין אַ שײנער װאױנונג און פּראָװען שײנע אױפנאַמעס פאַר באַקאַנטע, װעלכע מיר האָבן זיך שנעל דערװאָרבן!

מיטן קומען אױף דער װעלט פון אונזער ערשט קינד, איז קײן גרע־נעץ צו אונזער גליק — אַלענפאַלס, צו מ ײ ן גליק — ניט געװען! ביז אין אַ שײנעם טאָג האָט זיך אָנגערוקט אַ װאָלקן איבער מײן קאָפּ און מיר פאַרטונקלט די שײן פון מײן לעבן! אין אײנעם אַ טאָג, קומט אונדז אָן אַ טעלעגראַמע פון מײן שטיפשװעסטער אַז זי האָט זיך שױן אױפגעזעצט אױף דער שיף און פאָרט צום אונז...

גראַדע האָב א י ך באַקומען די טעלעגראַמע, און עס װאָלט געװען

פאַר מיר לייכט זי נישט אָפּגעבן מיין מאַן! איך האָב, אָבער, אַפילו קיין מינוט נישט געטראַכט אַזוי האַנדלען! פּונקט פאַרקערט! ווען מיין מאַן איז געקומען עסן מיטיק, בין איך אים געגאַנגען אַנטקעגן מיט דער טע־לעגראַמע, מיט דער „גוטער בשורה" אין דער האַנט, און, געבנדיק אים אַ קוש — ווי מיין געוואוינהייט איז געווען, און דאָס מאָל — נאָך שטאַרקער — האָב איך אים געזאָגט, אַז מען דאַרף פאַר איר צוגרייטן אַ פיין פּלאַץ און באַקוועמלעכקייטן, כדי זי זאָל פילן אַז זי איז ביי איי־גענע אין שטוב!...

פון דער ערשטער מינוט אָן האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין מאַן איז נ י ש ט איבעריק צופרידן מיט אָט דעם גאַסט! ער איז געוואָרן ערנסט און האָט זיין אומצופרידנהייט בולט אַרויסגעוויזן! צי אפשר, האָבן מיר ב יי ד ע געשפּילט טעאַטער! א י ך, מיט אַרויסווייזן אַזוי פיל „פרייד" וואָס זי קומט און ע ר, אַרויסווייזנדיק אַזוי פיל „אומצופרידנהייט" פון איר קומען! אַלענפאַלס, דעמאָלט, האָב איך געגלויבט און בין געווען איבערצייגט, אַז מיין מאַן האָט זי נישט אַרויסגעפאָדערט צו אונז און אַז איר קומען איז פאַר אים אַ סורפּריז. אין משך פון די פופצן טעג וואָס עס האָט געדויערט ביז איר קומען, האָט מיין מאַן א יי נ מ אָ ל זי נישט דערמאָנט און נישט גע־וואָלט רעדן וועגן איר און וועגן איר קומען! און אַז איך האָב אַרויפגע־פירט דעם שמועס, אַז אָט, אָ, קומט זי שוין — האָט ער מיר איבערגע־האַקט דעם געשפּרעך, און געבעטן רעדן וועגן וויכטיקערע זאַכן! איך האָבן אַפילו באַמערקט, אַז מיין מאַן, האַנדלט אונטער מיט שדכנים וועגן אַ שידוך פאַר איר, און ער האָט אַפילו צוגעזאָגט פּראַוווען אַ שיינע חתונה און געבן צושטייער אויף מעבל. דאָס אַלעס האָט מיך באַרואיקט און איך בין געפאָרן צו דער שיף מיט מיין מאַן ווי מען פאָרט צו אַ טייערן פריינט אָדער צו אַ קינד צו גאַסט.

נאָך מער האָב איך זיך באַרואיקט, ווען די שיף האָט זיך דערנענ־טערט צום ברעג און מיר האָבן אונזער „גאַסט" געזען שטייען אויפן דעק. זי איז נעבעך געווען אַזוי מיאוס... אַ שרעק! איר נאַריש פּנים און נאַ־רישער אויסזען האָט מיר אויסגעוויזן נאָך נאַרישער ווי מיר האָבן זי געלאָזט! איר קערפּער — דיק און אומגעלומפּערט! נו! טראַכט איר זיך! מיין מאַן איז נישט אַזוי נאַריש, אַז ער זאָל מיך וועלן אויסבייטן אויף אָט די הונדערט קילאָ פליייש און פעטס!...

ביים אַראָפּגיין פון שיף, האָבן מיר זיך געאַרימט און געקושט און ווידער געאַרימט און ווידער געקושט! און, דוכט זיך מיר, אַז אירע אויגן האָבן מיר געזאָגט: וואַרט אויס! מירן נאָך זעען ווער עס וועט לאַכן

דער לעצטער? אָבער, ווי געזאָגט, איך האָב פאַרטריבן פון זיך וועלכן עס איז געדאַנק פון מורא פאַר מיין שלום בית און פון פאַרדאַכט אַז מיין מאַן האָט עפּעס געוואוסט פון איר קומען! קוקנדיק אויף איר — בין איך געבליבן רואיק!... וואָס עס האָט מיך יאָ געוואונדערט, איז וואָס זי האָט, כמעט, נישט געפירט מיט זיך קיין שום געפּעק! איר גאַנצער „באַגאַזש״ איז באַשטאַנען פון אַ... פאַרנייטן זאַק, וואו זי האָט דאָרט געהאַלטן איר „הלבשה״...

אָבער, אינמיטן וועג, פאָרנדיק אין טאַקסי פון פּאָרט צו אונזער הויז, האָב איך אַנטדעקט אַ נייעס! זי, די נאַרישע קלאָץ, דער „גאַסט״ אונזערער, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט און דערנאָך מיט נאָך אַ וואָרט און איך בין געוואוירע געוואָרן אַז מיין מאַן... האָט איר געשיקט געלט אויף דער שיפסקאַרטע און איך בין אויך געוואוירע געוואָרן אַז כדי צו קומען אַהער, האָט זי, אינדערהיים, אָפּגעלאָזט אַ שידוך מיט אַ בחור פאַר וועמען זי איז שוין געווען אַ כלה זעקס מאָנאַטן און עס האָט שוין געזאָלט אינגיכן פאָרקומען די חתונה... ווייזט אויס, אַז אינמיטן דערציילן עס, האָט זי מיין מאַן געגעבן אַ טאָרקע אַז זי זאָל שווייגן! זי —אַ נאַרישע בהמה איז זי דאָך פון געבוירן אָן — האָט נישט פאַרשטאַנען דעם טאָרקע און אפשר האָט זי גאָר געמיינט אַז דאָס טוט עס מיין מאַן כדי צו כאַפּן מיט איר אַ... שפּיל אין טאַקסי פאָרנדיק, ווייל ער האָט קיין געדולד נישט ביז מען וועט קומען אַ היים, האָט, פאָרגעזעצט צו דערציילן ווי אַזוי זי האָט אָפּגענאַרט איר חתן אַז ער זאָל נישט וויסן אַז זי „פאָרט אַוועק קיין אַמעריקא צו אַ פעטער וואָס טרעבעוועט זי אַרויס״ און ער האָט געמיינט די גאַנצע צייט אַז פאַר אים וועט א ו י ך אָנקומען אַ שיפסקאַרטע!...

ווי אַזוי מיין מאַן האָט אויסגעזעען אין טאַקסי ווען איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף אים? — צו וואָס זאָל איך דערציילן! טאָמער איז געווען ווינציק דאָס, האָט זי זיך אויך פאַרענטפערט פאַר מיר, וואָס זי האָט נישט געבראַכט קיין „טשעמאָדאַן״ מיט זאַכן ווי אַנדערע פירן! מיין מאַן האָט איר געשריבן, אַז זי זאָל גאָרנישט ברענגען פון די אַלטע שמאַטעס פון דער היים, ווייל דאָ, וועט ער איר קויפן נ יי ע, מאָדערנע מלבושים! אין דעם זאק וואָס זי פירט, זיינען פאַראַן זאַכן, געבליבענע פון איר מאַמען, ווי טישטעכער, האַנטעכער און „קרוזשעוועס״ וואָס זי האַלט זיי, און זי היט זיי אָפּ אַלס אָנדענק! אָט, דאָס, פירט זי מיט זיך!...

איך האָב זיך קאָנטראָלירט און באַשטימט צו האַנדלען פאָרזיכטיק! איך האָב נישט געמאַכט קיין סקאַנדאַל און אפילו נישט קיין פאָרוואורף מיין מאַן, פאַרוואָס ער האָט מיך אָפּגענאַרט מיט איר קומען! איך האָב

געמאַכט זיך נישט וויסנדיק און נישט נעמענדיק אין אַכט איר קומען, און ז יי ן אופן פון ברענגען זי! און אַ דאַנק מיין טאַקטישער האַנדלונג, האָט מיך מיין מאַן, דעם זעלבן אָוונט, ווען דער „ליבער גאַסט" איז אַוועק שלאָפן אין דעם צימער וואָס מיר האָבן איר פאַרגרייט, אַוועק־גענומען אין אַ זייט און געבעטן — ממש מיט טרערן אין די אויגן — איך זאָל אים מוחל זיין. ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז די אַלע יאָרן, זינט דעם טאָג וואָס די מומע זיינע — מיין שטיפמאַמע — איז גע־שטאָרבן, פילט ער, אַז ער איז אין עפּעס שולדיק אין איר טויט! זי איז אים, אַפילו, נישט איינמאָל, געקומען צו חלום און געוויינט פאַר אים און אַלץ געטענהט: וואָס האָט ער געהאַט צו איר? פאַרוואָס האָט ער איר געקירצט די יאָרן? נו! איז ער געקומען צום שלום, אַז ווען ער וועט עפּעס טון פאַר זיין שוועסטערקינד, וועט זי אים, אפשר, מוחל זיין און זיין געוויסן וועט אים אויפהערן אַזוי פּלאָגן! איך דאַרף, אָבער, נישט מורא האָבן און אַפילו נישט איבערטראַכטן, אַז ער איז חלילה פאַרליבט אין זיין שוועסטערקינד אָדער ער דענקט זיך פאַרליבן אין איר! אדרבא, גיב אַ קוק אויף איר און קוק ז י ך אָן אין שפּיגל און זע, צי אַ קלאָרער מענטש מיט קלאָרע געדאַנקען, קאָן ד י ך פאַרבייטן אויף א י ר! וואָס איז שייך, פאַרוואָס ער האָט מיר נישט דערציילט אַז ער שיקט נאָך איר, אָדער אַז ער שיקט איר די גאַנצע צייט בריוו — ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועל איך זיך דערמאַנען ווי אַזוי זי האָט מ י ך באַהאַנדלט און וועט נישט וועלן, א י צ ט, אַז מיר זאָלן איר העלפן!

— — — — — — — — — — — — — —

איך בין זיך מודה! דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב מיין מאַן — ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מיין שטיפמאַמע אָדער שטיפשוועסטער — געגלויבט אַ ל ע הונדערט פּראָצענט! אַ אינער־לעכע שטים האָט מיר אויך געזאָגט: גלויב אים און האַנדל אַ ז ו י אַז דיין פאַמיליע־לעבן זאָל נישט צעשטערט ווערן! און דערפאַר, ווען ער האָט מיר געענדיקט — יענעם אָוונט — צו דערציילן פאַרוואָס ער האָט מיר נישט אויסגעזאָגט די גאַנצע צייט אַז ער שטייט מיט איר אין פאַרבינדונג, האָב איך אים אַרומגענומען, אים שטאַרק, שטאַרק געדריקט צו מיין האַרצן און אים באַשאָטן מיט פלאַמענדע קושן! איך האָב אים געשוואוירן, געשוואוירן ביי דער גליקלעכער צוקונפט פון אונזער ווײַ־טערדיק פאַמיליען־לעבן, אַז נ י ט נאָר, עס אַרט מיך נישט זיין האַנדלונג — נאָר איך באַשטעטיק זי און וויל אים העלפן אין זיין הייַ־

ליקער מיסיע. איך וועל זען איינלאַדן אהער באַקאַנטע פאַמיליעס, מאַכן אַפטע שפּאַצירן מיט איר אין געזעלשאַפטלעכע און פאַרוויילונגס קרייזן אפשר וועט זי געפונען איר באַשערטן!

וואָלט איך געווען געהאַנדלט אַנדערש! וואָלט איך געהאַנדלט היסטעריש, וואָלט איך זיכער אים געווען געמאַכט אַ סקאַנדאַל, פאַר־וואָס ער האָט זי געבראַכט און... ווער ווייסט, צי מיין שטיפמאַמעס קללה, וואָלט נישט געווען מקוים געוואָרן!

כאָטש איך בין נאָך געווען יונג אין יאָרן, דאָך האָב איך געוואוסט, איך האָב אַ סך געלייענט דערפון, — אַז אויפבויען אַ פאַמיליען־לעבן, קומט אָן זייער שווער! צעשטערן אַזאַ לעבן — קומט אָן זייער גרינג!

אין יענעם באַנאַכט, צוריק מיט 25 יאָר, אין משך פון בלויז אָן האַלבע שעה, איז געווען געווענדעט, צי איך וועל האָבן אַ גליקלעך לעבן מיט מיין מאַן! ווען איך זאָל געווען יענעם אויפדערנאַכט האַנדלען נער־וועאיש, סקאַנדאַליעז, און אייפערזיכטיק, וואָלט איך נישט געווען איצט געפּראַוועט מיין זילבערנע חתונה און וואָלט שוין נישט געווען קיין גליקלעכע באָבע פון אַ שיין אייניקל!...

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך מיט מיין מאַן זיינען געזעסן אינטים און גערעדט פון יענעם אויפדערנאַכט, האָט ער מיר מודה געווען, אַז ווען איך שטעל אים, דעמאָלט, אַ קאָנדיציע: — איך — אָדער מיין שטיפשוועסטער — וואָלט ער געווען איבערגעלאָזט מיין הויז און וואָלט געווען אַוועק וואוינען — נישט מיט מיין שטיפשוועסטער וועלכע ער האָט זי, בסך הכול, נישט געקאָנט פאַרליידן — נאָר, ער וואָלט געווען איבערגעריסן מיט מיר, ווייל... דער קאָשמאַר, מיט די חלומות פון זיין שטיפמאַמע — האָט אים נישט געלאָזט צו רו נישט באַטאָג און נישט באַנאַכט אין חלום! אַ דאַנק מיין קלוגער האַנדלונג יענעם אָוונט איז אונזער פאַמיליען־לעבן געבליבן גאַנץ און גליקלעך ביז היינט צו טאָג.

צי גלויבט איר נישט אַז אַ סך פרויען, יונגע און אַלטע, וואָלט זיך געדאַרפט אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון מיר און פון מיין האַנדלונג?...

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס איז געוואָרן פון מיין שטיפשוועסטער?

זי איז אָפּגעווען אין אונזער הויז העכער דריי חדשים. ווייזט אויס, אַז זי האָט עפּעס אַנדערש געמיינט! אין דעם פאַקט, וואָס מיין מאַן האָט איר געשיקט געלט און אַ שיפסקאַרטע צו קומען אהער, האָט זי

טאַקע געמיינט אַז זיין ליבע צו איר האָט זיך צוריק דערוועקט! איך בין אַפילו געוואוירע געוואָרן, אַז מיין מאַן, האָט איר אין די בריוו מיט דער שיפסקאַרטע, שטרענג אָנגעזאָגט, אַז איך טאָר פון גאָרנישט וויסן, און זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט אַז ער האָט געשיקט נאָך איר. און ווען זי האָט, אין טאַקסי, פון פּאָרט פאָרנדיק, עטלעבע מאָל „זיך אַרויסגעכאַפּט" האָט זי עס געטון, ספּעציעל, מיך ש ו י ן ווי טון, און מיר ש ו י ן אָנזאָגן די בשורה אַז א י ר ע זיבן גוטע יאָר זיינען געקומען!

באַלד, אָבער, אויפן צווייטן טאָג, האָט איר מיין מאַן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט זי געבראַכט, נ י ש ט פאַר ז י ך, נאָר כדי איר צו געפינען אַ חתן, איר חתונה מאַכן, און דערמיט איר אָפּצאָלן אַ מאָראַלישן חוב! פון דעם צווייטן טאָג אָן, האָט מיין מאַן, דעמאָנסטראַטיוו, מיך געהאַלטן אין איין גלעטן אין איין קושן, אין איר אָנוועזנהייט! אין דעם זעלבן טאָג האָט מיר מיין מאַן געגעבן געלט אַז איך זאָל גייען מיט דער „גרינער" אין די גרויסע געשעפטן און איינקויפן פאַר איר הלבשה וועלכע וועט מ י ר, געפעלן! ער האָט בפירוש, אונטערגעשטראָכן אַז דער מבין אויף דער הלבשה דאַרף א י ך זיין!... ער האָט אויך, ביי מיין שטיפשוועסטער „אָפּגעקויפט" דעם זאַק מיט די זאַכן — איר מאַמעס ירושה — ער האָט איר דערפאַר באַשטעלט אַ פוטערנעם מאַנטל און דעם גאַנצן זאַק מיט די אַלע שמאַטעס אינעווייניק, האָט ער... אַוועקגעגעבן דעם מיסט-אָפּנעמער! ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שום ז כ ר, קיין שום אָנדענק פון דער שטיפמוטער.

ווען מיין שטיפשוועסטער האָט דערזען אַז זי האָט אַ טעות געהאַט, און מען זוכט איר גאָר אַ חתן, האָט זי אָנגעהויבן רעדן מען זאָל איר אַרויספאָדערן א י ר חתן, וועלכן זי האָט געלאָזט אין דער היים. מיר האָבן תיכף אַרויסגעשיקט אַ שיפסקאַרטע נאָך אים און ער איז געקומען. מיר האָבן זיי חתונה געמאַכט און זיי אַוועקגעשטעלט אַ פיין וואוינונג! פון דעם צווייטן טאָג נאָך מיין שטיפשוועסטערס חתונה, האָט מיר מיין מאַן געזאָגט, אַז ער פילט, אַז ער האָט שוין באַצאָלט זיין חוב זיין פאַרשטאָרבענער מומע און וויל מער פון איר טאָכטער נישט וויסן! און... פאַר די 20 יאָר האָבן מיר זי געזעען בלויז צ ו ו י י מאָל! ווען זי איז געלעגן אין קימפעט! אי דאָס, האָב איך מיט גוואַלד, ממש מיט גוואַלד און מיט צוואַנג, געדאַרפט נעמען מיין מאַן אַז ער זאָל מיט מיר צופאָרן אין שפּיטאָל וואו זי ליגט!

ביים צווייטן מאָל, האָט מיין שטיפמאַמעס טעכטערל, דאָך געפּרוּווט אַריינלאָזן אַ שטיקל גיפט אין אונזער נשמה!

שטייענדיק נעבן איר בעט און קוקנדיק אויפן פינף-טאָגעדיקן קינד, רופט זיך אָן מיין שטיפשוועסטער צו מיין מאַן, אויף אַ הויכער שטימע, כדי איך זאָל גוט הערן וואָס זי זאָגט:

דאָס קינד איז ווי איין טראָפּן מילך... געראָטן אין ד י ר ! זאָלסט נאָר זעען, אַז ווען עס וועט עלטער ווערן, זאָל עס דיך — אַנשטאָט „פעטער" — ניט רופן פּ אַ פּ אַ !...

מיין מאַן איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך און ממש אויסגעשריען אין דער הויך: ב ע ס ט י ע ! מיך געגעבן אַ שלעפּ ביי דער האַנט און מיך אַרויסגעשלעפּט פון דער מוטער-סאַלע. פון דעמאָלט אָן, האָט מען מער פון איר נישט געהערט און איר נאָמען האָט מען אין שטוב נישט דערמאָנט!

— מיין שטיפמאַמעס קללה — איז נ י ש ט מקוים געוואָרן!...

שווער אויפצוקלערן אַ גויע וואָס אידישקייט איז...

פאַראַן אַ פּראָבלעם אין אידישן לעבן צו וועלכן מיר, יעדער איינער פון אונז, וויל זיך ניט צורירן! עס איז אַ טרויעריקע און אַנגעווייטיקטע פראַגע, וואָס מען וויל זיך ניט פאַרנעמען מיט איר, ווייל מען האָט מורא עמיצן ווי טאָן...

די דאָזיקע פּראָבלעם, איז אַ טראַגישער ענין פאַר הונדערטער אידישע פאַמיליעס פון אונזער נייער היים אין אַמעריקע, און ווילנדיק ניט ווילנדיק, ווען מען רעדט וועגן אָט דעם ענין — מוז מען עמיצן ווי טאָן...

וועלן מיר אָט דעם פּראָבלעם, אָט דעם ענין, אויך באַרירן, און אויב עס וועט ווי טאָן אַ פרעמדן אָדער אַן אייגענעם — זיינען מיר ניט שולדיק! מען קאָן עס ניט אויסמיידן.

— — — — — — — — — — — — — —

עס זיצט פאַר אונז אַ יונגע, שיינע און סימפּאַטישע פרוי. איר אויסזען, אירע שיינע שטריכן פון פּנים, אירע שיינע בלאָנדע, און שיין פאַרקעמטע האָר, זאָגן עדות, אַז זי איז ניט קיין פּשוטע פרוי, ניט קיין אַרבעטער-פרוי, אַלנפאַלס — ניט אַזעלכע וואָס אַרבעט ערגעץ אין אַ פאַבריק, און גיכער פון אַלץ — איז זי אַן אָנגעשטעלטע אין אַ גרוים הויז, אָדער אַ לערערן אין אַ שול אָדער אַן אַנדער אינטעליגענטנע פּראָפעסיע.

ווען זי האָט אונז אַריינגעשיקט איר וויזיט-קאַרטל האָבן מיר אייבערגעלייענט איר נ אָ מ ע ן וואָס האָט געקלונגען ניט קיין אידישער. דער פ אַ מ י ל י ע - נאָמען, אָבער, איז געווען אַן עכט אידישער מיט אַן „עכט-אידישן" „צקי" אויפן סוף.

ווי אונזער געוואוינהייט איז, האָבן מיר אָנגעהויבן ריידן צו איר אין... אידיש. די פרוי גיט אַ שמייכל און בעט אונז ריידן די לאַנדעס-שפּראַך, ווייל... זי פאַרשטייט נישט קיין איין אידיש וואָרט אַפילו.

נו, דאָס איז ביי אונז ניט קיין גרויסע נייעס. מיר האָבן שוין געזען

אַ סך אידישע קינדער, געוואַקסן און דערצויגענע אין הייזער פון אידן, וואָס לייענען אידישע בלעטער, וואָס פריידיקן אידישיזם און העברע־איזם, און זייערע קינדער פאַרשטייען ניט און קאָנען ניט ענטפערן קיין אידיש וואָרט. און נאָך איידער מיר הויבן אָן זי פרעגן „מיט וואָס מיר קאָנען איר דינען?" באַמערקט זי אונז אין אַ שטילן טאָן און אַלץ מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן:

— איך בין ניט קיין אידישע!

טראַכטן מיר: מן הסתם איז זי איינע, פון די צענדליקער און הונ־דערטער פרייליַנס, וואָס באַזוכן הייזער, ניט־אידישע און אידישע — און לייגן פאַר עפּעס אַ פּראָדוקט פון אַ הויז. אַ נייער צינדער צו דער קיך אויף גאַז, וואָס ברענגט איין „אַ סך געלט" יעדן חודש, אָדער אפשר וויל זי גאָר פאַרלייגן אַ „לעבנס־פאַרזיכערונג" ביי דער בעסטער קאָמ־פּאַניע, וואָס צאָלט אויס דער פאַמיליע, אַ שעה נאָכן טויט — די גאַנצע סומע! איך האָב שוין געוואָלט מאַכן בקיצור מיט דער פריילן און פאַר־זעצן מיין אַרבעט.

מיין באַזוכערן פאַרשטייט, ווייזט אויס, מיינע געדאַנקען, און פאַר־כאַפּט פריער, נאָך איידער איך נעם זיך זי משלח זיין און רופט זיך אָן:

— איך בין געקומען צו אייך, רעקאָמענדירט פון... (רופט מיר אָן אַ נאָמען פון אַ פריינט). איך וויל זיך אָן עצה האַלטן מיט אייך. איך וויל בעטן אייער מיטהילף, און איך וויל הערן אייער מיינונג. מעגלעך, אַז איך בין ניט גערעכט. מעגלעך, אָבער, אַז איך בין ניט שולדיק...

עס בייט זיך שוין ביי מיר דער טאָן און דער אופן פון באַהאַנדלען זי. איך בעט זי שוין אַריין אין שרייב־צימער, בעט זי זיצן, פרעג זיך נאָך אויף דער באַקאַנטער וואָס האָט איר רעקאָמענדירט מיך צו זען, און טרעט גלייך צו צום עיקר! איך בעט זי ריידן. מיר אויפקלערן וואָס זי דאַרף מיך האָבן?

— איך וויל ביי אייך וויסן איין זאַך, — הויבט זי אָן מיט אַן ערנ־סטער שטימע. — איך וויל וויסן, פ אַ ר וו אָ ס האָט מען מיך פיינט? וואָס האָב איך שלעכטס געטאָן אַז מען זאָל מיך וויכן, מען זאָל מיט מיר זיך ניט צונויפקומען, מען זאָל מיך ניט וועלן אויפנעמען אין שטוב! פ אַ ר וו אָ ס?

איך פאַרשטיי ניט אַ וואָרט וואָס מיין באַזוכערן רעדט צו מיר. „מען האָט זי פיינט". מען וויכט זי! מען וויל זי ניט אויפנעמען? איך הויב אָן גלויבן, אַז דאָס פריילן וואָס זיצט אַנטקעגן מיר איז ניט מיט אַלע אירע חושים. אָבער — ניין! דייכט זיך אַז זי איז אַ נאָרמאַלער מענטש! דער אויסזען אירער איז דאָך אַזאַ פיינער, אַז עס גלויבט זיך

ניט, אַז עמעצער זאָל ניט ווען אויפנעמען אַזאַ פרוי און מיט איר ריידן. איך מאַך זיך, אַז איך בין ניט איבערראַשט פון אירע רייד און רוף זיך אָן צו איר:

— אָבער, חשובע פרוי, קלערט אויף וואָס איר רעדט? ווער האָט אייך פיינט? ווער וויל זיך מיט אייך ניט צונויפקומען? און ווער וויל אייך ניט אויפנעמען? אָט, זעט איר דאָך, אַז א י ך האָב אייך י אָ אויפגענומען! דערקלערט דייטלעכער וועגן וועמען רעדט איר עס?

— וועגן וועמען? — וועגן מיין מאַנס משפחה! מיין מאַנס פאָטער און מוטער! מיין מאַנס ברודער און שוועסטער! פעטערס און מומעס! קיינער, קיינער פון זיי וויל פון מיר ניט וויסן! זיי מיידן מיך אוים! זיי קומען ניט צו אונז און רופן מיך ניט צו זיי! אַ וואָרט האָב איך נאָך מיט קיינעם פון זיי ניט אויסגערעדט אין משך פון די זעקס יאָר וואָס איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין אַלפרעדאָן! זיי האָבן נאָך מיין שטוב ניט געזען און אַפילו מיינע קינדער — זייערע אייניקלעך — קאָנען זיי ניט און ווילן ניט קאָנען! און אַלץ דערפאַר וואָס איך בין ניט פון אייער גלויבן! אַלץ דערפאַר וואָס מיין אַלפרעדאָ האָט זיך איינגעליבט אין אַ „שיקסע" — ווי איר רופט אונז — און האָט מיט מיר חתונה געהאַט! אמת — קעגן ווילן, און אָן דער צושטימונג פון זיינע עלטערן!

צי גלויבט איר, אַז איך בין שולדיק וואָס איך האָב זיך איינגעליבט אין אַלפרעדאָן? צי גלויבט איר אויך, אַז אַלפרעדאָ איז שולדיק אין דעם וואָס ער האָט מיך געטראָפן און זיך איינגעליבט אין מיר? צי גלויבט איר אַז ל י ב ע, אויפריכטיקע הייסע ליבע, ווייסט עפּעס פון גרע־נעצן, ווייסט און מאַכט זיך אַ וועזן, פון רעליגיעס אָדער ראַסן־פאַר־שיידנהייטן און בלייבט שטיין דאָרט, וואו עס איז פאַראַן אַ דיפערענץ אין העליגיע אָדער ראַסע?

מעגלעך — אַז איר גלויבט אַזוי! מעגלעך, אַז א י ר, אידן, פון עלטערן דור, א י ר, אידן און ניט־אידן — גלויבן נאָך, אַז רעליגיע איז אַ צוים פאַר ליבע! מיר, יונגע! מיר, וואָס לעבן אין דער נייער מאָ־דערנער וועלט, אין אַ וועלט ווען מען מאַכט עקספּערימענטן אַרויפצו־פליען צו דער לבנה, אין אַ וועלט ווען מען ריכט זיך דערגרייכן מיט איין שאָס פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, אין אַ וועלט פון „פליען־דיקע טעלער" וואָס מען גלויבט אַז זיי קומען פון אַ צווייטער פלאַנעט, מ י ר, דער איצטיקער דור ווילן אַ פּ ו י ש ן אָט די דיפערענצן, אָט די באַגריפן — „איד" און „ניט־איד" — און ווען דאָס וועט פאַרשווינדן, וועט אויך פאַרשווינדן, דער האַס, די אומזיסטיקע שנאה צווישן מענטשן און פעלקער!

אָבער, איך וויל אייך דאָ אויפקלערן, איך האָב ניט חתונה געהאַט מיט אַלפרעדאָן, כדי צו זיין די ערשטע וואָס וועלן אָנהויבן מאַכן אַ סוף פון „איד" און „ניט־איד". איך האָב חתונה געהאַט מיט אים, ווייל מיר האָבן זיך פאַרליבט. אונזער ליבע איז געווען, און איז, אַ ריינע, אַן אומשולדיקע. מיר האָבן גאָר ניט געטראַכט וועגן פּראָבלעם „רעליגיע" און מיר האָבן ניט געקאָנט טראַכטן אויך וועגן דעם. ניט איך, און ניט אַלפרעדאָ, ווייסן עפּעס וועגן רעליגיע. איך בין געוואַקסן אין אַ הויז וואו מען האָט ניט געוואוסט פון רעליגיע. מיין פאָטער איז אַ סאָציאַ־ליסט אַלע זיינע יאָרן, און איז אויף זיין לעבן ניט געווען אין קיין שום קירכע. לויט דער רעליגיע — ווי איר רופט עס אָן — געהערן מיר צו דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע. מיינע עלטערן זיינען געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד און געקומען אַהער ווען זיי זיינען קינדער געווען. זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי שווער געהאָרעוועט און קיינמאָל ניט אינזינען גע־האַט צו גיין אין קירכע. אונז, די קינדער, האָבן זיי געגעבן אַ וועלט־לעבע דערציאונג. אמת, זיי האָבן ניט איינגעפּלאַנצט אין אונז קיין ש נ א ה צו דער קירכע! זיי זיינען ניט געווען פון די יעניקע סאָציאַ־ליסטן וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דער קירכע — אָבער, זיי האָבן אונז ניט איינגעפּלאַנצט קיין ליבע און נויטווענדיקייט צו רעליגיע און האָבן אונז געלערנט צו האָבן ר ע ס פּ ע ק ט און טאָלעראַנץ צו י ע־נ ע מ ס רעליגיע, און צו די יעניקע, וועלכע זיינען רעליגיעז — מעג עס זיין פון וועלכער רעליגיע עס איז...

דאָס זעלבע איז מיט מיין אַלפרעדאָן. ווען מיר זיינען געוואָרן נעענ־טער איינס צום אַנדערן, האָט ער מיר דערציילט, אַז זיינע עלטערן זיי־נען פ ר יי ע מענטשן! זיי גייען ניט אין דעם אידישן טעמפּל און ער, אַלפרעדאָ אַליין, איז ק יי נ מ אָ ל אין זיין לעבן נאָך ניט געווען אין דער אידישער שול. ער האָט מיר דערציילט אַז זיינע עלטערן האָבן — צוריק מיט יאָרן — ווען זיי זיינען געווען אין פּוילן און שפּעטער דאָ, אין אַמעריקע — אַז זיי האָבן באַלאַנגט צו אַ געוויסער אידיש־סאָציאַ־ליסטישער אַרבעטער גרופּע, אַ גרופּע וואָס האָט אינזינען געהאַט צו קעמפן קעגן רוסישן צאַר און פאַר אויסבעסערן די אַרבעטער־לאַגע און זיך ניט פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן ווי רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליזם...

מיר, — איז אַלפרעדאָ דערמיט, נאָך טייערער געוואָרן! הייסט עס, — אַזוי פלעג איך טראַכטן — אַז אויך ד ע ר מ י ט זיינען מיר אַ גערעכטן פּאָרל! און, לאַכנדיק, פלעגן מיר מאַכן פּלענער פון אונזער צו־קונפט, אַז מיר וועלן, אויך אונזערע קינדער, דערציען אַלס מענטשן אָן רעליגיעזע סענטימענטן אָדער פאָראורטיילן!

און דאָ, פּלוצים אַ נייעס!

אין אַ שיינעם טאָג, טרעף איך מיין אַלפרעדאָן אַ פאַרחושכטן. ער איז, ממש, דערשלאָגן און ווייסט ניט וואָס מען רעדט צו אים! ער רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. מיר זיצן ביידע אין דער ביבליאָטעק פון אוני־ווערזיטעט וואו מיר פלעגן זיך טרעפן ביי צוגרייטן אונזערע לעקציעס און פון דאָרט אַרויסגיין שפּאַצירן, מיר זיצן, איך רעד צו אים און ער איז צעטומלט. ער ווייסט ניט וואָס איך זאָג אים און נאָך ווייניקער ווייסט ער, וואָס ער ענטפערט מיר.

אַרויסגייענדיק פון דער ביבליאָטעק, דערציילט ער מיר, אַז ער האָט היינט איבערגעלעבט אַ גוואַלדיקע טראַגעדיע ביי זיך אין שטוב. ער האָט היינט דערקלערט זיינע עלטערן אַז ער וויל זיי פאָרזענטירן זיין כלה, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט און מיט טרערן אין די אויגן האָט אים זיין פאָטער געקושט און געהאַלדזט! און, שוין אין דער יומטובדי־קער שטימונג, און טרינקענדיק „לחיים" האָבן זיי אים אָנגעהויבן אויס־פרעגן, ווער זיין כלה איז? ווער זיינען אירע עלטערן? אפשר זיינען זיי היימישע, געזעלשאַפטלעכע מענטשן וואָס דער פאָטער קאָן זיי און ער וועט האָבן היימישע מחותנים... און די מוטער אַ היימישע מחותנעסטע.

אַלפרעדאָ, האָט זיי, אַזוי אומשולדיק, נישט גלויבנדיק אַז דאָס וועט זיי איבעראַשן — דערציילט, ווער מיינע עלטערן זיינען און אַז זיי זיי־נען... נישט קיין אידן! און, טאַקע, באַלד אויפן אָרט, האָט ער זיי דער־ציילט, אַז מיינע עלטערן זיינען פּראָטעסטאַנטן און אַז זיי זיינען אויך נישט קיין רעליגיעזע מענטשן, און ער וועט נישט דאַרפן חתונה האָבן אין וועלכן עס איז אידישן אָדער קריסטלעכן טעמפּל, ווייל מיינע עלטערן זיינען שטרענגע סאָציאַליסטן וואָס האַלטן אויך נישט פון אָט די זאַכן!

ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן ווען ער האָט באַמערקט אַז זיינע עלטערן — און ספּעציעל דער פאָטער — זיינען געבליבן זיצן דער־שטוינט! ווי איבעראַשט איז מיין אַלפרעדאָ געוואָרן ווען ער האָט דער־זען אַז אין שטוב איז געוואָרן אַן איבערקערעניש! די מוטער האָט אָנגע־הויבן ספּאַזמירן און היסטעריש וויינען!... ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן ווען זיין פאָטער — וועמען ער האָט שטאַרק ליב און וועלכן ער קאָן אַלס אַ פריידענקער ווי ער — האָט קוים, קוים, געקאָנט אָנהויבן רעדן, און די ערשטע רייד וואָס ער האָט אים געזאָגט, די ערשטע פראַגע וואָס ער האָט אים געשטעלט איז געווען:

וואָס זשע? קאַרג א י ד י ש ע מיידלעך זיינען פאַראַן אין שטאָט אַז דו האָסט געמוזט זיך אויסזוכן אַ שיקסע!...

אַלפרעדאַ האָט אָנגעהויבן שטאַמלען! ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַר־ענטפערן אַז ער האָט נישט געוואוסט אַז עס וועט זיי פאַרדריסן! בכלל האָט ער נישט געוואוסט אַז... „מען טאָר נישט".

עס האָט, אָבער, נישט געהאָלפן! אין שטוב איז געוואָרן אַ יללה! לויט ווי אַלפרעדאַ האָט מיר דערציילט, האָט דער פאָטער, ממש, זיך געקלאַפּט מיט די קולאַקעס אין קאָפּ אַריין! ערשט דעמאָלט האָט אַלפרעדאַ זיך דערוואוסט אַז איך בין אַ... שיקסע! ער האָט גאָר ביז דאַן, נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס עס הייסט שיקסע! ערשט דאַן האָט אַלפרעדאַ פאַרשטאַנען, בעסער געזאָגט — ער איז געוואוירע געוואָרן וואָס עס הייסט רעליגיע! ער איז געוואוירע געוואָרן, אַז אַ איד דאַרף נישט, אָדער טאָר נישט, חתונה האָבן פאַר אַ נישט-אידן! ער איז געוואוירע געוואָרן פון אַ אידישן נאַציאָנאַליזם, פון נישט וועלן זיך אויסמישן מיט אַנדערע פעלקער, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער!

לויט ווי אַלפרעדאַ האָט מיר דערציילט, האָט ער זיך נישט פאַרלוירן און, אנשטאָט אַריינפאַלן אין ספּאַזמען אָדער היסטעריקע, אנשטאָט ענט־פערן מיט געשרייען אויף געשרייען, האָט ער געהאַט טענות צו זיין פאָטער, פאַרוואָס האָט ער אים ביז איצט נישט געלערנט, און נישט דערקלערט, וועגן רעליגיע בכלל, און וועגן אידישער רעליגיע בפרט! ער האָט געהאַט טענות צו זיין פאָטער, נישט נאָר פאַרוואָס, ער האָט אים קיינמאָל נישט געפירט אין דער אידישער שול, וואו מען בעט גאָט, נאָר ער, דער פאָטער, איז אַליין קיינמאָל נישט געגאַנגען אין טעמפּל, און ווען מען האָט גערעדט וועגן גאָט, וועגן גן עדן און גהינום, וועגן יענער וועלט אָדער וועגן אַ בעסערער וועלט נאָכן טויט — האָט דער פאָטער שטענדיק געלאַכט דערפון און עס געמאַכט צונישט! איצט, פּלוצים, האָט דער פאָטער דערזעען אַז זיין תורה איז געווען אַ פאַלשע און ער וויל, מיט גוואַלד, אַרויפירן זיין זון אויף זיין וועג! און אויב דער זון — שוין אַ גרויסער און זעלבסטשטענדיקער — האָט זיך נישט גע־לאָזט פירן, האָט ער איבערגעריסן מיט אים די באַציאונגען, נישט ביי־געווען זיין חתונה, וויל נישט קאָנען זיינען קינדער און דער עיקר — האָבן מיך פיינט, ווילן מיך נישט קאָנען, און ווילן נישט אַז מען זאָל אין שטוב דערמאָנען מיין נאָמען.

פרעג איך אייך: — איז דאָס גוט אַזוי? איז דאָס יושר׳דיק? מעג מען אַזוי האַנדלען צו אַן אייגן קינד? מעג מען אַזוי באַהאַנדלען אַ שניר — נאָך אַלעמען, אויך אַ קינד — און בלויז דערפאַר, וואָס זי געהער

צו אַ צווייטער רעליגיע, אָדער בעסער געזאָגט — זי געהער נישט צו דער זעלבער רעליגיע! — ווייל צו קיין צווייטער רעליגיע געהער איך נ י ש ט ! איך געהער ב כ ל ל צו קיין ש ו ם רעליגיע נישט!...„ פרעג איך אייך: — פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין זיך מודה. איך האָב אויף מיין לעבן נישט אויפגענומען קיין שום פּראָבלעם, קיין שום ענין, מיט אַזוי ווייניק... חשק, מיט אַזוי פיל אומצופרידנהייט ווי אָט דעם ענין. ספּעציעל, קוקנדיק אויף דער פרוי וואָס זיצט קעגן מיר, האָב איך זיך תיכף געגעבן רעכענונג, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן אינטעליגענטער און געלערנטער דאַמע. איך האָב געזען פאַר זיך אַ פרוי מיט העכערער בילדונג! נו! ווי זשע קומט עס, וואָס אַ ז אַ פרוי ווייסט נישט און פאַרשטייט נישט, אַז דער ענין פון געמישטע חתונות, אַז דער פּראָבלעם פון חתונה האָבן פאַר אַ מאַן אָדער פרוי פון אַ צווייטער רעליגיע, איז ביי די אידן, נישט בלויז אַ רעליגיעזער נאַר, מערער נאָך — אַ נאַציאָנאַלער! אַ וויטאַלער ענין פון קיום, פון זיין אָדער נישט זיין! גיי דערקלער אַ גויע, וואָס אַזוינס איז אידישקייט, און פאַרוואָס אידן, טויזנטער און טויזנטער אידן, קאָנען נישט, ווילן נישט צולאָזן, אַז אידישקייט זאָל אונטערגיין! גיין דערקלער אַ גויע — אַ פיינע, אַ אַנשטענדיקער גויע, אַ גויע וואָס ווייסט נישט וואָס עס הייסט ראַסן-דיסקרימינאַציע, גיי דערצייל איר, וויפל טויזנטער און מי־ליאָנען אידן זיינען אין משך פון צוויי טויזנט יאָר אומגעקומען, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלייקענען, פאַרשוועכן און אַנולירן זייער אי־דישקייט!...

גיי, דערצייל איר, וויפל אידישע פרויען, וויפל אידישע מיידלעך, האָבן זיך, מיט פרייד, געוואָרפן אין פייער און אין וואַסער, און מיטן אויסרוף „שמע ישראל" געשטאָרבן אַבי נישט פאַרשוועכט ווערן און נ י ש ט ד אַ ר פ ן חתונה האָבן פאַר אַ גוי!...

באַלד ווי די פרוי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן איר לאַגע, וועגן איר שווער און שוויגער, האָב איך זיך געגעבן חשבון, אַז עס האַנדלט זיך וועגן זייער אַ פיינער, זייער אַ אַנשטענדיקער קריסטלעכער פרוי, וועל־כע קאָן נישט קיין אידן, ווייסט נישט וואָס אַזוינס אידן זיינען, און איז נאָך, בכלל, זייער נאַאיוו און אומוויסנד בנוגע אידן און אידישקייט. איך האָב אַפילו געטראַכט, אַז ווען זי ווייסט וויפל אַ אידישע פרוי דאַרף אויסשטיין צוליב איר אידישקייט — שוין נישט רעכענדיק דעם רע־

ליגיעזן אידישקייט, ווער ווייסט, צי זי וואָלט זיך אַנטשלאָסן חתונה האָבן פאַר אַ אידן!... און איך באַשטים:

איך נעם זיך אונטער, איך גאַרטל זיך אונטער, איר צו געבן אַ לעקציע וועגן אידישקייט און אידנטום! איך וויל איר אויפקלערן און דערווייזן, און זי איבערצייגן אין — לפחות — א י י ן זאַך, נעמלעך:

— איר שווער און שוויגער האָבן זי נ י ש ט פיינט, נאָר... זיי ווילן נישט אַנהאַלטן דעם קניפּ, מיט וועלכן זייער זון האָט זיי פאַרקניפּט! זיי האָבן זי נ י ש ט פ י י נ ט אַלס ק ר י ס ט אָדער מוסולמאַן, אָדער פּוריטאַנער! זי איז זיי נישט צום הארצן אפילו ווען... זי איז זיך מגיר! און איידער איך זעץ פאָר מיין געשפּרעך מיט איר באַשטים איך פריער איר שטעלן אַ פראַגע. איך וויל ווייסן:

צי זי קען, צי זי האָט אַ מאָל געלערנט די... אידישע געשיכטע?

מיין מיטשמועסערן, געפינט זיך, אין אַן אומאַנגענעמער לאַגע. זי, די אינטעליגענטקע, איז זיך מודה, אַז זי קען די אידישע געשיכטע, אויף אַזוי פיל, ווי זי האָט, אין אַלגעמיין געלערנט וועלט געשיכטע! זי ווייסט, אַז... משה רבנו האָט אַרויסגעפירט די אידן פון מצרים. זי ווייסט אַז די אידן זיינען אין עגיפּטן געוועזן שקלאַפן, זי האָט עפּעס געלערנט וועגן אידישן קאַמף מיט די רוימער, און אַז די רוימער האָבן זיי באַזיגט!

און פון דער אינקוויזיציע? און פון דער „אויטאָ-דעפע-? און פון די קרייצזוגן? און פון דער הערשאַפט פון די אַראַבער און איסלאַם און די לאַגע פון די אידן אונטער זייער ממשלה? און לסוף: ווייסט זי בכלל וועגן אידישע ליידן פאַר זייער קיום, פאַר זייער רעליגיע, פאַר אידישקייט? וואָס ווייסט זי וועגן די ליידן פון די אידן אין די צייטן פון באָגדאַן כמעלניצקי, פון גאַנטען און אַנדערע שחיטות? וואָס ווייסט זי וועגן דער לאַגע פון די אידן אונטערן רוסישן צאַר, ווען מען האָט אידן נישט דער־לויבט צו וואוינען אין אַ דאָרף, אָדער מען האָט אידישע קינדער נישט דערלויבט צו לערנען זיך אין אוניווערסיטעט, סיידן... זיי האָבן זיך געשמדט! און דאָך, האָבן אידן זיך נישט געשמדט און נישט „געביטן דאָס רענדל" און די ו ו י נ י ק ע, גאָר, גאָר ווייניקע, וואָס האָבן עס יאָ געטון, זיינען אין הארצן געבליבן אידן און אַזעלכע האָט מען טאַקע אָנגערופן אַ געשמדטער א י ד — דאָס הייסט, אַ איד, נאָר וואָס דען — ער האָט זיך געשמדט!...

אַלזאָ. וואָס ווייסט זי וועגן דעם אַלעמען?

דער ענטפער אירער איז געווען אַן אויפריכטיקער! זי ווייסט גאָר־נישט! טאַקע גאָרנישט! אַלס אַ געבוירענע אין די פרייע אַמעריקאַנער לענדער, אַלס קינד פון ענגלענדער, און נאָך דערצו — פון אַן ענגלישן

סאָציאַליסט, פאַרשטייט זי בכלל נישט, ס'הייסט מען הרג'ט מענטשן, ס'הייסט, מען לאָזט נישט אַריין קיין מענטשן אין אוניווערסיטעט, אויב זיי געהערן צו אַן אַנדער גלויבן!...

יאָ! — הויבט אַן אונזער מיטשמועסערן זיך מיט אונז אויסטענהן!

— אַלסדינג איז טאַקע ריכטיק! אָבער, אַלפרעדאָ איז דאָך פּאַרט גערעכט! פאַרוואָס האָט אים זיין פאָטער נישט געלערנט די אידישע געשיכטע? פאַרוואָס האָט ער אים נישט דערצויגן אין אַ רעליגיעזן גייסט, אַז ער זאָל וויסן אַז אידן, בעסער געזאָגט, זיין אַ איד — איז עפּעס אַנדערש! דאַן, מעגלעך אַז דאָך, ווען איך טרעף זיך מיט אַלפרעדאָן אין פאַקולטאַט און — כאָטש מיין פּנים וואָלט אַלפרעדאָן צוגעצויגן און אפשר אינטערעסירט — וואָלט ער אָבער געדענקט און געוואוסט פון אַ פּראָבלעם „איד־קריסט" אָדער „איד־מוסולמאַן" און וואָלט איינגעהאַלטן, געצוימט זיינע בליקן, וויסנדיק אַז לויט זיין רעליגיע, טאָר ער מיך נישט נעמען! און אַ צווייטע זאַך — זעצט פאַר די פרוי שוין מיט אַן איבערצייגנדיקן טאָן — אַ צווייטע זאַך! אָט איז דאָך אַלפרעדאָס פאָטער... אויך נישט רעליגיעז! ווער ווייסט, צי ער וואָלט בייגעשטאַנען אָט יענע מאָמענטן, וועגן וועלכע איר דערציילט, אַז אידן האָבן זיך מקריב געווען!...

איך פּרוּאו איך ענטפערן אויף ביידע פראַגעס און אויף אירע ביידע טענות.

פאַר אַלעם. אין דעם, אַז אַלפרעדאָס פאָטער איז שולדיק, פאַרוואָס ער האָט זיין זון נישט געלערנט קיין אידישקייט, און אים נישט באַקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע — אין דעם בין איך מסכים מיט אייך! און — דאָס איז אויך איינער פון די מאָטיוון פאַרוואָס איך באַרעכטיק נישט די האַנדלונג פון אייער שווער בנוגע זיין זון! עס איז זיכער אַז דאָס וואָס ער האָט פאַרזיימט — דאָס שניידט ער איצט! כאָטש, צוריק גערעדט, דאָס איז נאָך נישט קיין פולשטענדיקער באַוויז, אַז ווען אַלפרעדאָ וואָלט שוין געקאָנט, גוט גוט, די אידישע געשיכטע, צי וואָלט ער זיך נישט פאַרליבט אין אייך? דאָך, זיכער איז, אַז ווען אַלפרעדאָ זאָל געווען זיין מער באַקאַנט מיט דער היסטאָריע פון זיין געפּלאָגט פאָלק, וואָלט ער אפשר אַ טראַכט געטון אין זיינע עלטערן, און טאַקע אין דער צוקונפט פון זיינע קינדער און וואָלט געצוימט זיין האַרץ און געפילן! וואָס איז שייך זיין פאָטערס האַנדלונג אַלס נישט־רעליגיעזער איד, וויל איך אייך אויפקלערן פאָלגנדעס:

אידישקייט, באַשטייט נישט בלויז אין רעליגיע. אידישקייט,

איז אין משך פון די צוויי טויזנט יאָר, זיין פאַרטריבן פון זייער לאַנד, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַציאָנאַליזם! מיליאָנען און מיליאָנען אידן, זיינען נישט רעליגיעז, היטן נישט אָפּ די אידישע דינים, ווי זיי שטייען געשריבן אין דער תורה, היטן נישט אָפּ אפילו קיין איינס פּראָצענט פון זיי. און דאָך, זיינען זיי גרייט אויף אַלע קרבנות — אפילו ביז אומקום — און זיי האַלטן אויף דאָס אידישקייט! זיי האַלטן אויף מיט די ציין — דעם קיום פון אידישן פאָלק! אַ סך טויזנטער אידן וואָלט זיך אפשר בעסער געלעבט ווען זיי גייען איבער צו אַ צווייטער רעליגיע, ספּעציעל — צו דער רעליגיע אין וועלכן לאַנד זיי וואוינען! אָט, לעצטנס, האָט זיך געטראָפן אַזאַ פאַל! העכער הונדערט טויזנט אידן פון איראַק — אַן אַראַביש לאַנד אַזאַ, האָבן איבערגעלאָזט דאָרט זייער גאַנץ פאַרמעגן, זייער האָב און גוטס וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט אין משך פון אַ סך יאָרן, זיי האָבן איבערגעלאָזט די בית עלמנס וואו עס ליגן דאָרט, זייט עטלעכע הונדערט יאָר — זייערע עלטער, עלטער זיידעס, און זיינען אַוועק פון דאָרט! וואָלטן אָט די הונדערטער טויזנטער אידן פון איראַק געוואָלט איבערגיין צום מוסולמענישן גלויבן, וואָלטן זיי זיך געוואָלט, אויסמישן מיט די איבעריקע פעלקער אַרום זיך, וואָלטן זיי דאָרט געבליבן מיט זייער פאַרמעגן און מען וואָלט זיי נאָך... צוגעצאָלט! מען וואָלט זיי געגעבן די גרעסטע און בעסטע פּריווילעגיעס אבי, זיי זאָלן איבערגייען צום גלויבן פון די איראַקער!...

דאָס איז איינער פון די ביישפּילן, אַז דאָס אידישע פאָלק וויל נישט פאַרלירן זיין אויסזען און זיין קיום — אפילו ווען עס דאַרף אומקומען! און, דער ערשטער שריט צום אומקום, פון אַ פאָלק, דער לייכטסטער וועג פון אונטערגאַנג פון אַ פאָלק — איז די געמישטע חתונות!... און דערפאַר, האָט אין אַפּרעדאָס פאָטער אויפגעוואַכט נישט זיין רעליגיע נאָר — זיין נאַציאָנאַליזם! בעסער געזאָגט — זיין שטאַם! ער, דער אומרעליגיעזער, האָט אין אַלפרעדאָס שריט דערזעען, אַז אין צוואַנציק יאָרן אַרום, וועט ווערן מיט אַ אידישער פאַמיליע ווייניקער ביים אידישן פאָלק! און — דאָס, באַ זיין גאַנצער, נישט רעליגיעזער שטימונג און געוואוינהייט, ביי זיין גאַנצער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, האָט ער נישט געוואָלט דערלאָזן! עס האָט אים נישט געהאָלפן — פאַרפאַלן! אָבער, ער קאָן נישט שלום מאַכן מיט זיין געדאַנק, אַז ער האָט אַליין געהאָלפן אונטערגראָבן זיין שטאַם! און מיט זיין איבערייסן די באַציאונגען מיט אייך — וויל ער זיך אַליין באַשטראָפן! און איר מעגט זיין זיכער אַז ער ליידט גענוג דערפון! וואָס

איך בין אָבער זיכער, אַז ער פילט נישט קיין שנאה צו אייך, אַלס ש נ י ר. איך בין אַפילו זיכער אַז ער פילט נישט קיין שנאה צו זיין זון, וואָס האָט געהאַנדלט קעגן זיין ווילן! גיכער פון אַלעם פילט ער ז י ך אַליין שולדיק! און ער קומט אָפּ זיין שטראָף!... איר אַליין דער־ציילט דאָך, אַז ער האָט זיך געריכט, נישט בלויז אויף אַ היימישער אידישער שניר — נאָר אויף אַ היימישן מחותן, אויף זיינס גלייכן, אויף אַ אידן מיט וועלכן ער וועט קאָנען געבן צוזאַמען אַ טאַנץ און צוזאַמען אַ... ק ר ע כ ץ! אויף אַ מחותנעסטע, מיט וועלכער מען וועט זיך צונויפטרעפן ביי די קינדער, און, ווייבער, וועלן כאַפּן אַ שמועס, וועגן זייערע ווייבערשע ענינים, וועגן דער אַלטער היים, און טאַקע וועגן די פיש וואָס מען האָט היינט געקאָכט אָדער וועגן די שבועותדיקע קנישעס וואָס זיינען נישט געראָטן געוועזן, ווייל דער קעז איז געוועזן צו שיטער און ער האָט אויסגערינען אין בעקעלע! און דאָ, קומט זיין זון, און ברענגט אים אַריין אַ מחותן — זייער אַ וואוילן מענטשן, גאָר, גאָר אַ וואוילן מענטשן, אַפילו אַ סאָציאַליסט אויך! אָבער — פּאָרט אַ פרעמדער! פּאָרט נישטאָ מיט וועמען צו גייען אַ קאַזאַטשאָק און מיט וועמען... צו געבן אַ שותפותדיקן קרעכץ! אַ מחותנעסטע — גאָר, גאָר אַ וואוילע! אָבער — וועגן אידישקייט, וועגן היימישע זאַכן — וואָס קאָן אייער מאַמע רעדן מיט אַלפרעדאָס מוטער?...

ניין, פריינט. אייער שווער און שוויגער קומען נישט צו אייך, נישט ווייל זיי האָבן פ יי נ ט זייער נישט־אידישע שניר! פיינט האָבן, האָט מען ד ע מ אָ ל ט, ווען מען האָט פריער ליב! אייך — האָבן זיי נאָך נישט אָנגעהויבן ליב האָבן!

גיבער פון אַלעם, ווילן זיינע עלטערן נישט וויסן פון אייך ביידע, ווייל זיי ווילן נישט געבן זייער צושטימונג אויף אייער אָפּגעטאָנענעם שריט, אָדער אפשר האַלטן זיי, אַז זייער זון — ווי ליב זיי האָבן אים נישט געהאַט — איז שוין טויט פאַר זיי, טויט פאַר זיין פאָלק! און זיי ווילן נישט — מיט זייער קומען צו אייך — געבן זייער הסכמה דערויף...

איך גלויב אָבער, אַז עס איז מעגלעך אַז אין פאַרלויף פון די יאָרן וועט קומען אַ בייט! ווען די עלטערן וועלן זעען, אַז אייערע קינדער זיינען געבליבן גאַנצע אָדער ל פּ ח ו ת, האַלבע אידן, וועלן זיי זיך דערמיט טרייסטן און שלום מאַכן מיט אייך און מיט זייער לאַגע אַלס עלטערן! אין דער דערציאונג פון אייערע קינדער, אין דער א י ד י ש ע ר דערציאונג פון אַ ל פ ר ע ד אָ ס קינדער — אַלענפאַלס, אין ד ע ם חלק וואָס אים קומט — איז געווענדעט, צי זיינע עלטערן, וועלן אים

מוחל זיין און אייך אַריינעמען אין זייער פאַמיליע. א י ר. וועט שוין אַליין פאַרשטיין וואָס און ווי אַזוי אייך לוינט צו האַנדלען!...

— —

אַ קליינע פּויזע די פרוי זיצט פאַרטראַכט עטלעכע מינוט! ווייזט אוים אַז דער גאַנצער ענין און ספּעציעל דער „אידישקייט" איז איר נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר! די אַלע געשיכטעס וואָס איך האָב איר דערציילט וועגן אידישע ליידן וועגן אידישן מסירת נפש, איז איר אומפאַרשטענד־לעך! דאָך, גלויבט זי אַז דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אויפגעהאַלטן צוויי טוזנט יאָר אַדאַנק זייער צוגעבונדנקייט צו רעליגיע און צום נאָמען „אי־דיש־פאָלק"! זי פאַרשטייט אַלעס — אַ חוץ איין זאַך:

פאַרוואָס האָבן אַלפרעדאָס עלטערן זיך געשעמט מיט זייער אידי־שער געשיכטע און זי נישט געלערנט אָדער דערציילט זייער זון?

פאַרוואָס קאָן זי אַזוי פערפעקט די געשיכטע פון איר פאָלק — און פאַרוואָס איז זי שטאָלץ מיט איר פאָלק? און, כאָטש זי איז אַ סאָציאַ־ליסטקע — איז זי אַלץ שטאָלץ מיט די ענגלישע מאָנאַרכן און ספּעציעל — אַלס פרוי — מיט דער קעניגן וויקטאָריאַ!

און פאַרוואָס ווייסט אַלפרעדאָ ג אָ ר נ י ש ט, — פּאָזיטיוו גאָר־נישט — פון דער א י ד י ש ע ר געשיכטע און ער איז נישט שטאָלץ דערמיט וואָס ער שטאַמט פון אַזאַ אַלט, קולטורעל, און אייביק פאָלק ווי דאָס אידישע?

אין אַלגעמיין — לאָזט זי אוים צום סוף — אין אַלגעמיין פאַרשטיי איך אַלץ ניט וואָס אַזוינס איז אידישקייט?...

פאַרוואָס ער קאָן מיט זיין פרוי נישט קומען צווישן מענטשן?

פאַראַנען פּראָבלעמען אויף דער וועלט, וואָס איר פאַרשטייט זיי נישט. פאַראַנען פּראָבלעמען אין לעבן, — אין א יי ע ר לעבן אָדער אין לעבן פון אייערע באַקאַנטע, — וואָס איר הויבט זיי נישט אָן צו באַנעמען און פאַרשטייען!

פאַראַנען לעבנס פּראָבלעמען, וואָס אייך ווייזט זיך אויס, אַז זיי זיינען א ז ו י לייכט זיי צו לייזן און אויפקלערן, ווי אויפעסן אַן אָפּגעשיילט איי! ד אָ ך, ווען איר באקאַנט זיך נעענטער מיט זיי, זעט איר ערשט, אַז איר האָט פאַר אייך אַ פּלאָנטער, וואָס מיט קיין מענטשלעכן געדאַנק, קאָנט איר עס נישט פאַרשטייען און אַוודאי און נישט אויפקניפּן און אויפקלערן.

אָט, וועגן א ז א פּראָבלעם ווילן מיר אייך איצט דערציילן, אַ פּראָבלעם, צו וועלכער קיין רפואה איז נישטאָ, און דאָך, ווייזט זי אויס אַזוי גרינג, אַזוי לייכט צו לייזן...

— — — — — — — — — — — — — —

אונזער מיטשמועסערן איז אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. איר פּנים, אירע זילבערנע, און טיילוויז שוין, אנזיכטיקע ווייסע האָר, קאָנען אייך אַריינפירן אין אַ טעות און אייך מאַכן גלויבן, אַז די פרוי איז שוין ווייט איבער די פופציקער. רעדנדיק אָבער מיט איר עטלעכע מינוט, דערהערנדיק איר יונגע, פעסטע שטימע, צוקוקנדיק זיך גוט צו איר, דערקענט איר באַלד, אַז די פרוי איז נאָך אַ יונגע! און אפשר צרות, אָדער אַנדערע אומשטענדן האָבן אירע האָר גרוי און ווייס געמאַכט.

אין די ערשטע עטלעכע מינוט וואָס די פרוי שמועסט מיט אייך, באַמערקט איר אויך, אַז די פרוי איז אַן אינטעליגענטע און באַלעזנדע. איר אויסשפּראַך, איז פון אַ מענטשן וואָס ווייסט ווי אַזוי צו רעדן. איר בנעימותדיקער טאָן פון רעדן, שטיל, קוים וואָס מען הערט, באַווייזט

אייך אַז זי איז געוואַקסן און דערצויגן אין אַ איידעלער שטוב, ווי פלעגט מען זאָגן ביי אונז — נישט קיין מאָרק אידענע — און איר באַקומט חשק און אומגעדולד זי אויסצוהערן.

זי איז געקומען זיך פאַרקלאָגן אויף איר ביטערער דאָליע, אויף איר ביטער מזל ביי איר מאַן.

זי שטרייכט אונטער: זי איז געקומען נישט פאַרקלאָגן איר מאַן, נאָר זיך פאַרקלאָגן, אויף איר לאַגע, אויף איר שלימזל וואָס גייט איר נאָך ווי אַ שטן, אַלע פינף־זעקס און צוואַנציק יאָר וואָס זי האָט חתונה פאַר איר מאַן.

צי איז איר מאַן אַ שלעכטער? צי גיט ער איר נישט גענוג אויף אירע שטוב הוצאות אָדער אויף אירע אייגענע, ווייבערשע און מענטש־לעכע באַדערפענישן? אָדער אפשר, האָט ער זי שטענדיק פאַראַטן און פאַראַט זי נאָך איצט — אויף די עלטערע יאָרן — אויך?

חלילה. איר מאַן איז אַ געטרייער חבר, אַ געטרייער מאַן און נאָך מער אַן איבערגעגעבענער פאָטער צו די קינדער. זייער גאַנץ לעבן, זיי־נען זיי, אין אַלע הינזיכטן געווען הארמאָניש! בלויז אין איין טייל האָבן זיי נישט געשטימט! נעמלעך:

איר מאַן גייט מיט איר נישט אין ערגעץ! איר מאַן נעמט זי נישט אַרויס פון שטוב און גייט מיט איר — אַ חוץ אין פינסטערן... קינאָ — אין קיין שום אַנדער עפנטלעך פלאַץ נישט! זיי גייען נישט צוזאַמען אַפילו אויף אַ חתונה! און בלויז אויף דריי חתונות איז ער געווען מיט איר פאַר אַלע יאָרן זינט זיי האָבן חתונה געהאַט! אויף די דריי חתונות האָט ער זי געמוזט מיטנעמען, ווייל די חתונות זיינען געווען... טאַקע בא זייערע אייגענע קינדער.

— איר וועט נישט וועלן גלויבן! אָבער אַזוי איז דאָס. פאַר די עט־לעכע און צוואַנציק יאָר וואָס מיר האָבן חתונה, ביז איך מיט אים צוזאַמען בלויז דריי מאָל געווען אין אַ אידישן טעאַטער. בלויז צוויי מאָל געווען אין אַ שול אין די טעג פון ימים נוראים... און בלויז איין־מאָל אויף מיין לעבן האָט ער מיך מיטגענומען צו אַ באַנקעט וואָס מען האָט געפּראַוועט פאַר אַ חשובן גאַסט וואָס איז געקומען פון ארץ ישראל. צו דעם באַנקעט האָט ער מיך געמוזט נעמען ווייל... ער איז געווען דער „טאָסט־מייסטער" און עס האָט אים נישט געפּאַסט צו זיצן אַליין ביים טיש, אין דער צייט, ווען די איבעריקע חברים זיינע זיינען געקומען מיט זייערע פרויען.

איך וועל אַוועקלייגן באַשיידנקייט אין אַ זייט. וואָלט איך טאַקע געווען אַזאַ מיאוסע, וואָלט איך זיך נישט געקאָנט האַלטן ווי עס

פאסט פאר א פרוי בכלל און פאר זיין פרוי בפרט, ווי עס פאסט פאר דער געזעלשאפטלעכער לאגע וואס ער פארנעמט דא, נו, וואלט איך אים מוחל געווען און וואלט נישט געהאט קיין פאריבל וואס ער שעמט זיך אזוי מיט מיר. איך פארזיכער אייך, אבער, אז אין מיין פאטערס הויז — איינע פון די רייכסטע אין קעשעניעוו — האב איך באקומען אן איי־דעלע דערציאונג. איך קום ארויס פון אזא שטוב, וואס האט געהאט א שם אין שטאט אלס אן „אריסטאקראטיש הויז", מיט דינסטן און אפילו... א גלעקל ביי דער טיר! און ווי איר זעט, בין איך גארנישט אזוי מיאוס געווען אין מיינע יונגע יארן און איצט נאך אויך נישט, אז מען זאל זיך שעמען מיך מיטצונעמען צווישן מענטשן. דאך, אזוי איז דאס. איך קום אין ערגעץ נישט מיט מיין מאן, און האב קיין לעבעדיקן מענטשן, רעכט פאר מיינע אויגן נישט אנגעקוקט אלע יארן וואס מיר האבן חתונה.

אבער, דאס, איז נאך אן האלבער אומגליק. פאראן נאך אן ערגערע זאך. מיין מאן, וועלכער — דוכט זיך — האט מיך נישט פיינט, און ווען — איך בין קראנק אדער עס פעלט מיר עפעס, וואלט ער א וועלט איבער־געקערט און מיך געזונט געמאכט און מיר געבראכט וואס איך וויל, דאך! אט, דער זעלבער, מאן מיינער, האט אויך אנגעזאגט די קינדער אז זיי זאלן מיך אין ערגעץ נישט מיטנעמען! און איך האב א טאכטער, שוין א מויד פון 22 יאר א קלוגע און א שיינע ווי די גארע וועלט. און, דוכט מיר, אז זי איז מיר געטריי ווי א קינד קאן עס זיין, אט דאס מיידל, וועט פאר מיר טון אלעס אין דער וועלט, א חוץ — מיטנעמען מיך ערגעץ ווען זי גייט אין גאס... זי, מיין מיידל, ווי מיינע אנדערע דריי קינדער — דריי שיינע געראטענע זין, האלטן אויך אז איך דארף זיין אין שטוב און דארף נישט ארויסגיין פון דער טיר פון אונזער הויז.

און, טאמער איז דאס נאך אלעם ווייניק — טאר איך אויך נישט איינלאדן קיין געסט צו אונז אין שטוב אריין. נישט מיין מאן, נישט מיינע קינדער, קאנען פארליידן מענטשן אין שטוב. זיי זאגן אייך אלערליי תרוצים פארוואס זיי ווילן נישט קיין מענטשן ביי אונז אין הויז... איך פיל, אז די אלע תרוצים זיינען טאקע בלויז תרוצים! דער אמתער אמת איז, זיי ווילן נישט ברענגען אין שטוב אריין קיין מענטשן צוליב מיר! זיי... שעמען זיך מיט מיר!

פארוואס זאל דאס אזוי זיין?

— — — — — — — — — — — — — —

עטלעכע טעג שפעטער.

מיר האבן זיך אומגעקערט צו דעם דאזיקן ענין. דער מאן פון דער אויבנדערמאנטער פרוי, זיצט מיט אונז און דערציילט אונז זיין אומגליק.

ער איז מודה אַז ער קאָן מיט זיין פרוי נישט איבערטרעטן עמיצנס שוועל. ער קאָן מיט זיין פרוי נישט קומען אויף קיין שום געזעלשאַפטלעכן אַקט. ער קאָן מיט זיין פרוי אפילו אין טעאַטער נישט גייען און — נישט דערפאַר וואָס זי קען זיך נישט באַנעמען מיט קיין מענטשן. נישט דערפאַר וואָס זי איז נישט גענוג איידל אָדער אינטעליגענט אַז זי זאָל רעדן מיאוסע אָדער גאַרעשעוואַטע רייד אָדער גלאַט אַרויסווייזן גראָביונגעשקייט אין וועלכער עס איז טעמע וואָס מען זאָל רעדן! פונקט פאַרקערט! פאַראַן וויניק מענער, און נאָך ווייניקער פרויען, וואָס האָבן א י ר אינטעליגענץ! וואָס זיינען אַזוי באַהאַוונט אין אידישן און אַלוועלטלעכע לעבן! אין ד ע ם זינען — איז זי, כמעט, אַן אויסנאַם! זי קען געגנוי, אַ ל ע וועלט פּראָבלעמען! זי קען געגנוי, און ווייסט אַלעס, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט און ספּעציעל — אַרום ארץ ישראל! זי קען אפילו... סטראַטעגיק און וועט מיט אייך דיסקוטירן — ווי אַ געשולטע אין גענעראַל שטאַב — ווי אַזוי און ווי אַזוי נ י ש ט, מען דאַרף פירן די מלחמה אין קאָרעאַ. זי איז אַ פאַרברענטע אַמעריקאַנערן און אַ גוואַלדיקע קעגנערן פון... מאַק אַרטורן! זי האַלט אַז מאַק אַרטור וועט אומגליקלעך מאַכן די וועלט און ספּעציעל — אַמעריקאַ! מאַק אַרטור — האַלט זי, ווייל אַז מיר זאָלן שיקן אונזערע קינדער אין פייער, זיי זאָלן אויסגעהרגעט ווערן אויף די שלאַכט-פעלדער כדי, ער, מאַק אַרטור, זאָל באַקומען נאָך עטלעכע מעדאַלן און כדי ער, מאַק אַרטור, זאָל פאַרצייכנט ווערן אַלס אַ היסטאָרישער העלד!

אַלזאָ! ווען זי רעדט מיט אייך, וואָלט איר געזעסן טעג און נעכט, וואָכן און חדשים און מיט איר גערעדט! אָבער! ווען זי רעדט מיט אייך, ווען זי זיצט נאָענט לעבן אייך, זאָלט איר האַלטן אַן אויג אויף אייערע... קעשענעס! איר זאָלט היטן אייער גאָלדן זייגערל, אייער פאַרקער פען און אפילו אייער נאָז טיכעלע, ווייל זי איז פעאיק אַריינצוליייגן די האַנט צו אייך אין קעשענע, אַרויסנעמען עפּעס און איר זאָלט אפילו נישט פילן!...

איר קוקט מיך אָן, און דענקט זיכער אַז איך בין פון זינען אַראָפּ, אָדער ווייס נישט וואָס איך רעד! טראַכט נישט וועגן דעם! איך בין ביי מיינע קלאָרע געדאַנקען! עס איז אַ ביטערער און טרויעריקער אמת! מיין פרוי איז ש ט אַ ר ק ש ל אַ ף! איר שלאַפקייט ווערט אָנגערופן אין דער מעדיצינישער אָדער וועלט שפּראַך — ק ל עפּ ט אָ מ אַ נ י ע.

זי גנבעט! נ י ש ט ווייל זי דאַרף, ניט ווייל די נויט טרייבט זי דערצו! ז י ו ו י י ס ט אַ פ י ל ו נ י ש ט, אַז זי גנבעט! זי זעט אַ זאַך — אַ זאַך וואָס זי דאַרף עס ניט האָבן און וואָס זי האָט אין דער היים צען

אַזעלכע זאַכן — דאָך, ווען זי דערזעט עס ביי אייך, און עס קומט איר אַן דאָס קלעפּטאָמאַניע־שלאָפקייט — וועט זי עס ביי אייך צוגנבענען, ווי אַ געניטער גנב.

וואָס ווייסט איר, וויפיל צרות און וויפיל בזיון מיר האָבן זיך שוין אָנגעליטן צוליב איר שלאָפקייט! ווען איך זאָל אייך וועלן אויסדערציילן וויפל פאַלן מיר האָבן געהאַט צו דערליידיקן צוליב איר שלאָפקייט — וואָלט איר געקאָנט אָנשרייבן צען דיקע בענדער און עס וואָלט נישט געסטייעט. מילא אין די קראָמען וואו זי קומט אַריין קויפן, האָב איך באַוואָרנט! איך האָב, שטילערהייט, און מיט בזיון און בושה אין פּנים, דערציילט דעם קרעמער אָדער דעם קצב וועגן מיין פרוי שלאָפקייט. און זיי געהייסן זעען און שווייגן און איך וועל זיי, מיט דאַנקבאַרקייט באַצאָלן פאַר אַ ל ע ס וואָס זי נעמט צו ביי זיי ווען זי גייט אַריין אַהין.

נישט שטענדיק איז דאָס מיר געלונגען. אין איין שפּייז־קראָם וואו עס איז געווען אַ נייער באַאַמטער וואָס האָט מיין פרוי נישט געקאָנט, און וועמען דער בעל הבית פון קראָם האָט ניט אויספּיעט אָנצוזאָגן, אַז ער זאָל זיך נישט מאַכן וויסן, אויב מיין פרוי נעמט עפּעס און ער זאָל נאָר מעלדן אים, דעם בעל הבית. וו אָ ס זי האָט גענומען, אין איינער אַזאַ קראָם האָב איך געהאַט דעם אמתן בראָך. דער באַאַמטער האָט דערזען ווי מיין פרוי לייגט אַריין — פּשוט גערעדט — ג נ ב ע ט דאָרט צו אַ פּעקעלע סחורה, האָט ער עס ביי איר אַרויסגעכאַפּט פון קויש, און געלאָפן צום ראָג פון דער גאַס רופן אַ פּאָליציי־מאַן. צום גליק, האָט דער בעל הבית פון געשעפט עס דערזעען באַצייטנס, און געמאַכט צונישט דעם ענין... אָבער, די בייוועזנדע קונים — עטלעכע פרויען, האָבן זי שוין באַטיטלט מיטן נאָמען גנבטע און איך האָב זיך געמוזט אַרויסציען פון יענער געגנט...

צי אפשר זאָל איך אייך דערציילן אַז ווען איך גיי מיט איר אויף אַ חתונה אָדער באַנקעט — מוז זי אַריינלייגן אין טאַש אַ... לעפעלע, אַ מעסער און אפילו אַ גלאָז! גלויבט מיר, אַז ביי מיר אין הויז וואַרפט מען שענער לעפעלעך אַרויס אין מיסט! אָבער, ז י — זי איז דאָך שלאָף! זי ווייסט דאָך נישט וואָס זי טוט! איז ביי איר אַ ז אַ לעפעלע אָדער אַ פּשוט, אייזערנער מעסער — אויך אַ קרן!

מיינט איר אפשר אַז מען האָט שוין ביי איר נישט אַרויסגענומען קיין חפץ פון איר טאַש ווען זי האָט געוואָלט אַוועקגיין פון אַ חתונה! ווייזט אויס, אַז אַ קינד האָט געזעען ווי זי האָט אַריינגעלייגט אַ לעפעלע מיט אַ גאָפּל אין איר טאַש! צו מיין גרויס גליק איז דאָס געווען ביי אַ היימישער פאַמיליע — טאָקע ביי אונזער אַ פריינטס אַ חתונה, איז

דאָס אָפּגעגאַנגען גלאַט. ווען דער עמפּרעסאַר האָט ביי איר אַרויסגע־נומען די זאַכן פון איר האַנט־בייטל, האָט דער בעל שמחה געזאָגט דעם איינגנטימער פון די חפצים, אַז דאָס איז געווען... אַ „וועט״, צווישן אים מיט איר, און דערמיט וואָס ער האָט ביי איר אָפּגענומען די זאַכן, האָט דער בעל שמחה... פאַרשפּילט אַ הונדערטער!... אַזוי האָבן זיי זיך „גע־וועט״! דער עמפּרעסאַר האָט שטאַרק באַדויערט וואָס ער איז אַריין, ווי איוואַן אין דער סוכה און... מיין פּרוים כבוד איז געראַטעוועט געוואָרן! אָבער — צי קאָן איך גיין מיט איר ערגעץ און איינשטעלן, און זיין אויסגעשטעלט, אויף ענלעכע סצענעס?

און לסוף; — אַ לעצטן עפּיזאָד וואָס קאָסט אונז אַ סך געזונט און אַ סך בזיון!

אַ שדכן האָט געבראַכט זייער אַ געראָטענעם שדוך פאַר מיין טאָכ־טער. און ווייסן זאָלט איר, דאָס כאָטש מיין טאָכטער איז אַ היינטוועל־טיקע, און ווי אַלע אין אירע יאָרן, האָפט זי, צו טרעפן איר „פּרינץ״, ערגעץ אויף אַ באַל, זיך פאַרליבן אין אים און ער וועט זיך פאַרליבן אין איר, זי וועט אים ברענגען אַ היים און אונז פאָרשטעלן איר געליבטן!...

— דאָך, האָט זי נישט געהאַט דאַקעגן אַז איר באַשערטער זאָל קומען דורך אַ שדכן! זי האַלט די „אינסטיטוציע״ פון שדכנות פאַר גאָר אַ וויכטיקע אין אידישן לעבן!

איינמאָל האָט אַ שדכן געבראַכט אַ שדוך פאַר איר. עס האָט זיך געהאַנדלט פון איינע פון די חשובסטע און רייכסטע היגע אידישע פאַ־מיליעס. דער פאָטער פון בחור — וועלכער קאָן מיך זייער גוט, און אַ סברא אַז מיר האָבן ביידע געלערנט צוזאַמען אין דער ישיבה, האָט איינמאָל געטראָפן מיין טאָכטער און זי איז אים געפעלן געוואָרן! ער האָט פאָרגעלייגט זיין געראָטענעם זון צו שיקן אַ שדכן צו אונז, אַז די קינדער זאָלן זיך טרעפן — און דער זון איז געווען צופרידן!

די קינדער האָבן זיך געטראָפן איינמאָל און צוויימאָל און זיי האָבן איינגעשטימט צו פאַרבונדן זייער לעבן צוזאַמען.

אין אַ חודש אַרום האָבן מיר — די עלטערן — באַשטימט, אַז מען זאָל מאַכן „אַ וואָרט״. קיין קנסן מאָל וועט נישט זיין, אָבער דערפאַר וועל איך פראַווען אַ גרויסע חתונה.

כדי אַלע זאַכן אַרומרעדן, האָבן מיר איינגעלאַדן די מחותנים צו זיך אויף וועטשערע. זיי, דעם חתנס עלטערן, האָבן דווקא געוואָלט אַז דעם ערשטן וויזיט זאָלן מיר מאַכן צו זיי! אַזוי קומט — האָט דעם חתנס פאָטער געטענהט. איך האָב, אָבער, אינזיינען געהאַט מיין אומ־גליק! איך האָב צו זיי נישט געוואָלט גיין די ערשטע! גיי, היט

די גאַנצע צייט מיין פרוי, אַז זי זאָל דאַרט עפּעס נישט צונעמען! דאָ, ביי אונז, וועט זי גאַרנישט קאָנען נעמען ביי זיי, און זיי וועלן נישט וויסן פון מיין אומגליק, לפּחות ביז נאָך דער חתונה.

געווען איז אָבער אַנדערש. זיי זיינען געקומען צו אונז. זייער גוט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין, און עט עט, פאַרן אוועקגייען, באַמערק איך אַז דעם חתנס מוטער איז עפּעס געוואָרן, ערנסט און אומרואיק. א י ך, האָב גראָדע גאַרנישט חושד געווען! איך האָב בלויז געמיינט אַז די שפּעטקייט פון דער צייט — עס איז שוין געווען נאָך דריי פאַרטאָג — האָט גענומען ווירקן אויף מיין מחותנסטעס געזונט אָדער נערוון. אַגב מיר האָבן אויך געשפּילט אין קאָרטן און מיין מחותנעסטע האָט פאַרשפּילט עטלעכע און פערציק פּעזעס.

איך הויב זיך אויף פון טיש און מאַכנדיק אַ שפּאַס — אַזוי ווי איך בין געווען דער „געווינער", נעם איך דאָס געלט און גיב אָפּ יעדערן זיינס.

מיין מחותנעסטע וויל נישט דאָס געלט! זי גייט צו צו מיין פרוי און זאָגט איר:

וואוהין האָט איר אוועקגעלייגט דאָס גאָלדן זייגערל מיינס וואָס איר האָט פריער מיט אַ פּאָר שעה אַרויסגענומען פון מיין האַנט-טאַש. איך האָב געמיינט אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּיל וואָס איר ווילט דערנאָך דורכפירן און פאַרן אַ היים גייען, וועט איר פאָדערן אַז איך זאָל עפּעסביישטייערן פאַרן קרן קימת וועט איר מיר אָפּגעבן דאָס זייגערל! איך זע, אָבער, אַז איר זאָגט גאַרנישט! גיט זשע מיר אָפּ דאָס זייגערל און מירן גייען אַ היים.

איך האָב נישט געהערט אַלעס וואָס מיין מחותנעסטע האָט געזאָגט מיין פרוי. וואָלט איך געווען געהערט, וואָלט איך שוין געווען געפונען אַ מיטל אָפּ צו מאַכן פון דער גאַנצער געשיכטע עפּעס אַ שפּאַס! ווען איך האָב שוין געהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — איז שוין געווען שפּעט! מיין פרוי האָט געוויינט אַז זי ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן און מיין מחותנעסטע האָט געטענהט אַז זי האָט א ל יי ן געזען ווי מיין פרוי האָט זיך פאַרגנבעט צו איר טאַש, אים געעפנט, און אַרויסגענומען פון דאָרט איר זייגערל. זי האָט, באַלד, גאַרנישט, רעאַגירט, ווייל זי האָט געמיינט אַז עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַ שפּאַס אָדער אַ שפּיל...

זאָל איך אייך דערציילן וואָס עס איז געוואָרן דער סוף? זאָל איך אייך דערציילן אַז, מיט בושה, האָט מיין פרוי איר אָפּגעגעבן דאָס זייגערל און פון שדוך, פון מיין טאָכטערס גליק, איז גאַרנישט געוואָרן?

זאָל איך אייך אפשר אויך דערציילן אַז מיין טאָכטער האָט שוין איינמאָל געמאַכט אַ פּרוּוו פון זעלבסטמאָרד און מען האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט!...

נאָך יענעם אויפדערנאַכט, בין איך אַוועקגעגאַנגען צו מיין — וואָס האָט געזאָלט ווערן — מחותן, און, מיט טרערן אין די אויגן האָב איך אים דערציילט וועגן מיין פרוים שלאָפקייט! איך האָב אים און זי געבעטן, אַז זיי זאָלן נישט צעשטערן די קינדערס גליק! די מחותנעסטע האָט, אָבער, נישט געוואָלט הערן אפילו! זי פאַרשטייט אויך אַז מיין פרוי איז אַן אנשטענדיקע פרוי. זי פאַרשטייט, אַז מיין פרוי האָט ביי איר נישט געוואָלט צוגנבענען דאָס זייגערל! אָבער, פאַר קיין מחותנעסטע — וויל זי זי נישט האָבן!...

צי ווייסט מיין פרוי פון איר שלאָפקייט? צי האָב איך געפּרוּווט מיט איר רעדן דערפון? פון ווען אָן איז זי אַזוי שלאָף? — איך וועל אייך ענטפערן פון אונטן אַרויף.

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב באַמערקט אַז עפּעס איז מיט איר נישט גלאַט איז געווען באַלד נאָך דער חתונה. מיר האָבן געוואוינט אַ קליין שטיקל צייט מיט מיינע עלטערן וועלכע האָבן אונז אָפּגעגעבן צוויי שיינע צימערן!

באַלד נאָך דער חתונה, באַלד נאָך אונזער אַריינקלויבן זיך צו מיינע עלטערן, האָט מיין מוטער ע״ה אָנגעהויבן באַמערקן אַז עס פעלן איר... קליייניקייט! עס האָט איר געפעלט פון אַ קאַרטאָפל ביז אַ פאָר זאָקן! פון אַ ציבעלע ביז אַ העמד... און באַמערקן דאַרף איך אייך, אַז מיין מוטער איז געווען אַ הויכע, געוויקסיקע פרוי און האָט געוואויגן פינף פּוד (אַכציק קילאָ). מיין פרוי איז דאַן געווען זייער איידל און מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון מיין מוטער און האָט געוואויגן אַרום... 55 קילאָ. דאָס הייסט, אַז מיין מוטערס העמד האָט אויף איר ניט געטויגט און מיין מוטער האָט ניט געהאַט קיין טויזנט-חלק חשד אַז דאָס האָט מיין יונגע פרוי געקאָנט צונעמען אַט די זאַכן. וואָס שייך די קאַרטאָפל און ציבעלעס — האָט זיי מיין פרוי ניט געדאַרפט, ווייל... זי האָט ניט געקאָכט. מיר האָבן „געגעסן קעסט" ביי אונזערע עלטערן! און דאָך, האָט אַלע טאָג געפעלט עפּעס אַנדערש! מיין מוטער האָט אַלץ געטענהט אַז עפּעס אַ „ניט-גוטער" האָט זיך זאַנאַדעט צו אונז אין שטוב און טוט אונז אָפּ שפּיצלעך — אַנדערש קאָן ניט זיין, פלעגט מיין מוטער זאָגן! ווער דען קאָן עס אַריין אין שטוב, אַרויסגנבענען מיין מוטערס „ליפּטשעקל" אָדער צונעמען דעם צוקער פון

דער סאַכאַרניצע און אוועק דורך אַ שפּאַרינע? — ווייל די טירן זיינען געבליבן פאַרשלאָסן!...

אין אַן ערב שבת פאַרנאַכט, איך גיי צו צו מיין שאַפע אַרויסנעמען פון דאָרט וועש אויף צו גיין אין מרחץ — די פרוי מיינע איז געווען אַוועקגעגאַנגען צו אירע עלטערן אויף אַ קורצער צייט און זי האָט זיך ניט געריכט אַז איך וועל קומען פריער אַהיים און א ל יי ן גיין צו דער שאַפע זוכן וועש — אַלזאָ, איך גיי צו צו מיין שאַפע — ווי עס גיט זיך אַ שיט אויס, אויף מיר, אַ... קויש מיט קאַרטאָפּל, ציבעלעס, מערן, קנאָבל און צוזאַמען מיט אָט די זאַכן — פאַלן מיר אין קאָפּ אַריין אַלע זאַכן וואָס עס האָבן געפעלט מיין מאַמען און עפּעס פרעמדע זאַכן אויך...

איך בין פאַרשטיינערט געוואָרן! איך האָב ניט אָנגעהויבן פאַר־שטיין וואָס, אָט די אַלע זאַכן, האָבן צו טאָן אין מיין שאַפע! איך האָב, אין שטוב קיינעם ניט דערציילט דערפון, און געוואַרט אַז מיין פרוי זאָל קומען! ווען איך האָב זי אַריינגעפירט אין ספּאַלני און געוויזן דעם „אוצר" וואָס איך האָב געפונען, האָט זי זיך צעוויינט און מיר מודה געווען אַז דאָס האָט זי עס געטאָן! צוליב וואָס? פאַרוואָס? נאָך וואָס? — דאָס ווייסט זי אַליין ניט!

איך האָב דעם ענין ניט דערציילט אין שטוב! איך האָב די חפצים צוריק אונטערגעוואָרפן אין שטוב און ביי מיין גוטער מאַמען ע"ה איז שוין קיין פראַגע ניט געווען אַז עפּעס אַ „ניט גוטער" דרייט זיך אַרום אין שטוב! זי האָט תיכּף אָנגענומען די „נויטיקע מיטלען". רופן ר' אַהרון סופר און איבערקוקן די מזוזות און טאַקע צוקלאַפּן נייע מזוזות ד אָ ר ט וואו עס האָט געפעלט! און מערקווירדיק! פון דעמאָלט אָן, איז דער ניט־גוטער מער ניט געקומען — אַזוי האָט זיך די מאַמע באַרימט! אַ ניט־גוטער, אַז ער דערזעט אַ כשרע מזוזה, אַנטלויפט ער צוריק אין זיין רו אַריין! און טאַקע, ווי האָט געקאָנט דער „ניט־גוטער" צוריק קומען און ווידער גנבענען, ווען... א י ך האָב שוין געהיט מיין פרוי!

איך בין דאַן אוועק צו אַ גרויסן דאָקטאָר מיט איר. ער האָט זי באַ־טראַכט און מיר „אויסגערעדט דאָס האַרץ" אַז, ניט ער און ניט קיינער וועט זי אויסהיילן! — נאָך מער? ווען זי וועט ווערן עלטער וועט די שלאַפקייט ווערן ע ר ג ע ר ! איצטער — אַזוי האָט מיר דעמאָלט גע־זאָגט דער דאָקטאָר — א י צ ט, ווייסט זי נאָך, אַז זי טאָר ניט גנבענען! א י צ ט, ווען זי איז יונג און האָט אַ שטאַרקערן כוח הזכרון, וועט זי זיך דערמאָנען וואָס זי האָט געטאָן און וואו זי האָט די זאַכן אַוועק־געלייגט! שפּעטער, ווען זי וועט ווערן עלטער, וועט זי אינגאַנצן פאַרלירן דעם כוח פון געדענקען וואָס זי טוט און אַז מען טאָר ניט טאָן! און...

אַט אַזױ, לעבן מיר שױן צוזאַמען עטלעכע און צװאַנציק יאָר! אַט אַזױ װײסן מײנע קינדער פֿון זײער אומגליק און װײסן אַז מען טאָר מיט איר אין ערגעץ ניט גײן און אין ערגעץ ניט מיטנעמען! און כּדי צו פֿאַרהיטן זיך פֿון לײטיש געלעכטער האָב איך עס אױך געמוזט דערצײלן מײנע מחותּנים, כּדי זײ זאָלן ניט איבערראַשט װערן װען זי װעט עפּעס צונעמען בײ זײ...

איך בין מיט איר געװען בײ די גרעסטע דאָקטױרים. לעצטנס — האָט זיך איר שלאָפֿקײט שטאַרק פֿאַרערגערט! אָבער, קײן רפֿואה איז צו דעם ניטאָ! עס איז אי אַ שלאָפֿקײט אי אַ... משוגעת אַזאַ! אַן אומהײלבאַרע משוגעת. און אױב איר װעט מיט איר רײדן װעגן דעם — װעט זי זיך צעװײנען און אײך זאָגן, אַז איר מאַכט אױף איר אַ בלבול! און אױב איר װעט אַרױסנעמען פֿון איר טאַש אָדער פֿון קאַשעקל אײן װעלכע זי האָט אַרײנגעלײגט די געלקחנטע זאַך, װעט זי זיך עקסטראַ צעװײנען און זאָגן אַז... דאָס האָט מען איר אונטערגעװאָרפֿן, אַז דאָס מאַכט מען אױף איר אַ בלבול! זי זאָגט עס ניט, װײל זי װיל פֿאַרװישן איר שולד! זי זאָגט עס גאַנץ ערנסט, װײל זי װ ײ ס ט ד אָ ך נ י ט, אַז זי האָט עס געגנבעט! זי מײנט דאָך טאַקע אַז מען האָט עס איר אונטערגעװאָרפֿן! װײל... ס'הײסט זי װעט צוגנבענען אַ זאַך? ס'הײסט זי װעט נעמען י ע נ ע מ ס?...

איצט, ליבער פֿרײנט, װעט איר שױן פֿאַרשטײן, אַז װען איר זעט אײער אַ באַקאַנטן, זײן גאַנץ לעבן ניט אַרױסגײן שפּאַצירן, אָדער בײזײן אַ געזעלשאַפֿטלעכן אָדער פּריװאַטן אַקט אין דער באַגלײטונג פֿון זײן פֿרױ — זײט אים דן לכּף זכות! דאָס װיל ניט זאָגן אַז יענעמס פֿרױ איז אױך אַזױ שלאָף װי מײנע! אָבער, ע פּ ע ס דערבײ — איז דאָ! משפּט ניט אומזיסט!...

טאַטע-מאַמע זינדיקן און קינדער קומען אָפּ

זונטיק אינדערפרי. די פרימאָרגן-זון איז דאָ צו גאַסט. שוין אַ פּאָר וואָכן ווי מען זעט ניט קיין ליכטיקע שיין. דער ווינטער האָלט ביים סוף און די לעצטע פּאָר טעג, האָט ער זיך געוואָלט געזעגענען און האָט אויך געוואָלט אַז מען זאָל אים ניט פאַרגעסן און מען זאָל די גאַנצע צייט אים נאָכזאָגן אַ „שבח" אַז ער האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. האָט ער, דער אַוועקגייענדער ווינטער, ניט אַרויסגעלאָזט די זון פון אונטער די וואָלקנס אין משך פון אַ פּאָר וואָכן.

היינט, זונטיק אינדערפרי, איז דער ערשטער „וואַרעמער" טאָג. היינט, איז די זון געקומען מיט איר גאַנצער וואַרעמקייט און קאַפּריזן און ווי אינמיטן זומער — ניט ווי אַן ערב פרילינג — זיך צעשיינט און געבעטן יעדער איינעם אַז ער זאָל אַרויס פון בעט, פון אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע און אַרויסשפּאַצירן אין גאַס אָדער נעמען די קינדער און מיט זיי אַוועק אין שטאָט-גאָרטן אָדער אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

איך שטיי שוין נעבן דער שראַנק מיט ביכער און וויל אויסקלויבן אַ בוך צום לייענען אויף דער באַנק אין פּאַרק. איך וואָלט אַ בעלן געווען צו „פּאַקן" עפּעס אַ בוך וואו עס זאָל זיך רעדן וועגן פרילינג, וועגן וואַרעמע טעג, וועגן אַראָפּוואַרפן דעם אויבערראָק און וואַרעם וועש וועגן...

דאָס גלעקל ביי דער טיר האָט זיך צעקלונגען. מן הסתם דער מילך-מאַן אָדער אַ „שוועסטער" פון דער „סאַלוויישאָן-אַרמיי" וואָס קומט מיט אַ פּושקעלע בעטן אַ נדבה און וואָס טרעפט „צופעליק" ב ל ו י ז אין אידישע טירן וועלכע לאָזן זי ניט אַוועק מיט ליידיקן און וואַרפן עפּעס אַריין.

איך עפן די טיר. עס שטייט פאַר מיר אַ א י ד י ש ע ר יונגערמאַן. גריסט זיך העפלעך, בעט דערלויבעניש אַריינצוקומען.

דער יונגערמאַן שטעלט זיך פאָר, זאָגט מיר זיין פאַמיליען־נאָמען און, אין אַ שיינעם, ריינעם אידיש, זאָגט ער מיר:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן צוויי זאַכן:

ערשטנס: — וואָס איך שטער אייך אין אַ זונטיק אינדערפרי און צווייטנס: — וואָס אויפן פרימאָרגן האָב איך אייך אָפּגעבאַקן אַ פרישן, צאַפּלדיקן ליגן. איך האָב אייך געזאָגט מיין פאַמיליען־נאָמען, און... איך האָב אויסגעטראַכט אַ נאָמען פון דער הפטורה.

דער יונגערמאַן ווערט מיר סימפּאַטיש. איך לאַד אים איין זיצן און פרעג אים מיט וואָס איך קאָן אים דינען?

דינען? ווער ווייסט צי איך קאָן אים דינען! העלפן אים? ווער ווייסט צי עמעצער קאָן אים העלפן? וואָס דען? ער איז געקומען צו מיר מיט אַ טענה:

— ער באַמערקט אַז איך שרייב אָפט וועגן שלעכטע קינדער. צי גלויב איך ניט אַז עס זיינען פאַראַן... שלעכטע טאַטעס אויך!

— זיכער! וואָס פאַר אַ פראַגע! פאַראַן טאַטעס וואָס זיינען ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי! אָבער קינדער — שלעכטע — זיינען פאַראַן אין אַ גרעסערער, גאָר, גאָר גרעסערער פּראָפּאָרץ! אדרבא! זאָל ער, דער יונגערמאַן — אַזוי ענטפער איך אים — זאָל ער אַ שפּאַציר טאָן אין אַ מושב זקנים, וועט ער זיך איבערצייגן וויפל שלעכטע קינדער עס זיינען פאַראַן...

— יאָ! כאַפּט אָבער אַ שפּאַציר אין בית יתומים, גיט אַ בליק וויפל קינדער זיינען דאָרט פאַראַן וועמענס עלטערן ווילן זיך מיט זיי ניט „ניאַנטשען", וועט איר זיך איבערצייגן אַז עס זיינען פאַראַן טאַטעס! אוי, טאַטעס!..

יאָ! אָבער, צו וואָס איז דאָס געקומען צו רייד! איר זענט דאָך ניט געקומען צו מיר איצט, אין אַזאַ שיינעם זונטיקדיקן פרימאָרגן, כדי מיט מיר צו דיסקוטירן, וואָס איז פאַראַן מער שלעכטס אויף גאָטס וועלט? שלעכטע קינדער צי שלעכטע עלטערן?

— נאָ! זיכער בין איך ניט געקומען צו אייך צו פירן מיט אייך אַ דיסקוסיע. איך בין געקומען צו אייך, רעקאָמענדירט פון ה' ב. וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז איר, ווען איר זאָלט וועלן, וואָלט איר מיר געקאָנט העלפן, בעסער געזאָגט — איר וואָלט מיך געקאָנט ראַטעווען פון מיין

פּאַטערס... נעגל! איר קאָנט זייער גוט מיין פּאַטער און ווען ער וועט וויסן אַז אַ זייטיקער, דערהויפּט, זיינער אַ נאָענטער באַקאַנטער, ווייסט פון מיין טראַגעדיע און פון זיין... „פּאַדלאָסט", וועט ער אפשר, מיך לאָזן צו רו און וועט מיך לאָזן לעבן מ יי ן לעבן...

דער יונגערמאַן ווערט מיר שוין אינטערעסאַנט! איך לאָז שוין אי־בער מיין שפּאַציר אין שטאָט־גאָרטן אויף אַן אַנדער טאָג און מיר זיצן שוין באַקוועם, איינער קעגן אַנדערן, און ער הויבט מיר אָן דערציילן זיין לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...איך וועל אייך, באַלד ביים אָנהויב, ניט זאָגן ווער איך בין און ייער מיין פּאַטער איז. ווי איך האָב אייך שוין פריער באַמערקט — קאָנט איר זייער גוט מיינע עלטערן, איר זענט אפילו געווען צוריק מיט יאָרן אין איין קאָמיסיאָן פון אַן אַנשטאַלט, און איר האָט צוריק מיט אַ יאָר 15 פאַרבראַכט צוזאַמען אין איין האָטעל ווען איר זענט אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד. דעם נאָמען פון מיין פּאַטער, וועל איך אייך דערנאָך זאָגן. איך וויל אייך אָנהויבן פון מ י ר, פון מ יי ן לעבן.

ביי מיינע עלטערן אין הויז, זיינען מיר געווען 4 קינדער. אַלע פיר אינגלעך און איינער פון צווייטן געדרוקט אין קאַרגע צוויי יאָר. איך בין דער יונגסטער. און איר וועט מיר גלויבן — אָבער עס איז אַזוי! מ י ך, האָט מיין פּאַטער וו יי נ י ק ע ר ליב געהאַט, ניט נאָר פון זיינע קינ־דער, נאָר פון זיין הינטעלע וועלכעס ער האָט געבאַוועט און עס איז גע־פּייגערט אַ קרעציקס!

אַלע ברידערלעך מיינע, פלעגט דער פּאַטער צערטלען, פלעג זיי ברענגען נאַשערייען, פלעג זיי מיטנעמען שפּאַצירן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן! מ י ך — מיך האָט ער קיינמאָל קיין גלעט ניט געטאָן! קיינמאָל קיין סענט ניט געגעבן אויף צו קויפן זיך אַ נאַשעריי! און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט — צי איך האָב יאָ פאַרדינט אָדער ניט פאַרדינט — האָט ער מיר געשאָנקען אַ פאַרציע... פּעטש!

דער היפּך פון מיין טאַטן — איז מיין מאַמע! זי, האָט מיך שוין יאָ געצערטלט און אָפּט, אָפּט, אָפּגעראַטעוועט פון טאַטנס פּאַסיקל. שפּע־טער, אַז איך בין עלטער געוואָרן און שוין ע פּ ע ס פאַרשטאַנען, האָב איך אויפגעכאַפּט ווערטער אַז מיין טאַטע האָט ניט געוואָלט אַז מיין מוטער זאָל האָבן נאָך אַ קינד! אַז איך בין געקומען אויף דער וועלט ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט! און ניט איינמאָל פלעג אים מיין מאַמע פאַר־וואַרפן: — אָבער, וואָס איז דאָס קינד שולדיק?...

— און, איר וועט לאַכן! פּ ו נ ק ט אַזוי ווי מיין טאַטע האָט מיך פיינט געהאַט, פּונקט אַזוי האָב איך אים ליב געהאַט! איך בין געווען דער איינציקער וואָס האָט געהיט אַז זיינע שיך זאָלן גלאַנצן, אַז זיין שליאַפּע זאָל זיין אויסגעפּרעסט, אַז זיינע ביכער אָדער האַנט־זאַכן, זאָלן ליגן אויף זייער פּלאַץ! אַז זיינען שטעק־שיך וואָס ער האָט פאַרגעסן אין באָד־צימער, זאָלן ליגן נעבן זיין געלעגער כדי ער זאָל ניט אַראָפּטרעטן בּאָרוועס אויף דער ערד...

שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך איבערגעלאָזט דאָס לערנען וואָס איז מיר במילא ניט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. חוץ דעם, האָב איך ניט געהאַט קיין פרייע מעגלעכקייט צו שטודירן, ווייל מיין פאָטער האָט מיר ניט געוואָלט קויפן קיין ביכער און אַפילו אַ טינט און פעדער פאַר דער שולע האָב איך געדאַרפט אויסוויינען! איך בין אַוועק־געגאַנגען אַרבעטן. איך האָב זיך אַליין געפונען אַ פּלאַץ, זיך אַליין אָנגע־דונגען און וואָס איך האָב פאַרדינט — האָב איך עס, ביזן לעצטן סענט אַפּגעבראַכט דעם טאַטן. דער טאַטע האָט זיך ניט געניוטיקט אין מיינע פאַרדינסטן, ער האָט אַ פאַבריק און אַ געשעפט און איז שוין צוריק מיט צען יאָר געווען אַ פעסטער גביר. דאָך האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיק מיר איבערלאָזן צ וו אַ נ צ י ק סענט אויף צו קויפן מיר אייז־קרעם אָדער אַ קינדער־זשורנאַל.

גאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין געוואָרן אַ בחור פון צוואַנציק יאָר האָט זיך מיין לאַגע ניט געביטן! מיינע ד ר יי ברידער האָבן געשטודירט און שטודירט און געהוליעוועט ביז פאַרטאָג און ביז ה יי נ ט האָט נאָך קיינער גאָר ניט אויסשטודירט און געענדיקט! דאָך, האָט זיי דער פאָטער מיינער געגעבן געלט וויפל זיי האָבן געבעטן און זיי געקליידעט ווי פּרי־צים. מ י ר האָט ער קיין סענט ניט געגעבן און האָט נאָך צוגענומען ביי מיר וויפל עס איז מיר געבליבן פון דעם חודש הוצאות. איך פלעג שטענדיק אַרומגיין אָן אַ סענט אין קעשענע, האָב זיך קיינמאָל ניט דער־לויבט עפּעס אַ „לוקסוס”, וואָס איז ווערט געווען איבעריקע עטלעכע גראָשן און, דאָך, האָב איך ניט פּראָטעסטירט! איך האָב געליטן און געשוויגן!

אָבער, ניט בלויז פון דעם אַליין האָב איך געליטן! איך האָב נ אָ ך מ ע ר געליטן פון מיין פאָטערס מאָראַלישע האַנדלונג בנוגע מיין מוטער. איטלעכער, וועד עס האָט נאָר געקאָנט מיין פאָטער האָט אים באַרעדט א י ן און א ו נ ט ע ר די אויגן, אַז ער פאַראַכט מיין מוטער אויף טריט און שריט! אַז ער איז אַ פרויען־יעגער און אַז פרעמדע פרויען — אָפּט, ש וו אַ ר צ ע און פּשוטע „פּראָפעסיאָנעלע” פרויען, — קאָסטן מיין פאָ־

טער אָפּ אין א יי ן מאָנאַט, מער ווי מיין מוטער אַ גאַנץ יאָר.

איך פלעג אויפכאַפּן אַט די קלאַנגען! איך האָב געוואוסט אַז אַ גרוי־סער אמת איז דאָ אין זיי און איך האָב שטאַרק רחמנות געהאַט אויף מיין מוטער און שטאַרק, שטאַרק געליטן דערפון!

צו יענער צייט, האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל, אַ האַרציק וואויל אידיש מיידל, אַ טאָכטער פון אַ קאָלאָניסט וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין שטודירן און זי האָט אויפגעהערט צו לערנען ווייל דער פאָטער האָט זי ניט געקאָנט אויסהאַלטן, איז זי דאָ געבליבן אַרבעטן. דאָס מיידל האָט מיך אויך ליב באַקומען און מיר האָבן — צווישן זיך — שוין גערעכנט פאַר חתן־כלה. איך האָב זי שוין געזאָלט ברענגען אַהיים און זי פאָרשטעלן מיינע עלטערן. אָבער פּלוצים איז ביי אונז אַן אומגליק געשען!... אַן אומגליק, וואָס האָט צערודערט אונזער שטוב, דאָס לעבן פון יעדערן און מער פון יעדן — מ יי ן ל ע ב ן !

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער יונגערמאַן בלייבט שטיל. ער ווישט זיך אָפּ דעם קאַלטן שוויים וואָס באַשלאָגט זיין פּנים. עס געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז ער הויבט אָן ווידער ריידן און לסוף, באַרואיקט אַ ביסעלע, זעצט ער פאָר:

דעם אמת אייך זאָגן — שעם איך זיך צו דערציילן אייך וואָס אַן אומגליק האָט געטראָפן אונזער שטוב! אָבער, איך האָב אָנגעהויבן — וועל איך ענדיקן.

ביי אונז אין הויז איז געווען אַ... ד י נ ס ט! אַ אידישע דינסט! עפּעס אַ וויט פריינטל אונזערס וועמענס עלטערן זיינען געווען מיין פאָ־טערס לאַנדסלייט אויך. די עלטערן האָבן געוואוינט אין אַ ווייטער פּראָ־ווינץ און זיינען געווען זייער אָרעם. אין איינעם אַ טאָג, האָבן זיי זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו אונז און געבעטן, אפשר קאָנען מיר אַרוים־פּאָדערן צו זיך א יי נ ע פון זיינע ז ע ק ס טעכטער וואָס ער האָט און זי באַשטאַטן מיט אַ שטעלע אַלס... דינסט. דאָרט אין זייער וואוינ־אָרט, שעמען זיי זיך צו אַרבעטן אַלס דינסטן. אַזוי ווי מיר האָבן זיך דעמאָלט גענויטיקט אין אַ דינסט האָט מען אונז געשיקט אַ 17־יאָריק מיידל וועלכע האָט, אָבער, אויסגעזען און איז געווען צעוואַקסן און גע־זונט ווי אַ מויד פון עטלעכע און צוואַנציק.

ווען די מויד איז געקומען צו אונז, האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן וואַרפן אייגעלעך צו איר און ניט איינמאָל האָט מען געהערט פון קיך אירע קוויטשערייען ווייל מיין פאָטער האָט זיך צו איר „געטשעפּעט". מיין מוטער פלעגט פּראָטעסטירן און איינמאָל, נאָך אַ סקאַנדאַל מיט מיין

פאָטער, האָט מיין מוטער דערקלערט דער דינסט אַז זי איז אָפּגעזאָגט און זי זאָל זיך איינפּאַקעווען און גרייט זיין אָפּפאָרן אַהיים. אָבער די דינסט האָט, מיט טרערן אין די אויגן דערקלערט מיין מוטער, אַז אַהיים קאָן זי ניט קומען ווייל... זי איז אין „אַנדערע אומשטענדן"... דער פאָטער פון איר צוקונפטיקער, אומגעזעצלעכער פרוכט, איז... מיין טאַטע!

אין שטוב איז אַן איבערקערעניש! די מאַמע האָט געחלשט! די ברידער גייען אַרום צעטומלט! דער טאַטע... שטאַמלט אָבער לייקנט ניט, נאָר ברעכט די הענט... און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ!

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין און בין געוואוירע געוואָרן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָב איך לאַנג ניט געטראַכט, בין אַריין אין קיך אַריין צו דער דינסט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך אַרויס מיט איר... געאָרעמט! איך האָב דערקלערט די שטוב-מענטשן — וועלכע זיינען געווען אַלע פאַרזאַמלט ביי מיין מוטערס בעט, אַז די דינסט — ראַקעל האָט זי געהייסן — האָט געזאָגט אַ ליגן! ניט דער פאָטער איז דער שולדיקער אין איר אומגליק — נאָך א י ך!...

ראַקעל — אַזוי האָב איך מיט איר אָפּגערעדט פריער — האָט באַשטעטיקט מיינע רייד! איך האָב אויך דערקלערט די בייוועזנדע, אַז ווי נאָר ראַקעל וועט געלעגן ווערן — וועלן מ י ר חתונה האָבן און דערוויל בלייבט זי אין שטוב אונטער מ יי ן אויפזיכט.

מיין מאַמע און אַלע בייוועזנדע האָבן געוואוסט אַז איך זאָג אַ ליגן! זיי האָבן נאָר ניט געוואוסט, אַז אָט די געשיכטע קאָסט מיך מיין גאַנץ, אָנגעקליבענער קאַפּיטאַל — העכער 5 טויזנטער שווער פאַרהאָרעוועטע! זיי האָבן אויך ניט געוואוסט, אַז איך האָב צוגעזאָגט ראַקעלן, אַז אין פאַל זי וועט טאַקע — נ אָ ך ד ע ר ק י מ פּ ע ט — וועלן חתונה האָבן מיט מיר געזעצלעך — וועל איך עס טאָן! אָבער, זי זאָל זיך ריכטן אויף אַ ביטער לעבן ביי מיר, ווייל ליב האָבן — האָב איך זי נ י ט! חוץ דעם, האָב איך שוין אַ כלה אין וועלכער איך בין פאַרליבט!...

אויסגעוויזן, האָט זיך מיר, אַז ראַקעל האָט איינגעשטימט און איז צופרידן מיטן געלט און מיטן אויסוועג אַז דער פאָטער פון איר קינד וועט אפשר, מיט דער צייט, געבן דעם קינד אַ געזעצלעכן נאָמען! אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש! ניט קוקנדיק דערויף וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז די געשיכטע דאַרף בלייבן אַ סוד ביז זי וועט געלעגן ווערן, איז די ערשטע, וועער עס איז געוואוירע געוואָרן דערפון געווען... מיין צוקונפטיקע כלה! ווען איך בין זי יענעם טאָג געקומען זען, האָב איך זי געטראָפן אַ פאַרוויינטע און זי האָט מיך ניט אויפגענומען! פשוט גערעדט — זי האָט מיך אַרויסגעטריבן פון דער שטוב! זי דאַרף ניט קיין ביגאַמיסט! וואָלט

זי געווען מיך צוגעלאָזט צו זיך, וואָלט איך געווען געקאָנט ריידן מיט איר וואָלט איך איר... אויך ניט דערציילט דעם אמת! איך וואָלט — פאַר אירע אויגן — מיין פאָטער ניט פאַרשעמט! איך וואָלט איר געווען אויס־געזוכט אַן אַנדער תירוץ! איך וואָלט איר געווען געשוואוירן און זי וואָלט מיר געווען געגלויבט! האָט זי, אָבער, מיך ניט געוואָלט אָנקוקן אַפילו, בין איך אַוועק פון איר טיר מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַ בושה אין פנים.

און מיין פאָטער?

ער האָט אויפגענומען מיין דערקלערונג קאַלטבלוטיק, גלייכגילטיק, אַזוי נאַטירלעך, ווי עס וואָלט טאַקע אַזוי געדאַרפט זיין אָדער ווי עס זאָל טאַקע זיין אין אמתן אַז איך בין דער שולדיקער פון סקאַנדאַל! עס האָט נאָר געפעלט אַז דערפאַר... זאָל ער מיך אויספּאַטשן און אַרויס־טרייבן פון שטוב! ער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום דאַנקבאַרקייט מיר וואָס איך האָב געראַטעוועט זיין כבוד און וואָס איך האָב געראַטעוועט דעם שלום בית אין שטוב!...

נאָך יענעם טאָג, בין איך אַוועקגעגאַנגען פון שטוב און עס איז גע־בליבן, אַז ווען ראַקעל וועט דאַרפן געלעגן ווערן, וועט מען זי נעמען אין אַ סאַנאַטאָריע און דערנאָך וועלן מיר זען!

צו יעדער אומגליק — דאַרף מען נאָך האָבן גליק אויך! ווייזט אויס, אַז מיין מאַמעס טרערן און שטילע תפילות צו גאָט האָבן מיר געהאָלפן! טרויעריק געהאָלפן אָבער דאָך בין איך געהאָלפן געוואָרן!

ווייזט אויס אַז ראַקעל האָט געהאַט געוויסנביסע וואָס איך בין אומ־זיסטערהייט אומגליקלעך געוואָרן דורך איר, האָט זי, אין אַ שיינעם טאָג זיך אויפגעהויבן און ניט געסטייעט פון דער שטוב, איבערלאָזנדיק אַ בריוו צום ריכטער אַז זי פאָרט אַוועק ווייט, ווייט און דאָרט וועט זי זיך נעמען דאָס לעבן ווייל איר געליבטער, אַ קריסטלעכער סטודענט, האָט זי פאַרלאָזט.

מיר האָבן דאָס ערשטע געגלויבט, אַז דאָס איז בלויז געווען אירס אַ סטראַשונעק און אין דער אמתן וועט זי זיך ערגעץ געפונען אַ פּלאַץ! דאָך, האָבן מיר דעם בריוו איבערגעגעבן אין פּאָליציי. אין צען טעג אַרום האָט מען געפונען איר טויטן קערפּער וואָס דער ברעג פון טייך האָט אַרויסגעוואָרפן און דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן!...

— —

נאָך יענער טראַגישער געשיכטע האָט זיך מיין לאַגע אַ ביסל... פאַר־ערגערט! מיין טאַטע, מיין אייגענער פאָטער האָט אָנגעהויבן וועבן אַרום מיר אַ נעץ פון רכילות און האָט געוואָלט איבערצייגן אונזערע שטוב־

מענטשן אַז... איך בין טאַקע געווען דער פאָטער פון ראַקעלס אומגעזעצ־לעכער פּרוכט. ער האָט געמיינט, אַז באַשולדיקנדיק מ י ך, וועט ער קאָנען ז י ך ריינוואַשן. מ י ך, האָט עס ניט געאַרט! נאָך אַלעמען, האָב איך דאָך געוואָלט אַז אויף מיין פאָטער זאָל אַט, דער, פלעק ניט בלייבן! איך האָב מיט גאָרניט רעאַגירט ווען ער פלעג מיך, אין שטוב, ביי דער אַנוועזנהייט פון אייגענע און פרעמדע באַליידיקן און, באַלד עפּעס, מיר דערמאָנען אין דער געשיכטע ר אַ ק ע ל ! איך, פלעג פאַר־בייסן די ליפּן און שווייגן. מיינע ברידער האָבן עס אָנגענומען אַלס באַ־ווייז אַז עס איז טאַקע אמת, און געהאַט צו מיר גאַנצע טענות, אַז שיעור, שיעור, איז דער טאַטע פאַרשעמט געוואָרן פון אַ גאַסן־פּרוי צוליב מ יי ן שולד! איך האָב געליטן און געשוויגן! ב י ז אין אַ טאָג האָט מיין גע־דולד געפּלאַצט! דאָס איז געווען ד אַ ן ווען מיין מוטער, מיין טייערע, נעטרייע, מאַמע, האָט א ו י ך אָנגעהויבן גלויבן אַז איך בין טאַקע שולדיק און אין אַ שיינעם טאָג, ווען איך בין, אין אַ יום־טוב טאָג גע־זעסן מיט דער גאַנצער פאַמיליע און מיר האָבן געגעסן, איז עפּעס פאַר־געקומען אַ שטיקל סכסוך צווישן מיר און דעם טאַטן און מיין מאַמע האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון מיין פאָטער און מיר אויך אויס־געוואָרפן אַז א י ך האָב אָנגערעדט דער פאַרשטאָרבענער אַז ז י זאָל באַשולדיקן דעם טאַטן אין איר לאַגע!

ניין! מער האָב איך ניט געקענט אויסהאַלטן! איך בין צוגעלאָפן צו מיין טאַטן, אים אָנגעכאַפּט ביים לאַץ פון זיין רעקל און ניט מיט מיין שטימע און מיט אויסגעמאַטערטשעטע, ווילדע, אויגן און מיט אַ מויל פול מיט פינע האָב איך אויסגעשריען:

— זאָג! דערציייל דעם אמת! האָב מוט מודה זיין! זאָג דעם אמת! ווייל איינער פון אונז וועט פון דאַנען קיין לעבעדיקער ניט אַוועק!...

וואָס דערנאָך איז געשען — ווייס איך נישט! איך געדענק נאָר אַז איך האָב דערפילט קלעפּ, אַ סך קלעפּ אויף מיין קאָפּ! איך געדענק אויך אַז איך האָב קיינעם מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט און ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן — בין איך געווען אין אַ צימער פון אַ הויז פאַר גייסטיק־קראַנקע!...

ווען איך האָב שוין פאַרשטאַנען וואו איך בין און אַז איך האָב געהאַט אַ נערוון־אַטאַקע און בין געווען קראַנק, ווען איך האָב זיך שוין געקאָנט אויפזעצן אויפן בעט, בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז אַ חוץ מיין מאַמען — קומט מיך קיינער ניט באַזוכן! אַז מען צאָלט פאַר מיר אַז איך זאָל ליגן אין אַ סאַנאַטאָריע־צימער און אַז איך דאַרף נאָך זיין אַ פּאָר וואָכן, דערנאָך, וועט מען מיך אויסשרייבן!

אויפן צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי איך בין געקומען צו מיין פאַרשטאַנד און צו וויסן וואָס עס טוט זיך מיט מיר, איז מיין מאַמע געקומען צו מיר און מיר געבראַכט עסן. איך האָב זי עפּעס געוואָלט פרעגן, איך האָב געוואָלט ריידן, טענהן, אָבער זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיין מויל און מיר געזאָגט אַז ד ע ר ו וי ל טאָר איך נאָך גאָרניט ריידן! מאָרגן, ווען זי וועט קומען, וועלן מיר קאָנען ריידן וויפל איך וויל.

צו מאָרגנס איז זי נ י ט געקומען. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט זי זיך באַוויזן צו מיר. געהאַט אַ תירוץ, געווען ניט געזונט. געוואוסט האָב איך, אַז זי זאָגט ניט דעם אמת. זי האָט ניט געוואָלט אַז די ערשטע טעג פון מיין קומען צו זיך זאָל איך שוין אָנהויבן ריידן און אפשר וועל איך זיך דאַרפן אויפרעגן אויך — און דאָס — טאָר איך פאַר קיין פאַל ניט! דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז אין משך פון אַ שטיק צייט וועט מען דאַרפן היטן אַז איך זאָל זיך ניט אויפרעגן, אויב מען וויל ניט אַז איך זאָל נאָכאַמאָל באַקומען אַן אַטאַקע און שוין בלייבן אַ קראַנקער — אויף פּראָסט מאַמע־לשון — אַ משוגענער!

ערשט אין צען טעג אַרום, ווען מען האָט מיך שוין געהאַלטן ביים אויסשרייבן, האָט מיט מיר די מאַמע גערעדט ערנסט. זי האָט מיר דערציילט אַז דער טאַטע האָט... זיך שוין מודה געווען פאַר איר, אַז ער האָט עס געזינדיקט און איך קום אָפּ פאַר זיינע זינד! אָבער, מיין האַנדלונג קעגן אים, מיין וואַרפן זיך שלאָגן צו אים, קאָן ער מיר ניט מוחל זיין! און נאָך איידער מיין מאַמע האָט מיר געוואָלט אויסריידן, אַז זיי האָבן באַשטימט אַז איך זאָל וואוינען באַזונדער — האָב א י ך איר פריער געמאָלדן, אַז איך וועל מער די שוועל פון זייער הויז ניט איבערטרעטן! איך האָב צום טאַטן גאָרניט! דאָס איינציקע וואָס איך וויל — איז אים אויסמיידן און פאַרגעסן אין אַלץ.

— — — — — — — — — — — — — —

דער יונגערמאַן ווישט ווידער אָפּ דעם קאַלטן שוויים פון זיין פּנים און זעצט פאָר:

פון שפּיטאָל בין איך אַוועק וואוינען אין אַ ביליקן האָטעל. אַהין, האָט מען מיר געבראַכט מיינע מלבושים און די איבעריקע זאַכן מיינע. אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אַרויס פון שפּיטאָל האָב איך אויך געהאַט אַן איינגענעמען סורפּריז. מיין מיידל, מיין געליבטע, וועלכע איך האָב נישט פאַרגעסן און וואָס האָט מיך די ערשטע פאַרלאָזט געוואוירע ווערנדיק דורך ראַקעלן, אַז איך „געהער" גאָר צו איר, איז א י צ ט געקומען צו מיר ווייל זי ווייסט שוין דעם גאַנצן אמת. פאַרשטייט זיך, דעם

אמת. לויט דער בריוו וואָס ראָקעל האָט געשריבן אין איר בריוו צום ריכטער ערב דעם זעלבסטמאָרד.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אויך געקומען צו מיר דער טאַטע. ער איז געקומען בעטן ביי מיר אַז איך זאָל אים מוחל זיין. זיין קומען און זיין בעטן איז נישט געווען ערנסט און נישט פון האַרצן. ווייזט אויס, אַז דאָס האָט מיין מאַמע געווירקט אויף אים. ער האָט מיר געגעבן אַ קאַלטן קוש און נאָך אַ קעלטערע האַנט. איך האָב זיך... צעוויינט! איך האָב אים נאָר געפרעגט איין פראַגע:

— פאַרוואָס?

— — — — — — — — — — — — — —

פון יענער צייט אָן, זיינען שוין אַריבער עטלעכע יאָר. איך האָב שוין לאַנג חתונה געהאַט, פיר שוין אַן אייגן פאַמיליען-לעבן, און דאַרף צו מיין טאַטן, חלילה, נישט אָנקומען. פאַר דער גאַנצער צייט איז מיין פאָטער געווען ביי מיר אין הויז איינציק מאָל. איך, קום צו אים, בעסער געזאָגט, צו מיין מוטער, עטלעכע מאָל אין מאָנאַט. איך בין זיך אייך מודה: — איך בענק אויך נאָך מיין טאַטן. איך האָב אים נאָך אַלץ ליב. איך וויל גאָרנישט געדענקען וואָס ער האָט מיר געטון! דאָך, ווען איך טרעף זיך מיט אים אין שטוב, גיט ער מיר אַ שוואַכן שאָקל מיטן קאָפּ, גיט אַ פרעג, פאַר יוצא זיין, וואָס מאַכט מיין פרוי? גיט עפּעס אַ בורטשע און גייט אַוועק אָן אַ זיי געזונט...

און איצט פרעג איך אייך:

זיינען טאַקע פאַראַן בלויז שלעכטע קינדער, קינדער וואָס ווילן נישט וויסן פון זייערע עלטערן, פון זייערע אַלטע טאַטע-מאַמע, אָדער עס זיינען פאַראַן שלעכטע טאַטעס אויך?

ניין! מען דאַרף נישט בלויז גייען אין מושב זקנים צו זעען ווי אַלטע מענטשן — וואָס האָבן פאַרמעגלעכע קינדער — האָבן אַהין אַוועקגע-שיקט זייערע טאַטע-מאַמע. מען דאַרף אויך גייען אין די בית יתומים און בית יתומות, אין קינדער היימס, און זיך צוקוקן וואו עס געפינען זיך קינדער וועמענס טאַטע אָדער מאַמע ווילן לעבן אַ באַקוועם, אַ פרייע לעבן און זיי האָבן זייערע קליינע קינדערלעך איבערגעגעבן אויף פרעמ-דע הענט און אויף פרעמדער דערציאונג!

ניין! פאַלגט מיך! פאַראַן שלעכטע עלטערן אויך!...

צי איז האָבן אַ טאָכטער — „אַן אַלטע מויד" — אַ שאַנדע אין דער משפּחה?

די פּראָבלעם פון האָבן אַ „אַלטע מויד" אין שטוב — איז פון אַלע יאָרן געווען, ביי אונז אידן, נישט קיין איינגענעמע פאַמיליע-דערשיינונג. אין אונזער אַלטער היים, מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז אַ מיידל פון צוואַנציק יאָר און עלטער, שוין געווען „אַ מויד". ווען די דאָזיקע „מויד" האָט נישט חתונה געהאַט צו די דרייסיקער יאָרן — איז זי שוין געווען אַ „פאַרזעסענע", און איר גורל איז שוין געווען, אַז זי האָט געדאַרפט אריינפאַלן צו אַן אלמן און אָפּט, אָפּט, צו אַן אלמן מיט אַ דריי פיר קינדערלעך דערצו! און, לסוף, ווען די מויד קומט שוין צו, צו די פערציקער — האָט זי שוין אפילו קיין האָפענונג נישט אויף קיין י ו נ ג ן אלמן מיט קינדערלעך, און קאָן נאָר דערגרייכן עפּעס אַן אַלטן אידן, וואָס האָט שוין אַ פּאָר ווייבער באַגראָבן און אויף די עלטערע יאָרן זוכט ער, דער אַלטער, אַ מויד, אַן קינדער, און אָן פּרעטענזיעס.

דאָס איז געווען אין דער אַלטער היים. דאָ, אין אַמעריקע, ווי בכלל אין דער היינטיקער וועלט, איז דער ענין „אַלטע מויד" עטוואָס לייכטער, און — מיר וואָלטן געזאָגט — „דעמאָקראַטישער". דאָ, איז מען מער העפלעך, מען קאָן זיך ווייניקער איינם דאָס צווייטע, און, אפילו, צו אַ פרוי וואָס האָט שוין אַ פּאָר קינדערלעך, ווענדעט מען זיך און מען רופט זי „פריילין". דער פרוי, דער מאַמע וואָס האָט שוין געפראַוועט דעם צען יאָריקן יובל פון איר חתונה, שמייכלט, געפעלט איר, וואָס מען גלויבט, אַז זי איז נאָך אַ „פריילין" און, נישט אַלע געפינען פאַר נויטיק, אויפמערקזאַם מאַכן אויפן „טעות". אָט די דאָזיקע לאַגע, נוצן אויס אַ סך עלטערע מיידלעך, אָדער ווי זיי ווערן באַטיטלט אין דער לאַנדעס שפּראַך „סאַלטעראַנאַס" און ווען מען זאָגט זיי „פריילין" — איז דאָס אַ באַלזאַם פאַר זייער פאַרביטערט האַרץ וואָס זיי זיינען טאַקע נאָך פריילינס, און באַדויערן וואָס זיי קאָנען ניט — מיט אַ חן-גריבעלע —

אָפּענטפּערן דעם מילך־מאַן אָדער דעם קצב־יונג, אַז ער האָט אַ טעות. זי איז אַ פּרוי.

אלזאַ. צו אָט דעם ענין — „אַלטע מויד" זיינען מיר נישט צוגעקומען מיט אייגענעם ווילן. אַ געשפּרעך פון אַ פּאָר שעה מיט איינער פון אָט די „קרבנות", האָט אונז אַרויפגעבראַכט אויף דער טעמע און אונז גע־צוואונגען, נישט נאָר זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, נאָר עס אַרויסברענגען אין דער גאַנער גרוים און ברייט פאַר דער עפנטלעכקייט. אפשר וועלן טאַטע־מאַמע אַ טראַכט טון וועגן דעם. אפשר וועט אָט דער געשפּרעך מיט דער „סאַלטעראַנאַ" אויך צונוץ קומען פאַר אייניקע „קאַלעגאַס" אירע, פאַר עלטערע מיידלעך, וועלכע וועלן עפּעס אָפּלערנען דערפון...

דאָס פריילין, די „פּאַרזעסענע מויד" מיט וועלכער מיר זיצן און שמועסן, דאַרף אַלט זיין, אַ יאָר אַכט און דרייסיק און אפשר גאַנצע פערציק. לויט איר אויסזען, לויט איר רעדן, לויט איר קליידונג, זעט מען אַז זי איז אַן אינטעליגענטע באַרישניע. אונזער געשפּרעך, הויבן מיר אָן אין דער לאַנדעס שפּראַך און באַלד, רעדן מיר אידיש און רוסיש און... העברעאיש און ווען איך זאָל קענען פראַנצויזיש און ענגליש — וואָלט זי מיט מיר אויך גערעדט. זי קען אַסאַך שפּראַכן.

אירע עלטערן? — זייער פיינע און בעל הבתישע מענטשן. זי האָט דאָ אַ פאַרצווייגטע פאַמיליע. פון פעטערס און מומעס און שוועסטער־קינדער און גלאַט פריינט און דאַך! אָט זעט איר דאַך! פון זיי אַלע האָט זי נישט געקאָנט אויסקלויבן אפילו איינעם וואָס איר זאָל געפעלן און איינער וואָס זאָל זי... ווערט האָבן.

איך בין אַן אַלטע מויד — זאָגט אונז דאָס פריילין. און, דוכט מיר, אַז איך בין נישט געווען קיין מיאוסע אין מיינע יונגע יאָרן, דוכט מיט — אויך נישט קיין נאַרישע! פאַרוואָס זשע האָב איך זיך נישט צוגע־פּאַסט קיין שדוך פאַר מיר? מ ע ג ל ע ך — אַז איך אַ ל יי ן ביז שולדיק! איך האַלט אָבער, אַז מער פון אַלעם און מער פון אַלעמען זיינען שולדיק מיינע עלטערן! ערשטנס: — זיינען זיי שולדיק דערמיט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין אַ יי ן שטאָפּן „תורה" אין מיר! אַלס מיידל פון אַכצן יאָר — אין די בליענדסטע יאָרן פון מיין יוגנט, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט צו... לעבן! קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן פון אַ טאַנץ־אָוונט, קיין צייט נישט געהאַט צו רעדן מיט אַ אינגל עטלעכע ווערטער! אַז די עלטערן האָבן געהאַלטן אין אַ יי ן יאָגן מיך! פון דער שול — צום פּראָפעסאָר פון פּיאַנאָ, פון פּיאַנאָ — צום פּראָפעסאָר פון

ענגליש! פון ענגליש — צום פּראָפעסאָר פון פראַנצויזיש! אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, צו וואָס איך האָב עס אַזוי נויטיק געדאַרפט קאָנען אַלע שפּראַכן פון דער וועלט! און אַז איך האָב שוין געענדיקט די מיטל-שול האָבן מיינע עלטערן געוואָלט אַז איך זאָל האָבן אַ טיטל! און פאַרוואָס עפּעס אַ יי ן טיטל? פאַרוואָס נישט קיין גאַנצע צ וו יי אָדער דריי! און אָט אַזוי האָב איך געבראַכט אַ היים מיינע עלטערן די בעסטע „פּונקטן"! ווייניקער פון קיין 9 האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט! און אָט אַזוי האָב איך געבראַכט אַ היים מיינע עלטערן אַ דיפּלאָם אַלס „דאָקטאָרא אין פילאָסאָפיאַ". אַ דיפּלאָם אַלס דאָקטאָרא אין „עקאָנאָמישע וויסנשאַפט". אַ דיפּלאָם אַלס „פּראָפעסאָרא דע פּיאַנאָ", אַ דיפּלאָם אַלס „פּראָפעסאָרא דע אינגלעס", אַ דיפּלאָם אַלס געענדיקטע אַ פראַנצויזישע שולע! אַלזאָ! איך האָב אַ ל ע ס געבראַכט די עלטערן! אַ חוץ... אַ חתן! און ווען איך האָב שוין געהאַט באַהאַנגען די ווענט פון צימער מיט אַלע מיינע דיפּלאָמען — האָב זיך מיינע עלטערן אַרומגעקוקט אַז איך בין שוין אַלט זעקס און צוואַנציק יאָר, אַז איך בין שוין אַ מויד וועמען מען דאַרף חתונה מאַכן און ז יי האָבן אָנגעהויבן זוכן פאַר מיר שדוכים! און געזוכט, האָבן זיי פאַר מיר, נישט ווינציקער ווי אַ דאָקטאָר, אי דאָס אַ דאָקטאָר מיט אַ סך פּראַקטיק, מיט אַ נאָמען אויף דער וועלט, און מיט אַן אייגענעם אויטאָ ביי דער טיר, און ער זאָל שוין האָבן געמאַכט אַ „שטודיום-רייזע" אויף דער וועלט, און די בלעטער זאָלן שוין האָבן געשריבן פון אים.

איז, ווי אויף צו להכעיס, האָבן זיך אַזעלכע דאָקטוירים — נישט געמאַכט! און אויב אַ שדכן האָט שוין עפּעס יאָ געבראַכט איינעם, האָט ער געוואָלט... אַז דער טאַטע זאָל אים — אַ חוץ מ י ד, די גאַנצע פּראָפעסאָרא און דאָקטאָרא מיטן האַלבן טויז דיפּלאָמען — אויך צוצאָלן עפּעס אַ פופציק טויזנטער נ ד ן, און אים פאַרזאָרגן מיט אַ דירה פאַר זיין „קאָנסולטאָריע" און טאַקע אַ... אויטאָ אויך!...

איי, סטייטש, מיינע דיפּלאָמען, מיינע דאָקטאָרסקע טשינען, מיין קענען רעדן ענגליש און פראַנצויזיש, מיין שפּילן אויף דער פּיאַנאָ אַז דאָס „חיות עקט זיך" — אַזוי פלעגט מיין טאַטע פרעגן און זוכן „יושר" ביי די שדכנים?

איז דער תירוץ געווען, אַז דאָס אַלעס איז טאַקע אַלרייט! אַז דאָס אַלעס איז אוודאי נישט ק יי ן ח ס ר ו ן צום שדוך. אָבער, מיט מיינע דיפּלאָמען קאָן מען אין מאַרק נישט גיין, און אַז מען וויל אַ דאָקטאָר מיט פּראַקטיקאַ מיט אַ געמאַכטער רייזע קיין איראָפּע און אַמעריקע, מיט וויזיט קאַרטלעך אויף וועלכע עס שטייט אַז מען נעמט שוין 30

פּעזעם אַ וויזיט — אַז מען וויל דאָס אַלעס — דאַרף מען צולייגן אַ שיינעם נדן — קאָן ווערן אַ שדוך!...

און איך? וואו בין איך געווען? וואָס איז מיין מיינונג געווען?

איך האָב זיך אויך אָנגעהויבן אַביסל אַנטוישן אין אונזער געלערנטער יוגנט! איך האָב אויך באַמערקט אַז מיינע טיטולן און אפילו — אַנטשולדיקט פאַר מיין נישט עטישקייט — מיין שיינער אויסזען און אינטעליגענטע באַנעמונג, איז פאַר זיי, נישט אַלעס און נישט אינגאַנצן! חוץ דעם, האָט מיין העכערע בילדונג פון זיי, און העכערע אינטעליגענץ פון זיי — ווייל דער בחור איז טאַקע געווען אַ גוטער קינדער-דאָקטאָר און אפשר אויך אַ גוטער ציין-דאָקטאָר, אָבער, קיין צען ביכער, האָבן — אַ סך פון זיי — נישט איבערגעלייענט אויף זייער לעבן — און ווען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען מיט מיר, ווען זיי האָבן פאַרפירט מיט מיר אַ געשפּרעך וועגן ליטעראַטור אָדער אַנדערע ענינים אַ חוץ... וועגן טאַנגאָס און פאָקסטראָט — ווען זיי האָבן באַמערקט אַז איך רעד גאָר אַ גוטן פראַנצויזיש — האָבן זיי מיך פאַרלאָזט און נאָך אָנגעזאָגט אַנדערע חברים זייערע אַז זיי זאָלן נישט „פאַרטשעפּען” מיט דער „אַלטער ענציקלאָפּעדיע”...

— — — — — — — — — — — — — —

יאָרן — האָבן אַ טבע — זיי שטייען נישט! די יאָרן — מיינע יאָרן — זיינען, דוכט זיך, געלאָפן שנעלער ווי אַנדערנס! איידער איך האָב זיך אומגעקוקט — איך בין שוין פון יענער זייט דרייסיק! מיינע עלטערן האָבן שוין אָפּגעלאָזט דאָס זוכן פאַר מיר אַ פּראָפעסאָר אָדער אַ דאָקטאָר. מיין מוטער, האָט זיך שוין נישט באַרימט אַזוי, צווישן אירע חברטעס ,אַז אַזעלכע מיידלעך ווי אירע, אַזאַ סאָניטשקע ווי אירס — איז נישטאָ קיין צוויי אויף דער וועלט! זי האָט זיך שוין אפילו אויפגעהערט צו באַרימען, אַז שדכנים שלאָגן איר אָפּ די טירן און מען האַלט איר אין איין ברענגען די גרעסטע דאָקטוירים און אפילו פּראָפעסאָרן, נאָר דער טאַטער געפעלן זיי נישט! זי האָט, בכלל, אויפגעהערט צו גייען אין פּלעצער וואו זי קאָן זיך טרעפן מיט שכנות און באַקאַנטע! זי האָט זיך אָנגעהויבן... שעמען מיט איר „אַלטער” מויד.

דערנאָך האָט די מאַמע — און אָפט, אָפט — דער טאַטע, אָנגעהויבן האָבן טענות צו מיר פאַר וואָס „איך קלויב”. מען האָט מיר אָנגעהויבן רעדן שדוכים מיט... פּראָסטע יונגעלייט, טאַקע זייער וואוילע און אַנשטענדיקע, און אפילו פאַרמעגלעכע יונגעלייט — אָבער, איך

האָב קיינעם פון זיי נישט געקאַנט אויסקלויבן פאַר מיין גלייכן! די מערסטע פון זיי, האָבן געהאַט בילדונג פון... אָנפאַנג־שולן! און אויב איך האָב זיך שוין באַגעגנט מיט איינעם וואָס האָט געענדיקט אַ מיטל־שול, איז ער, גלאַט נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר מיר! ער איז געווען יונגער פון מיר מיט שיינע עטלעכע יאָר און געהאַט אַ פּנים... פול מיט פּריסטשעס און נאָך מיט רויטע פּריסטשעס דערצו! דערפאַר האָט ער געהאַט אַן אייגענעם אויטאָ און אַ... רייכע „קליענטעלע"! איין גאָט האָט, אָבער, געפילט מיין הארץ, אַז די עטלעכע מינוט וואָס איך האָב גערעדט מיט אים, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ ז אַ איינדרוק, אַז איך האָב באַשלאָסן, בעסער צו פאַרזיצן, איידער מיט אַזאַ פּנים חתונה האָבן.

פון דאַן אָן, זינט איך האָב נישט געוואָלט זיך טרעפן מער מיט יענער רויטער פּאַרזעניש, האַלטן מיך, מיינע עלטערן, אין איין מוטשען! א י צ ט, האָבן זיי צו מ י ר טענות! איצט, זאָגן זיי, אַ ז א י ך פאַרקירצט זיי די יאָרן וואָס איך האָב נישט חתונה, וואָס איך „קלויב" אַזוי! זיי, מיינע עלטערן, וואָלטן מיך געפירט צו דער חופּה אפילו מיט אַ קריפּל, אפילו מיט אַן אלמן מיט אַ טוץ קינדער, אַבי איך זאָל חתונה האָבן! אַ גאַנצן טאָג און יעדער שעה פון טאָג און פון דער נאַכט, ביי יעדער געלעגנהייט, גיט מען מיר צו פילן אַז איך בין אַ „פאַרזעסענע" מויד. ביי יעדער געלעגנהייט, גיט מען אַ קרעכץ און מען באַדויערט, מען פאַרגינט נישט, וואָס די שכנה אָדער י ע נ ע שכנה האָט חתונה געמאַכט אַלע קינדער, נאָר אויף זייער מויד — קיין אַנדער נאָמען האָב איך שוין נישט אין שטוב — קומט נישט די גאולה אויף ז יי ע ר מויד, געפינט זיך נישט קיין בעלן.

מיינט איר אפשר אַז מיין פאָטער דאַרף מיך אויסהאַלטן אָדער ער דערלייגט צו מיר? חלילה! איך פאַרדין זייער אַ סך! איך פיר ביכער אין עטלעכע געשעפטן און גיב לעקציעס אין ענגליש און פראַנצויזיש און פאַרדין... צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל מיין פאָטער! איך גיב אים אַוועק־כמעט, מיין גאַנץ פאַרדינסט, בלויז אַף קליידער אָדער מיינע מיידלשע הצטרכותן, נעם איך אַראָפּ! און ווען איך זאָל חתונה האָבן — וואָלט מיין מוטער געבליבן אַליין אין שטוב און וואָלט אפילו נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן! ד אָ ך, וויל מען מיך פּטרן! מען וויל מיך פאַרשלייערן! מעג זיין אפילו מיטן גרעסטן טויגעניכטס! מעג זיין, אפילו, מיט אַזעלכן, מיט וועלכן איך וואָלט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן! ז יי — אינטערעסירט עס נישט! זיי — בין איך גרויס אין די אויגן! א י ך, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי געשפּיגלט אין מיר, איך, מיט וועמען מיין טאַטע האָט זיך באַרימט אַז עס זיינען פאַראַן בלויז

צוויי אַזעלכע ווי איך! איינע ביי גאָט און איינע — ביי א י ם ! מ י ך — קאָנען זיי איצט פאַר רחמנות נישט אָנקוקן און ווען זיי שעמען זיך נישט — טרייבן זיי מיך אַרויס פון שטוב...

איך וועל אייך נישט לייקענען. איך, האָב זיך שוין צוגעוואוינט צו מיין לאַגע. איך פיל זיך אַבסאָלוט געזונט, פריש און מונטער! איך עס גוט, שלאָף גוט, און פאַרברענג — אויף מיין שטייגער — אויך גוט! איך האָב חברטעס אין מיינע יאָרן! אַ פּאָר — אויך „פאַרזעסענע" מיידן. אַנ־דערע — פרויען, וועמענס מענער פאַרן שטענדיק אַרום, און זיי זיינען עלנט און האָבן נישט מיט וועמען צו פאַרברענגען! איך האָב אויך, עט־לעכע חברטעס פון מיינע יונגע יאָרן! זיי האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט, האָבן שוין צו עטלעכע קינדערלעך און מוטשען זיך נעבעך מיט זיי — אַז עס איז גאָטס רחמנות צוצוקוקן! זיי, אַט די חברטעס, האָבן אויך געלערנט גלייך מיט מיר אין שולע און דערנאָך אין אוניווערזיטעט. זיי זיינען געווען די בעסטע שילערנס אויף מאַטעמאַטיק און איצט, מאַכן זיי חשבונות וויפל גרויפּן אָדער רייז מען דאַרף פאַרברויכן אין דער יוך! אמת. זייערע קענטענישן און אינטעליגענץ קומט זיי צונוץ ביים העלפן מאַכן זייערע קינדער די לעקציעס! אָבער! עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך! ווען ז יי — אַט די חברטעס מיינע, האָבן געלערנט, האָט זיי קיינער נישט געהאָלפן מאַכן די לעקציעס און דאָך האָבן זיי אַ היים געבראַכט די בעסטע נאָטעס! און איצט, ווען זיי העלפן זייערע קינדער מאַכן זייערע לעקציעס — לערנען זיך די קינדער נישט איבעריק גוט און... גייען קוים אַריבער אין צווייטן יאָר!...

— — — — — — — — — — — — — — —

צוריק מיט עטלעכע טעג האָט מיר מיין פאָטער פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל חתונה האָבן פאַרן ערשטן, בעסטן, אידן, וואָס אַ שדכן וועט מיר ברענגען! איך זאָל מיט אים „אָפּזיין אונטער איין דאַך" אַ דריי חדשים און דערנאָך — זיך גטן מיט אים! וועל איך דערמיט זיך ראַטעווען, פון צו הייסן אַ „פאַרזעסענע"! עס וועט הייסן „פאַר לייטן", אַז דער שידוך איז נישט געווען קיין געראָטענער און מען מוז זיך גטן...

עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן אויף מיין פאָטער וועלכער איז דאָך, נאָך אַלעמען, אַן היינטוועלטיקער מענטש און אַ באַלעזענער און אפילו אַן אינטעליגענטער אויך! עס האָט מיך פאַרדראָסן פאַר זיין אויפ־פאַסן אַ ז אַ וויכטיקן שריט אין לעבן — מיט אַזאַ לייכטקייט און גרינגשעצונג! עפּעס, אַזוי כאַפּט מען, דעם ערשטן בעסטן, און אַזוי האָט מען חתונה, און אַזוי גט מען זיך תיכף! נו! און י ע נ ע מ ס כבוד —

איז שוין גאָרנישט ווערט? און פאַרוואָס קומט עפּעס אַ מענטשן צו פאַרשעמען?

מיין פאָטער — אַרט עס נישט! אים וואָלט נישט געאַרט אַז איך זאָל כאַפּן עמיצן אין גאַס, דעם ערשטן אידן וואָס איך וועל טרעפן, אפילו אַ גאַסן־קערער, וואָס ווען ער באַקומט זיין געהאַלט — לייגט ער — אַלס זיין חתימה — זיין גראָבן פינגער, איך זאָל זיך לאָזן פון אים צו־דעקן דעם קאָפּ — אַבי, איך זאָל שוין נישט הייסן פריילין און אַבי ער דער טאַטע זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען אַז ער האָט אַ „פאַרזעסענע" מויד" אין דער משפחה!

פרעג איך אייך? איז דאָס יושרדיק מיך אַזוי באַהאַנדלען? און זיינען מיינע עלטערן אַ ל יי ן נישט שולדיק אין דעם וואָס איך בין געבליבן אַ „פאַרזעסענע מויד"? צי זיינען מיינע דיפּלאָמען, און טרייבן מיך לער־נען אַזוי פיל — נישט קיין אומגליק געווען פאַר מיר און זיי זיינען אויך אַן אומגליק פאַר הונדערטער און טויזנטער מיידלעך אַזעלכע ווי איך!

איצט — ווייס איך שוין! איצט — האָב איך עקספּעריענץ! איצט, ווען איך זאָל האָבן אַ טאָכטער וואָס ווערט אַלט אַ כ צ ן יאָר און זי האָט געענדיקט די מיטל־שול, וואָלט איך זי — אַנשטאָט אין אוניווער־זיטעט — געשיקט אין... קיך אַריין זיך לערנען קאָכן, איך וואָלט זי געשיקט אין אַ שולע וואו מען לערנט נייען און פאַריכטן! איך וואָלט זי צוגעגרייט צו זיין אַ אינטעליגענטע פרוי צו איר מאַן — אָבער, אין דער זעלבער צייט — אַ וואוילע בעל הביתטע! אַ צוקונפטיקע פּערפעקטע מוטער! איך וואָלט זי געשיקט אין די א י ד י ש ע קלובן וואו מען טרעפט זיך מיט יונגוואַרג, מיט מיידלעך און טאַקע מיט אינגלעך אויך! איך וואָלט זי נישט געלאָזט פאַרזשאַווערט ווערן ביי די ביכער, ווייל איך וויל, אַז מ יי ן טאָכטער, זאָל דווקא ווערן אַ „דאָקטאָראַ" אַ „דענטיסטן" אָדער אַפילו, די גאָר אינטעליגענטע, און מאָדערנע, קאַ־ריערע — אַן „אַרכיטעקטאָר". ניין! דאָס אַלעס איז גוט און צוגעפּאַסט פאַר מ ע נ ע ר ! נישט פאַר אונז — פרויען...

מיר האָבן באַטראַכט אונזער מיטשמועסערן. איר פיינער אינטע־ליגענטער אויסזען מאַכט דאָך דעם איינדרוק אַז זי איז אַזוי איידל, אַזוי גוט! און דאָך! רעדט זי מיט אַזויפיל פאַרביטערונג, מיט אַזוי פיל ג י פ ט קעגן אירע אייגענע עלטערן. מען פילט אַרויס, אַז איר „בלייבן אַן אַלטע מויד" אַרט זי נישט אַזוי, טוט איז נישט אַזוי וויי, ווי גרויס איר „נקמה" איז אין אירע עלטערן! מ ע ג ל ע ך, אַז אירע עלטערן זיינען טאַקע אַ סך שולדיק אין איר פאַרזעסנקייט! מעגלעך, אַז די עלטערן — ווי אַ סך טאַטע־מאַמע פון געראָטענע קינדער — האָבן זיך געמאַכט צופיל

אילוזיעס און האָבן צופיל איבערגעשאַצט דעם פּרייז וואָס מען קאָן קריגן פאַר אַ מיידל מיט אַ סך דיפּלאָמען! דאָך, גלויבט זיך נישט, אַז די עלטערן האָבן עס געטון צוליב זייער א י ג ע נ ע ם עגאָאיזם! יעדע טאַטע־מאַמע, ווייל חתונה מאַכן זייער קינד און ווילן „דערלעבן נחת„ אין דעם.. און אויב — עס קאָן זיין אַז עס איז אמת אַז — די עלטערן האָבן זיך נישט געאײַלט זי צו פאַרשלייערן, איז דאָס געווען, ווייל זיי זיינען געווען איבערצייגט — אמת, פאַלש איבערצייגט — אַז מיט נאָך אַ דיפּלאָם, וועט די טאָכטער זייערע קריגן נ אָ ך בעסערס!

מיר האָבן טאַקע, אָט דאָס, איינגעטענהט מיט דער פרייליין! מיר האָבן איר אָפן געזאָגט, אַז מיר זיינען זי חושד, אַז נישט, בלויז, די עלטערן האָבן געקליבן — נאָר זי אַליין, האָט זיך אויך איינגערעדט אַז ה יי נ ט י ק ע אינגלעך, ספּעציעל — היינטיקע פּראָפעסיאָנאַלן, זוכן אַ מיידל מיט דיפּלאָמען! מיט אַ סך דיפּלאָמען! מיר האָבן אפילו געפּרוּווט איר אויפקלערן, דעם אידישן „באַשערט". דעם אידישן „זיווג מן השמים", מיר האָבן איר אפילו דערציילט וועגן דער לעגענדע אַז „פערציק טעג פאַרן געבוירן רופט אויס אַ „בת קול" אויפן הימל אַז — ד י טאָכטער געהער צו ד ע ם זון"... און ווייזט אויס אַז איר באַשערטער איז נאָך נישט געקומען! אונזער קלוגע, אָבער, פאַרביטערטע מיט־שמועסערן האָט זיך געהאַלטן ביי אירן:

— אירע עלטערן האָבן דעם גרעסטן חלק אין דעם וואָס זי איז געבליבן אַ פאַרזעסענע מויד! ווען זיי זאָלן נישט געווען זי אַזויפיל לערנען, ווען זיי זאָל נישט געווען וועלן דערלעבן ביי איר אַ ז ו י פיל דיפּלאָמען און בעסער געווען וועלן דערלעבן ביי איר אַ פּערטל טוץ קינדערלעך — וואָלט זי געווען חתונה געהאַט אין צייט, וואָלט געווען גענומען אַ בחור מיט וועלכער עס איז בילדונג, און וואָלט געווען גליקלעך, ווי אַלע טויזנטער פּ ש ו ט ע מיידלעך וואָס זי קאָן!...

זיי האָבן, אָבער, געוואָלט אַ טאָכטער אַ „דאָקטאָראַ", אַ „פּראָפעסאָראַ", זיי האָבן געוואָלט שטאָלצירן און באַרימען זיך מיט זייער טאָכטערס דיפּלאָמען — און אָט דאָס איז דער סוף!...

— — — — — — — — — — — — — —

ווען די פרייליין איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן מיר, טיף אין הארצן, צוגעגעבן אַז:

אויב זי איז אינגאַנצן נ י ש ט גערעכט — אָבער, אַ ס ך, גאָר אַ ס ך גערעכט — איז ז י י אָ!....

ווען עס זאָל זיין געווענדעט אין איר — וואָלט זי אָנגעהויבן נאָך אַ מאָל פון אָנהויב...

אַ מיטליאָריקע אידישע פרוי, זיצט און רעדט מיט אייך. זי זעט אויס יונג און פריש, כאָטש, אַז מען קוקט זיך צו נעענטער צו איר, זעט מען, אַז זי האָט שוין צוריק מיט עטלעכע יאָר געדאַרפט איבערשפּאַנען די פופציקער. אירע האָר זיינען נאָך היפּש שוואַרץ און עלעגאַנט פאַר־קעמט. איר „פערמאַנענטע" גיט איר צו אַ סך חן, כאָטש דער קאָפּ אי־רער, מאַכט אַן איינדרוק פון אַ געקרייזלט שעפעלע.

זי זיצט און שמועסט מיט אייך. זי דערציילט אייך איר לעבן. זי דערציילט אייך אַז זי איז אַ מוטער פון זעקס קינדער — אַלע חתונה געהאַטע. זי איז אַ באָבע פון עלף אייניקלעך און...

עס טוט איר באַנק וואָס די יאָרן זיינען אַזוי שנעל איבערגעלאָפן! זי האָט חרטה! זי וואָלט „אָנגעהויבן פון אָנהויב", נאָר איר מאַן — וועלכער איז אינגער פון איר מיט פינף יאָר — איז שוין מיד פון לעבן און וויל זיין רואיק!

— — — — — — — — — — — — — —

זעקס קינדער האָב איך געבוירן און דערצויגן — אַזוי הויבט זי אָן איר דערציילונג! בלויז אַ מאַמע, אַ געטרייע מאַמע וואָס האָט אַן אינטערעס פאַר איר שטוב, פאַר איר היים, אַ מאַמע וואָס לאָזט ניט איבער די קינדער אויף דער דינסט און אַליין גייט זי אַוועק צו די שכנות און באַקאַנטע אָדער — אין בעסטן פאַל — גייט אַרבעטן, כדי נישט צו דאַרפן ניאַנטשען די קינדער — בלויז אַזאַ מאַמע קאָן מיך פאַרשטיין!

איך, — א י ך בין געווען פון ערשטן ביזן זעקסטן קינד, אַ געטרייע מוטער זייערע! איך האָב זיי אַליין אַטענדירט! איך האָב זיי געבאָדן און געצוואָגן, געוואַשן און געהאָדעוועט און ווען אַ קינד איז געבליבן קראַנק

— בין א י ך דורך נעכט נישט געשלאָפן, ביז איך האָב דערלעבט דאָס קינד צו זעען שטיין אויף די פיס.

בלויז אַ ז אַ מוטער ווי איך, בלויז אַזאַ פרוי וועט מיך פאַרשטיין און וועט, בכלל, האָבן אַן אַנונג וואָס עס הייסט אויסהאָדעווען זעקס קינדער, האָבן אַ ל ע זעקס קינדער אין שטוב ביז זייערע חתונות, וואַשן זייער וועש, פרעסן זייערע טיכעלעך און העמדער און אַכטונג געבן אַז ווען זיי וועלן אַרויסגיין אין גאַס אָדער גיין צו דער אַרבעט — זאָל שמעקן פון זיי.

פון מיינע זעקס קינדער, זיינען פ י נ ף בחורים און בלויז א יי ן קינד איז אַ טעכטערל. אַ בת יחידקעלע. זי, דאָס טעכטערל מיינס, איז אויך די מעזיניקע. זי איז אויך געווען מיין חברטע אין לעבן און מיין אַרויסהעלפערן אין שטוב ווען די דינסט איז נישט געווען. ספּעציעל האָט זי מיר אַרויסגעהאָלפן מיט דער נאָדל אין דער האַנט! זי האָט פאַריכט און פאַרצערעוועט און געזען אַז מיינע ז ע ק ס מענער פון דער שטוב זאָל קיין קנעפּל נישט פעלן אָדער עס זאָל נישט זיין ערגעץ אָפּגעטשעפּעוועט אַ שטיקל קעשענע.

צוריק מיט פינף יאָר, האָבן מיינע קינדער אָנגעהויבן חתונה האָבן! ווען דאָס ערשטע קינד און באַלד דערנאָך — דאָס צווייטע קינד האָט חתונה געהאַט, איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט, נישט בלויז דערפאַר וואָס איך האָב דערלעבט נחת און „אויסגעגעבן" אַ קינד נאָר... ווייל עס איז מיר געוואָרן אַ ביסל לייכטער די שטוב-אַרבעט! איך בין געוואָרן... עלטער — ניט יונגער, און אַטענדירן אַ שטוב פון זיבן מענטשן — אפילו האָבנדיק אַ דינסט — איז געווען צו שווער פאַר מיר.

ווען דער דריטער זון האָט חתונה געהאַט, האָב איך אָנגעהויבן „באַמערקן" אַז די שטוב... ווערט ביי מיר ליידיקלעך! איך בין געווען געוואוינט צו האָבן אַרום טיש אַ גאַנצן „שטאַב" סאָלדאַטן! איך בין געווען געוואוינט צוגרייטן צום טיש העכער אַ טוץ טעלער און טע־לערלעך, לעפל און לעפעלעך, אַ גאַנצע קראָם פון מעסערס, לעפל און גאָפּלען און פּלוצים האָב איך זיך געכאַפּט אַז... איך האָב איבעריקע טעלער און איבעריקע לעפל גאָפּל און איבעריקע... בענקלעך באַם טיש. איך האָב אויך אָנגעהויבן „ליקווידירן" אַ גאַנצע רייע שלאָף-בעטלעך און מאַטראַצן מיט קאָלדרעס! אַלזאָ, איך האָב אָנגעהויבן ליקווידירן מיין בעל הבתישקייט פון שווערע יאָרן האָרעוואַניע! ביי יעדער בעטל וואָס איך האָב פאַרקויפט די גאַסן גייערס, און ביי יעדן מאַטראַץ וואָס איך האָב ליקווידירט, האָט מיר אַ שניט געטון אין האַרצן! איך האָב זיך דערמאָנט, וויפל געזונט יעדער חפץ האָט מיך געקאָסט ביז איך האָב

עס צוזאַמענגעשטעלט! איך האָב זיך דערמאָנט וויפל... פרייד און פאַר־געניגן איך האָב געהאַט ווען איך האָב געדאַרפט צוזאַמענשטעלן אַ בעט פאַר אַ קינד! און פלוצים — אַ ו י ס ! איך ווער אוים בעל הביתטע!...

יאָרן זיינען געגאַנגען! און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט — בין איך געבליבן אַ ל יי ן מיט מיין טעכטערל אין שטוב! די קינדער האָבן אַ ל ע חתונה געהאַט! יעדער איינער וואוינט זיך ביי זיך, מאַכט זיך אַ שיין לעבן און פון מיין גרויסער שטוב, פון די פ י ר שלאָף־צימערן, פון די אַכט בענקלעך אַרום טיש, איז געוואָרן אַ פוסטע קרעטש־מע! און איך האָב זיך שוין געשעצט גליקלעך וואָס מיין טעכטערל האָט געקראָגן אַ חתן און איך האָב שוין אויסגעדרייט אַ ז ו י, אַז דער חתן פלעגט קומען אַ ל ע טאָג צו וועטשערע און, כמעט, דריי מאָל אין וואָך צו מיטיק! על כל פנים איז דער טיש נישט געווען אַזוי ליידיק און עס האָט, רעלאַטיוו, אָנגעהאַלטן דער „טומל" ביים טיש.

פונקט דאָס פאַרקערטע פון מיר — איז מיין מאַן! ער האַלט אין איין טענהן אַז ער איז שוין מיד פון רעש און טומל, אַז ער וויל שוין האָבן אַ רואיקן טיש, אַ רואיקע עלטער! ער איז שטאַרק צופרידן וואָס ער קאָן רואיק זיצן ביים טיש און צווישן איין טעלער און צווייטן, אַריינקוקן אין צייטונג אָדער הערן די אידישע ראַדיאָ שעה! פריער, ווען ביים טיש זיינען געזעסן אַ ל ע קינדער, זאָלן לעבן, און, פאַרשטייט זיך, מען האָט גערעדט און קאָמענטירט וועגן פאַרשידענע זאַכן — האָט ער נישט געהאַט קיין רואיקייט! אָפט, אָפט, האָבן זיי דיסקוטירט וועגן זאַכן וואָס האָבן אים נישט אינטערעסירט ווי למשל וועגן פוטבאָל אָדער אויטאָמאָביל-געיעגן און, ער האָט געמוזט זיצן און אויסהערן אַלעם! אַ י צ ט זיצט ער זיך ביים טיש ווי אַ מלך! און דאָס רואיקייט וועט אים פאַרלענגערן די יאָרן!

און, אָט איז געקומען ד אָ ס, וואָס האָט געדאַרפט קומען! אויך מיין טעכטערל, די מעזיניקע, האָט חתונה געהאַט און מיין שטוב, מיין ראַשיקע און טומלדיקע שטוב, איז אויסגעליידיקט געוואָרן! פאַרשווינדן דער קינדערשער הילך, דאָס קינדעריש געלעכטער און געוויין, די קינ־דערישע דיסקוסיעס — „ווער וועט געווינען היינטיקן זונטיק ביים פוט־באָל", — פאַרשוואונדן דאָס פריילעכקייט פון דער שטוב! עס קומען שוין נישט די חברים צו מייע זין און די חברטעס צו מיין טעכטערל און מען גייט שוין נישט אַריין אַלע אינאיינעם אין זאַל, מען שטעלט אָן די ראַדיאָ אָדער מען לייגט אַרויף די דיסקאָס און מען טאַנצט און מען הוליעט ביז אַ האַלבע נאַכט, ביז מיר פלעגן זיי... פשוט און גוטוויליק, משלח זיין!

חברים? איך ווייס וואָס עס הייסט, אַז עס קומען צו אייך אין הויז חברים און חברטעס פון, קיין עין הרע, זעקס קינדער? געווען שבתים און זנטיקן און יומים־טבים־טעג, און אפילו נעכט אין מיטן דער וואָך, וואָס אין שטוב זיינען געווען אַ פּאָר מנינים מענטשן, יונגוואַרג, און איך האָב געהאַט פאַרגעניגן צוצוגרייטן פאַר זיי עפּעס אַ „בים" און אָפט, אָפט, אַ גאַנצע וועטשערע! מיין מאַן פלעגט קומען פון דער גאַס, פון דער אַרבעט, פלעגט טרעפן אָט דעם קינדערשן טומל, און האָט קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט אָדער פּראָטעסטירט! פּונקט פאַרקערט! ער פלעגט אַראָפּגיין עפּעס צוקויפן, אויב עס האָט עפּעס געפעלט און פלעגט האָבן הנאה וואָס זיינע קינדערס חברים ווערן גוט, גוט אויפגענומען אין אונזער הויז. וואָס יאָ! מיין מאַן האָט שטענדיק נאָכגעקוקט און קאָנטראָלירט. אַז מיינע קינדערס חברים זאָלן זיין אנשטענדיקע, בעל הבתישע קינדער! ספּעציעל האָט ער געהיט אַז מיינע קינדער זאָלן זיך חברן מיט אידישע קינדער וואָס האָבן אַ נאַציאָנאַלע אידישע דערציאונג! ער, מיין מאַן, האָט געגעבן אונזערע קינדער אַ אידישע נאַציאָנאַלע דערציאונג און ער האָט געוואָלט אַז זייערע חברים זאָלן אויך זיין פון אָט דער טענדענץ! ער פלעגט זיך נאָכפרעגן אויף יעדן איינעם פון זיי. און ווען ער האָט איינמאָל באַמערקט אַז די קינדער האָבן געבראַכט אין שטוב אַריין זייערן אַ שול חבר וואָס איז געווען פון אַ געוויסער לינקער אידעאָלאָגיע, האָט ער די קינדער פאַרבאָטן זיך מיט אים צו חברן!

אַלזאָ. אין איינעם אַן אויפדערנאַכט האָבן מיר געפירט אונזער מעזינקע צו דער חופה און ווען מיר זיינען געקומען אַ היים פון דער חופה וועטשערע, האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט אַז... מיר זיינען געבליבן אַליין! אַז אונזער שטוב איז אויסגעליידיקט געוואָרן, שרעקלעך אויסגעליידיקט געוואָרן! דאָס ערשטע מאָל זייט אונזער חתונה. דאָס ערשטע מאָל אין פינף און דרייסיק יאָר (מיר האָבן שוין חתונה 37 יאָר) זיינען מיר געבליבן אין צווייען איבער דער שטוב! דאָס ערשטע מאָל פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, וואָס מיר וואוינען אין אַ גרויסער, באַקוועמער שטוב מיט אַ סך צימערן — זיינען מיר געבליבן איינע אַליין איבער דער גאַנצער וואוינונג.

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. מיך, האָט אַ שרעק אַרומגעכאַפּט און מיט אַלע כוחות האָב איך זיך איינגעהאַלטן ניט אויסצושיסן אין אַ געוויין! מיין מאַן, ווידער, איז געקומען פון סאַלאָן אַ גליקלעכער, אַ צופרידענער! ער האָט אָפּגעדעכעט ווי איינער זאָגט: — ענדלעך

אַליין! ע נ ד ל ע ך, איז געקומען די געגאַרטע רואיקע שעה פאַר מיר!...

— — — — — — — — — — — — — —

זינט מיין טעכטערל האָט חתונה געהאַט איז שוין איבערגעגאַנגען צען חדשים. אַזוי, אַ גאַנצן טאָג, געפין איך מיר אַרבעט! אין שטוב איז שטענדיק דאָ וואָס צו טאָן! אינדערפרי גרייט איך צו דעם מיטיק און באַטאָג, האָב איך אַן אַרבעט — פאָרן פון איין קינד צום צווייטן! איך קום צו די קינדער האָב איך זייער אַ סך נחת! איך העלף די שנירן באָדן זייערע קינדער, איך שפיל זיך מיט די אייניקלעך און פאָר מיט זיי שפּאַצירן! מיינע קינדער און די שנירן זיינען זייער און זייער צופרידן פון מיין קומען צו זיי און ווען אַך קום נישט צו איין זון עטלעכע טעג, ווערט מען אומרואיק און מען פרעגט תיכף טעלעפאָניש וואָס איז די אורזאַכע? אַלזאָ! אַ ל ע ס איז גוט און פיין! אַ חוץ, ווען איך דאַרף זיך זעצן צום טיש עסן, ווען — אנשטאָט אַ טוץ טעלער, לעפל, מעסער און גאָפּלען — גרייט איך צום טיש בלויז פאַר צ וו יי מענטשן! און ווי אויף צו להכעיס, איז ביי מיר אַוועקגעגאַנגען די דינסט און עס איז פאַראַן מיט איין... עסערן וויניקער! ווען איך שעם זיך נישט, רוף איך אַריין עמיצן פון דער גאַס, אפילו דעם פּאָליציי מאַן וואָס שטייט נישט ווייט פון טיר וואָלט איך אַריינגערופן עסן, אַבי דער טיש זאָל ווערן מיט נאָך איינעם באַזעצט!...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויף נאָך אַ זאַך! איך בין געוואָרן א ו י ס בעל הביתטע! ביז היינט, האָב איך 20 יאָר געקויפט פלייש ביי אַ קצב, אַ סך יאָרן איינגעקויפט אין אַן אידישער שפּייז קראָם, אַ סך יאָרן איינגעקויפט ביי אַ שטעל פון פיש! און זיי, אַלע, האָבן געוואוסט אַז איך בין אַ גרויסע קויפערן, איך פלעג, וויניקער ווי דריי קילאָ פלייש אָדער פיש נישט קויפן, אין שפּייז-קראָם, פלעג איך איינקויפן אויפן גאַנצן חודש און אויסגעבן הונדערטערס! מיט איין וואָרט: — איך בין געווען אַ... בעל הביתטע!

איצט, האָב איך זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי — די חתונה געהאַטע קינדער, האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ... פאָר פאָלק! פלייש — שעם איך זיך פּשוט צו הייסן שיקן (אַלע יאָרן שיקט מען מיר דאָס פלייש אַ היים) — און טאַקע? וויפיל דאַרף איך? אַ האַלבן אָדער דריי פערטל קילאָ? דאָס זעלבע איז מיט פיש! ביז איצט האָב איך זיך געהייסן שיקן עטלעכע פּעכערעכן! און איצט? מיט א יי ן גרויסער פּעכערע — איז פאַר אונז ביידע גענוג!... דאָס זעלבע איז אין ברויט-געשעפט און דאָס זעלבע

איז אין שפּייַז־קראָם! וואָלט נישט געווען קיין מאַנגל אָן קיין דירות — וואָלט איך, צוליב ד ע ם א ל יי ן, זיך אַרויסגעצויגן אין אַן אַנדער געגנט, כּדי איך זאָל ניט דאַרפֿן זיך שעמען איינצוקופֿן אַזוי ווייניק!

אמת. דערפֿאַר, ווען די קינדער קומען צו מיר צו גאַסט, רופֿט צוריק אויף מיר „די שכינה”. איך רעד טעלעפֿאָניש נאָך מערער פֿלייש, מערער עופֿות מערער ברויט און וועך... צוריק די אַמאָליקע „קליענטקע!” אָבער, דאָס טרעפֿט בלויז... איין מאָל אין וואָך אָדער איין מאָל אין צ וו יי וואָכן! די איבעריקע טעג, פֿיל איך זיך ווי אַ... יתומה אָדער ווי אַן אַראָפּ־געפֿאַלענער נגיד!...

איר וועט לאַכן! איך טראַכט אָפֿט, ווען עס איז געווענדעט אין מיר, ווען עס זאָל גלאַט מעגלעך זיין דורך דער נאַטור, וואָלט איך אָנגעהויבן נאָכאַמאָל פֿון אָנהויב! מיך וואָלט נישט געאַרט צו האָבן איבער אַ נייעס, נאָך אַ האַלב טוץ קינדערלעך און זיי ווידער אָנהויבן ניאַנטשען! און אויב איך קאָן ד אָ ס נאַטירלעך נישט דערגרייכן, וואָלט איך צוגע־נומען אַ פּאָר פּענסיאָניסטן אויף מיטיק, אַלץ כּדי צו האָבן אַ מער פֿריי־לעכן, מער לעבהאַפֿטן טיש

נו! וויל מיין מאַן דערפֿון נישט הערן אפֿילו! ער טענהט אַז שוין יאָרן און יאָרן ווי ער האָט געוואַרט אויף אָט דעם טאָג אַז ער זאָל קאָנען זיצן א ל יי ן — ער מיט מיר — ביים טיש און קאָנען רואיק אָפּעסן דעם מיטיק און נישט דאַרפֿן הערן אַ טומל פֿון גערעדעריי און דיסקו־סיעס ביים טיש! פֿאַרשטייט זיך, ער בענקט אויך נאָך די קינדער, ער פֿאָרט זיי זעען, כּמעט א ל ע טאָג, ווען ער פֿאָרט דורך מיט זיין אויטאָ נישט ווייט פֿון אַ קינד פֿאָרט ער צו שפּילט זיך אַביסל מיט די אייניק־לעך, פֿאַרברענגט אַ ביסל מיט די קינדער און קומט אַ היים אַ צופֿרידע־נער! אָבער — זיי האָבן ביי זיך ווי ד ע ר אַמאָל א ל ע ט אָ ג ביים טיש — דאָס וואָלט ער נישט מסכּים געווען! צו גאַסט — מיטן גרעסטן כּבֿוד! אָבער — פּערמאַנענט ביים טיש דערויף — זאָגט ער — גיבן שוין נישט זיינע נערוון!

און אַ צווייטן סוד וויל איך אייך דערציילן! מיט מיר, מיט אונז ביידע, געשעט איצט פּונקט ווי אַ אידישער אַקטיאָר פֿלעגט דאָ זינגען אויף דער בינע: „וואָס טוט מען מיט די נעכט”? אַ גאַנצן טאָג איז מען נאָך, יאַקאָס, פֿאַרנומען אין שטוב אָדער מען גייט עפּעס איינקויפֿן אָדער מען פֿאָרט צו צו אַ קינד. קומט ביינאַכט, דערפֿיל איך ערשט דאָס עלנט־קייט! מיין מאַן קומט אָפֿט שפּעט פֿון דער גאַס. ער איז אַ מענטש וואָס האָט זיך נאָך ליב אַ קהל צו טון, קומט אים אויס צו בלייבן לענגער אין קאַפֿע אָדער ערגעץ אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. און איך? איך דריי אויף אַלע

לאָמפּן פון אַלע צימערן, — ווייל אַזוי אַרום ווערט עפּעס פריילעכער און היימלעכער, — און דריי זיך אַרום פון איין צימער אין צווייטן. אין בעסטן פאַל — רוף איך אַרויס אַ באַקאַנטע דורכן טעלעפאָן און באַלאַקע מיט איר אָפּ אַ שעה צייט פון נעכטיקע טעג. וואָלט איך געווען אַ פרוי וואָס גייט אַרום פון איינער צו דער צווייטער, אָדער וואָס פטרט די צייט אין שפּילן אין פּאָקער — וואָלט איך נאָך אַזוי נישט געפילט אַז איך בין געבליבן אַזוי עלנט! בין איך אָבער, שטענדיק געווען אַ שטוב-פרוי שטענדיק אַטענדירט מיין מאַן און קינדער און אי צ ט ווען איך נויטיק זיך אין געזעלשאַפט — ווייס אַך אפילו נישט וואו אַ טיר עפנט זיך!...

אַ מענטש איז אַ נאַר. איך פלעג שטענדיק דענקען, אַז ווען גאָט וועט מיר העלפן איך וועל חתונה מאַכן מיינע אַ ל ע קינדער און ווערן פריי פון אַ ז אַ גרויסן עול ווי צו אַטענדירן אַ האַלב טוץ קינדער, ווען איך וועל בלייבן אַ ל יי ן מיט מיין מאַן, וועלן מיר אַ ל ע נאַכט פאַרברענגען אין אַן אַנדער פּלאַץ! מירן גייען אין די קינאָס, אין די טעאַטערן און בכלל אָנהויבן לעבן אַ פ ר יי, אומגעשטערט לעבן! ווייזט אויס אַז איך האָב פאַרגעסן אַז ווען איך וועל חתונה מאַכן אַ ל ע קינדער וועלן מיר שוין זיין נישט קיין יונגע מענטשן עס וועט זיך שוין נישט לויפן ווי ווען מען איז יונג, און מען וועט שוין וואַרטן אַז עס זאָל קומען די שעה צו אויסרוען זיך!...

איך פלעג אויך מאַכן אַ צווייטן חשבון — אַ ק י ד - חשבון. איך פלעג שטענדיק רעדן, אַז ווען גאָט וועט מיר העלפן, מירן בלייבן אין צווייען, וועל איך קאָכן בלויז אַ יי נ מ אָ ל אָדער צ ו יי מאָל אין וואָך. די איבעריקע טעג, וועלן מיר אויסגעפינען אַ גוטן רעסטאָראַן און דאָרט עסן! גענוג געווען אַ שקלאַף אין קיך! גענוג געריבן די טעפּלעך מיטן ריבאייזן און געוואַשן די טעלער! גענוג! איצט וועל איך זיך זעצן ביים רעסטאָראַן-טישל ווי אַ פּריצה און זאָלן אַנדערע וואַשן די טעלער! איך וועל עסן פון גרייטן...

די ערשטע פּאָר טעג, נאָך אונזער טאָכטערס חתונה, די ערשטע פּאָר וואָכן, האָבן מיר זיך טאַקע אַריינגעכאַפּט אַ טאָג איבער אַ טאָג אין רעסטאָראַן און דאָרט געגעסן! פּלוצים האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט אַז... מיר נעמען איין צופיל „אַפּפּיר-מיטלען” מיר האָבן באַמערקט אַז ה יי נ ט האָט אונז פאַרשאַדט ד אָ ס, מאָרגן האָט אונז פאַרשאַדט י ע נ ץ !... מילא פון קאָסטן — בין איך אייך שוין מוחל אַז עס האָט געקאָסט פ י ר מאָל אַזוי פיל ווי אין שטוב! דער סוף איז — אַ חוץ זונטיק — עסן מיר אַלע טאָג אין דער היים און מיר פילן ערשט איצט דעם טעם ווי... גוט עס איז היימיש עסן!

איך האָב געפּרואווט אַ שמועס טון מיט מיין אַלטיטשקן, אפשר זאָל אַ יי ן קינד וואוינען מיט אונז? — ...וויל ער, אַפילו דערפון ניט הערן! ער האַלט זיך ביי זיינעם: אַליין — איז די נשמה ריין! ער וויל גייען צו די קינדער צו גאַסט! ער וואָלט זיי אַלע טאָג געבראַכט די גרעסטע מתנות! אָבער — פונדערווייטנס!

און, אָט אַזוי, פריינט מיינער, האָב איך זעקס קינדער, פינף שניר און איין איידעם. האָב ב"ה ע ל ף אייניקלעך! און דאָך:

— פיל איך זיך אַזוי איינזאַם!...

אַ שאָד וואָס איך קאָן נישט אָנהויבן נאָך אַ מאָל פון אָנהויב. איך וואָלט עס מיט פאַרגעניגן געטון!...

זי האָט זיך געזעגנט מיט איר מאַן ווייל ער האָט זיך צופיל געקהל׳ט. איצט, האָט זי חרטה.

ווער פון אייך, חשובע לייענער, איז ניט בייגעווען קיין באַנקעט וואָס מען האָט געפּראַוועט לכבוד אַן „ענערגישן", געטרייען און „אי-בערגעגעבענעם" געזעלשאַפטלעכן טוער?

ווער פון אייך האָט ניט געלייענט די באַריכטן אין די צייטונגען וועגן די גרויסע דרשות, די סך לויב-געזאַנגען, וואָס דער „באַרטער" האָט אויסגעהערט אויף זיין חשבון?

ווער פון אייך איז ניט געבליבן, אויפן באַנקעט, ביזן סוף כדי אויס-צוהערן די לעצטע ווערטער, די לעצטע רעדע וואָס מען טיילט צו טאַקע דעם „בעל שמחה" אליין? און לסוף:

ווער פון אייך האָט ניט געלייענט אַז דער באַנקעטירטער האָט גע-האַלטן אַן „עמאָציאָנירטע" רעדע און ער האָט צוגעזאָגט אויך אויף וויי-טער זיין טעטיק און דינען געטריי, בלב ונפש, דער געזעלשאַפט?

יאָ! אַ סך, גאָר גאָר, אַ סך פון אייך, זיינען מקנא געווען דעם פריינט אייערן וואָס איז אַזוי שיין באַערט געוואָרן! אַ סך פון אייך, זיינען מקנא געווען דער פרוי זיינע, וועלכע איז געזעסן „אויבנאָן" און אַ גרופּע דאַ-מעס האָבן איר צוגעטראָגן אַ שיינעם, פּרעכטיקן בוקעט בלומען! איר, איך, און טויזנטער ווי מיר אַלע, זיינען זיכער, אַז ווען מען גיט זיך אָפּ און מען איז גאָר, גאָר, טעטיק לטובת דער געזעלשאַפט, האָט מען אַ סך, גאָר אַ סך, נחת און פרייד!

קומט איצט צו גיין פרוי סאַראַ דע... און ווייזט אונז פונקט דאָס פאַרקערטע! אַנשטאָט צו פרייען זיך וואָס איר מאַן האָט זיך געקהל׳ט! אַנשטאָט צו זיין צופרידן וואָס איר מאַן איז אַן אָנגעזעענער מענטש אין דער געזעלשאַפט און אומעטום נעמט ער אָנטייל — אַנשטאָט צו זיין צופרידן פון דעם גרויסן באַנקעט וואָס מען האָט שוין געפּראַוועט איר

מאַן — און ניט קיין א יי ן באַנקעט, נאָר גאַנצע ד ר יי — אַנשטאָט צו זיין צופרידן מיט די גרויסע בוקעטן בלומען וואָס מען האָט איר גע־שיקט און פון די לויב-געזאַנגען וואָס מען האָט — אויף איר חלק — אויסגעטיילט! אַנשטאָט גליק און צופרידנהייט — האָט זי גאָר געגומען און...

זיך גע׳גט מיט איר מאַן! פשוט: גענומען און גע׳גט!

אמת! א י צ ט האָט זי שוין חרטה! א י צ ט, צוויי יאָר נאָכן גט, רעדט זי שוין אַנדערע דיבורים! אָבער, דעמאָלט, מיט צוויי יאָר צו־ריק, אין דריי חדשים נאָך דעם גרויסאַרטיקן באַנקעט וואָס מען האָט געפּראַוועט לכבוד איר מאַן, האָט זי זיך — לויטן אידישן דין — צעשיידט מיט איר מאַן ווייל זי האָט אים געגעבן אַ ברירה אויסצוקלויבן: — אָדער, זי — אָדער קהל! נו, האָט ער אויסגעקליבן... קהל!

אָבער. מירן לאָזן דער פרוי אַליין דערציילן איר געשיכטע. זי איז אינטערעסאַנט און באַלערנד.

— — — — — — — — — — — — — —

איך שעם זיך אייך דערציילן! אָבער — איך מ ו ז עס דערציילן — אַזוי הויבט די פרוי אָן צו רעדן. איר שטימע איז שוואַך, מען פילט אַרוים אַז זי פילט זיך עפּעס ניט אין אָרדענונג, מעגלעך אַז זי פילט זיך שולדיק און פאַרשעמט. — איך וויל דערציילן מיין געשיכטע וועלכע קאָן דינען פאַר אַ ביישפּיל אַ סך אידישע פרויען און, ווען מען וועט געוואוירע ווערן פון מ יי נ ע צרות — וועט מען זיך היטן ניט צו באַגיין אַזאַ נאַרישקייט ווי איך.

איך בין שוין אַ פרוי נאָענט צו די פופציקער. איך האָב חתונה גע־האָט צוריק מיט זיבן און צוואַנציק יאָר און גענומען זייער אַ וואוילן און פעאיקן יונגנמאַן. מיין שטעטעלע אין אוקראַינע וואו איך בין געבוירן געוואָרן און וואו איך האָב חתונה געהאַט, האָט מיך מקנא געווען אויף מיין באַשערטן! אַ חוץ שיין און קלוג איז ער געווען אַ באַלעזענער און ער איז איבערגעלעגן זיין פרייע צייט איבער אַ בוך.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אים פאַרכאַפּט אין די בליענדסטע יאָרן פון זיין לעבן. אַזוי ווי ער איז געווען ציוניסטיש געשטימט און אַזוי ווי קיין סך סימפּאַטיע צו די באָלשעוויקעס האָט ער ניט געהאַט, האָט ער מיך, אין אַ שיינעם טאָג, אַרויסגענומען פון שטוב, מיר זיינען געקומען קיין קאַמינקע און געשוואַרצט די גרענעץ קיין בעסאַראַביע. דאָ, האָבן מיר זיך דערפילט פריי און מיין מאַן, וועלכער האָט נאָך געהאַט אין דער אַלטער היים אַ שטיקל געוואוינהייט זיך צו קהלן אין דער ביבליאָטעק

אָדער אין דער גרופּע „חובבי ציון” אָדער גלאַט ערגעץ אין אַ „קרוזשאָק”, האָט זיך איצט, אַלס „בעזשעניק”, גענומען רעכט צו דער אַרבעט און די גאַנצע פרייע צייט זיינע וואָס ער האָט געהאַט — דאָס הייסט, פון אינדערפרי ביז נאַכט — האָט ער זיך געקהלט אין „קאָמיטעט” וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין קעשענעוו, וואוהין מיר זיינען אָנגעקומען, אָדער אַרום דזשאָינט, האיאַס א. אַ.

איך פלעג מיט אים איינטענהן פאַרוואָס ער לאָזט מיך איבער גאַנצע טעג אין שטוב. איך פלעג אַפילו ניט איינמאָל... אַ וויין טאָן און געפּרואווט מיט טרערן ביי אים פועלן אַז ער זאָל זיך ווייניקער „קאָמיטעטעווען”! אָבער, עס האָט ניט געהאָלפן! דאָרט וואו צוויי — איז ער געווען אַ דריטער! שטענדיק געווען אַ „בורר” ווען צוויי האָבן זיך געקריגט און שטענדיק געלאָפן פאַרזאָרגן י ע נ ע ם ! אין קאָמיטעט, אַרום די בעזשענצעס, האָט מען שוין געוואוסט, אַז אויב מען האָט עפּעס איינעם געוואָלט באַעוולען אָדער מען האָט אים ניט אַרויסגעגעבן די בריוו און דאָס געלט פון זיין קרוב פון אַמעריקע — האָט מען זיך געווענדעט צו מיין חיימען און ער איז שוין געלאָפן, זיך געקריגט, גאַראַנטירט, געקלאַפּט אין טיש אויב מען האָט געדאַרפט און...

יענער איז געהאָלפן געוואָרן!

צי האָט ער עפּעס געהאַט דערפון? צי פלעגט ער קריגן עפּעס באַצאָלט פאַר זיין טרחה? חלילה! אַפילו קיין דאַנק ניט! ער האָט אויך ניט פּרעטענדירט אַז מען זאָל אָנערקענען אַז א ד אַ נ ק א י ם איז יענער געהאָלפן געוואָרן! און, ניט נאָר אַ דאַנק — נאָר ער האָט אַפילו איינמאָל געהאַט אַ צרה אויף זיך אַ דאַנק זיין קהלן זיך! עס איז אָנגעקומען געלט פון אַמעריקע פאַר איינעם נחום לעווין. דאָס געלט איז אָנגעקומען צום קאָמיטעט וואו מיין מאַן איז דאָרט געווען אַ גאַנצער מיוחס און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ באַקאַנטן וואָס האָט געהייסן נחום לעווין, האָט ער אים אָנגעזאָגט די בשורה אַז עס איז דאָ פאַר אים געלט פון אַמעריקע און טאַקע אים שוין גענומען אין קאָמיטעט אַריין און געהייסן אים אַרויסגעבן דאָס געלט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס געלט איז גאָר געווען פאַר אַ צווייטן „בעזשעניק”, א ו י ך אַ „נחום לעווין”. עס איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל און מען האָט מיין מאַן תיכף גערופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך אויסגעלאָזט, ווען מען זאָל ניט געווען אויסגעפינען דעם נחום לעווין מיטן געלט און מען זאָל ביי אים — דורך סטראַשען אים אַז מען וועט אים ניט אַריינלאָזן קיין אַמעריקע — ניט געווען אָפּגעבן דאָס געלט צוריק!

אַ קענגן וואָס דערציילט איך עס אייך? אַ קענגן דעם, וואָס נאָך אין דער אַלטער היים, נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מיין מאַן שוין געהאַט אַ שלאָפ־קייט אַזאַ, צו קהלן זיך און צו מישן זיך אומעטום וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף ניט!

ווען מיר זיינען געקומען קיין אַרגענטינע, האָט דאָס שלאָפקייט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער. מיין מאַן האָט זיך, אַנשטאָט אָפּ־צוגעבן מיט זוכן פּרנסה — אָפּגעגעבן מיט ב ל ו י ז קהלן זיך! ניט געווען קיין איין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט וואו מיין מאַן זאָל ניט געווען נעמען קיין אָנטייל — און אַ טיכטיקן אָנטייל! ניט געווען קיין א יי ן גאַסט ווען מען זאָל מאַכן אַ „קבלת פּנים" און מיין מאַן זאָל ניט זיין דער גאַנצער מאַכער פון קאָמיטעט און פון „אַקט"! ניט געווען קיין איין ליטעראַרישער אָדער ציוניסטישער אָדער גלאַט גאַסט ווען מיין מאַן זאָל ניט געווען באַגלייטן אין זיין „הייליקער מיסיע". אַ גאַנצן טאָג און אַלע טעג פון אַ גאַנצן חודש און יאָר, איז מיין מאַן געווען פאַרטייעט און פאַרשמייעט מיט געסט, שליחים און קאַמפּיינען! אומעטום איז ער געווען „טיכטיק", אומעטום איז ער געווען דער ערשטער און אומעטום האָט מען פאַרשטופּט מיט אים אַלע לעכער!...

איך האָב געבוירן קינדער. איך האָב זיי דערצויגן! איך האָב זיי אין די שולעס געשיקט און מיין מאַן האָט נישט געוואוסט ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען און ווען זיי דאַרפן קומען! דערפאַר, אָבער, אַז מען האָט זיך געזעצט עסן, האָט אָנגעהויבן קלינגען דער טעלעפאָן! דאָס מעלדעט מען אים אַז עס איז היינט דאָ אַ זיצונג אין ד ע ם אַנשטאַלט און מאָרגן דאַרף מען זיין ד אָ ר ט און דאָ מעלדעט מען אים אַז היינט קומט אָן מיטן אַוויאָן אַ „ספּעציעלער שליח" פון אַפריקע און ער מ ו ז זיין ביים אָנקומען און מאָרגן איז אַ ספּעציעלער קבלת פּנים פאַר אַ צווייטן שליח וואָס איז שוין אָנגעקומען! און איבערמאָרגן איז אַן אָפּשיד־אָוונט פאַר אַ דריטן שליח וואָס פאָרט שוין אַוועק.

מיין מאַן, האָט אויף שנעל אָפּגעגעסן, זיך אויסגעשריען אויף די קינדער וואָס זיי זיצן ניט רואיק ביים טיש, געמאַכט אַ סקאַנדאַל מיין טאָכטערס חתן ווייל יענער האָט געוואָלט אַרויסנעמען זאַלץ פון דער סעליאַרקע (זאַלץ־מעסט) און האָט זי צעבראָכן און אָנגעמאַכט אַ „שאָדן" אויף... עטלעכע סענט! איר מיינט ער האָט געוואוסט וואָס ער טוט ווען ער האָט געמאַכט דעם טומל מיטן „שאָדן"? חלילה! ער איז גאָר געווען נערוועאיש וואָס נעכטן האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ זיצונג פון אַ קרן קימת קאָמיטעט און איז ניט פאָרגעקומען — האָט ער צום חתן אויס־געלאָזט דאָס האַרץ!...

איך פלעג האָבן דערפון אַ סך עגמת נפש! איך האָב שטאַרק געליטן דערפון! איך האָב ניט געוואָלט גיין אויף די באַנקעטן וואָס מען האָט אים געמאַכט ווייל איך האָב מיר מ י י נ ס געוואוסט! איך האָב געוואוסט וואָס יעדער באַנקעט קאָסט מ י ך! איך האָב געוואוסט אַז מיין מאַן האָט פאַרלוירן זיין שטוב, זיין לעבן, זיין פאַמיליע אַ דאַנק אַט די באַנקעטן וועלכע מען פראַוועט אים איצט! און וואָס זאָגן דען אַט די אַלע וואָס זיצן אויפן באַנקעט און קלאַפן בראַוואָ! זיי לאַכן דאָך פון אים, פון אַט דעם נאַר, וואָס ליגט איבער טאָג און נאַכט ביי געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט! און ניט נאָר מען לאַכט פון אים, נאָר אַ סך זיינען זי־כער אַז... ער האָט עפּעס דערפון! אַז ער לעבט דערפון! און טאַקע? ווער קאָן עס גלויבן אַז אַ מענטש וועט א ז ו י פ י ל צייט אַוועקגעבן אומ־זיסט!

איך האָב אַלע מיינע יאָרן געליטן! אַזוי, פלעגט זיך אויסווייזן אַז איך בין אַ גליקלעכע פרוי און אַ גליקלעכע באַלעבאָסטע! יעדער איינער פון מיינע באַקאַנטע פלעגן מיינען אַז קיין גליקלעכערע פרוי פון מיר איז ניטאָ! איך פלעג, ווען ניט ווען, רופן צו זיך באַקאַנטע אויף אַ וועטשערע, און פאַרברענגען אַ פּאָר שעה פאַמיליער! אָבער ד אָ ס איז ג ע ו ו ע ן אַמאָל, אַמאָל! לעצטנס, האָט מיין מאַן שוין דערויף קיין צייט ניט! ער מוז פאַרזאָרגן אַ אידישע שולע, אַ סך אידישע שולעס! ער מוז זאָרגן אַז אין די אידישע שולעס זאָלן גיין אַ סך קינדער! ער מוז זאָרגן אַז אין מדינת ישראל זאָל אַריינקומען נאָך עטלעכע מיליאָן אידן! ער מוז זען, אַז דער אידישער שפּיטאָל זאָל זיך קאָנען אויסהאַלטן, אַז דער בית־יתומים און מושב־זקנים זאָלן קאָנען עקזיסטירן און ער מוז אויך זאָרגן פאַר אַלע גמילת חסד קאַסעלעך און פאַר אַלע בענק און בענקלעך! מיט איין וואָרט — ער מ ו ז זאָרגן פאַר א ל ע ם און א ל ע מ ע ן און דערפאַר האָט ער קיין צייט ניט איינלאַדן געסט צו זיך! און טאָמער הויב איך אָן רעדן פאַרוואָס מיר לאַדן קיינעם ניט איין, פלעגט ער מיר ענטפערן, אַז מן הסתם וויל איך זיך באַרימען אַז איך קאָן זיין אַ גוטע... אַרויסטיילערן! איך האָב אַ שם ביי מיינע חברטעס אַז איך קאָן זיין די בעסטע אַרויסטיילערן ביים טיש, כאָטש עס ווייזט זיך אויס אַז עס וועט ניט סטייען אפילו פאַר אַ האַלב מענטשן וואָס זיצן אַרום די טישן! דער דאָזיקער „שם" האָט געבראַכט דערצו, דאָס ווען איך פלעג קומען צו יענעם צו גאַסט, האָט מען מיך אויך איינגעלאַדן צו זיין די אַרויסטיי־לערן! נו! האָט עס מיין מאַן אויסגענוצט קעגן מיר און מיר עס אויס־געוואָרפן אַלס „חסרון"...

אָבער! אויף יעדער זאַך קומט אַ צייט!

דער גערולד מיינער האָט געפּלאַצט! נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר פאַרהייראַט לעבן, נאָכן האָבן, קיין עין הרע, פיינע קינדער און שוין אויך צוויי מחותנים, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו אַזאַ לעבן! עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך האָב אָנגעהויבן פילן נויט! מיין מאַן האָט פאַרלאָזט זיין פּרנסה און זיין שטוב און זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט! אין שטוב איז ער שוין געווען אַ גאַסט! ער פלעגט קומען, אָפּעסן און אַנטלויפן און קומען אַ היים... נאָך האַלבע נאַכט! געווען אויף אַ זיצונג, אויף אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג, אויף אַ דיס־קוסיע־אָוונט אָדער גלאַט אין אַ „בלויען", „ראָזעווען" און „ווייסן" קאָ־מיטעט וואו מען דאַרף אויסקלויבן „קאַנדידאַטן". ער פלעגט קומען פון דאָרט נערוועזיש, פאַרשוויצט און פלעגט זיך אַפילו אויפכאַפּן פון שלאָף מיט אַ געשריי און געפילדער אַז... יענער „טאָר ניט גיין"... אַז „דער דאַרף גיין" א. אַ. וו.

אין שטוב האָט ער זיך געפירט ווי אַ דעספּאָט! געשריגן, געסקאַנ־דאַלעוועט און אַפילו אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריקע! איך האָב פאַר־שטאַנען אַז דאָס איז די ווירקונג פון זיין איבעראַרבעטן זיך ביי געזעל־שאַפט! איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז די געשעפטן גייען אים ניט גוט אַז ער איז פאַרדרייט און האָט צו צאָלן אַ סך, ווייל ער האָט פאַרלאָזט די געשעפטן!... דאָס אַלץ האָב איך געזען ביים אָנבייסן, ווען ער האָט געהייסן זאָגן אַז... ער איז ניטאָ אין דער היים אָדער אַז אי"הש מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט ער צוטראָגן דאָס געלט. איך האָב באַשטימט האָבן מיט אים אַ געשפּרעך! אַן ערנסטן געשפּרעך און מאַכן אַ סוף צו דער לאַגע! איך האָב אים, מיט גוטן, געוואָלט אַרויספירן אויפן גלייכן וועג! איך האָב, אָבער, באַשטימט, אַז אויב מען דאַרף מיט שלעכטן — וועל איך אָנווענדן אַלע מיטלען און מאַכן אַ סוף דערצו!

און, איך האָב געמאַכט אַ סוף! אָבער — אַ טראַגישן סוף!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יענעם אויפדערנאַכט אין וועלכן איך האָב גערעדט מיט מיין מאַן וועל איך געדענקען מיין גאַנץ לעבן! מיר זיינען געווען איינצווייען אין שטוב! איך האָב אויסגערעכנט אַזוי, אַז די קינדער זאָלן ניט אָנקומען אינמיטן געשפּרעך! איך האָב גערעדט רואיק און געלאַסן און אַפילו אָנ־גערירט אַן אָנגעווייטיקטע וואונד זיינע, נעמלעך: — אין ד ע ר צ יי ט וואָס ער האָט זיך געזאָרגט אַז י ע נ ע מ ס קינדער זאָלן גיין אין אַ אידישער שולע און לערנען אידיש — האָט ער ניט אינזינען געהאַט

זיינע אייגענע קינדער צו לערנען אידיש! און דאָס ביסל וואָס זיי קאָנען — איז אַ דאַנק מ י ר ! אָבער, פאַראַן אַן ערגערע זאַך! ער, מיין מאַן, וואָס איז אַ גאַנצער ציוני, וואָס זאָרגט אַז אידישע קינדער זאָלן גיין אויף הכשרה׳ס און זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל, ער, האָט זיך ניט אומ־געקוקט אַז ז יי נ ע א יי ג ע נ ע ק י נ ד ע ר זיינען אַוועק אויף גאָר אַן אַנדער וועג! אַז איין קינד זיינס, איז ניט נאָר אָנגעשטעקט מיט דער עקסטרעמיסטישער ל י נ ק ע ר אידעאָלאָגיע, נאָר איז גאָר אַ פירער ביי זיי און ער זאָגט, אַז ווען ער וועט חתונה האָבן וועט עס זיין אָן אַ רב און אָן אַ אידישער חופה און — אויב עס וועט אַזוי אויסקומען — אפילו אָן... אַ אידיש מיידל! אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון זיין קהלן זיך! ער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אומקוקן אויף זיינע קינדער ווייל ער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר פרעמדע!...

מיין מאַן האָט מיך אויסגעהערט רואיק! ער האָט אפילו צוגעגעבן אַז איך בין גערעכט! האָט זיך אפילו... געווישט די אויגן! נאָר וואָס דען? — אַזוי איז זיין לעבן און אַזוי וועט ער אָפּלעבן זיינע יאָרן! עס וועט שוין גאָרניט העלפן!...

איך האָב דאַן, ממש אין אַ פאַרצווייפלטן מאָמענט, אים געזאָגט אַז א י ך וו י ל אַ ז ו י ניט לעבן! איך וויל, אויף דער עלטער, ניט בלייבן אַליין אין שטוב און איבערלאָזן מיין מאַן פאַר... קהל! און... איך האָב אים פאָרגעלייגט אַ גט!

אַ פּאָר מינוט איז מיין מאַן געבליבן שטיל. אַ פּאָר מינוט פאַרטראַכט און דערנאָך געענטפערט:

עס וועט זיין ווי ד ו ווילסט!...

איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך האָב איבערגעכאַפּט די מאָס! איך האָב פאַרשטאַנען אַז צוריק כאַפּן איז שוין צו שפּעט! מיין אייגנליבע וואָלט עס ניט דערלויבט! עס וואָלט געהייסן אַז איך סטראַשע און אַליין בין איך הילפסלאָז. און איך האָב אים געענטפערט אַז איך בין מסכים אויף אַ גט.

אין וויינינקער ווי אין צוויי וואָכן זיינען מיר אָפּגעגט געוואָרן. מיין מאַן האָט מיר איבערגעלאָזט די גאַנצע שטוב, ער האָט מיטגענומען מיט זיך בלויז זיינע מלבושים און ביכער און מיר איבערגעלאָזט א ל ץ — אויך די קלייט וואָס מיר האָבן געהאַט און אויך די שטוב וואָס איז געווען אויף זיין נאָמען — האָט ער איבערגעשריבן אויף מיר! ער איז אַוועק־געפאָרן פון שטאָט און איז געוואָרן אַ לערער אין דער פּראָווינץ און לויט ווי ער שרייבט צו די קינדער — האָט ער פּרנסה און לעבט אַ רואיק לעבן!

יאָ! ער האָט אָנגעהויבן צו לעבן רואיק! אָבער איך — איך בין געוואָרן די אומרואיקסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט! אַ חוץ וואָס איך האָב ערשט איצט דערפילט וואָס עס הייסט עלנטקייט — האָב איך איצט צרות פון די קינדער פון אַ צווייטער זייט! די קינדער טענהן אַז... איך האָב זיי פאַרשעמט! זיי זאָגן, אַז האָבן טאַטע-מאַמע, געגטע, איז אַ בזיון פאַר זיי. מיין יונגסטע טאָכטער וועלכע דאַרף אַ כלה ווערן, וויינט און טענהט, אַז עס שאַדט איר צו אַ שידוך! און בכלל שעמען זיך די קינדער צו דערמאָנען דאָס וואָרט טאַטע, ווען זיי קומען זיך צונויף מיט חברים. אַז מען פרעגט זיי אויף זייער פאָטער, ווייסן זיי ניט וואָס צו ענטפערן... כאָטש, נעם און זאָג אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן! אָבער, פאַרוואָס זאָלן זיי דאָס זאָגן?

איך, פון מיין זייט, זע ערשט אַרויס אַז איך בין באַגאַנגען אַן איבערגעאיילטן שריט! איך האָב געדאַרפט בעסער פאַרשטיין מיין מאַן! איך האָב געדאַרפט פאַרשטיין, אַז פאַר אים, איז זיין גענעלשאַפטלעכע אַרבעט **זיין לעבן**! איך האָב געדאַרפט פאַרשטיין אַז צונעמען אים פון זיין קהלן זיך, הייסט אים מקצר זיין די יאָרן! איך האָב געדאַרפט פאַרשטיין אַז ער איז שלאַף! און אַ שלאָפן — היילט מען ניט אוים מיט אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ — נאָר מיט הייל-מיטלען! און דער גט — איז ניט געווען קיין מיטל, ניט פאַר אים און נאָך ווייניקער פאַר מיר!

יאָ! איך האָב חרטה! איך האָב שוין געפּרואווט זוכן אַ וועג און... נאָך אַמאָל חתונה האָבן... פאַר מיין מאַן! איך האָב שוין געשיקט צו אים שליחים! איך זע אָבער, אַז מיין מאַן וויל ניט וויסן פון מיר! ער וויל, בכלל, ניט וויסן פון אַן עול פון פאַמיליע, פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון אַ שטוב-עול, פון... אָפּגעבן חשבון ווען צו קומען און ווען אַוועקצוגיין!

מעגלעך אַז דאָס אַלץ וועט אים גיך נמאס ווערן! מעגלעך אַז ווען ער וועט ווערן שלאַף אויף עטלעכע טעג וועט ער זיך אַרומקוקן אַז עס איז ניט גוט צו זיין עלנט! דערווייל, אָבער האַלט ער זיך ביי זיינעם! ער וויל בלייבן ביים גט! און מיר?

מיר איז ניט גוט! ניט גוט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עטלעכע וואָכן שפּעטער.

אין איינעם פון די שענסטע קאַפע-הייזער פון אַ גרויסער פּראָווינציעלער שטאָט, זיצן מיר אין צווייען. איך און דער געגטער כלל טוער. מיר האָבן זיך צופעליק געטראָפן אין גאַס. צוערשט — האָט ער מיך געזוכט אויסמיידן, זיך ניט צוזאַמענטרעפן מיט אַ היימישן מענטשן. דער-

זעענדיק אַז עס איז שוין שפּעט — האָט ער זיך דערנענטערט, אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום-עליכם, איינגעלאַדן אין קאַפע עפּעס טרינקען און —

אָט שמועסן מיר פון אַלץ און פון אַלעמען און „ניט ווילנדיק", זיינען מיר אַרויף אויף ז יי ן טעמע...

איך האָב אים געלאָזט רעדן. ער האָט גערעדט, פריער מיט שטורם און צאָרן, דערנאָך אַ ביסל מילדער און גאָר לסוף — שוין גאָר אַן אַנדער מענטש.

איך וויים אַז איך האָב אָפּגעלעבט אַ שלעכט — אויב איר ווילט וועל איך אייך אַפילו אויסזאָגן אַז — אַ נאַריש לעבן! איך וויים, אַז נישט אַזוי דאַרף זיין און קיין אַנשטענדיקער פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, האַנדלט נישט אַזוי! איך האָב גענומען אַ שטוב, אַ פרוי, טייערע קינדער און זיי צעשמעטערט מיט מיינע אייגענע הענט. גלויבט מיר, אַז איך האָב זיך נישט געיאָגט נאָך קיין כבוד! גלויבט מיר, אַז איך האָב עס נישט געטון כדי די בלעטער זאָלן וועגן מיר שרייבן אָדער כדי מען זאָל מיר מאַכן באַנקעטן. וואָס דאַרפט איר מער? איך האָב אַפילו געוואוסט אַז אונטער די פּלייצעס לאַכט מען פון מיר און מען באַרעדט מיך אויך אַז איך „האָב מן הסתם דערפון", ווען נישט, וואָלט איך נישט אַוועקגעגעבן אַזוי פיל צייט פאַר קהל. איך האָב אַלעס געוואוסט און, דאָך, בין איך געלאָפן צו די זיצונגען, געלאָפן פאַרקויפן ענטראַדעס און געלאָפן פאַרשרייבן קינדער אין דער ת"ת וואו איך בין געווען אין קאָמיסיאָן. איך וויים אַז איך בין שולדיק און וויל איצט אָפּקומען מיין שטראָף! איך האַלט, אָבער, אַז אַ סך שולד ליגט אין מיין פרוי וועלכע האָט נישט פאַרשטאַנען, ק יי נ מ אָ ל נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואָלט פאַרשטיין, ווי אַזוי צו מאַכן מיין היים, מיין הויז, אַזוי אינטערעסאַנט, אַז עס זאָל מיך ציען און ליאַנטשען צו בלייבן אין דער היים. מיין פרוי, אַ וואוילע אידישע פרוי און געטרייע מאַמע, האָט איר גאַנץ לעבן נישט איבערגעלייענט קיין האַלב טוץ ביכער, אינטערעסירט זיך נישט מיט קיין שום זאַך אויסער... מיט דער קיך! איר וועט מיט איר זיצן טעג און נעכט, וועט זי מיט אייך רעדן וואָס זי האָט נעכטן געקאָכט און וואָס זי וועט מאָרגן קאָכן און וואָס פאַר אַן אָנבייסן זי גרייט צו אויף זונטיק ווייל עס דאַרפן קומען אירע חברטעס אויף וועטשערע...

די ערשטע צייט האָב איך זי געפּרואווט מיטנעמען אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אויף אַ „קעסטעל-אָוונט", אויף אַ פרימאָרגן וואו שולקינדערלעך האָבן געזונגען אָדער גלאַט גיין מיט איר אין טעאַטער וואו מען האָט געגעבן אַ גוטע פּיעסע. נו, נו, פרעגט שוין נישט! איך פלעג האָבן פון איר אָפּגעשניטענע יאָר. זי האָט געוואָלט אַוועקגיין אינמיטן

אָדער... זי פּלעגט אַנטשלאָפן ווערן און... אָנהויבן כראָפּען אויפן קול. וואָס זשע איז געוואָרן דער סוף? האָב איך זי געמוזט לאָזן אין שטוב און גיין אַ ל יי ן. און אַזוי, צוגעוואוינענדיק זיך צו דעם „אַליין", האָב איך אָנגעהויבן אויסמיידן די שטוב און האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין קהלשער אַרבעט! אמת — צופיל אַריינגעוואָרפן! און א י צ ט, ווען איך בין געבליבן איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט! ווען איך בין אַזוי עלנט און איינזאַם פיל איך נישט קיין שום חרטה! עס טוט מיר גאָרנישט באַנק, אַ חוץ דאָס, וואָס מיינס אַ קינד איז אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג און איז געוואָרן אַ טויער און אַ פּירער ביי י ע נ ע ר אי־דעע, וועלכע איך האָב מיין גאַנץ לעבן און אויך איצט — אַזוי באַקעמפט. גלויבט מיר, ווען איך ווער גע׳וואוירע, אַז ער האָט זיך געשמדט אָדער ער איז געשטאָרבן, וואָלט איך אַזוי נישט געליטן און זיך — פאַר זיך אַליין — אַזוי נישט פאַרשעמט! זעט איר! א י ם האָב איך יאָ פאַר־שפּילט אַ דאַנק מיין קהלן זיך! אויף אים, האָב איך קיין צייט נישט גע־האַט זיך אומצוקוקן — איז ער אַוועק אַהין, פון וואַנען איך וואָלט אים געוועז פאַרהיט! און וואָלט איך געוואוסט אַז איך דאַרף ברענגען דעם גרעסטן קרבן אַבי ער — מיין זון — זאָל צוריק אַרויף אויפן דרך הישר, וואָלט איך געוואוסט אַז עס איז געווענדעט אין מיר, אין מיין לעבן, אַז מיין זון זאָל אויפעפענען די אויגן און זעען אַז ער איז פאַרפירט — וואָלט איך מיט פאַרגעניגן מיין לעבן מקריב געווען!

דוכט מיר, אָבער, אַז עס איז שוין צו שפּעט! ער איז שוין אַריין אין „זייערע" לאַפּעס, געוואָרן, אַפילו, אַ גאַנצער פּירער ביי זיי, איז שוין שטאָלץ דערויף וואָס ער איז שוין געוועזן... דריי מאָל אַרעסטירט. און — אָט דאָס טוט מיר וויי! ווי האָט געזאָגט דער נביא: דערויף וויין איך, דערויף לאָזט מיין אויג אַ טרער! דאָס איבעריקע — מיין פרוי, מיין היים? — זיי אינטערעסירן מיך אַבסאָלוט גאָרנישט!... ספּעציעל, אינ־טערעסירט מיך נישט מיין פרוי! זי האָט געוואָלט אַ גט — האָט זי אים! איצט, זאָל זי חתונה האָבן, נעמען אַ מאַן וואָס לעבט פון... עסן און צוליב דעם עסן! און אַזוי ווי קאָבן קאָן זי זייער גוט — וועט זי, זיכער זיין גליקלעך מיט אים! א י ך — ביי די אומשטענדן אין וועלכע איך געפין זיך — דאַרף שוין נישט און האָף שוין נישט אויף קיין גליק און אויף אַ לעבן!

— — — — — — — — — — — — — —

אין עטלעכע חדשים אַרום.

מיר זיינען איינגעלאַדן צו אונזער חשובן כלל טוער אין הויז אויף

וועטשערע. ער פּראַוועט היינט אַ שמחה ביי זיך אין הויז. ער וואוינט שוין צוריק אין דער שטוב פון זיין געוועזענער פרוי, זיי עסן ביי איין טיש, אָבער, געזעצלעך און אָפיציעל — זיינען זיי געגט און ער טראַכט דערוויל נישט צוריק חתונה האָבן פאַר איר אָדער אַנדערער!

היינט איז ביי אים אַ יום טוב. זיין זונדעלע — אָט דער וואָס איז אַנגעשטעקט געוואָרן מיט די לינקע עקסטרעמיסטישע אידעען פאַרט מאָרגן אַוועק מיט זיין כלה קיין... מדינת ישראל! ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל, אַ „פאַרברענטע" ציוניסטקע, אַ שילערן פון לערער סע-מינאַר און אַ גאַנצע אָנפירערן פון אַ ציוניסטישן יוגנט-קרייז און ער האָט זיך אין אָט דער מיידל פאַרליבט ביז איבער די אויערן! צוזאַמען מיט דער ליבע האָט ער זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער מיידלס טעטיקייט און צוביסלעך, צוביסלעך — מיט דער נאַציאָנאַלער אידישער אויפלעבונגס באַוועגונג. און, פונקט ווי ער איז פריער געווען איבערגע-געבן דעם לינקן עקסטרעמיזם מיט זיין גאַנצער נשמה און מיט זיין גאַנצן וועזן, אַזוי האָט ער זיך איצט אַריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטי-שער יוגנט באַוועגונג און חלוציזם און ע ר מיט א י ר, ער מיט זיין כלה, האָבן באַשלאָסן עולה זיין קיין ישראל און בויען זייער היים אויף די בערג פון ציון און ירושלים...

היינט, פּראַוועט מען זייער אָפּשידס יום טוב. זיי פאָרן אַוועק אַלס חתן כלה און ווי נאָר זיי וועלן באַטרעטן די הייליקע ערד — אַזוי זאָגט דער חתן — וועלן זיי דאָרט שטעלן אַ חופה כדת משה וישראל!

עס זיצן אַרום די, שיין געדעקטע טישן, אַ פּאָר צענדליק מענטשן. עס זיצן פריינט און מחותנים, באַקאַנטע און חברים. דער פאָטער שיינט פאַר פרייד! ער גייט צו צו מיר און ראַמט מיר איין אַ סוד אין אויער; ווייזט אויס, אַז עס איז י אַ פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט! און אויב עס איז דאָ אַ גאָט — איז ער אַ יודע מחשבות! ער ווייסט יעדערנס געדאַנק! אַ סימן! אָט, האָב איך דאָך צו גאָט ניט געבעטן מיטן מויל, דאָך, האָט ער דערהערט מיין תפילה פון ה אַ ר ץ, און האָט מיר אומ-געקערט מיין זון! מיר ווייזט זיך אויס אַז א י צ ט, נאָך היינטיקן אויפדערנאַכט, וועט עס קומט צו מיר דער... מלאך המוות און זאָגט מיר: — נו! גענוג געלעבט! איצט, קום מיט מיר! — וואָלט איך מיט פאַר-געניגן געגאַנגען! איך האָב שוין אַ ל ע ס דערלעבט וואָס איך האָב געוואָלט!

דער עולם ווערט בגלופימדיק! מען איז שוין גאַנץ פיין פריילעך! עמיצער לייגט פאָר אַז מען זאָל אויסקלויבן אַ „פאָרזיצער" און געבן ווערטער. דער גורל, פאַלט אויף מיר! איך גיב דאָס ערשטע וואָרט דעם

חתן-בחור! אזוי ווי ער קאָן אי רעדן אי זינגען און זינגט שוין ד ו ק א העברעאישע לידער — זאָל ער עפּעס זאָגן אָדער אויסזינגען!...

דער בחור הויבט זיך אויף פון בענקל. זיין פּנים איז ערנסט. ער ווישט זיך אָפּ דעם שטערן מיט אַ טיכעלע און רופט זיך אָן:

קיין סך רעדן קאָן איך איצט נישט! איך האָב מורא אַז איך זאָל זיך נישט צעוויינען! (דערווייל, הויבן זיך אָן קייקלען טרערן אויף זיינע פאַרפלאַמטע באַקן) איך וויל בלויז זיך איצט ווענדן צו מיין טאַטן און אים זאָגן אָט וואָס:

איך ווייס טאַטע, אַז מיר, דיין פרוי און קינדער, און ספּעציעל א י ך האָבן דיר פאַרשאַפט אַ סך צרות און פּיין! איך האָף אַז דו ביסט מיר אַלעם מוחל! איך האָב געבלאָנדזשעט און געבלאָנדזשעט און ד אַ ך, אַרויף אויפן ריכטיקן וועג! דו ווייסט אָבער דעם אמת, טאַטע, אַז אויך דו ביסט אַ טייל שולדיק אין אונזער אַלעמענס ליידן. דערום, בעט איך דיך טאַטע, אויב דו ווילסט אַז איך זאָל קאָנען רואיק זיין אין מיין נייער היימלאַנד וואוהין איך פאָר! אויב דו ווילסט אַז איך זאָל קאָנען רואיק שטיין אויף מיין פּאָסטן אויף דער וואַך אין נגב אָדער ביי דער סירישער גרענעץ וואו מיר וועט זיין באַשערט צו שטיין און היטן די גרענעצן פון אידישן לאַנד! אויב דו ווילסט מיר פאַרזיסן די שווערע מאָמענטן פון מיין צעשיידן זיך מיט אייך —טאַ, גיי צו צו דער מאַמען, בעט זיך איבער און זעצט פאָר אייער געטריי פאַמיליען לעבן ווי ביז נישט לאַנג!... און

— — — — — — — — — — — — — —

מער האָט ער נישט געקאָנט רעדן! אַ שטראָם פון טרערן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין האַלדז און אים פאַרשטיקט!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער פאָטער — פאַר אונז אין די אויגן, אָנגעטון זיין פרוי אַ רינגעלע און איר, צום צווייטן מאָל אויף זיין לעבן, געזאָגט דעם „הרי את מקודשת לי"... און, צווישן געוויין און פרייד צווישן טרערן און לחיים ווינטשן, צווישן געלעכטער און ספּאַזמען, האָבן אַ טייל ביי־וועזנדע פּלוצים אויסגעזונגען:

„עוד לא אבדה תקוותינו
התיקוה הנושנה...

זיינע צוויי זין, אַנטיסעמיטן, האָבן אים צוריק אומגעקערט צו זיין אידישקייט!...

מיטיק-צייט. אויפן שרייב-טיש טרעף איך אַ צעטעלע:

„עס האָט איינער געקלונגען עטלעכע מאָל! ער האָט נישט געוואָלט זאָגן ווער ער איז! די שטימע ווייזט אויס צו זיין נישט קיין אידישע. ער בעט אייך, איר זאָלט אים אָפרופן טעלעפאָניש. (דאָ קומט אָנגעוויזן דער נומער טעלעפאָן) אָדער אָנווייזן א י ם די שעה ווען ער קאָן אייך טרעפן ביים טעלעפאָן”.

ס'איז שוין אַביסעלע אַ שפּעטע מיטיק-שעה. היינט האָב איך עט־וואָס פאַרשפּעטיקט און די פאַמיליע וואַרט מיטן מיטיק — איך לאָז זיך אוועקגיין פון שרייב-טיש און פון טעלעפאָן! אינסטינקטיוו גיט עס מיך אָבער אַ רוק-צו צום טעלעפאָן, „צי” אָן דעם אָנגעוויזענעם נומער און איך ווער אַטענדירט פון אַ דינסט. איך מעלדע איר מיין נאָמען, עס געדויערט צען-פופצן סעקונדעס און אַ מענערשע שטימע רופט זיך אָפּ. ער רעדט שפּאַניש, אַ גלענצנדן ה י ז י ק ן אַקצענט. און הויבט אָן בזה הלשון:

— אַנטשולדיקט מיר טויזנט מאָל וואָס איך באַלעסטיק אייך! א י ר קאָנט מיך נים! א י ך — קאָן אייך אָבער יאָ! איך דאַרף מיט אייך דרינגנד רעדן! דרינגנד — איידער עס ווערט שפּעט!... זאָגט מיר ווי אַזוי קאָן איך אייך זען!

— גאָר פּשוט, ענטפער איך! אויב איר האָט נאָענט פון אייך דעם באַן, אָדער טראַמוויי, קאָנט איר קומען אַהער, מאָרגן 9 אַזייגער אינ־דערפרי אָדער צוויי באַטאָג, וועל איך וואַרטן אויף אייך!

— עס איז אמת! — ענטפערט מען מיר פון יענער זייט טעלעפאָן ליניע — אָבער, עס איז דאָ אַ „קליניקייט” איך זיץ אויף אַ באַוועגונגס־שטול און קאָן נישט געבן קיין שפּאַן!... איך בין דערוויל — פּאַראַלי־זירט!

— נו, אויב אַזוי, און אויב איר דאַרפט מיך האָבן — גיט מיר אייער

אַדרעס און איך וועל פאָרן צו אייך! איך וועל זיין ביי אייך שבת ביימאָג.

— נאָ! אַזוי פיל וויל איך נישט איר זאָלט זיך באַלעסטיקן! אויב איר האָט נישט דאַקעגן, וועל איך צושיקן צו אייך מיין שאָפער מיט מיין אויטאָ, וועלכער וועט אייך ברענגען צו מיר און וועט אייך אָפּפירן אַהיים! אויב אייך איז באַקוועם שבת ביימאָג — וועל איך מוזן וואַרטן ביז שבת — כאָטש גאָט ווייסט דעם אמת אַז איך וואָלט אייך געוואָלט זען פריער!

— יאָ! אָבער ווער זיינט איר און וואָס ווילט איר? עפּעס ווייזט מיר אויס דער גאַנצער ענין אַביסל... נישט קלאָר.

— איך ווייס! איר ווילט זאָגן אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ מיסטעריע און אפשר גאָר וועגן אַ... „פאַסטקע", אייך אַריינאַרן אין אַן אויטאָ און אייך פאַרפירן אין אַ פאַרלאָזן הויז און בעטן... אויסלייז-געלט! זייט רואיק! איר האָט דאָך מיין טעלעפאָן-נומער, און לויטן טעלעפאָן-נומער קאָנט איר לייכט ויסן וואו איך וואוין! לאָזט איבער אינדערהיים אָט-די אַלע דאַטעס, און מיין שאָפער וועט איבערלאָזן ביי אייך אין שטוב זיין רעגיסטער פון פירן דעם אויטאָ מיטן נומער פון מיין אויטאָ! איר ווילט נאָך עפּעס אַ באַוואָרענונג?

די שטימע וועלכע רעדט צו מיר איז אַזאַ ווייכע, אַזאַ בעטנדיקע, אַז זי גיט אייך צו פילן אַז דאָס רעדט אַ מענטש וואָס ליידט נישט קיין „מאַפיאָסאָ"!

איך דאַנק אים פאַר די אַלע באַוואָרענישן און הייס אים שיקן דעם אויטאָ נאָך היינט, דריי באַטאָג.

— — — — — — — — — — — — — —

פונקט צו דער אָנגעוויזענער שעה, קלינגט מען ביי דער טיר. אַ רייך-געקליידעטער שאָפער דערלאַנגט מיר אַ וויזיט-קאַרטעלע פון דעם וואָס לאָט מיך איין צו זיך! לויטן טאַרכעטל זע איך אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ... דאָקטאָר (פון וואָס „דאָקטאָר" זאָגט זיך נישט) און דער נאָמען און פאַמיליע איז אַ עכט-קריסטלעכער: בעסער געזאָגט — איטאַליענישער!

איך ווייס נישט פאַרוואָס! מעגלעך אַז איך בין באַגאַנגען אַ נאַרישקייט! אָבער איך האָב באַקומען אַזוי פיל צוטרוי צו מיין טעלעפאָן-שמועסער, אַז איך האָב קיינעם אין שטוב גאָרנישט דערציילט וועגן דעם און אפילו דאָס טאַרכעטעלע נישט געלאָזט אינדערהיים; איך בין אַרויסגעגאַנגען מיטן שאָפער, נישט זאָגנדיק אפילו עמעצן אַז איך גיי

אָוועק!... פאַרמאַכנדיק די טיר — האָב איך באַמערקט אַ שמייכל אויפן פּנים פון שאָפער.

צוקומענדיק צו דער טיר פון אויטאָ בין איך צוויי מאָל איבערראַשט געוואָרן! ערשטנס — פון לוקסוסרייכן אויטאָ; אַ „קאַדיזשאַק" פון לעצטן מאָדעל! און צווייטנס: — ביים אויטאָ האָט געוואַרט דער פּאָליציי־מאַן פון דער ראָג־גאַס. געגלויבט האָב איך, אַז דאָס וואַרט ער צו מאַכן אַ „מולטאַ" (שטראָף), ווייל דאָ, וואו דער אויטאָ איז געשטאַנען — איז נישט דערלויבט אָפּשטעלן אין משך פון גאַנצן טאָג! איך האָב שוין געוואָלט אינטערווענירן און בעטן דעם פּאָליציי־מאַן אַז ער זאָל נישט טשעפּען דעם שאָפער — און אַלס שכן און באַקאַנטער — וואָלט ער זיכער אַזוי געטאָן — אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, זעענדיק ווי דער פּאָליציי־מאַן גריסט זיך מיליטעריש דעם שאָפער און גייט זיך רואיק אָוועק!...

איך פּרואוו אַ פרעג־טאָן דעם שאָפער די באַדייטונג פון דער האַנד־לונג פון פּאָליציסט; ער זאָגט מיר אַז עס האַנדלט זיך וועגן זיינעם אַ גוטן ברודער! אינעם ענטפער זע איך אַז

עס איז אַ ליגן!...

דער אויטאָ וויגט זיך שנעל איבער דער אַווענידאַ אַלוועאַר, מיינע געדאַנקען וויגן זיך נאָך שנעלער! אָט טוט מיך באַנג פאַרוואָס איך האָב אין דער היים נישט אָנגעזאָגט וואוהין איך פאָר, און אָט באַקום איך צוטרוי און זיכערקייט אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ געוויינלעכן זשורנאַ־ליסטישן ענין!

אָט, פּ אַ ל ט מ י ר איין, אַז דער שאָפער וועט מיך צופירן צום... פּאָרט. עס וועלן צוגיין צו אונז צוויי מענטשן מיט רעוואָלווערן, מיך הייסן אַראָפּגיין. מיר געבן קלאָראָפאָרם און ווען איך וועל זיך אויפכאַפּן — וועל איך זיך געפינען אויף אַ שיף וואָס גייט קיין... — ראַטנפאַרבאַנד!

ווער ווייסט וואָס נאָך איך וואָלט געטראַכט, ווען דער אויטאָ שטעלט זיך נישט אָפּ ביי אַ רייכן גרויסן טשאַלעט, וואָס ליגט אין אַ געדיכטן גאָרטן פון ביימער און בלומען. דער שאָפער לויפט אַראָפּ פריער, נעמט אַראָפּ דאָס היטל און עפנט מיר די טיר פון אויטאָ!...

נישט־ווילנדיק — גיב איך אַ שמייכל צו זיך, ווי איינער רעדט:

וואו זיינען זיי מיינע מענטשן! זאָלן זיי זען וואָס פאַר אַ כבוד מען גיט מיר אָפּ!...

מיט פעסטע טריט און... מאַכנדיק זיך האַרץ, גיי איך שנעל אַרויף די עטלעכע טרעפּ צום הויפּט־אַריינגאַנג. איך שטרעק שוין אויס די האַנט אויף אַ קלינג טאָן אין גלעקל — אָבער — עס עפנט זיך די טיר

און אַ שיין־געקליידעטער דינער, אַט אַזעלכע וועלכע מען זעט אין סינע אין די מיליאָנערסקע הייזער — עפנט מיר די טיר, גיט זיך אַ עלעגאַנטן בויג פאַר מיר און זאָגט שטיל:

„דער דאָקטאָר וואַרט אויף אייך אין ביבליאָטעק, טוט אַ טובה און גייט מיר נאָך".

איך באַטראַכט דעם האָל, אין וועלכן איך בין אַריינגעגאַנגען — טאַקע ווי אין סינע! גרויס, גראַמאַדנע, הויך, רייך מעבל! פון האָל — פירן טרעפּ־אַרויף — אויף די טרעפּ — טייערע טעפּיכער — דער „לאָקיי" לאָזט זיך אַ מינוט זיך אַרומקוקן ביז איך ד ע ר מ אָ ן זיך, אַז איך דאַרף אים נאָכגיין, און מיר גייעןביידע אַריין אין אַ ביבליאָטעק!

ס'רעדט זיך אַזוי — ביבליאָטעק! גיכער קאָן מען עס אָנרופן — אין אַ מוזעאום! אַ גרויסער צימער פול מיט שיינע שאַפעס ביכער, און באַצירט מיט אויל־בילדער, וועלכע קאָסטן מן הסתם אַפּ אַ שלל מיט געלט!

דער לאָקיי לאָזט מיר אַליין, זאָגט מיר אַז באַלד וועל איך אויפגענומען ווערן פונעם ד אָ ק ט אָ ר, ווייזט מיר אָן אַ דיוואַן צום זיצן, און באַמערקט אַליין:

„אויב איר ווילט אַרומקוקן די בילדער — קאָנט איר עס טאָן מיט פאַרגעניגן — ווייל עס וועט געדויערן אַ פּאָר מינוט, ביז דער דאָקטאָר וועט אַריינקומען!...

איך בלייב אַליין, און הויב זיך אָן אַרומקוקן!

וואו בין איך? עפּעס לעגענדאַריש ווייזט מיר אויס אַלעס — איך קוק זיך גוט־צו צו די בילדער, טרעף איך צווישן זיי היימישע זאַכן:

אַ קונסט־בילד ווי משה צעברעכט די לוחות! אַ בילד פון רמב"ם, און אַ קונסט־בילד פון מאַריץ מינקאָווסקי ע"ה.

עס ווערט מיר עטוואָס לייכטער אויף דער נשמה! נו! טראַכט איך קיין גזלנים און „מאַפיאָסאָס" נוצן נישט אַזעלכע בילדער!...

אפשר געפין איך זיך אין אַ פאַרכשופטן פּאַלאַץ?

ווער ווייסט וואוהין מיינע געדאַנקען וואָלטן מיך ווידער פאַרפירט, ווען נישט אַ לייכטער פלעסקע מיט די הענט האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע מחשבות! איך קוק זיך אום און בלייב דערשטוינט:

פאַר מיר, אויף אַ שטול מיט צוויי רעדער, זיצט אַ מאַן אין די זעכציקער (און אפשר מער) מיט גאָלדענע פענסנע און אַ הערלעכן הדרת פנים. דאָס ביסל האָר איןביידע זייטן זיינען ווייס־באַזילבערט, און דער אויסזען דערמאָנט עפּעס אין אַ מיניסטער, ריכטער אָדער פּרעזידענט פון אַ רעגירונגס־באַנק. דען מאַן איז אַריינגעפירט געוואָרן פון דעם לאָקיי

וואָס האָט מיר געעפנט די טיר און אויף אַ וואונק פון בעל-הבית — בלייבן מיר אַליין!

אין אַ שיינעם גלענצנדן שפּאַניש. בעט מיך דער דאָקטאָר זיצן און ער הויבט אָן דעם געשפּרעך מיט די ווערטער — אין שפּאַניש פאַרשטייט זיך.

איך האָב נישט קיין ווערטער אייך צו דאַנקען פאַרן צוטרוי צו מיר און פאַרן וויזיט! ווי איר זעט בין איך געשטראָפט פון גאָט און האָב נישט געקאָנט גיין צו אייך! אָבער — איך וועל אייך דעם וויזיט אָפּגעבן — ווי נאָר איך וועל געזונט ווערן ;און — איך וויל איבערגיין צום עיקר פון ענין וועגן וועלכן איך האָב אייך גערופן אַהער! אָבער — כדי מיר זאָלן זיך ביידע קאָנען גוט איינפאַרשטיין — וועלן מיר רעדן... אין אידיש! מעגלעך, אַז עס וועלן מיר אַיספּעלן ווערטער, וועל איך שוין מוזן אָנ-קומען צו דער שפּאַנישער שפּראַך!...

אָבער, דאָקטאָר, רוף איך אויס כמעט מיט אַ געשריי, ווי קומט צו אייך קאָנען רעדן אידיש? איר מיינט מן הסתם דיי ט ש (אַלעמאַן) אָבער — איידער צו רעדן ד יי ט ש רעדט בעסער שפּאַניש! איך וועל אייך גוט פאַרשטיין!

ניין! ענטפערט מיר דער דאָקטאָר, שוין אין אַ ריינעם א י ד י ש ! אין אידיש וועלן מיר זיך בעסער איינפאַרשטיין! חוץ דעם בין איך זיכער אַז מיינע דינער וועלכע... הערן זיך זיכער צו צו אונדזער געשפּרעך, וועלן נישט פאַרשטיין אַ וואָרט וואָס מיר וועלן רעדן אין אידיש!...

וואָס איז שייך ווי קומט צו מיר רעדן אידיש — אמת טאַקע, שוין אַ פערציק יאָר, ווי איך רעד נישט קיין אידיש! אָבער — ביז מיין בר-מצוה ווערן — האָב איך קיין אַנדער שפּראַך נישט געקאָנט און נישט גערעדט!...

— הייסט עס, אַז איר זענט אַ איד?

— איך בין ג ע וו ע ן אַ איד, ג ע וו אָ ר ן א ו י ס איד, און וויל צ ו ר י ק וו ע ר ן אַ איד!...

— איר האָט זיך געשמדט?

— חלילה! צו אַזאַ נאַרישקייט בין איך נישט דערגאַנגען! ווען איך בין געוואָרן א ו י ס איד, איז דאָס געווען דעמאָלט, ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ ק ר י ס ט ל ע כ ע ר פרוי, אַ ד יי ט ש ק ע, צוליב וועלכער איך האָב איבערגעריסן מיט אַלעם וואָס עס איז געווען אידיש אַפילו — מיט מיינע עלטערן! איך בין געוואָרן א ו י ס א י ד, ווען איך בין געוואָרן אַ טאַטע פון צוויי זין וועלכע איך האָב נישט גע-אידישט, אָבער — איך וויל איר זאָלט מיר אויסהערן פון אָנהויב אָן!

איך בעט אײַך, פֿאַרלירט װיפֿל צײַט עס איז נויטיק מיך אויסצוהערן, גלויבט מיר, אַז קײן נאָבעלערע אַרבעט און מצוה האָט איר אויף אײַער לעבן נישט געטאָן! לאָזט מיך רעדן! שלאָגט מיר נישט איבער, קוקט נישט אויפֿן זײגער! איך בעט אײַך! איך בעט אײַך!... און

צװײ טרערן האָבן זיך באַװיזן אין זײַנע אויגן!

— איך בין גרייט צו בלײַבן בײַ אײַך װי שפּעט איר װילט אַלײן — זאָג איך אים, אָבער איך װעל אײַך בעטן צװײ זאַכן:

ערשטנס: זאָגט מיר דאָס ערשטע, װי קומט איר צו מיר? װער האָט אײַך געגעבן מײַן נאָמען און טעלעפֿאָן? און בכלל װאָס קאָן א י ך אײַך העלפֿן?

צװײטנס: אויב מיר װעלן זיצן שפּעט, דערלויבט מיר מעלדן אַהײם אַז איך קום הײַנט שפּעט — מען זאָל זײַן רואיק! װײַל — —

— איר האָט דאָך איבערגעלאָזן אין דער הײם מ י י ן טעלעפֿאָן? זײ װעלן זיכער רופֿן אַהער? שלאָגט מיר דער דאָקטאָר איבער מײַנע רייד.

— נײן! אין דער הײם װייסט מען פֿון גאָרנישט! איך האָב נישט געזאָגט װאוהין איך פֿאָר און זײ װייסן א ב ס אָ ל ו ט פֿון גאָרנישט! און אַזױ װי איך טרײַב אַן אויטאָ, איז, װען איך רעד נישט אַהײם עט־לעכע שעה, האָט מײַן פֿרױ יסורים... אפשר אַן אַקצידענט — האָב איך אַ געװאוינהייט צו מעלדן אַז איך קום שפּעט, מען זאָל קײן יסורים נישט האָבן!...

די אויגן פֿון מײַן מיטשמועסער זײַנען װידער געװאָרן נאַסלעך... ער האָט זיך איבערצײַגט אַז איך האָב געהאַט צוטרױ צו אים! ער װײַזט מיר אָן דעם טעלעפֿאָן — אַ לוקאַ אַפּאַראַט, װעלכע מ׳זעט נישט אַבי־װאו, איך טעלעפֿאָניר אַהײם, און זעץ זיך אויף דעם װײך־געבעטן דיװאַן, אַקעגן מײַן קראַנקן מיטשמועסער, גרייט אים אויסצוהערן! אָבער — ער הויבט נאָך נישט אָן! דאָס ערשטע גיט ער מיט די הענט אַ שטופּ־צו זײַן „באַ־װעגלעכן סיזשאָן” צום טיר, גיט אַ קלונג מיטן גלאָק, עס ג ע ד ו י ע ר ט נ י ש ט ק י י ן ס ע ק ו נ ד ע, קומט אַרײַן אַ דינער — װעלכן ער בעט אַז קײנער זאָל אים נישט באַלעסטיקן ביז ער װעט אַלײן רופֿן, מעג קלינגען װער־עס־װיל — איז ער נישטאָ פֿאַר קײנעם!

דער דינער גיט זיך אַ טיפֿן בויג און גייט אַרויס.

װען ער איז שוין פֿון יענער זײַט טיר — רופֿט זיך אָפּ דער דאָקטאָר:

איר זעט, װי עס האָט גאָרנישט געדויערט צװישן מ י י ן רופֿן און זײַן קומען! ער שטײט הינטער דער טיר גרייט... זיך עפּעס אונטער־הערן!...

— פֿאַרװאָסט־זשע זאָגט איר אים נישט אָפּ? — פֿרעג איך.

— דאָס איז אַ קאַפּיטל פּ אַ ר זיך, וואָס איר וועט, אין משך פון אונזער געשפּרעך, ווּיסן און ער הויבט אָן דערציילן:

— —

איך געדענק פון מיין קינדהייט, אַז ווען מען פלעגט דערציילן אַ געשיכטע וועגן איינעם, האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט אַ קליין שטעטעלע, מיט אָרעמע עלטערן, מיט ליידן און נויט, הונגער און דאָרשט און שמיץ פון רבּין!

ביי מיר, מיין געשיכטע, הויבט זיך אָן פאַרקערט.

איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ גרויסער שטאָט, און אָדעס — ביי רייכע עלטערן, און בין אויפגעצויגן געוואָרן אין עושר און אין כבוד!

מיינע עלטערן — מיין פאָטער — איז געווען אַן עכט געבילדעטער מאַן, געווען אַן אינזשעניער, און ביים צאַרס צייטן, באַקומען אַ דיפּלאָם און אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד, ביים בויען בריקן, קאַזאַרמעס און רעגירונגס געביידעס.

איך געדענק אפילו אַן עפּיזאָד — דאָס איז געווען אין די 90־ער יאָרן. ווען עס האָט געבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם איבער רוסלאַנד, איז צו אונז געקומען דער גראַדאָנאַטשאַלניק אַליין און אין דער אַנוועזנהייט פון מיין פאָטערס פאַמיליע — אים איבערגעגעבן אַ דיפּלאָם און אַ מעדאַל, וואָס מען האָט דעם טאַטן געשיקט דירעקט פון פּעטערבורג.

און, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אונזער הויז איז געווען — אַזוי צו זאָגן — אַן אַריסטאָקראַטישע שטוב — האָט מען דאָך געהאַט ביי אונז אַ באַציאונג צו אַלעם וואָס עס איז אידיש און טראַדיציאָנעל, און אין שטוב האָט מען גערעדט מער אידיש ווי רוסיש! און אָט י ע נ ץ רעדן איז מיר געבליבן אין זכרון ביז היינט צו טאָג! איך בין ניט זיכער צי פאַר די לעצטע 51 יאָר (איצט בין איך אַלט 64) האָב איך גערעדט אַזוי פ י ל א י ד י ש וויפל איך רעד א י צ ט מיט אייך, דאָך, גלויב איך, אַז עס וועלן מיר ניט פעלן קיין אידישע ווערטער צו אונזער געשפּרעך!

און מערקווירדיק! וויפל מער כבוד מיין פאָטער האָט געהאַט פון די רוסישע רעגירער, אַלץ מער האָט ער זיי פיינט געהאַט! אַלס אידישער איד, אַלס נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט, האָט ער ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען די גזרות וואָס האָבן זיך געשיט אויף די אידישע קעפּ! דאָס טרייבן אידן פון די דערפער, די פּאָגראָמען און בלוט־בלבולים האָבן אים שטאַרק ווי געטון און געעקלט! און אין אַ שיינעם טאָג, איך בין נאָך

געוועזן גאָר אַ קינד, האָט דער פֿאָטער געגומען זיין פֿאַמיליע — וועלכע איז דאָן באַשטאַנען פֿון: טאַטע-מאַמע, דריי שוועסטערלעך און איך, און איז מיט אונז אַוועק קיין בראַזיל!

וואָו האָט מיין פֿאָטער געהערט פֿון בראַזיל? פּאַרוואָס עס איז אים, גלאַט, איינגעפֿאַלן צו פֿאָרן קיין בראַזיל? — דאָס האָב איך אַלס קינד ניט פֿאַרשטאַנען! ערשט, מיט יאָרן שפּעטער, בין איך געוואָרע געוואָרן, אַז מיין פֿאָטער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דער וועלט! ער האָט זיך אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז ער וועט זיך באַזעצן אין אַ וויסטעניש און דאָרט ווערן אַ גוט-באַזיצער און זיך אָפּגעבן מיט זיין פֿאַמיליע און מיט... בהמות, פֿערד, שאָף, רינדער, ווי די פּאַרציייטיקע מענטשן האָבן געלעבט!... ער וועט לעבן — אַזוי האָט ער געדענקט — אַ רואיק נאַטור-לעבן.

איין זאַך האָט ער אָבער פֿאַרגעסן: ער האָט ניט אינזינען געהאַט אַז ער האָט קינדער און ספּעציעל — מיידלעך, וועלכע דאַרפֿן, פֿריער אָדער שפּעטער, קומען צו מענטשן, געפֿינען זייער זיווג און חתונה האָבן!

און, אָט, אַזוי, האָט זיך צוביסלעך אָנגעהויבן אונזער טראַגעדיע, און ספּעציעל מיין טראַגעדיע!

מיר האָבן אָפּגעלעבט אין בראַזיל קוים פֿינף יאָר, מיר האָבן געהאַט אַ רייכע פּלאַנטאַציע נאָענט פֿון סאַן פּאַולאָ! מיר האָבן געהאַט צענדליקער אַרבעטער — די גרעסטע טייל שוואַרצע — וואָס האָבן געאַרבעט ביי אונז! מיין פֿאָטער איז געוועזן שטאַרק פֿאַרנומען מיט זיי און מיט זיינע קערנער פֿון קאַפֿע און האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט אַ קוק טון אויף אונז, און ווען ער האָט שוין אַ קוק געטון — איז שוין געוועזן צו שפּעט! צוויי פֿון מיינע דריי שוועסטער האָבן זיך שוין פֿאַרליבט אין צוויי בראַזיליענער, אין צוויי האַלב טונקל-הויטיקע, און ווען ער האָט געפּרואווט פּראָטעסטירן, ניט דערלאָזן, איז שוין געוועזן כמעט ווי שפּעט!...

דער פֿאָטער מיינער, וויל ניט איבערלעבן אַזאַ וויטיק, גייט אַריין אין באָד-צימער, נעמט איין אַ פֿאַרציע סיאַנוראַ און

איך ווייס ניט ווי אַזוי אייך צו זאָגן, צו צו מיין גליק צו צו מיין אומגליק! מען האָט מיין פֿאָטער אָפּגעראַטעוועט! אָבער, אונזער שטוב איז שוין געבליבן אַ צעבראָכענע! די שוועסטער האָבן אָפּגעבראָכן זייער ליבע מיט די בראַזיליענער און אין אַ שיינעם טאָג — זיינען זיי נעלם געוואָרן פֿון דער היים, איבערלאָזנדיק אַ בריוו, אַז מען זאָל זיי ניט זוכן ווייל מען וועט זיי ניט געפֿינען! זיי האָבן אויך געמעלדעט, אַז מען זאָל ניט טרויערן נאָך זיי ווייל... זיי לעבן!

אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיינען מיר געוואָרן אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין אָדעס און דאָרט חתונה געהאַט פּאָר צוויי אידישע סטודענטן!...

און — איצט הויבט זיך אָן מיין טראַגעדיע:

— — — — — — — — — — — — — —

נאָענט אין שכנות מיט אונז האָט געוואוינט אַ דייטשישע פאַמיליע! די פאַמיליע האָט געהאַט אַ שיין רייך הויז, אַ רייכע פּלאַנטאַציע פון קאַפע קערנער און מיין פאָטער פלעגט זיך זייער אָפט טרעפן מיטן שכן, דעם דייטש, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אינטעליגענט, קלוג און ליבעראַל.

מיט דער דאָזיקער פאַמיליע האָט אונז פאַרבונדן אַ פריינטשאַפט און ניט בלויז די עלטערן פלעגן זיך טרעפן כמעט טאָג-טעגלעך ביי אַ שמועס — נאָר אויך מיר, די קינדער, ספּעציעל איך מיט דעם שיינעם 17-יאָריק בלאָנד מיידל, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין זינגען, שפּרינגען און אַרומטאַנצן!... און — ניט מיר, די קינדער האָבן עס באַמערקט, ניט די עלטערן האָבן עס באַמערקט, פון דער פריינטשאַפט איז ביי אונז געוואָרן אַ ליבע! אַ הייסע ליבע! אַ ליבע אויף לעבן און טויט!

וואָלט ניט געווען געשען דער אומגליק מיט מיין פאָטערס זיך וועלן נעמען דאָס לעבן — וואָלטן מיר זיכער ניט געמאַכט קיין קונצן און דער-קלערט אונזערע עלטערן אונזער ליבע!

האָב איך אָבער געוואוסט, אַז מיין חתונה מיט מיין מיידל וועט טרייבן מיין פאָטער אין דער ערד אַריין! האָב איך באַשלאָסן צו האַנדלען פאַרזיכטיק!

אין אַ שיינעם טאָג מעלדע איך מיין פאָטער, אַז מיר געפעלט ניט בראַזיל און איך וויל פאָרן קיין אַרגענטינע! איך וויל זיין אין בוענאָס איירעס!

מיין פאָטער, מיין קלוגער ערלעכער אידישער פאָטער, האָט מיר תיכף געגעבן זיין הסכמה! צי ער האָט אפשר דערשמעקט, אַז צווישן מיר מיט דער שכנהס מיידל איז עפּעס ניט גלאַט, צי ער האָט גלאַט גע-וואָלט, אַז איך זאָל זיין צווישן אידן! דער פאַקט איז — ער האָט מיר אָן שום טענות געגעבן געלט אויף הוצאות, געלט אויף די ערשטע פּאָר חדשים לעבן, און מיך אַרויסבאַגלייט צו דער שיף! ביי דער שיף איז אויך געווען אונזער שכן — דער דייטש מיט זיין טעכטערל, וועלכע האָט אַזוי אָנגעקוועלט פון געזעגענען זיך און לכבוד אַזאַ געשעעניש — האָט זי זיך אַזש צעקושט מיט מיר!...

אָרעמער פּאָטער מיינער! ער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז גע־וועזן אַן אויסגעאַרבעטעטער פּלאַן, ווי אַזוי ניט צו פאַרשאַפן דעם טאַטן קיין עגמת נפש פון אונזער ליבע! ער האָט אויך ניט געוואוסט, אַז ביז זעקס מאָנאַטן וועט שוין מיין געליבטע זיין ביי מיר, אין בוענאָס איירעס, און מיר וועלן שוין זיין מאַן און ווייב! און כדי צו פאַררייבן וועלכן עס איז חשד, האָט מיר מיין געליבטע נאָכגעגעבן און געפּועלט ביי אירע עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך — צוליב וועלכער עס איז נאַרישקייט — פאַר־טשעפּען און צעקריגן!... דער חשבון איז געווען, אַז די פאַמיליעס וועלן זיין אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן און ווען מיין געליבטע וועט אין אַ שיינעם טאָג נעמען אַ שיף און פאָרן קיין בוענאָס איירעס — וועט מען עס ביי אונז ניט וויסן!...

דער חשבון איז טאַקע געווען אַ ריכטיקער! אָבער — ער האָט ניט געשטימט! אַכט טעג נאָך דעם אָנקומען פון מיין געליבטער צו מיר איז מיין פאָטער געוואוירע געוואָרן! ער איז זיך ניט אַוועק סמ'ען, אָבער — ער האָט געגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז מען זאָל מיין נאָמען מער ניט דערמאָנען אין שטוב! איך בין געשטאָרבן!

— —

למען האמת, וויל איך זיך אייך **איצט** מודה זיין!

איידער מיר זיינען אַוועק צום „רעגיסטראָ סיוויל" אַרויסנעמען אַ ביכל, האָב איך מיט מיין געליבטער אויסגענומען קאַטעגאָריש:

ערשטנס: —ביידע וועלן מיר זיך ניט שטערן אין אונזערע רעלי־גיעזע ענינים! איך — אויב איך וועל וועלן — קאָן איך בלייבן אַ איד! זי — אויב זי וויל — קאָן זיך בלייבן אַ קריסטין! איינער דעם אַנדערן דאַרף אָבער ניט שלעפּן און אַפילו ניט צורעדן צום אַנדערנס גלויבן! און

צווייטנס: — אויב עס וועלן געבוירן **אינגלעך** דאַרפן זיי זיין אונטער **מיין** השפעה! אויב **מיידלעך** — דאַרף זי זיי דערציען! אָבער אויך דאָ האָבן מיר באַצייטנס אויסגענומען און פעסטגעשטעלט:

ניט **איך** דאַרף פאָדערן, אַז מען זאָל די אינגלעך... „אידישן", ניט זי דאַרף די מיידלעך פירן צום גלח!

בכלל האָבן מיר באַשטימט פירן אַ פריי, פולשטענדיק פריי, ליבע־ראַל לעבן!

— —

אונזער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן מיט גליק. ווען מיין כלה איז גע־קומען צו מיר האָט זי געבראַכט מיט זיך אַ רעקאָמענדאַציע פאַר מיר צו אַ גרויסער דייטשער פירמע — אַ מיליאָנען־פירמע — וועלכע האָט מיך באַלד אויפגענומען און מיר געגעבן אַ פאָסטן מיט אַ געהאַלט פון... דריי הונדערט פּעזעס אַ חודש! וואָס דאַן, אין יענע צייטן האָט געהייסן פאַרדינען דריי הונדערט פּעזעס? — דאַרף איך אייך נישט דערציילן!

מיין אַרבעט איז געווען ניט קיין שווערע! און איך האָב געהאַט צייט, אַ סך פרייע צייט! און — אַנשטאָט גיין אין די קאַפעען אָדער פאַר־ברענגען מיט מיין פרוי אין די קאַבאַרעטן — האָב איך זיך אַ נעם געטאָן צו שטודירן און אין ווייניקער ווי דריי יאָר האָב איך געענדיקט דעם נאַ־סיאָנאַל און בין אַריינגעטראָטן אין פאַקולטעט!

פון מיינע עלטערן האָב איך קיין שום בריוו ניט באַקומען, אָבער, דורך מיין פרוי בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז זינט איך בין אַוועק פון הויז, איז מיין פאָטער קראַנק, צעבראָכן, און... גרייז גרוי געוואָרן!

צו וואָס לייקענען? ניט איינמאָל האָט מיך אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ און אַ חשק איז מיר באַפאַלן צו מאַכן אַ רייזע קיין בראַזיל — אָבער, איך האָב געוואוסט אַז מיין פאָטער וועט מיך ניט אויפנעמען!

וואָס מיר איז געווען אויפפאַלנד איז געווען פאָלגנדעס:

מיין שווערס נאָמען פלעגט אין מיין אָפיסינע — צווישן די גרויסע און עלטסטע שעפן און דירעקטאָרן, אָפט דערמאָנט ווערן מיט אַ יראת־הכבוד און ווען מיין שווער האָט מיר צוגעשיקט עפּעס אַ בריוועלע צו איינעם וועגן זיינעם אָדער מיינעם אַן ענין, האָט מען זיינע מעלדונגען אָנגענומען ווי אַ פאַראָרדענונג פון קייזער ווילהעלם!...

עס האָט ניט געדויערט לאַנג אַז איך זאָל געוואוירע ווערן, אַז מיין שווער — אָט דער בראַזיליענער עסטאַנסיעראָ — איז אַ הויכער פ ר יי־ס י ש ע ר מיליטער־מאַן וועלכער האָט אַ „געוויסע מיסיע” דורכצופירן אין בראַזיל לטובת דעם ד יי ט ש ן גענעראַל־שטאַב!... פשוט גערעדט — ער איז געווען אַ שפּיאָן לטובת דייטשלאַנד! אַלס איד — כאָטש איך בין שוין געווען דערווייטערט פון אידנטום — האָב איך געפילט אַ גע־וויסע סימפּאַטיע צו דייטשלאַנד פאַר איר מענטשלעכער באַנעמונג צו אידן! און עס האָט מיך ניט געאַרט און אפשר גאָר הנאה געטאָן וואָס מיין שווער העלפט דייטשלאַנד! און ווען ער פלעגט מיר צושרייבן עפּעס אַ בריוול — האָב איך עס געלייענט מיט פאַרגעניגן און אים געווען גרייט צו העלפן אין זיין „בראַזיליענער מיסיע”! ווער האָט דאַן געקאָנט פאַר־אויסזען וואָס, פון אָט די דייטשן וועט ווערן!...

— — — — — — — — — — — — — —

מיין לעבן איז געווען פול מיט פּראָגרעס! איך האָב פלייסיק געלערנט און אין צוויי יאָר געענדיקט דעם אוניווערזיטעט אלס „דאָקטאָר אין געזעצן" (אַבאָגאַדאָ), איך האָב אין דער זעלבער צייט געלערנט אין נאָך צוויי פאַקולטעטן — און געענדיקט אלס דאָקטאָר פון „פילאָזאָפיע און לעטראַס" און נאָטאַריוס (עסקריבאַנאָ)! אויף מיין שטעלע האָב איך אויך געוואַקסן און דערגרייכט דעם אַמט פון כערענטע-דירעקטאָר! אויך דאָס שטוב-לעבן איז ביי מיר געווען אַ גליקלעכס! מיר — איך מיט מיין פרוי, האָבן זיך — דוכט זיך — איינפאַרשטאַנען! מיר האָבן שוין געהאַט דריי קינדער — צוויי זין און אַ טעכטערל, וועלכע האָבן באַקומען אַ פ ר יי ע דערציאונג! ניט זיי האָבן עפּעס געוואוסט פון אידנטום און אפשר נאָך ווייניקער פון... קריסטנטום! איין זאַך איז מיר ניט געווען באַקוועם! זיי פלעגן באַקומען אָפטע בריוו און אַ סך מתנות פון זייער זיידן — פון מוטערס צד! און ווען זיי האָבן מיך אַ מ אָ ל — און שפּעטער — אָפטער, געפרעגט — וואו זיינען זייערע זיידע-באָבע „דעל פּאַפּאַ", האָבן מיר זיי פאַררעדט די ציין אַז זיי זיינען אין אַ ווייט לאַנד!

אין אַ שיינעם טאָג, און ווידעראַמאָל אַ דאַנק גרויסער פּראָטעקציע, האָט מען מיך געררופן פאַרנעמען אַ הויכן פּאָסטן אין אַ היגער פּראָווינץ און שפּעטער האָב איך געשטיגן און דערשטיגן צו אַ הויכן אַמט פון אַ ריכטער אין אַ פּראָווינץ!...

אָט אַזוי האָב איך געלעבט גליקלעך ביזן יאָר 1933! אין יאָר ווען היטלער האָט פאַרנומען די מאַכט אין דייטשלאַנד!

אויב פאַר די אידן פון דער גאָרער וועלט איז היטלערס אויפשטייגן אין דייטשלאַנד געווען אַ גרויסער אומגליק — פאַר מיר איז עס געווען אַ דאָפּלטער אומגליק!... איך האָב פּלוצים דערפילט אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין מיין פרוי'ס באַציאונג צו מיר! איך האָב אָנגעהויבן באַמערקן אַז זי גייט אָפּט אַוועק אויף שעהן-ווייז פון שטוב און איך בין גיך געוואָרע געוואָרן אַז זי איז אַן אָנפירערין פון אַ גרופּע פון נ אַ צ י ש ע פרויען וואָס באַהאַלטן זיך אונטער אַ קולטורעלן נאָמען, אָבער זייער מיסיע איז הילף פאַרן נאַציזם אין דייטשלאַנד!

און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָב איך אויך באַמערקט אַז די קינדער מיינע זיינען אויך גאָר אַנדערע! די מאַמע באַמיט זיך, מיט אַלע כוחות, איינצופלאַנצן אין זיי די נאַציסטישע תורה!... און אין איינעם אַ טאָג — איך געדענק עס ווי היינט — עס איז געווען דער טאָג פון 31-טן אויגוסט 1939 — אַ טאָג אָדער עטלעכע שעה פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, איז מיין עלטסטער זונדעלע אַריינגעקומען אין שטוב אַריין — און האָט, ווייזט אויס, ניט באַמערקט אַז איך זיץ אויף אַ שטול און

לייען אַ צייטונג, — איז ער צוגעגאַנגען צו דער מוטער און מיטן אָרים אין דער הויך האָט ער איר סאַלוטירט:

— „הייל היטלער"!

מיין ענטפער אים איז באַלד געקומען אויפן אָרט:

צ ו ו י י פ י י ע ר ד י ק ע פ ע ט ש אין די באַקן, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן זאַל!

די טראַגעדיע וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט אין מיין הויז — וויל איך איצט ווידער ניט אַרויפברענגען אויף מיין זכרון! די פרוי האָט געחלשט, איך האָב באַקומען אַ נערוון-אַטאַקע און מיט אַ שטעקן צעבראָכן אַלעם וואָס עס איז געווען אין זאַל! אָבער — אַ וואונד איז מיר געבליבן!

און איצט — צען יאָר נאָך יענעם אָוונט און נאָך יענער געשעעניש, קום איך צום שלום:

איך האָב נאָך דאַן געקאָנט ראַטעווען מיך און מיינע קינדער פון אַ וויטערדיקער טראַגעדיע! ווען איך זאָל זיי געווען דעמאָלט אויסזאָגן אַז א י ך בין אַ איד און אויך ז י י זיינען ה א ל ב ע אידן, וואָלט, אפשר, איצט אַנדערש געווען!

אָבער — דאָס צו טאָן, בין איך געווען צופיל... פּחדן!

פונעם טאָג וואָס די מלחמה איז אויסגעבראָכן — איז אין מיין שטוב געקומען אַ פולשטענדיקע ענדערונג! מיין פרוי האָט מיר אָפן געזאָגט אַז זי איז אַ נאַצי — כאָטש זי איז קעגן היטלערס באַנעמונג צו אידן — און זי איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן „פירער" און פאַר נאַצי-דייטש-לאַנד! אגב, האָט זי זיך „פאַרענטפערט" אַז ווען זי וויל שוין אפילו זיך צוריקציען, קאָן זי אויך ניט ווייל זי איז אַ גאַנצע „כעפאַ" פון אַ גרופּע און די „געסטאַפּאָ" קאָנטראָלירט אירע האַנדלונגען!...

אין אַן אויפדערנאַכט, ווען זי איז געווען, צופעליק, פריי פון אירע „אַמטן" אין דער פאַרטיי, און אין דער אינטימיטעט, האָט זי מיר דער-ציילט, אַז זי איז געוואָרן אַ נאַצי כדי... מיך אָפּראַטעווען ווען היטלער וועט קומען אַהער! אַ סימן האָב איך, אַז די פאַרטיי און די געסטאַפּאָ ווייסט אַז זי „וואוינט" מיט אַ אידן — און מען שטערט איר ניט!... און אדרבא! זיי זיינען אפילו ניט קעגן, אַז די פאַרטיי-פאַרזאַמלונגען זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן אין... מיין הויז — אָבער בתנאי אַז... איך זאָל דערביי ניט זיין!...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אָנגעוויזן מיין פרוי, אַז מען טוט איר קיין טובה ניט וואָס מען דערלויבט איר צו בלייבן מיט מיר! דאָס גוי־טיקן זיי זיך, אין מ יי ן פראַטעקציע און אין מיין הויז אויף וועלכי עס פעלט ניט קיין חשד!

מיין פרוי האָט זיך ניט געלאָזט איבערצייגן, זי איז געווען איינגע־גלויבט אינעם נאַציזם און נאָך מער איינגעגלויבט אין זיג פון די נאַצים אויף דער וועלט!...

אָבער — פון מיין פרוי האָב איך זיך שוין מיאש געווען! וואָס איך האָב געהיט — און געמיינט אַז איך פאַרהיט — איז געווען מיינע קינ־דער! איך האָב מיין פרוי געזאָגט קאַטעגאָריש אַז:

אין דעם טאָג ווען איך וועל געוואוירע אַז מיינע קינדער זיינען נאַ־צים — וועל איך זיי דערשיסן מיט מיינע אייגענע הענט!

ווייזט אוים אַז מיין פרוי האָט זיך דערשראָקן און מיר פאַרזיכערט אַז זי — שלעפט זיי ניט מיט זיך!...

ווי נאַריש בין איך געווען עס צו גלויבן!...

— — — — — — — — — — — — — —

דער דינער קלאַפּט אָן אין טיר! שוין צייט צו נעמען דעם רעצעפּט! צייט אויך צו נעמען אין מויל אַריין!

ער גייט אַריין מיט אַ פלעשל! גיסט אָן אַ לעפעלע פון רעצעפּט און... ער טרינקט עס אליין אויס! דעם צווייטן לעפל גיט ער דעם קראַנקן וועלכער טרינקט עס אויס.

מען סערווירט פאַר אונז אַ געשמאַקע וועטשערע, דער דינער עסט מיט אונז צוזאַמען, טרינקט פון דער זעלבער פלאַש וויין, און ביים טיש רעדן מיר פון אַלעמען אַחוץ פון עיקר!...

אַרום עלף ביינאַכט, גייט אַרויס דער דינער פון צימער, מיר פאַר־רויכערן סיגאַרעטן און דער שמועס ווערט פאַרגעזעצט.

די אַלע מלחמה־יאָרן, זיינען פאַר מיר געווען איין גרויסע טראַגע־דיע. אויף טריט און שריט האָב איך געפילט דעם נאַציזם ביי מיר אין שטוב. איך פלעג, ניט איינמאָל, ליגן אויף אָט דעם גרויסן דיוואַן וואָס שטייט דאָ, אָדער זיצן אין אָט דעם שטול, און טראַכטן וועגן דער טראַ־גיש־קאָמישער ראָל וואָס מיר — אַ אידן — קומט אוים צו שפּילן ביי מיר אין שטוב! איך האָב געקאָנט ליגן און טראַכטן א ו מ ג ע ש ט ע ר ט ווייל... קיינער איז קיינמאָל אין שטוב ניט געווען! מיין פרוי איז אַרומ־געלאָפן אויף זיצונגען פון די נאַצישע גרופּירונגען, מיינע ביידע זין זיי־

נען שוין געווען גרויסע מענטשן — הויכע פּערזענלעכקייטן און פּאַרנע־מען הויכע פּאָסטנס אין דער שטאַט־רעגירונג און מיין טעכטערל האָבן מיר אָפּגעגעבן אין אַ פּענסיאָנאַט וואו זי האָט — אַזוי האָט מען מיך פאַרזיכערט — באַקומען, אַ פרייע, ליבעראַלע און פּאַטריאָטישע דער־ציאונג! די איינציקע וואָס זיינען געווען מיט מיר — זיינען מיינע צוויי דינער — איינער, וועלכער עסט מיט מיר איצט — און וואָס דינט שוין ביי מיר עטלעכע און דרייסיק יאָר, און דער צווייטער — וועלכער האָט אייך געעפנט די טיר און וואָס איז שוין אויך ביי מיר קרוב צו צוואַנציק יאָר!...

נו! פלעג איך טאַקע בלייבן אַליין מיט מיינע געדאַנקען, און עס פלעגט פאַר מיר שוועבן די בילדער פון היטלערס רדיפות אויף די אידן, און ווי אַזוי איך העלף אים — ביי מיר אין הויז — אַז ער זאָל זיגן!...

פון קיין מאַידאַנעק, פון קיין גאַז־קאַמערן האָב איך די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה ניט געוואוסט, און ווען איך ווייס — גלויב איך עס אויך ניט!...

און מערקווירדיק! איך האָב ניט געדאַרפט לייענען קיין ציימונג כדי צו וויסן ווי אַזוי היטלערן גייט אין זיין מלחמה מיט דער וועלט! מיין פרוי איז געווען דער בעסטער באַראָמעטער ביי מיר! איז זי געקומען פון דער גאַס, פון די פאַרזאַמלונגען, פריילעך, לעבעדיק, האָב איך געוואוסט, אַז ע ר ג ע ץ האָט היטלער געזיגט, אַז ערגעץ האָט מען אונטערגעטרונקען אַ גרויסע שיף פון די אַליאירטע אָדער מען איז באַפאַלן אַ לאַנד און עס באַזיגט! איך האָב אויף איר פּנים אַלעם אַרויסגעלייענט, כאָטש זי האָט זיך באַמיט מיך ניט אויפרייצן, ווייל, נאָך אַלעמען, האָט זי זיך שטאַרק געענויטיקט אין מיין הויז, אין מיר, און אין מיין עפנטלעכער פּאָזיציע וועלכע איך האָב פאַרנומען!

אין איינעם אַ טאָג, קומט אָן מיין פרוי אַ מעלדונג אַז... איר „מוטער איז געשטאָרבן", און עס איז געבליבן פאַר איר אַ ירושה פון עטלעכע מיליאָנען פּעזעס!

מיין פרוי האָט אַפילו קיין טרער ניט געלאָזט! אדרבא! זי האָט זיך גאָר דערפרייט! זי דאַרף איצט האָבן אַ סך געלט! מען דאַרף האָבן „פאָנ־דן" פאַר „אינערלעכע אַרבעטן" און אָט די ירושה וועט איר איצט צונוץ קומען!

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר אַ ספּעציעלער שליח געבראַכט אַ טשעק אויף... 4 מיט אַ האַלבן מיליאָן פּעזעס! אָבער — אַן אומגליק האָט זי געטראָפן! דער טשעק איז געווען אויסגעשטעלט אויף... מ יי ן נאָמען!

זי איז דאָך געווען מיין געזעצלעכע פרוי, און אַ טשעק אויף א י ר נאָמען אויף אַזאַ סומע, וואָלט אפשר אַרויסגערופן אַ חשד... האָט מען זיך באַוואָרנט און געשיקט אַט דעם טשעק אויף מ י י ן נאָמען, אויפן נאָמען פון אַזעלכן וואָס האָט איינפלוס און וועמען מען וועט ניט נאָכקוקן...

און — דאָ איז געקומען איר ערשטער בראָך! ווען איך האָב באַקומען דעם טשעק צו מיר, האָב איך, ד אָ ס ע ר ש ט ע אים דעפּאָזיטירט און געמאַכט פון אים געלט! און דאָס צווייטע — איר געמעלדעט, אַז דאָס געלט — „די ירושה״ — וועל איך אַוועקלייגן אויף די... קינדערס נעמען — מיט אַ באַוואָרענונג, אַז זיי וועלן עס נ י ט קאָנען אַרויסנעמען פ אַ ר 10 יאָר יאָר און בלויז מיט די עלטערנס הסכמה!...

אייך באַשרייבן די סצענע ווי אַזוי מיין פרוי איז געבליבן געפּלעפט, איז ניט אין מיינע כוחות! פריער האָט זי געפּרואווט דורך ספּאַזמען און היסטעריקע אָנפאַלן אויף מיר און פאָדערן איר „ירושה״! שפּעטער האָט זי מיט גוטן און מיט קניען אויף דער ערד אָנגעהויבן בעטן, אַז איך זאָל איר אומקערן דאָס געלט! און ווען זי האָט געזען, אַז איך בין האַרט ווי אַ שטיין, און מיין טענה, אייגנטלעך, איז געווען, אַז איך נעם דאָך ביי איר ניט צו איר געלט פ אַ ר ז י ך, נאָר איך וויל עס איבערגעבן און פאַרזאָרגן א ו נ ז ע ר ע קינדער, און זי — אַזוי האָב איך געטענהט — לעבט דאָך, סיי ווי סיי אין עושר און אין כבוד און עס פעלט איר גאָרניט. האָב איך באַמערקט, אַז זי האָט זיך איבערצייגט אַז איך מיין ערנסט, ניט אָפּגעבן איר דאָס געלט — און קיין דאָקומענטן דערויף האָט זי בכלל ניט געהאַט, אַ חוץ אַ שטיקל בריוו געשריבן פון ע מ י צ ן (ניט פון איר פאָטער), האָט זי, לסוף, מודה געווען:

דאָס געלט איז ניט פון קיין „ירושה״, איר מאַמע לעבט און איז געזונט און שטאַרק, נאָר דאָס האָט מען געשיקט דאָס געלט פון דייטשלאַנד צו דער היגער אַמבאַסאַדע אויף הוצאות פון „פּראָפּאַגאַנדע״ און „אַרבעט״, און אַז איך — מיין נאָמען — איז אויסגענוצט געוואָרן אַלס „קאָררעאַ״, אַלס „פּאָסט-טרעגער״: אַגב, — האָט זי דערציילט — בין איך ניט דער איינציקער דורך וועמען מען שיקט אַזוי איבער געלט... און לסוף האָט זי אויסגעלאָזט, אַז אויב איך גיב ניט אָפּ דאָס געלט צוריק, שטייט מיין לעבן און אפשר איר לעבן און די ק י נ ד ע ר ס ל ע ב ן אין סכנה! די געסטאַפּאָ וועט ניט פאַרשווייגן אַזאַ חוצפּה פון אַ „פאַרפלוכטן יודען!״ און אַט אַזוי וויינענדיק און כליפּענדיק האָט זי מיר דערציילט אַז אונזער טעכטערל, געפינט זיך טאַקע אין אַ פּענסיאָנאַט אָבער, אין דער אמתן, האַלט מען זי פאַר אַ משכון דאָרט, ווייל דער פּענסיאָנאַט איז אַ... געסטאַפּאָ-„קעמערל״ וואו מען האַלט די קינדער פון די וויכ-

טיקסטע „מיטאַרבעטער” און — זאָל עמעצער פון די מיטאַרבעטער זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקן אָדער עס זאָל זיין אַ חשד פון פאַראַט מצד אים — וועט זיין קינד אין פּענסיאָנאַט זיין דער ערשטער קרבן!...

דערהערט דאָס, האָט מיין בלוט אויפגעקאָכט: איך האָב געוואוסט אַז דאָס נאַצי־דייטשלאַנד האָט דאָ געהאַט אַ גרויסן איינפלוס — דאָס איז געווען אָנהויב נאָוועמבער פון 1942 — אָבער אַז די געסטאַפּאָ זאָל וואַגן צו נעמען אַ קינד פון אַ ריכטער און עס האַלטן אַלס משכון — צו דעם וועל איך ניט דערלאָזן! און אין ווילדן צאָרן, גיב איך אַ קלונג און רוף אַריין מיין דינער, אַט דעם וואָס באַדינט מיך אַזוי געטריי איצט, און באַפעל אים אַז ער זאָל הייסן צוגרייטן מיין אויטאָ און אַז ער וועט אויך פאָרן מיט מיר! איך זאָג אים ניט וואוהין מיר פאָרן ווייל, דאָס האָב איך געדענקט צו זאָגן מיין שאָפער!

מיין דינער בלייבט שטיין אַ מינוט, רוקט צו מיין פרוי אַ שטול, ווייל זי האַלט ביים חלשן און ראַמט מיר דערנאָך שטיל איין אַ סוד אין אויער:

„מיט אייער פאָרן אין פּענסיאָנאַט, וועט איר בלויז ברענגען אַן אומגליק אויף זיך און אויף אייער הויז! מען וועט אייך אייער טאָכ־טער קיין לעבעדיקע נישט אַרויסגעבן און איך בין אויך נישט זיכער צי מיט אייער קאָטש וועט נישט געשען קיין „אַקצידענט” נאָך איידער איר וועט צוקומען צום פּענסיאָנאַט און איר וועט גאָר אַהין קיין לעבעדיקער נישט קומען!... פאָלגט מיך און טוט וואָס אייער פרוי פאָדערט פון אייך!”

מיין צאָרן ווערט נאָך גרעסער! איך פאַרגעס אַז איך בין... אַ איד. איך פאַרגעס אַז איך בין אַרומגערינגלט מיט שונאים און דייטשישע שפּיאָנען אויף אַזוי ווייט אַז מיין דינער ווייסט אַלעס וואָס איך האָב גערעדט מיט מיין פרוי ביחידות. און ער ווייסט וואָס איך וויל טאָן! איך לויף־צו צום טעלעפאָן און וויל אָפּרופן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און אַרויפרופן אַן עסקוואַדראָן סאָלדאַטן צו מיר! עפּעס אַ קלייניקייט! איך בין דאָך פאָרט אַ פּערזאָן צו וועמען מען ווענדעט זיך מיט דעם טיטל „סו עקסעלענסיאַ”!

דער טעלעפאָן ביי מיר אַרבעט ניט!... מען האָט דעם טעלעפאָן אָפּגעשניטן! ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען אַז די לאַגע איז ערנסט!... און — מיר האָט זיך שוין אויך געדאַכט, אַז מיין פרוי, וועלכע איז געלעגן האַלב־פאַרחלשטע אויפן דיוואַן, אָבער מיט אָפענע אויערן און אויגן, האָט... אויך חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער שפּיל אין וועלכן זי האָט אַריינגעשלעפּט איר הויז!

איך בין געבראָכן געוואָרן! זיי האָבן מיך באַזיגט!

מיין קינדס לעבן איז ביי מיר געווען טייער!

איך בין צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, אַרויסגענומען דאָס טשעקן־ביכל און אויסגעשריבן אַ טשעק אויף דער גאַנצער סומע וויפיל די „ירושה" האָט באַטראָפן!.... און דעם טשעק איבערגעגעבן אַ שווייגנ־דער מיין פרוי! און מערקווירדיק! צען מינוט נאָכדעם ווי מיין פרוי האָט זיך אויפגעהויבן פון דיוואַן און צוגעגאַנגען צום שפיגל זיך פאַריכטן די האָר — האָט געקלונגען דער טעלעפאָן ביי מיר אין הויז! און ווער מיינט איר האָט גערעדט? — מיין טעכטערל! זי בעט מיך צו שיקן מאָרגן דעם שאָפער נאָך איר, ווייל מען האָט איר געגעבן דריי טעג וואַקאַציעס — ווייל זי פאַרברענגען מיט אונדז די דריי טעג...

קומענדיק אַביסל צו זיך פון שרעק און פרייד צו הערן מיין קינדס שטימע, האָב איך מיין פרוי געזאָגט:

הער זיך איין: צי איך בין יאָ אָדער נישט איינשטימיק מיט דיין האַנדלונג און מיט דיין אַרבעט אַלס נאַצי — דאָס וועלן מיר אַן אַנדערש מאָל רעדן! אָבער — אַז מיין קינד זאָל ביי אַט די אויסוואורפן זיין אַ משכון — דאָס וועלן זיי נישט דערלעבן!

מאָרגן קומט אונדזער קינד אַהיים און וועט מער אין פענסיאָנאַט נישט פאָרן, און וועט מער קיין משכון נישט זיין! זאָג דיינע נאַציס אַז זיי זאָלן מיך און מיין קינד לאָזן צורו — וועל איך זיי אויך צורו לאָזן! אין קעגנטייל, דערקלער איך זיי פון מאָרגן אָן קריג! און איך גאַראַנטיר דיר אַז ביז מאָרגן וועל איך... נאָך לעבן!

געענדיקט די רייד, גיי איך צו צו מיין טיש־קעסטל, נעם אַרויס מיין געלאָדענעם רעוואָלווער וועלכן איך האָב לעצטנס געהאַלטן שטענדיק גרייט רוף אַריין, דאָס ערשטע, מיין ע ל ט ס ט ן ב א ד י נ ע ר וועל־כער האָט זיך זיכער נישט גערעכנט אַז איך וועל אים אויפנעמען מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער אין האַנט! ער הובט אויף די הענט! איך באַטאַפּ אים, קיין געווער האָט ער נישט! — היים איך אים אַריינגיין אין אַט יענעם זייטיקן צימער וועלכן איך נוץ אַלס אַרכיוו! דער צימער האָט נישט קיין פענצטער און פאַרמאָגט נישט קיין שום אַרויסגאַנג אין דרויסן אַ כוץ דורך דער טיר! נאָך דעם דינער, רוף איך אַריין מיין שאָפער, וועלכער האָט שוין גראַדע יאָ געהאַט אַ רעוואָלווער אָבער, ער האָט נישט געפּרוווט זיך קעגנשטעלן, איך אַנטוואָפן אים און לאָז אים אויך אַריין אין יענעם צימער! און אַזוי האָב איך, צוביסלעך פאַרשלאָסן אַלע פינף דינער און קעכנע וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט!

געענדיקט מיט זיי, האָב איך מיין פרוי באַרואיקט אַז א י ר וועט גאָרנישט געשען! איך האָב נאָר געוואָלט באַוואָרענען אַז מען וועט נישט מאַכן אויף מיר קיין אינערלעכן אַטענטאַט ביז מאָרגן אינדערפרי!...

פאַרשטייט זיך אַז די גאַנצע נאַכט זיינען מיר שוין נישט געגאַנגען שלאָפן! איך האָב געהיט די דינער — און אין איינוועגס — מיין פרוי — אַז זיי זאָלן נישט קאָנען זיך קאָמוניקירן מיט קיינעם אינדרויסן! צוליב פאָרזיכטיקייט — האָב איך נישט געלאָזט צוגיין מיין פרוי צו אַ פענצטער מורא האָבנדיק טאָמער וויל זי מאַכן אַ סימן עמעצן אינדרויסן! און אַז אינדרויסן היט מען די שטוב — בין איך געווען זיכער און איבערצייגט און בגנבה, אַפילו, געכאַפּט אַ בליק אַהין!... אין משך פון דער נאַכט האָט צוויי מאָל געקלונגען דער טעלעפאָן אין מיין הויז. און ווען איך בין צו־געגאַנגען צו אים און זיך אָפּגערופן האָט מיר קיינער נישט געענטפערט!...

יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן! ווי אויף צו להכעיס האָט זי זיך געצויגן און געצויגן און נישט געוואָלט טאָג ווערן. מיר דוכט זיך, אַז פון יענער נאַכט אָן בין איך עס געוואָרן אַזוי גרוי!... ביז מיר האָבן דערלעבט דעם פאַרטאָג!

אַרום זעקס אַזייגער פאַרטאָג, האָט מיין פרוי זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ ביטע!...

איך זאָל נעמען אַ ביסל כלאָראָפאָרם, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אונ־זער שטוב־אַפּטייל, און איר אַרויפלייגן אויף דער נאָז און זי פאַרשלעפן! זי וויל, אַז ווען איך וועל באַפרייען די דינערשאַפט, זאָלן זיי זען, אַז זי האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן, ווייל... זי איז געשלאָפן!... און דערביי האָט זי נאָך צוגעגעבן אַז... עס האַנדלט זיך אין זיכערקייט פון אונדזער טעכטערלס לעבן!...

איך האָב אויך פאַרשטאַנען אַזוי און איר צוליב געטאָן! אַרום 6.30 אַזייגער איז זי שוין גוט געשלאָפן אַ פאַרכלאָראָפאָרמירטע!...

איצט, האָב איך פאַרשטאַנען, מוז איך האַנדלען שנעל אָבער געגוג פאָרזיכטיק! איך האָב געוואוסט אַז: ערשטנס, היט מען מיך אינדרויסן און עס וואונדערט זיי וואָס ביי מיר איז די גאַנצע נאַכט געווען ליכטיק! עס וועט זיי אויך וואונדערן וואָס דער כאַרדינערע — וועלכער ליגט איצט פאַרשפּאַרט ביי מיר אין צימער — איז נאָך נישטאַ אין גאָרטן! און צווייטנס — בין איך געווען איבערצייגט אַז מיין טעלעפאָן איז אינטער־ווענירט און איך טאָר נישט רעדן וואָס מען דאַרף נישט!...

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן איז, צוגיין צום צימער וואו מיינע אַרעסטאַנטן זיינען געווען, זיי אויסרופן יעדערן ביים נאָמען, און ווען יעדערער האָט זיך אָפּגערופן האָב איך זיי געזאָגט אַז...אויב זיי

ווילן שאַנעווען זייער לעבן — דאַרפן זיי זיין שטיל און רואיק און מען זאָל ניט הערן אַז עמעצער געפינט זיך אין צימער! וועלן זיי זיין רואיק — וועט גאָר נישט שאַטן קיינעם!...

צווייטנס: — בין איך צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, אָפּגערופן אַ וואוילן געטרייען חבר וואָס איך האָב געהאַט — אַ דאָקטאָר אין מילי־טערישן שפּיטאָל — (ער איז שוין אויפן עולם האמת) און אים געזאָגט פאָלגנדעס:

„אַזוי ווי נעכטן האָט די דינערשאַפט געמאַכט „העלאַדאָס", און עס האָט זיי אָלעמען פאַרשאַדט — אַריינגערעכנט מיין פרוי — האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט זיי געראַטעוועט מיט היימישע רפואות. איצט בעט איך אים אַז ער זאָל קומען צו מיר, אָבער איידער ער קומט אַהער, זאָל ער דורכפאָרן דורכן פענסיאָנאַט און אָפּנעמען מיין טעכטערל אַהיים ווייל זי וואַרט אויפן שאָפער און דער שאָפער האַלט זיך גאָר ביים בויך...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די געסטאַפּאָ־מענטשן הערן זיך אונטער דעם טעלעפאָנישן געשפּרעך און איך בין געווען זיכער אַז דער טריק געלינגט מיר!...

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָב איך אַרויסגענומען אויפן טיש טינט און פעדער, פּאַפּיר און קאָנווערטן און אָנגעוואָרפן דעם גאַנצן שרייב־טיש! דאָס האָט געהייסן אַז איך האָב געשריבן בריוו! אַגב, האָב איך שוין געזען צו מאַכן אַזוי, אַז די הענט האָבן זיך מיר איינגעשמירט אין טינט!

אין וויניקער ווי צוואַנציק מינוט איז מיין חבר — דער מיליטערי־שער דאָקטאָר געקומען צו פאָרן מיט מיין טעכטערל, וועלכע איך האָב אַרומגעכאַפּט קושן און זי נישט אָפּגעלאָזט פון זיך! איך האָב דעם דאָק־טאָר דערציילט, אַז די פרוי האָט געליטן פון שטאַרקע בויך־ווייען — האָב איך איר געגעבן אַביסל כלאָראָפאָרם צו שלאָפן! דער גוטער חבר מיינער האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַט, און עס איז געבליבן אַז ער וועט שפּעטער אַריינגיין געוואוירע ווערן וואָס די קראַנקע טוען! ביים אַרויסגיין, האָב איך אים געגעבן אַ טובה!

טאָמער מאַכט זיך אַז מע פרעגט אים, זאָל ער וויסן אַז ער דאַרף ענטפערן, דאָס איך האָב מיט אים געשיקט עטלעכע בריוו צו מיניסטאָרן, ריכטער און אַדוואָקאַטן, און ער האָט געמוזט די בריוו אַליין צופירן ווייל איך האָב — צוליב מיין פרוים קראַנקייט נישט געקאָנט אַוועק־גיין פון שטוב!...

ווער קאָן אים פרעגן? — טאַקע מיין פרוי אַליין...

מיין חבר, דער דאָקטאָר, איז אַוועקגעפאָרן, און איך האָב אַרויס־

גערופן צו זיך עטלעכע באַמטע פון מיינע אָפּיסינעס און מיט זיי באַהאַנדלט אַ ר ב ע ט ס - ע נ י נ י ם. אָבער איך האָב שוין געמאַכט אַזוי, אַז זיי, דאַרט אין צימער, זאָלן הערן אַז עס זיינען געקומען מענטשן, אָבער, זיי זאָלן נישט הערן וועגן וואָס מיר רעדן!...

10 אַזייגער אָן פינף מינוט האָב איך אויפגעוועקט מיין פרוי! איך האָב איר דערציילט אַז דאָס קינד איז שוין דאָ און אַז דאָ איז געווען דער דאָקטאָר ס—ני און נאָך עטלעכע מענטשן!

אין דערזועלבער צייט, האָב איך אויפגעשלאָסן די טיר, אַריינגערופן די אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען געווען בלייך און בלאַס און איבערגעשראָקן אויף טויט — און נישט אַזוי די מורא פאַר מיר און מיין רעוואָלווער, ווי די מורא פאַר... דער געסטאַפּאָ, ווען זיי האָבן היינטיקע נאַכט אַזוי שלעכט געדינט. און אין דער אָנוועזנהייט פון מיין פרוי האָב איך זיי אַזוי געזאָגט:

— גייט און זאָגט אייער געסטאַפּאָ אַז איך וויל מיט זיי נישט קיין מלחמה! זאָלן זיי לאָזן מ י ך צורו — וועל איך ז יי לאָזן צורו! גייט און דערציילט זיי וואָס היינטיקע נאַכט האָט מיט אייך פּאַסירט, זאָגט זיי , אַז היינט אינדערפרי האָב איך אַרויסגעשיקט 5 פאַרמאַכטע קאָנווערטן צו קאָלעגן מיניסטאָרן, ריכטער און דעפּוטאַטן! אין די בריוו האָב איך זיי געמעלדעט, אַז אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן מיט מיר, מיט מיין פרוי אָדער מיט מיינע קינדער, זאָלן זיי אויפרייסן דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט, אינעווייניק וועלן זיי געוואוירע ווערן דעם אמת פון אייער טעטיקייט! איך האָב אַלץ אַרויסגעשריבן!...

אַלזאָ! אין אייערע הענט ליגט א יי ע ר רואיקייט! איר דאַרפט טאָן איין זאַך — לאָזן צורו מיין הויז! און אַלס דזשענטעלמאַן, גיב איך אייך דאָס וואָרט צו שווייגן!...

די דינער האָבן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיינען שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען פון מיין צימער. יעדער איינער איז געגאַנגען אַ באַטריפּטער צו זיין אַרבעט! א י צ ט האָב איך ז יי געהאַט אין די הענט!...

מיין פרוי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אַוועק! אין אַ שעה אַרום איז זי געקומען מיט אַ בשורה.

די „הויפּט-קוואַרטיר" (פון דער געסטאַפּאָ) האָט אָנגענומען מיין אָנבאָט! עס וועט קיינעם פון אונז גאָרנישט געשען! זיי גאַראַנטירן מיין זיכערקייט!...

איך דאַרף אויך מודה זיין! פון דעמאָלסט אָן האָב איך אָנגעהויבן לעבן רואיקער! ווייזט אויס, אַז די נאַרישע יעקעס „די הויפּט-קאָמאַנדע" און די קלענערע פיש, האָבן זיך אַרומגעקוקט אַז, מ י ט מ י ר, האָבן

זיי איבערגעצויגן דאָס שטריקל און זיי האָבן זיך דערשראָקן!

מיט דער צייט, האָט זיך בכלל אָנגעהויבן אַ שווער לעבן פאַר זיי! די דעפּוטאַטן זיינען זיי דערגאַנגען די יאָרן, מען האָט אָנגעהויבן אַנט־דעקן זייער שפּיאָנאַזש־אַרבעט און אַ סך „הויפּטלינגען" זייערע, זיינען געפאָדערט געוואָרן קיין בערלין און דאָרט האָט מען זיי... דערשאָסן! האָבן זיי איצט געזוכט ניט צו שאַפן זיך נאָך מערער שונאים, ספּעציעל צווישן איינפלוסרייכע רעגירונגס־מענטשן...

האָב איך טאַקע אויסגענוצט אָט־די סיטואַציע, און דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן — איך האָב פאַרבאָטן פאַרזאַמלונגען און זיצונגען ביי מיר אין הויז! בכלל האָב איך געביטן דעם טאָן און שטייפער געוואָרן מיט מיין פרוי און מיט אירע מענטשן — די דינער. איך האָב אויך אַוועקגעשיקט מיין טאָכטער אין אַ פּענסיאָנאַט — גראָדע אַן ענגלישן וואו איך בין געווען זיכער אַז זי וועט נישט זיין אונטער דעם נאַצי־איינ־פלוס! צום באַדויערן, אָבער, איז דאָס שוין געווען צו שפּעט! מען האָט מיך עטלעכע מאָל גערופן אין דער דירעקציע פון פּענסיאָנאַט און מיר אָנגעוויזן אַז מיין טאָכטער איז אָנגעשטעקט מיט... נאַציזם! מען האָט זי שוין אַפילו עטלעכע מאָל געטראָפן אויסמאָלן דעם האַקנקרייץ אויפן טאָוול, אָדער אָנשרייבן די ווערטער הייל היטלער — קאַפּוט ענגלאַנד".

איך האָב די טאָכטער געמוזט צוריק אָפּנעמען — בעסער געזאָגט — אין אַ שיינעם טאָג האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן פון שולע־פּענסיאָ־נאַט!...

— — — — — — — — — — — — — —

די יאָרן זיינען געגאַנגען! היטלער האָט אָנגעהויבן כאַפּן קלעפּ אויף אַלע פראָנטן! דאָס ערשטע אין אַפריקע, דערנאָך די אינוואַזיע אין נאָרמאַנדיע, און לסוף — מען שלאָגט זיך שוין אויף דייטשער ערד! מיין פרוי איז פאַרצווייפלט, און פאַר פאַרצווייפלונג — איז זי אַריין אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז און איז געוואָרן אַזוי פרום — ביז משוגעת! זי לויפט אַלע טאָג אין קלויסטער! זי האָט איינגעשטעלט אין איר שלאָף־צימער, ביים בעט, ממש, אַ איקאָנע מיט אַ ליכטל און זי שטייט שעהן• וויז אָפּ אויף די קניעס און טוט תפילה, בעט אַלע הייליקע אַז זיי זאָלן היטן און באַשיצן דעם „פירער" וועלכער איז שוין געלעגן באַהאַלטן אין קעלער פון דעם דייטשן אויסערן־מיניסטעריום!...

וואָס ערגערע ידיעות עס קומען אָן — אַלץ פרומער איז זי געוואָרן, אַלץ מער תפילה טוט זי! אויף דער שטוב האָט זי זיך אויפגעהערט

אומקוקן! עס ארט זי גארנישט: עס האט זי אפילו קיין ריר נישט געטאָן ווען עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַ ריכטיקע ידיעה, אַז איר פאַטער, דער בראַזיליאַנער עסטאַנסיעראָ — דער פאַרשטעלטער דייטשער פּרוס־יאַק האט זיך גענומען דאָס לעבן, אריינשיסנדיק זיך אַ קויל אין קאָפּ. ער האט איבערגעלאָזט אַ בריוו פון פיר ווערטער:

— מיין מיסיע איז פאַרענדיקט!

און פאַרוואָס זאָל איך לייקענען! אָט רעמאַלט האט זיך אין מיר ד ע ר ו ו ע ק ט דער א י ד ! איך האָב אָנגעהויבן דורשטן נאָך נקמה! איך האָב געוואָלט זעען בלוט, שמערצן, ליידן, טרויעריקע פּנימער, פּונקט ווי א י ך האָב געהאַט אין משך פון יאָרן!

דאָס ערשטע האָב איך זיך גענומען צו מיינע דינער — צו די צוויי עלטסטע דינער, גענומען זיך מיט זיי רייצן און זיי אַלע טאָג פרעגן, וואָס פאַר אַ באַפעלן זיי האָבן, היינט, פון דער ג ע ס ט א פּ אָ ?

און דאָ איז געקומען מיין גרעסטע אַנטוישונג! איך ווער געוואוירע אַז ביידע דינער זיינען קיין אידעאַליסטישע נאַצים קיינמאָל נישט געווען! אַז די געסטאַפּאָ האט זיי געצוואונגען זיי צו דינען! ווי אַזוי? גאָר פּשוט: מען האט אין דייטשלאַנד אַרעסטירט זייערע אַלע פריינט און זיי געהאַלטן פאַר משכנות! דער אַלטער דינער האט געהאַט צוויי קינדער אַלס משכנות און דער צווייטער — זיינע טאַטע־מאַמע!

איצט, אָבער, האָבן זיי שוין ידיעות אַז די פריינט געפינען זיך שוין אויף... יענער וועלט געהרגעט געוואָרן פון די באָמבאַרדירונגען — און זיי זיינען שוין לאַנג אַרויס פון דעם איינפלוס פון דער געסטאַפּאָ!

אינטערעסאַנט איז, אַז צוויי יאָר צייט זיינען שוין זיינע עלטערן געווען טויט און ער האט נישט געוואוסט און מען האט אים אַלץ גע־סטראַשעט מיט רעפּרעסאַליעס קעגן זיי!...

מיר רייסן איבער אונזער געשפּרעך! מיר רעדן אָפּ צו טרעפן זיך ווידער דעם קומענדיקן זונטיק! איך זאָג אים פאַראויס, אַז ביי אונזער נעקסטן געשפּרעך, וויל איך קלאָר מאַכן פאַלגענדעס:

ערשטנס: — וואו איז איצט זיין פרוי און וואו זיינען זיינע קינדער? צווייטנס: פון ווען אָן און ווי אַזוי איז ער פאַרלאָזט געוואָרן? דריטנס: פאַרוואָס היט ער זיך אַזוי פאַר זיינע דינער? פאַרוואָס האט ער מורא אַז זיי זאָלן אים נישט אָפּסמען? פערטנס: ווי קומט ער צו רופן מ י ך ? ווער האט אים געגעבן מ יי ן נ אָ מ ע ן, טעלעפאָן און אַדרעס? און

פינפטנס: — און טאַקע דער עיקר: — וואָס איז ער אויסן מיט אָט-דעם געשפּרעך, וועלכן ער דערלויבט מיר צו פאַרעפנטלעכן, אָבער בתנאי נישט אָנגעבן קיין נאָמען!...

ער זאָגט מיר צו צו ענטפערן אויף אַלעם על ראשון ראשון ועל אחרון, אחרון און

אַ קלונג אין טיר. עס קומט אַריין דער דינער און ברענגט מיר זייער העפלעך מיין שליאַפּע און באַגלייט מיך צו דער טיר.

עס זיינען אַוועק 12 טעג — מיר זיינען נאָך אַמאָל ביי אונזער „נייעם אידן".

איך רעד נישט — איך פרעג! איך האָב טענות! טענות — פאַר אַלעם! פאַר זיין גלייכגילטיקע באַציאונג צום אידנטום אין י ע נ ע יאָרן ווען מען האָט זיי געברענט אין די קאַלך-אויוונס, און גאַז-קאַמערן!

אָבער, די הויפּט-טענה מיינע איז:

צי גלויבט ער אַז עס איז נישט אָביסעלע צו שפּעט צו זוכן אויסקויפן די זינד פון פאַרלאָזן זיין פאָלק און — העלפן די נאַצים.

מיין מיטשמועסער הערט מיך אויס רואיק! ער פילט זיך היינט בעסער! ער הויבט זיך אויף אָפּט פון זיין שטול און גייט איבערן זאַל — אָבער מוז זיך צוריק זעצן! ער ווישט זיך אָפּ מיטן טיכעלע דעם שוויים פון שטערן — ער טוט עס מיט דער לינקער האַנט ווייל די רעכטע דינט אים נאָך נישט געהעריק — און ער הויבט אָן רעדן:

איך פיל זיך אַ זינדיקער און שולדיקער! דאָס ע ר ש ט ע האָב איך געזינדיקט קעגן... גאָט, און ערשט ד ע ר נ אָ ך קעגן מיינע ברי־דער — צו אידן!

און אויב מיין זכרון פאַראַט מיך ניט, איז ערגעץ פאַראַן אָנגעשריבן, אַז אַלעס וואָס דער מענטש זינדיקט קעגן גאָט — ווערט אים פאַרגעבן אויב ער בעט מחילה (ער האָט געמיינט דעם פּסוק „כל מה שבין אדם למקום — יום הכיפורים מכפר"). און דאָך, ווייזט זיך מיר אויס אַז גאָט וויל מ י ר נ י ש ט מוחל זיין און האַלט מיך אין איין שטראָפן! אויב עס איז אמת די אידישע געשיכטע וועגן איובן וואָס ער האָט געליטן — לייד איך אַ סך מער פון אים!

אָט, למשל, איר שטעלט זיך פאָר, אַז איך וואָלט געוואוירע אַז מיינע דריי קינדער אין וועמען עס טריפט מיין בלוט, וועמען איך האָב אוועק־

געגעבן א טייל פון מיין לעבן — אז אט די קינדער זיינען פארביסענע...
— אנטיסעמיטן!

איר שטעלט זיך פאר א סצענע: איך זיץ ביים טיש, און עס אנבייסן מיט דער פאמיליע, און נישט ווילנדיק בארירט מען די אידן-פראגע, רופט זיך אפ איין קינד אז:

„ווען איך ווייס אז אין איין האנט האב איך אידיש בלוט — לאז איך זיך אפשניידן די האנט, ווען איך ווייס אז אין ביידע הענט האב איך אידיש בלוט — לאז איך זיך אפשניידן ב יי ד ע הענט!... אבער — איך וויל נישט כאפן אין פאראוים מיין דערציילונג! אז אזוי ווי איר האט מיר דאס לעצטע מאל געשטעלט עטלעכע פראגן — וויל איך אייך ענטפערן! איך וועל אייך אויך ענטפערן דעם מאטיוו פון מיין אומצוטרוי צו מיינע דינער!

איך וועל אנהויבן מיט אייער פראגע:

— ווי קום איך צו אייך, צו אייער טעלעפאן-נומער און צו קאנען אייך און הערן וועגן אייך פערזענלעך?

עס האט מיך רעקאמענדירט צו אייך א פרוי — איך וועל אייך אנרופן איר נאמען... ר ע ב ע ק א ! א דאנק אירם א בריוועלע האט איר צוריק מיט עטלעכע יאר ארויסגענומען א פרוי פון משוגעים-הויז!

רעוועקאס מאן איז געווען מיינער אן אנגעשטעלטער ווען איך בין געווען איינער פון די הויפט בעלעבאטים פון א היגער גרויסער עלעקטריציטעט פירמע! ער און זי, האבן מיר דעמאלט א סך גערעדט וועגן אייך. איך האב דעמאלט פארצייכנט אייער נאמען און טעלעפאן! דאס הארץ האט מיר שטענדיק געזאגט אז איך וועל זיך אמאל דארפן ווענדן צו אייך!...

און איצט וועל איך אייך פארענטפערן אלע אייערע פראגעס.

די ערשטע פראגע אייערע: וואס בין איך אויסן געווען דערמיט, וואס איך האב אייך איינגעלאדן צו זיך, אייך דערציילט מיין לעבנס-געשיכטע און אייך אויטאריזירט צו שרייבן וועגן דעם?

דער וויכטיקסטער מאטיוו איז:

איך גלויב, אז דערמיט וועל איך פארהיטן, אז א סך אידישע יונגע-לייט ווי איך, זאלן ניט האבן מיין סוף!

— —

וואו איז מיין פרוי און קינדער?

אט אין דעם ליגט טאקע די הויפט-טראגעדיע! מיך ארט ניט און מיר טוט ניט וויי וואס זיי האבן מיך פארלאזט! מיר טוט וויי, די אומשטענדן, דעם אופן ווי א ז ו י זיי האבן מיך פארלאזט!

מיר זיינען געזעסן ביים טיש און געגעסן! מיר האָבן געהאַט צו גאַסט די קינדער, וועלכע מיר פלעגן זען לעצטנס אַזוי זעלטן! איך ווייס ניט ווי אַזוי, — דער שמועס איז אַרויף אויף אידן! מען האָט גערעדט וועגן „ישראל” וועגן דער נייער מלוכה וואָס איז אויפגעשטאַנען נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות!

די פרוי מיינע, וועלכע האָט אַלע יאָרן מורא געהאַט אָנצורירן אידישע פראַגן און ספּעציעל ביים טיש מיט די קינדער, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט פאָלגנדער פראַזע:

„די אידן האָבן אויפגעבויט זייער היים, זייער מלוכה, אויף... היטלערס קבר, אויפן דייטשן בראָך! פונקט ווי אַמאָל איז געווען אַ קאַמף צווישן רוים און ירושלים, און איינע פון דיביידע האָט גע־מוזט פאַרשווינדן — און געזיגט האָט רוים — אַזוי איז איצט געווען אַ קאַמף צווישן תל־אביב און בערלין! ד ע ר ו י י ל האָט געזיגט תל־אביב! אָבער נישט אויף לאַנג”...

איך בין געבליבן זיצן דערציטערט! איך האָב געוואָלט רעאַגירן שטורמיש, אָבער — איך בין זיך פאַר אייך מודה! עפּעס אַ פחד, אַן אי־נערלעכער פחד — די היזיקע וואָלטן עס אָנגערופן „קאַבאַרדיאַ” — האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב ניט געוואָלט רעדן וועגן אידן אין דער אָנ־וועזנהייט פון מיינע קינדער! איך בין געווען זיכער אַז זיי ווייסן ניט און האָבן ניט קיין אָנונג אַז איך בין אַ איד און אַז זיי זיינען האַלבע אידן!...

נאָר, אָט רופט זיך אָן מיין קלענערער זון:

ווען עס ווערט נאָך אַמאָל אַ מלחמה, וואָלט איך זיך רעגיסטרירט אַלס וואָלונטיר אין יענער אַרמיי וואָס וואָלט געגאַנגען חרוב מאַכן דאָס אידישע לאַנד!... און מיין בעסטער פאַרגעניגן וואָלט געווען, ווערן אָקו־פּאַציע - ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט אין אַ אידיש שטעטל אין „ישראל”...

דאָס בלוט איז מיר אַריין אין פּנים!

איך פיל אַז אָט־אָט־אָ און עס פּלאַצט מיר מיין געדולד און אפשר דאָס האַרץ! מיין פרוי, וועלכע האָט דאָך יאָ געוואוסט, אַז אָט דער שמועס קרענקט מיך, האָט, אָנשטאָט אַוועקצופירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע — גאָר אָנגעהויבן צוגעבן רעכט די שונאי ישראל, און פון איר זייט גיט זי זיך אַ זאָג:

הימלער, גערינג און געבעלס, זיינען געווען... פאַררעטער! ווייל היט־לער האָט אין יאָר 1942 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אין משך פון 10 טעג פאַרניכטן אַלע אידן אין איירָאָפּע! הימלער אָבער, און מיט

אים די איבעריקע נאַצי־הערשער זיינען געווען גרויסע כאַבאַרניקעס און האָבן פּ אַ ר ג ע ל ט געלאָזט לעבן אַ סך אידן אין די לאַגערן! ווען ניט זיי — וואָלט אין גאַנץ אייראָפּע וואָס איז געווען אָקופּירט פון די נאַציס, ניט געבליבן קיין איין לעבעדיקער איד, און פאָלגלעך, וואָלט ניט געקאָנט אויפשטיין קיין אידישע מלוכה!...

און נאָך איידער איך האָב געהאַט צייט צו רעאַגירן, הער איך ווי מיין עלטסטער זון זאָגט:

מיין שנאה צו אידן איז אַזוי גרויס, אַז ווען איך וויים אַז אין איין האַנט ביי מיר אָדער אין איין פוס מיינעם, טריפט אידיש בלוט, וואָלט איך די האַנט אָדער דעם פוס מיט פאַרגעניגן אָפּגעשניטן!...

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס אייגנטלעך, דעמאָלט איז געשען אַרום מיר — געדענק איך ניט גענוי! איך וויים נאָר, אַז איך האָב זיך האַסטיק אויפגעהויבן און דערלאַנגט מיין זון אַ פלאַמענדיקן פּאַטש אין פּנים אַז עס האָט אָפּגע־קלונגען איבערן גאַנצן עס־צימער! און איך בין געבליבן אָן כוחות און... אומגעפאַלן אויף דער ערד!

ווען איך בין געקומען צו זיך, איז דאָס געווען אויפן אַכטן טאָג נאָך יענער געשעעניש! איך בין געלעגן אין מיין שלאָף־צימער, אַ... פּ אַ ר אַ־ל י ז י ר ט ע ר! נעבן מיין בעט איז געשטאַנען מיין אַלטער פריינט — דאָקטאָר ס—טי און מיין אַלטער דינער!

אויפן צוויטן טאָג בין איך געוואויר געוואָרן אַז איך בין אַ ל יי ן אין שטוב, אַז מיין פרוי מיט די קינדער האָבן מיך ג ע ל אָ ז ט ל י ג ן אויף דער ערד אַ פאַרחלשטן און זיינען אַוועק פון שטוב! זי האָט שוין דערציילט די קינדער אַז איך... בין אַ איד! אָבער, כדי די קינדער זאָלן זיין ריין מיט זייער געוויסן אַז זיי האָבן ניט אין זיך קיין אידיש בלוט — האָט זי זיי דערציילט אַז... איך בין ניט זייער פאָטער! אַז זייער פאָטער איז גאָר מיינער אַ געוועזענער פריינט וואָס... איז שוין טויט עטלעכע יאָר!...

איך האָב ידיעות אַז... די קינדער גלויבן איר ניט, און זיינען גרייט מיר מוחל זיין מיין... אידישקייט! אַפילו דעם פּאַטש אין פּנים מיין זון, אַבי איך זאָל צוריק אויפנעמען זיי און צוריק איינשטעלן די שטוב ווי געווען!

איך האָב באַשלאָסן אויסצושניידן די וואונד מיטן פליש צוזאַמען! איך וויל פון מיינע קינדער ניט וויסן, און אַזוי ווי מיינע דינער — אויף

וועמענס הענט די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן געוואָרן — האָבן זיי שטאַרק ליב געהאַט, האָב איך איבערגעטראַכט. אפשר וועט די ליבע צו זיי איבערוועגן און זיי וועלן מיך אָפּראַמען פון וועג! אָבער, דוכט מיר אַז איך האָב אַ טעות! די דינער זיינען מיר געטריי אומקאָנדיציאָנעל!...

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס דענק איך איצט צו טאָן?

איך וויל זיך אומקערן צום אידישן פאָלק, צום פאָלק פון מיינע על-טערן! מיך אינטערעסירט נים דער טויט, דאָס הייסט דאָס ליגן אויפן אידישן בית-עולם! וואָס מיך אינטערעסירט איז דאָס לעבן צווישן אידן!

אַט דערויף רוף איך די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן אידן, און אַט דאָס וועט זיין דער ציל פון מיין לעבן — וויפל עס איז מיר נאָך באַשערט צו לעבן!...

Este libro ha sido terminado
el 10 de agosto de 1951, en
los Tall. Gráf. ''Cultura'',
Sarmiento 2157 - Bs. Aires.

דער דאָזיקער בוך האָט זיך
געענדיקט דרוקן דעם 10-טן
אויגוסט פון 1951 אין דער
דרוקעריי „קולטור“,
סאַרמיענטאָ 2157, ב. איירעס.